STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07620

DI SEDRE UN HAFTOYRE

Harris L. Selig

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די סדרה און הפטרה

The Sidrah and Haftorah

Reflections and views of the Aggadah

Culled and expounded

by

HARRIS L. SELIG

(*author of The Eternal Fount*)

Volume II

Exodus and Purim

New York — 1948

די סדרה און הפטרה

געדאַנקען און מיינונגען פון דער אגדה

געזאַמעלט און דערקלערט

פון

ה. ל. זעליג

(פּראָפעסאָר פון „איביגען קוואַל")

צווייטער באַנד

ספר שמות ופורים

ניו-יאָרק — תש"ה

Copyright by
Harris L. Selig
1948
New York, N. Y.

Printed in the U. S. A. by
THE SHOULSON PRESS
227 West 17th Street
New York, N. Y.
255

To my dear son

MISHAEL W. SELIG

of

Leominster, Mass.

A

Token of love

אינהאַלט

◆

שמות

א. — דאָס פאָלק וועט זיין, וואָס אידען וועלען פון אים מאַכען 1
ב. — משה לויפט צום אייביגען אידישען קוואַל 8
ג. — אַ פאָלק מוז האָבען אמונה אין זיין גאולה 14
ד. — דער מיסטעריעזער כוח, וואָס רעגירט די וועלט 20
ה. — אַ נייער פרעה מיט נייע אָרדנונגען אין מצרים 27

וארא

א. — די באַדייטונג פון דעם אויבערשטען׳ס נאָמען 32
ב. — דער גיפטיגער שלאַנג פון אידענהאַס 37
ג. — צו פרעה׳ן מוז מען רעדען מיט שטאָלץ 44
ד. — צוויי אמת׳ע אידען קאָנען ברענגען די גאולה 51
ה. — אַ אידישער פירער טאָר דעם מוט ניט פאַרלירען 56

בא

א. — פון וואַנען האָט זיך גענומען דער חושך מצרים ? 62
ב. — פאַר דער גאולה מוז מען ווערען גייסטיג פריי 68
ג. — די זיילען אויף וועלכע די אידישע וועלט האַלט זיך 75
ד. — אַ פרעמדער טאָר ניט עסען פון קרבן פסח 81
ה. — גלייכע רעכט פאַר דעם גר 87

בשלח

א. — פאַר ארץ ישראל מוז מען אויך זיין גייסטיג צוגעגרייט 94
ב. — אידישע פאַרטייען אין דער גאולה־באַוועגונג 101

ג. — דאָס אידישע פאָלק רעכענט זיך ניט מיט'ן היינט 107
ד. — רעכטע און לינקע אין אידישער כלל אַרבייט 112
ה. — אידען וואַנדערען אין אַ מדבר פון אומצוטרוי 118

יתרו

א. — די ראָל פון יתרו אין דער אידישער באַפרייאונג 126
ב. — מקבל צו זיין אַ תורה מוז מען זיין גוט צוגעגרייט 132
ג. — וואָס די אידען האָבען געזען ביים באַרג סיני 138
ד. — מיט דעם כוח פון אנכי 143
ה. — די עברה פון „לא תחמוד" ברעכט אַלע צען געבאָט 149

משפטים

א. — אַלע דינים זיינען אונז געגעבען געוואָרען פון באַרג סיני 156
ב. — דער קוואַל פון אידישער אייביגקייט 161
ג. — די גרונט־אידייען פון דער תורה 168
ד. — פערזענליכע פרייהייט 175
ה. — דער מלאך וואָס וואַכט איבער דער אידישער יוגענט 180

תרומה

א. — צו פאַרפעסטיגען די גייסטיגע יסודות פון פאָלק 188
ב. — ווער עס פאַסט זיך אויסטיילען תרומה 194
ג. — אַ צענטראַלע פאַראייניגונג פון דער שכינה מיט די אידען .. 200
ד. — בנין העם" קומט פאַר „בנין הארץ" 205
ה. — דער צענטראַלער פונקט פון אידישקייט 212

תצוה

א. — וואָרום אַלץ אַנזאָגן אידען? 220
ב. — דאָס ליכט פון דער מנורה מוז אימער ברענען 226
ג. — דאָס ליכט פון דער אידישער מנורה 233
ד. — אורים ותומים — ליכט און גאַנצקייט 238

ה. — דער רויך פון קטרת האָט געציינט ווי עס האַלט מיט
די אידען 245

כי תשא

א. — יעדער שבט האָט געוואָלט זיין אייגענעם עגל 254
ב. — וואָרום זיינען די עשרת הדברות איינגעטיילט אין צוויי
לוחות ? 260
ג. — אידען טאַנצען אַרום דעם עגל הזהב 267
ד. — דער כוח פון זכות אבות 273
ה. — די פאַרבאָרגענע וועגען פון דער השגחה 280

ויקהל־פקודי

א. — שבת זיכערט די אידישע עקזיסטענץ 287
ב. — אידישע עולם הבא 293
ג. — יעדער מענש האָט דריי בעמען 301
ד. — די קרוין פון תורה איז פריי פאַר יעדען 308
ה. — דער משכן קאָן זיך האַלטען נאָר אויף תורת משה 313
ו. — דער וואָלקען וואָס האָט געשטערט משה׳ן אַריינצוקומען
אין משכן 319

פורים

און דער טרויעריגער פורים־שפּיל האַלט נאָך אָן 327

שמות

א.

דאָס פאָלק וועט זיין, וואָס אידען וועלען פון אים מאַכען

ואלה שמות בני ישראל.

„שלשה שמות יש באדם: אחד שקרא לו הקב"ה — אדם; אחד שקראו לו אביו ואמו, ואחד שקורא הוא לעצמו" — דריי נעמען האָט אַ מענש: איינעם, וואָס גאָט האָט אים גערופען; אַ צווייטען, וואָס זיין פאָטער און מוטער האָבען אים גערופען, און אַ דריטען — וואָס ער רופט זיך אַליין (תנחומא ישן).

מיט דעם ספר שמות הויבט זיך אָן, אייגענטליך, די געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק. דער ספר בראשית, וועלכער פאַנגט זיך אָן מיט בריאת העולם און דער אַנטוויקלונג פון דעם מענשען, און אין וועלכען עס ווערט איבערגעגעבען אויך דאָס געבורט פון אונזערע אבות און די פאַרשיידענע פאַסירונגען, וואָס האָבען זיך מיט זיי געטראָפען, איז בלויז אַ הקדמה צום ספר שמות און די איבעריגע ספרים פון דער תורה. דער חומש שמות ווערט פון אונזערע חכמים באַטראַכט פאַר דעם מיטעלפונקט פון אונזער תורה, פאַר דעם שליסעל צו דער גרינדונג פון אונזער פאָלק און זיין אמונה. זיי זאָגען: „כל העוסק בספר ואלה שמות כאילו עמד על הר סיני" — דער וואָס שטודירט דעם ספר שמות, איז ווי ער וואָלט אַליין געשטאַנען ביי דעם באַרג סיני און מקבל געווען די תורה (ספר ארקים בכבוד חופה), ווייל אין דעם ספר פאַנגט זיך אָן פאַנאַנדערצעוויקלען דאָס מיסטעריעזע בילד, ווי אַ פאָלק פון „עבדים היינו" — פון געוועזענע שקלאַפען, איז צוליב זיין תורה פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פאָלק פון „בני חורין" — פון גייסטיג פרייע מענשען, וועלכע זיינען געבענשט געוואָרען מיט אומשטערבליכקייט.

צוויי הונדערט מיט צען יאָר זיינען פאַריבער זינט יעקב מיט זיינע קינדער האָבען אויף יוסף'ס איינלאַדונג אַרונטערגענידערט קיין מצרים. פון אַ קליינער

פאמיליע, בלויז זיבעציג נפשות, זיינען זיי פאר דער צייט אויסגעוואקסן אין א פאלק פון „ששים רבוא" — א באפעלקערונג פון זעקס הונדערט טויזענט. די פארשיידענע פרעה־דינאסטיעס, וואס האבן נאך געדענקט די גרויסע לייסטונגען פון יוסף׳ן, וועלכער האט דאס לאנד געראטעוועט פון אונטערגאנג און מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטן רייך און שטארק געמאכט, האבן זיך באצויגען העכסט פריינטליך צו זיינע ברידער און זייערע קינדער. „וישבו ויאחזו בה" — זיי האבן זיך באזעצט און זיך איינגעבירגערט אין דעם לאנד. „וירבו ויעצמו במאד מאד" — זיי זיינען זעהר גרויס און רייך געווארען. זיי האבן שוין אינגאנצען פארגעסען זייער פאטערלאנד און האבן זיך באטראכט פאר אמת׳ע עגיפטער. זייער גרויסקייט און רייכטום האט זיך אבער גענומען ווארפען אין די אויגען פון די מצריים, „ויקוצו מפני בני ישראל" — זיי איז ענג געווארען פון די אידען. „היו בעיניהם כקוצים" — זיי זיינען געווארען ווי דערנער אין זייערע אויגען (סוטה י״א).

און עס פאנגט זיך אן א לאנגע קייט פון רדיפות און פארפאלגונגען, וועלכע האבן געפירט צו ענדליכער פארשקלאפונג. העכסט אינטערעסאנט איז צו באמערקען ווי דער פסוק הויבט אן צו שילדערן די טרויעריגע לאגע פון די אידען אין מצרים: „ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה" — דאס זיינען די נעמען פון ישראל׳ס קינדער, וואס זיינען אנגעקומען נאך מצרים. עס ווערט ניט געזאגט: „אשר באו", וועלכע זיינען שוין לאנג געקומען, נאר „הבאים", וואס מיינט, נאר וואס אנגעקומענע, ווייל וויפיל א איד זאל ניט וואוינען אין א לאנד, ווערט ער אלץ פארעכענט ווי אן אימיגראנט, א פריש־אנגעקומענער. די מענשען פון לאנד באטראכטען אים קיינמאל ניט פאר א תושב, פאר א בירגער גלייך מיט זיי. אט אזוי ווערט מקוים די שרעקליכע נבואה, וואס אונזער פאטער אברהם האט געהערט ביים „ברית בין הבתרים": „גר יהיה זרעך בארץ לא להם" — שטענדיגע גרים וועלען זיין דיינע קינדער אין פרעמדע לענדער...

דער גלות, זאגט הרב יצחק יעקב ריינעס ז״ל, איז איין גרויסע „שלילה" — א נעגאטיווער כוח, וואס דערלאזט ניט א פרעמדען צו שלאגען דארט ווארצלען. און די נעגאטיווקייט באשטייט אין דעם, וואס אין אלץ, וואס דער פרעמדער דערווערבט פאר זיך, פעלט א תכלית. ער איז קיינמאל ניט זיכער מיט דעם, וואס ער האט, און זיין מארגען, זיין צוקונפט איז תמיד א פארנעפעלטער, א פארוואלקענטער". די אידען האבן געפירט געשעפטען אין מצרים, „ויבן ערי מסכנות" — זיי האבן געבויט גרויסע שפייכלער־שטעט פאר אלערליי תבואות און געטריידע,

אָבער דאָס איז אַלץ געווען „לפרעה”, פאַר פרעה׳ן. פאַר זיך איז זיי געבליבען בלויז „פיתום” און „רעמסס”. „כל מה שהם בונים תהום בולעו או היה מתמסמס” — אַלץ וואָס זיי האָבען געבויט, פלעגט דער תהום פאַרשלינגען אָדער עס פלעגט צוזאַמענפאַלען. פון זייער גאַנצער פראַצע איז זיי אַליין גאָרניט געבליבען (סוטה י״א, מדרש הגדול).

„ויקם מלך חדש על מצרים” — און עס שטייט־אויף אַ נייער קעניג אין מצרים, אַ דעספּאָטישער הערשער, וואָס האַלט זיך פאַר אַ גאַנצען ג׳ און זוכט איינצופירען אַ נייע אָרדנונג אין לאַנד. און זיין נייע אָרדנונג פּראָקלאַמירט ער מיט דעם „הבה נתחכמה” — מען דאַרף זוכען עצות ווי פּטור צו ווערען פון די אידען. ער העצט דאָס פאָלק קעגען זיי און זאָגט: „הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו” — זעהט ווי דאָס אידיש פאָלק איז געוואָרען גרויס און רייך, און אַלץ האָבען זיי צוגענומען „ממנו”, פון אונז. זיי פאַרכאַפּען די בעסטע פּאָזיציעס פון לאַנד און די אמת׳ע אַריער, די עגיפּטער, ווערען פון זיי פאַרדרענגט און אַרויס־געשטויסען. מיר מוזען זיי אָפּראַמען פון וועג, ווייל זיי שטעלען אונזער לאַנד אין אַ פּאָליטישער סכנה. „פן ירבה” — אויב מיר וועלען זיי דערלויבען צו וואַקסען, „כי תקראנה מלחמה ונוסף גם הוא על שונאינו ונלחם בנו” — אויב אַ מלחמה זאָל אויסברעכען, וועלען זיי צושטיין צו אונזערע שונאים און אונז באַקעמפען.

אינטערעסאַנט און היסטאָריש אויסגעהאַלטען איז די באַמערקונג פון דעם מדרש: „עד עתה בני ישראל, מכאן ואילך עם בני ישראל” — ביז אַהער זיינען נען זיי געווען די קינדער פון ישראל, פון איצט אָן און ווייטער רופט ער זיי דאָס פאָלק ישראל (מדרש לקח טוב). פאַר הונדערטער יאָרען האָבען זיך די אידען דאָרט באַטראַכט פאַר עגיפּטער פון יעקב׳ס גלויבען; די שונאים באַטראַכטען זיי אָבער פאַר אַ באַזונדער פאָלק און ווילען זיי ניט אָנערקענען פאַר זייער גלייכען. און די גיפטיגע פּראָפּאַגאַנדע פון דעם נייעם פרעה קעגען די אידען מאַכט אַ טיוולעשע ווירקונג אויף די אַנדערע איינוואוינער פון לאַנד, און עס הויבט זיך אָן אַ סדרה פון שווערע רדיפות און פאַרפאָלגונגען. מען לייגט אויף זיי אַרויף ספּעציעלע שטייערן. מען נעמט זיי אויף צוואַנגס־אַרבייט און מען שטעלט נאָך אָן „שרי מסים למען ענותו בסבלותם” — טעקס־קאָלעקטאָרס, כדי זיי צו פּייניגען אין זייער שווערער אַרבייט.

זיין הויפּט־ציל איז געווען צו פאַרמוטשען דאָס פאָלק, אַז עס זאָל מער ניט קענען זיך פאַרמערען און וואַקסען. עס העלפט אָבער ניט. „וכאשר יענו אותו

כן ירבה וכן יפרץ״ — וואָס מער מען האָט זיי געפּייניגט, אַלץ מער זיינען זיי געוואַקסען און זיך געשטאַרקט.

„אַט טאַקע צוליב דעם, וואָס מען האָט זיי געדריקט, האָבען זיי זיך געמערט און געפּרוכפּערט אַלס אידען. וואָלט מען זיי געלאָזען צורו און ניט גע׳רודפ׳ט, וואָלטען זיי זיך אפשר אינגאַנצען אַסימילירט און געוואָרען אויס אידען. אָבער אַ דאַנק דעם „וכאשר יענו אותו״ האָט זיך ביי זיי אַנטוויקלט אַ שטאַרקע עמפּינד־ליכקייט און ווידערשטאַנדסקראַפט״ (רבי שלמה קלוגער).

אויף דעם פּסוק באַמערקט רש״י: „רוח הקודש אומרת: אתם אומרים „פן ירבה״ ואני אומר „כן ירבה״ — דער הייליגער גייסט זאָגט: איר זאָרגט זיך אַלץ „טאָמער״ וועט ער פאַרגרעסערט ווערען, און איך זאָג, אַז „זיכער״ וועט ער וואַקסען. זאָגט אויף דעם רבי מרדכי עלישבערג ז״ל: „דער הייליגער גייסט וואָרענט די אידישע שונאים: איר דענקט דאָך אַוודאי, אַז מיט אייערע שווערע גזירות און אוממענשליכע פאַרפאָלגונגען וועט איר טרייבען די אידען צו „פּן ירבה״, צוליב זייער שווערער לאַגע וועט זיך ביי זיי פאַרמערען דער „פּן״, דער טאָמער, דער צווייפעל, צי עס לוינט אינגאַנצען צו זיין אַ איד, פּיליכט איז גאָר ניט כדאי אַזוי פיל צו ליידען צוליב אידישקייט, פּיליכט איז ווירקליך פאַר אונז קיין האָפנונג ניטאָ; אפשר זיינען אונזערע שונאים גערעכט מיט זייער באַהויפּ־טונג, אַז מיר זיינען פאַרשאָלטען געוואָרען פון ג׳ און ער וויל, חלילה, מער ניט וויסען פון אונז, וכדומה אַזעלכע טרויעריגע פאַרצווייפלונגס געדאַנקען, וועלכע זאָלען, ווי איר האָפט, סוף כל סוף דערפירען צו דעם, אַז די אידען זאָלען זיך מוזען אונטערגעבען, רעזיגנירען און אָפּזאָגען זיך פון צו זיין אידען.

„איר מאַכט אָבער אַ ביטערען טעות! „ואני אומר „כן ירבה״ — איך פאַר־זיכער אייך, אַז מיט אייערע פיינטליכע מעשים דערפירט איר צו פונקט פאַר־קערטע רעזולטאַטען. וואָס מער איר פּייניגט די אידען, וואָס מער איר באַשרענקט זייערע רעכט און צאַפּט זייער בלוט, „כן ירבה״, פאַרמערט זיך און שטאַרקט זיך ביי זיי דער „כן״, די זיכערקייט, דער שטאָלץ און דער גלויבען אין זיך. וואָס מער איר ווילט זיי צווינגען אויפצוגעבען זייער אייגנאַרטיג לעבען, אַלץ שטאַרקער דערוועקט עס אין זיי דאָס געפיל פון טראַציגקייט, פון ווידערשטאַנד, פון ניט נאָכ־געבען און אויסהאַלטען אום יעדען פּרייז, להכעיס אונזערע שונאים. די ווילדע רוצחים טראַכטען „פּן״, טאָמער וועט עס העלפען. מיר, די געשלאָגענע, ענט־פערען דווקא „כן״, זיכער וועט עס אייך ניט העלפען״.

די אידישע עינויים אין מצרים האָבען זיך פאַרגרעסערט פון יאָר צו יאָר, און יעדער נייער פרעה האָט זייער לאַגע פיל פאַרערגערט. זייערע פייניגונגען זיי־נען געווען אַזוי גרויזאַם, אַז „ותעל שועתם אל ה׳" — זייערע געשרייען האָבען געשפּאָלטען די הימלען. „וישמע ה׳ את נאקתם" — ג׳ הערט זייער געשריי און מאַכט הכנות פאַר זייער באַפרייאונג. אַ זון ווערט געבוירען צו יוכבד, די פרוי פון עמרם, און ווי ער איז געבוירען געוואָרען, „נתמלא הבית כולו אור" — איז די גאַנצע הויז פול געוואָרען מיט ליכט (סוטה י״ב). זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז דאָס קינד איז אויסערגעוויינליך און זייער האַרץ האָט זיי געזאָגט, אַז עס איז גע־בוירען געוואָרען דער „מושיען של ישראל" — דער העלפער און דערלייזער פון די אידען. מען האָט אים אויסבאַהאַלטען פון פרעה׳ס באַאַמטע, וועלכע האָבען באַקומען דעם באַפעל אַריינצוואַרפען אין טייך אַלע ניי־געבוירענע אידישע קינדער. אַז ער איז אַלט געוואָרען דריי חדשים, האָט אים די מוטער אַריינגע־לייגט אין אַ קעסטעלע און געלאָזט שווימען איבער׳ן טייך. די טאָכטער פון פרעה איז גראָד דאַן געגאַנגען זיך באָדען, און ווען זי האָט געהערט זיין געוויין, ראַ־טעוועט זי אים און נעמט אים צו זיך אין הויז אַריין.

זיינע יונגע יאָרען פאַרברענגט משה אין קעניגליכען הויף און שטודירט פלייסיג אַלע ענינים פון דער מלוכה. משה ווערט באַרימט, „כל בני פלטין של פרעה היו מגדלין אותו" — אַלע באַאַמטע פון פרעה ליבען אים זעהר שטאַרק (פדר״א מ״ה). צו זיין צוואַנציגסטען געבורטסטאָג רופט אים פרעה צו זיך און זאָגט אים: „כל פרקופי שאתה מבקש אמור ואני נותן לך" — וועלכען אַמט דו ווילסט האָבען, זאָג מיר און איך וועל אים דיר געבען. „אמר לו משה: מבקש אני ממך להעשות על ארגון שלך" — האָט משה געענטפערט: איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט מיך מאַכען פאַר דעם אויפזעהער איבער דער אַרבייטער אָפּטיילונג. „ומשה נתכוון לראות בשעבודן של ישראל" — ווייל משה האָט געהאַט אין דער כוונה זיך צו באַקענען מיט דער שקלאַפען־אַרבייט פון די אידען (תנחומא ישן).

אַז ער באַקומט דעם אַמט, „ויצא אל אחיו וירא בסבלותם" — גייט ער אַרויס צו זיינע ברידער און זעהט זייער שווערע לאַגע. ער זעהט ווי קליינע קינדער ווערען געצוואונגען צו טאָן די אַרבייט פון דערוואַקסענע און אַלטע, שוואַכע לייט מוזען טראָגען דיזעלבע משא, ווי די יונגע, קרעפטיגע מענער (מדרש רבה). ער זעהט אויך ווי „איש מצרי מכה איש עברי", ווי אַן אַנגעשטעלטער פון דער רע־גירונג שלאָגט אַ אידען און קיינער נעמט זיך ניט אָן פאַר אים. אויפ׳ן צווייטען

טאָג גייט ער ווידער אַרויס און זעהט די „שני עברים נצים״, ווי צוויי אידען קריגען און שלאָגען זיך. ער ווערט אַן אויפגערעגטער און שרייט אויס: „אָכן נודע הדבר״ — איצט ווערט מיר קלאָר די זאַך. רבי עזרי׳ פיגו, אין זיין „בינה לעתים״, גיט אַ וואונדערבאַרע דערקלערונג איבער דעם פסוק. ער זאָגט:

„בשעת משה איז צום ערשטען מאָל אַרויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער און האָט געזעהן ווי אַ מצרי שלאָגט אַ אידען, „וירא כי אין איש״ — ער האָט אויך באַמערקט, אַז פון די אַלע אַרומיגע אידען געפינט זיך ניט קיין איינער, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר דעם געשלאָגענעם ברודער, האָט ער לכתחילה געמיינט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל אידען זיינען בטבע ניט קיין שלעגער, זיי קענען ניט אויפ־הויבען קעגען ווען עס איז אַ האַנט, אפילו ווען מען דאַרף זיך פאַרטיידיגען. אָבער ווען ער איז צום צווייטען טאָג ווידעראַמאָל געקומען אין דער אידישער גאַס און האָט דערזעהן ווי אידען שלאָגען זיך איינער מיט׳ן אַנדערען, איז ער דערשטוינט געוואָרען און האָט אויסגערופען: „אָכן נודע הדבר״ — איצט, לײדער, ווייס איך שוין זייער אומגליק.

„אַז מען דאַרף זיך פאַרטיידיגען קעגען אַ גוי, דאַן רוקט מען זיך אָפּ ווי פחדנים״, שרעקענדיגע ברואים, דערקלערענדיג, אַז אַ איד טאָר זיך, חלילה, ניט באַנוצען מיט פיזישער מאַכט. דאַגעגען, אויף אַרומצורייסען זיך און אַרומ־שלאָגען זיך מיט די אייגענע ברידער ווערט מען מיטאַמאָל גרויסע בריות און מוטיגע פויסט־העלדען. אַזאַ אויפפירונג פירט ניט צו באַפרייאונג. אַ פאָלק, וואָס זוכט פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, מוז קעמפען פאַר זיינע רעכט. אינערליכע רייסערייען און מחלוקות׳ן מוזען פאַרשווינדען, די גאַנצע ענערגיע פון פאָלק מוז זיין געריכט קעגען די שונאים, וועלכע שטייען אים אין וועג״.

אָט דער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין דעם אויבען־ציטירטען מדרש, איבער דעם ערשטען פסוק. יעדער מענש האָט דריי נעמען — איינער, וואָס ג׳ האָט אים גערופען; אַ צווייטער, וואָס די עלטערען האָבען אים גערופען, און אַ דריטער, וואָס ער רופט זיך אַליין. דער וויכטיגסטער איז דער דריטער, ווייל ער באַצייכענט זיין כאַראַקטער און זיינע דערגרייכונגען. יעדער מענש ווערט אָפּגע־שאַצט לויט דעם נאָמען, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט. „ואלה שמות בני ישראל״ — די נעמען פון די אידען וועלען פאַרבלייבען די, וואָס זיי וועלען אַליין פאַר זיך מאַכען. נאָך דער באַפרייאונג וועט דאָס פאָלק זיין דאָס, וואָס די בני ישראל וועלען פון אים מאַכען — פחדנים, אָדער שטאָלצע קעמפער.

הפטרה

אידישע צעטיילונג

זעיר שם, זעיר שם.

„עתידה גן עדן להיות צועקת ואומרת: תן לי צדיקים, אין לי עסק ברשעים; ועתידה גיהנום להיות צועקת ואומרת, אין לי עסק בצדיקים" — עס וועט קומען אַ צייט, וואָס דער גן־עדן וועט שרייען: גיט מיר צדיקים, איך האָב ניט קיין געשעפטען מיט רשעים. אויך דער גיהנום וועט שרייען: איך האָב ניט קיין געשעפטען מיט צדיקים (מדרש רבה, וארא).

דער נביא ישעי׳ זעהט פאָראויס שלעכטע צייטען פאַר אידען צוליב זייער צעשפּאָלטענקייט. ביי יעדער וויכטיגער פראַגע טיילען זיי זיך איין אין פאַרשיידענע פאַרטייען, וועלכע קענען זיך בשום אופן ניט צוזאַמענרעדען. קומט פאָר אַ נאַציאָנאַלער פּראָבלעם, וואָס דאַרף אַנטשיידעט ווערען פון דעם גאַנצען פאָלק, נעמען זיי אים ניט אויף מיט פאַראייניגטע כוחות, נאָר „צו לצו, קו לקו, זעיר שב, זעיר שם" — מען שיקט אַרויס פּראָקלאַמאַציעס און אויפרופען פאַר פאַרשיידענע קאָנווענשאָנס און קאָנפערענצען, וואָס קלייבען זיך צוזאַמען אַביסעל דאָ און אַביסעל דאָרט. און דער טרויעריגער רעזולטאַט איז: „למען ילכו וכשלו אחור, ונשברו ונוקשו ונלכדו" — זיי גייען און ווערען געשטויסען אויף ריקווערטס און ווערען צעבראָכען, געשטרויכעלט און באַזיגט.

די פרומע פאַרטייען, וואָס זוכען נאָר דעם גן־עדן, שרייען „תן לי צדיקים" — מיר ווילען בלויז די פרומע, די וואָס האַלטען זיך אָן אונזערע טראַדיציעס, און מיר ווילען ניט האָבען צו טאָן מיט די רשעים, די אומגלויבער. דאַגעגען, די ראַדיקאַלען, די גיהנום פאַרטייען, שרייען: „אין לי עסק בצדיקים" — מיר ווילען ניט פירען קיינע געשעפטען מיט די פינסטערלינגען. אַט אַזוי ווערט געבראָכען די גאַנצקייט פון דעם פאָלק און עס ווערט גאָר ניט אויפגעטאָן צו פאַרבעסערען זיין לאַגע.

רבי זושא האַניפּאָלער ע"ה מאַכט די פאָלגענדע סאַרקאַסטישע באַמערקונג איבער אָט דעם מדרש. ער פרעגט: „נאָכוואָס דאַרפען זיי ביידע שרייען? ווי קען דען זיין אפילו אַ קלער, אַז מען זאָל די צדיקים פירען אין גיהנום און די רשעים אין גן־עדן אַריין? דאָס איז דערפאַר, ווייל אונזערע חכמים האָבען פאַר־

אויסגעזעהן, אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט, ווען עס וועט זיין שווער מבחין צו זיין צווישען אַ צדיק און אַ רשע, און די מלאכים וועלען זיך טועה זיין און פאַר־בייטען די יוצרות, פירענדיג די רשעים אין גן־עדן און די צדיקים אין גיהנום. דאַן וועלען זיי ביידע דאַרפען שרייען און אָנצייגען, אַז מען זאָל, חלילה, קיין טעות ניט מאַכען".

ב.

משה לויפט צום אייביגען אידישען קוואַל

ויברח משה מפני פרעה — וישב על הבאר.

„קב"ה סב למהך להוא בירא כמה דאזל יעקב. בשעתא דאתברי עלמא, אתברי האי בירא, ובערב שבת בין השמשות אתברי פומי דילה" — דער אויבערש־טער האָט אים געמאַכט געהן צום זעלבען קוואַל, וואָס יעקב איז אַמאָל געגאַנגען. בשעת די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען איז אויך דער קוואַל באַשאַפען געוואָרען, און דאָס מויל זיינס איז באַשאַפען געוואָרען ערב שבת פאַרנאַכט (זוהר).

די עטליכע קורצע פסוקים פון היינטיגער סדרה, וואָס גיבען איבער דעם געבורט און די ערשטע דערציהונג פון משה רבנו, ווערען פון די בעלי־אגדה אַרומגעוועבט מיט אַ שלייער פון מיסטעריעזע כוונות און טיפזיניגע געדאנקען, וואָס רופען אַרויס אַ באַוואונדערונג ביי יעדען וואָס שטודירט זייערע ווערטער. לויט זייער אָנגענומענער מיינונג, אַז „מה שאירע לאבות אירע לבנים" — אַלץ וואָס האָט פּאַסירט מיט אונזערע פּאַטערס האָט אויך פּאַסירט מיט זייערע קינדער, ווערט אין די קורצע שילדערונגען פון משה'ס געבורט און דער געשיכטע פון זיין פריסטער יוגענט אָפּגעשפּיגעלט דער אידישער שיקזאַל אין אַלע דורות און צייטען. זיי וואַרפען אויך אַ ליכט אויף דער אייביגער פראַגע: „עד מתי"? — ביז ווי לאַנג וועלען מיר געהאַלטען ווערען אין גלות? און וואָס איז דער תכלית, דער געווינשטער ציל צו וועלכען מיר שטרעבען און האָפען?

דער אָנפאַנג פון אונזער גרויסען פירער און גרינדער איז איינגעוויקעלט אין אַ געהיימניש: „וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי" — און אַ מאַן פון דעם הויז פון לוי איז געגאַנגען און האָט צוריקגענומען די טאָכטער פון לוי. „מאי

טעמא לא נזכר שמו ?״ —וואָרום ווערט ניט דערמאָנט זיין נאָמען ? ווער איז דער מאַן געווען און וואו און ווען האָט עס פּאַסירט ? דאָס ווערט ניט אָנגעגעבען, „מפני שבצנעה הלך ובצנעה חזר לאשתו״ — ווייל אין געהיים איז ער אַוועק און אין געהיים האָט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין פרוי (זוהר ח״ב י״ט). קיינער האָט פון דעם ניט געטאָרט וויסען. די אומשטענדען האָבען געפאָדערט, אַז די גאַנצע געשעהעניש זאָל פאַרבלייבען אַ סוד.

„ותהר האשה ותלד בן, ותרא אותו כי טוב הוא״ — און די פרוי איז שוואַנגער געוואָרען און האָט געבוירען אַ זון, און זי האָט באַמערקט, אַז ער איז אויסערגעוויינליך, ווייל בשעת ער איז געבוירען געוואָרען „נתמלא הבית כולו אור״, איז דאָס הויז אינגאַנצען פול געוואָרען מיט ליכט (סוטה י״ב). משה, די העררליכסטע פיגור אין דער געשיכטע, וואָס האָט אָנגעצונדען דאָס ליכט פון גלויבען אין דער וועלט, ווערט געבוירען ערגעצוואו אין אַ פאַרבאָרגען פלאַץ און זיין געבורט מוז געהאַלטען ווערען אין געהיים. דער גרויסער לערער און געזעצגעבער, אין וועמענס ליכט מיר גייען נאָך ביז היינטיגען טאָג, ווערט אויך ניט געהאָדעוועט ביי זיינע אייגענע טאַטע־מאַמע אין הויז. „ותביאהו לבת פרעה ויהי לה לבן״ — ער ווערט געבראַכט צו דער טאָכטער פון פרעה און זי דערציט אים אַלס איר אייגען קינד... אונטער אַזעלכע געהיימע אומשטענדען ווערט געבוירען און דערצויגען דער פירער און גרינדער פון דעם אידישען פאָלק, וועמעס גאַנצער לעבען איז אויך אַ „חידה סתומה״, אַ געהיימע און אומדערקלערבאַרע רעטעניש . . .

ווען ער ווערט עלטער „ויצא אל אחיו וירא בסבלותם״ — גייט ער אַרויס צו זיינע ברידער און זעהט זייער שווערע לאַגע. אויסער דעם באַמערקט ער ווי „איש מצרי מכה איש עברי״ — די מצריים, וועלכע זענען אָנגעשטעלט אַלס פאַרוואַלטער אָנצופירען מיט דער אַרבייט, שלאָגען און פייניגען די אידען, און ער ווערט אָן אויפגעטרייסעלטער פון צער און צאָרן. „ויפן כה וכה״ — ער קערט זיך אַהין און אַהער און זוכט אַ דערקלערונג וואָרום קומט עס זיינע ברידער אַזוי־פיל צרות ? „אָמר לפני הקב״ה אם כך הורגין בניך, איה „הכה״ שאָמרת להם ?״ — ער טענה׳ט צו ג׳: אויב אַזוי מוטשעט מען דיינע קינדער, וואו איז דיין פאַרשפּרעכען צו אונזער פאָטער אברהם: „כה יהיה זרעך״ — אַז דיינע קינדער וועלען זיין ווי די שטערען אין הימעל ? איז דאָס די באַדייטונג פון דעם „כה״? אַט אַזאַ טרויעריג לעבען האָסטו געמיינט ? (מדרש אַבּכיר).

נאָך ערגער איז געווען: „וירא כי אין איש" — ער האָט פאַר זיך ניט געזען קיין מענשען. „ראה שאין ביניהם גבר בגוברין, ואין מהם שם על לב צרת אחיו" — ער האָט איינגעזען, אַז צווישען זיי געפינט זיך ניט איין שטאַרקע פערזענליכקייט, וואָס זאָל זיך קימערן פאַר דער לאַגע פון זיינע ברידער (הכתב והקבלה). דער גלות האָט אָפּגעטויט אין זיי יעדען געפיל פון זעלבסטרעספּעקט און מענשליכער ווירדע. יעדער איינער זאָרגט זיך בלויז פאַר זיך און טוט אַ פינגער אָן אַ פינגער ניט אַ קלאַפּ צו העלפען זיינע ברידער אין נויט.

באַשליסט ער צו נעמען דאָס געזעץ אין זיינע אייגענע הענט: „ויך את המצרי ויטמנהו בחול" — דערשלאָגט ער דעם מצרי, וואָס האָט געפּייניגט אַ אידען און באַהאַלט אים אין זאַמד. אום די זאַך זאָל בלייבען אַ סוד, באַגראָבט ער אים צווישען אידען, וואָס זענען געגליכען צו זאַמד. „מה החול מטלטלו ממקום למקום ואין קולו נשמע, כך ישראל" — פונקט ווי דאָס זאַמד לאָזט זיך וואַרפען פון איין אָרט צום צווייטען און זיין קול ווערט ניט געהערט, אַזוי זענען אויך די אידען. מען טרעט אויף זיי, מען וואַרפט זיך אַרום מיט זיי און זיי שוויגען נעביך (מדרש תנחומא).

משה איז דעם ערשטען טאָג אַוועק פון די אידען מיט אַ צעבראָכען הארץ, „היה מהרהר בלבו ואומר מה חטאו ישראל שנשתעבדו מכל האומות" — ער האָט אַלץ געטראַכט און געפרעגט: מיט וואָס האָבען זיך די אידען אַזוי פאַרזינדיגט, אַז זיי ווערען אונטערדריקט פון אַלע פעלקער? (שמו"ר פ"א). „ויצא ביום השני" — איז ער אַרויס אויפ'ן צווייטען טאָג, פילייכט וועט ער דערגיין די סיבה פאַר דעם. „והנה אנשים עברים נצים" — באַמערקט ער ווי אידען קריגען זיך אַרום און שלאָגען זיך איינע מיט די אַנדערע, און אַז ער פרעגט וואָרום זיי טוען אַזאַ זאַך, ענטפערען זיי אים מיט חוצפה: „מי שמך לאיש שר ושופט עלינו?" — ווער האָט דיך באַשטימט צו זיין אַ האַר און אַ ריכטער איבער אונז? דו האַלסט זיך גרויס ווי דו וואָלסט געווען אַן אמת'ער פרינץ, „הלא בנה של יוכבד אתה" — דו ביסט דאָך דער זון פון יוכבד, אַ איד ווי אַלע אידען, „ואתה מבקש להיות שר ושופט עלינו" — און דו ווילסט ווערען אַ האַר און ריכטער איבער אונז. „הלהרגני אתה אומר כאשר הרגת את המצרי?" — ווילסטו אונז אויך טויטען ווי דו האָסט געטויט דעם עגיפּטער?

„ויאמר, אכן נודע הדבר" — האָט ער געזאָגט, איצט איז מיר קלאָר די זאַך. אַז משה האָט געהערט זייערע פרעכע רייד, איבערהויפּט וועגען דעם טויט

פון דעם מצרי, וואָס ער האָט געדענקט, אַז די אידען וועלען עס האַלטען בסוד, האָט ער ביי זיך געקלערט: עתה ידעתי באיזה דבר הם משתעבדים" — איצט פאַרשטיי איך פאַר וועלכער אורזאַך זיי ווערען געהאַלטען אין שקלאַפעריי. „לשון הרע יש ביניהם" — אויף זייערע אייגענע רעדען זיי לשון הרע און זענען גרייט צו מסר'ן איינע די אַנדערע, בלויז פאַר פרעמדע האָבען זיי דרך ארץ און בויגען דעם קאָפּ פאַר זיי. אַזעלכע מענשען זענען ניט ווערט די פרייהייט (שמו"ר פ"א).

און פרעה דערוויסט זיך טאַקע פון דעם וואָס משה האָט געטאָן צו דעם מצרי און וויל אים דערפאַר באַשטראָפען מיט טויט. „ויברח משה", ער אַנטלויפט אַבער, „וישב בארץ מדין, וישב על הבאר" — ער באַזעצט זיך אין דעם לאַנד פון מדין, און זיצט ביים קוואַל. זאָגען אויף דעם אונזערע חכמים: „היא הבאר המהלכת עם האבות, והיא שעתידה לעלות מירושלים ולהשקות את כל סביבותיה" — דאָס איז דער קוואַל, וואָס איז שטענדיג מיטגעגאַנגען מיט אונזערע אבות און וועט אויך אין דער צוקונפט זיך דערהויבען פון ירושלים און באַוואַסערען אַלע אַרומיגע לענדער (פרקי דרבי אליעזר פל"ה). ביים זעלבען קוואַל איז אויך גע־זעסען אונזער פאָטער יעקב, ווען ער איז אַנטלאָפען פון דער היים צוליב דער שנאה פון זיין ברודער עשו. פון דעם דאָזיגען קוואַל „ישקו העדרים", ווערען אָנגעטרונקען אַלע סטאַדעס: „משם כל אחד מושך מים לדגלו ולשבטו ולמשפחתו, ומשם הם שומעין את ההלכה" — פון דאָרטען ציט יעדער וואַסער פאַר זיין פאָן, פאַר זיין שבט און פאַר זיין משפחה. און פון דאָרטען לערנען זיי ווי זיך אויפצופירען (ב"ר ע').

מיט דעם קוואַל ווערט געמיינט די אידישע רעליגיע, וואָס אונזערע אבות האָבען געשאַפען, וועלכע האָט דערגרייכט איר גרעסטע הויך אין ירושלים און האָט זיך מיט דער צייט פאַרשפּרייט איבער אַלע לענדער און פעלקער. אַט דער קוואַל פון „מים חיים" האָט געקוויקט די הערצער פון אַלע אידישע „עדרים", קהילות, וועלכע זענען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און האָט זיי געהאַל־טען צוזאַמען, ווייל פון אים האָבען זיי געלערנט די „הלכות", דאָס אייגענאַרטיג אידיש לעבן וואָס האָט זיי צוזאַמענגעבונדען אין איין אומה, אין איין נאַציע.

איידער משה גייט ווערען דער אידישער פירער, זאָגט אונז דער זוהר הקדוש, האָט דער אויבערשטער געוואָלט ער זאָל זיך באַקענען מיט דעם „באר", מיט דעם אייביגען קוואַל, פונוואַנען דאָס אידישע פאָלק ציט די מיסטעריעזע כוחות, וואָס האַלטען אים ביים לעבען. דער קוואַל, זאָגט ווייטער דער זוהר, איז באַשאַפען געוואָרען צוגלייך מיט דער וועלט און וועט אייביג עקזיסטירען.

דאָס מויל פון קוואַל איז באַשאַפען געוואָרען ערב שבת פאַרנאַכט. אויב אידען ווערען פאַרצווייפעלט איבער זייער שרעקליכער לאַגע, זאָלען זיי דעם מוט ניט פאַרלירען. זיי לעבען אין אַ צייט פון „ערב שבת" — אויב זיי ווע‏לען זיך האַלטען ביי זייער אייביגען קוואַל, וועט זייער שבת זיכער קומען.

הפטרה

אידען מוזען מיטהעלפען אין זייער גאולה

והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול.

„רבי אליעזר אומר בניסן נגאלו, בתשרי עתידין להגאל, רבי יהושע אומר בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל" — רבי אליעזר זאָגט: אין ניסן זענען די אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון גלות מצרים און אין תשרי וועלען זיי אויסגעלייזט ווערען פון דעם לעצטען גלות. רבי יהושע זאָגט: אין ניסן זענען זיי אַמאָל אויסגעלייזט געוואָרען און אין ניסן וועלען זיי ווייטער אויסגעלייזט ווערען (ר"ה י"א ע"א).

אין דער באַפרייאונג פון אַ פאָלק, זאָגט איינער פון די גרויסע היסטאָריקער, „זיינען געוויינליך דאָ צוויי שותפים: די מאַכט וואָס האַלט אים אין גלות מוז אים וועלען פריילאָזען, און ער אַליין מוז וועלען באַפרייט ווערען. אויב דער ערשטער שותף איז איינגעשפּאַרט און וויל דעם צווייטען ניט פריילאָזען, מוז ער אים באַקעמפען מיט אַלע מעגליכע מיטלען ביז ער גיט נאָך. אויב אָבער דער צווייטער אַנטזאָגט זיך צו קעמפען פאַר זיין פרייהייט, דאַן ווערט דער גלות פאַרצויגען ביז אַן אומגעריכטע געשעעניש פּאַסירט און ניט-ווילענדיג ווערט ער באַפרייט".

מיט אידען איז, ליידער, תמיד געווען און איז נאָך היינט דער צווייטער פאַל. צו דער ערשטער גאולה, אַז משה איז צו זיי געקומען און איבערגעגעבען די ווערטער פון ג', אַז ער גייט זיי באַפרייען פון זייער שקלאַפעריי, „ויעש האותות לעיני העם", און האָט פאַר זיי איבערגעמאַכט די וואונדערליכע צייכענס, וואָס ג' האָט אים געוויזען, „ויאמן העם, וישמעו", האָט דאָס פאָלק געגלויבט און זיך צוגעהערט. זיי האָבען געדענקט, אַז דאָס וועט לאַנג ניט נעמען, ווייל

אַלץ וועט געטאָן ווערען מיט נסים און זיי וועלען זיך ניט דאַרפען אָנשטרענגען. אַזוי גיך ווי פרעה האָט זיך צום ערשטען מאָל אַנטזאָגט און האָט נאָך שווערער געמאַכט זייער אַרבעט, האָבען זיי דעם גאַנצען אידעאַל פון באַפרייאונג אויפגע־געבען און נאָך באַפאַלען משה'ן און אהרנ'ען פאַרוואָס זיי האָבען זייער לאַגע פאַרערגערט. באַפרייט צו ווערען דורך נסים איז עפּעס אַנדערש, אָבער האַרע־ווען און קעמפען עס צו דערגרייכען — אויף דעם האָבען זיי קיין געדולד ניט געהאַט. און אַז משה באַקלאָגט זיך פאַר ג', קריגט ער דעם ענטפער: „עתה תראה אשר אעשה לפרעה כי ביד חזקה ישלחם" — דו וועסט ערשט זען וואָס איך וועל טאָן צו פרעה'ן, צוליב מיין שטאַרקער האַנט וועט ער זיי באַפרייען. און וואָס אַנבאַלאַנגט די אידען וועט זיין: „ביד חזקה יגרשם מארצו" — מיט אַ שטאַרקער האַנט וועט ער זיי אַרויסטרייבען פון זיין לאַנד, „על כרחם של ישראל" — איבערגעוואָלד פון די אידען, טראָץ זייער ווילען (רש"י).

און אַזוי וועט עס אויך זיין מיט דער לעצטער גאולה, ווי די היינטיגע הפטרה זאָגט אונז פאַראויס. „דער נביא רופט אָן דאָס אידיש פאָלק „לא עם בינות הוא", עס פעלט אים פאַרשטאַנד. ער האָט זיך צופיל איינגעלעבט אין גלות און פאַר־שטייט ניט ווי טרויעריג זיין לאַגע איז. ווען עס הויבט זיך אָן אַ באַוועגונג פאַר זיין באַפרייאונג, שטייט די מערהייט פונדערווייטענס. „ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל" — איר וועט צוזאַמענגעקליבען ווערען איינציגווייז, איר קינדער פון ישראל. בלויז יחידים גיבען זיך אָפּ מיט דעם. די גרויסע מאַסען, און אי־בערהויפּט די רייכערע פון זיי ווילען ניט צולייגען אַ האַנט צו דער אַרבייט און שטערען נאָך אַנדערע. „והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול, ובאו האובדים והנדחים והשתחוו לה' בירושלים" — און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וואָס וועט געבלאָזען ווערען מיט אַ גרויסען שופר, דאַן וועלען קומען די פאַרלוירענע און פאַרשטויסענע און וועלען זיך בוקען פאַר ג' אין ירושלים. בלויז אַז עס קומט אַ גרויסע וועלט איבערקערעניש, דאַן ווערען זיי באַוואוסטזיניג אויפ'ן גלות און רעדען וועגען אָן אייגען לאַנד.

די גמרא שטעלט אונז פאַר צוויי ערליי אופנים ווען און ווי די אידישע גאולה קאָן קומען: „זכו עתידין להגאל בניסן" — וועלען די אידען ווערט זיין, וועלען זיי אויסגעלייזט ווערען אין ניסן". און דער געדאַנק דערפון איז: „באחד בתקופת ניסן ובאחד בתקופת תשרי היום והלילה שוים" — אין די מאָנאַטען תשרי און ניסן זענען די טעג כמעט גלייך, צוועלף שטונדען ליכט און צוועלף שטונדען פינסטערניש. „מכאן ואילך אינם שוים" — פון דאַן אָן און וייטער

אין דיביידע תקופות זענען זיי ניט גלייך. פון ניסן הויבען אָן די טעג גרע־סער ווערען און די נעכט קלענער ווערען. פון תשרי אָן אָבער ווערען די טעג קלענער און די נעכט גרעסער (ילקוט).

דאָס איז דער געדאַנק פון די חכמים: ווען אידען ווערען באוואוסטזיניג און מיטהעלפען אין דער באַפרייאונג־ארבייט, וועט די גאולה קומען אין ניסן, ווען די טעג ווערען אַלץ גרעסער און גרעסער און די אויסלייזונג־אַרבייט גייט פון איין דערפאַלג צום צווייטען. וועלען זיי אָבער שטיין פונדערווייטענס און ניט צו־לייגען אַ האַנט צו דער אַרבייט, וועט זייער גאולה קומען אין תשרי, ווען די נעכט ווערען אַלץ גרעסער און גרעסער און די בויאונג־אַרבייט שטויסט זיך אָן אין איין שוועריגקייט נאָך דער אַנדערער.

ג.

אַ פאָלק מוז האָבען אמונה אין זיין גאולה

וישליכהו ארצה ויהי לנחש.

„למה נחש? — שהוא הכופר הראשון" — וואָרום איז משה'ס שטעקען פאַר־פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שלאַנג?—ווייל דער שלאַנג איז געווען דער ערשטער „כופר", דער ערשטער אומגלויביגער אין דער וועלט. ווען דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט אָדמ'ען ניט צו עסען פון דעם עץ הדעת, ווייל „ביום אכלך ממנו מות תמות", אין דעם טאָג וואָס דו וועסט עסען פון אים וועסטו שטאַרבען, האָט דער שלאַנג עס אָפּגעלייקענט און האָט געזאָגט צו חוה'ן: „לא מות תמותון", איר וועט ניט שטאַרבען (מדרש גדול).

אין דער אויסטייטשונג פון די פּסוקים פון דער תורה אונטערשיידט זיך די „אגדה" פון דער „הלכה" מיט דעם, וואָס די צווייטע זוכט צו דערקלערען דעם „פשט" פון פסוק און די ערשטע די „כוונה", זייער באַהאַלטענעם געדאַנק, וואָס ליגט, אייגענטליך, ניט אין די אָפענע ווערטער, נאָר איז באַהאַלטען צווישען די שורות. וואָרום איז משה'ס שטעקען פאַרוואַנדעלט געוואָרען דווקא אין אַ שלאַנג? וואָס איז די כוונה פון דעם? וועמען האָט דער אויבערשטער געמיינט אָנצודייטען? אויף דעם גיבען די בעלי־אגדה פאַרשיידענע דערקלערונגען, וועלכע ברענגען

אַרויס דעם מאָראַלישען געדאַנק פון דעם גאַנצען ענין, פון וועלכען מיר קענען זעהר פיל לערנען.

מאַנכע ווילען האָבען, אַז דער שלאַנג איז געווען אַ „רמז", אַ וואונק קעגען משה'ן אַליין. ג' שיקט אים, ער זאָל אויסלייזען די אידען פון מצרים. ער פאָדערט פון אים, ער זאָל אָרגאַניזירען און אויפמונטערען דאָס פאָלק פאַר זיין גאולה. משה אָבער צווייפעלט אין דער אויספירבאַרקייט פון זיין מיסיע, און ער האָלט אין איין טענה'ן: „והן לא יאמינו לי", די אידען וועלען דאָך מיר ניט גלויבען. ווייזט אים ג' אַן אויף דעם שטעקען אין זיין האַנט און שטראָפט אים: „מזה שבידך אתה צריך ללקות שאתה מוציא שם רע על בני" — פון דעם שטעקען אין דיין האַנט דאַרפסטו אַליין געשלאָגען ווערען, ווייל דו ברענגסט אַרויס אַ שלעכטען נאָמען אויף מיינע קינדער. „לפי שעשה מעשה נחש הראה לו את הנחש" ווייל ער האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ שלאַנג, האָט ער אים געוויזען אַ שלאַנג (ש"ר פ"ג). אַ אידישער פירער זאָל ניט זוכען צו בייסען דאָס פאָלק און אים צופיל באַשולדיגען. מען דאַרף עס לערנען און דערציען צו גלויבען אין זיינע אייגענע כוחות.

אַנדערע פון די בעלי־אגדה ווילען האָבען, אַז מיט דער שלאַנג ווערט גע־מיינט פרעה, דער גרויזאַמער הערשער פון מצרים. „לכך נהפך לנחש כנגד פרעה שהיה נושך את ישראל כנחש" — דערפאַר איז דער שטעקען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שלאַנג, דאָס איז קעגען פרעה'ן, וועלכער האָט געביסען די אידען ווי אַ שלאַנג (שם). מיט זיינע שרעקליכע גזירות קעגען די אידען האָט פרעה ניט געמיינט דעם וואויל און בעסטען פון זיין אייגען לאַנד. ער האָט בלויז געוואָלט שלעכטס טאָן די אידען און זיי אונטערדריקען אָהן אַ פאַרוואָס, פונקט ווי דער שלאַנג, וואָס בייסט אָהן צו האָבען וועלכע עס איז הנאה דערפון.

דער „מדרש הגדול" אָבער זעט אין דעם צייכען פון שלאַנג אַ פאָרוואורף קעגען די אידען, וואָס האָבען פאַרלוירען דעם צוטרוי צו זייער פאָלק און זיין אמונה, און דעריבער וואַלגערען זיי זיך אין די בלאָטעס פון גלות, ווי דער שלאַנג. אַ פאָלק קאָן נאָר אויסגעלייזט ווערען פון זיין גלות אויב ער אַליין וויל באַפרייט ווערען און גלויבט באמונה שלימה אין זיין אַנטגילטיגער גאולה. „שובו אלי — ואשובה אליכם", קערט זיך צוריק צו מיר, וועל איך זיך קערען צו אייך — רעדט דער נביא צו די אידען אין נאָמען פון גאָט. ער ראָט זיי, אויב איר ווילט, אַז איך זאָל אייך צוריקברענגען צו אייער פאָטערלאַנד, נעמט די איניציאַטיווע אין

איערע אייגענע הענט און מיט פאַראייניגטע כוחות זוכט פון זיך אַראָפּצואוואַר־פען די קייטען פון גלות.

כדי צו קאָנען אויפנעמען דעם קאַמף פאַר זיין באַפרייאונג, מוז דאָס פאָלק קודם־כל אַליין זיין איבערצייגט אין דער גערעכטיגקייט פון זיינע פאָדערונגען און האָבען פולען צוטרוי צו זיינע פירער. ער מוז אויך זייך גוט באוואָפּענט אין זיין אמונה און טריי איבערגעגעבען צו אירע אידעאַלען און פאַרשפּרעכונגען.

דער גלויבען און די טראַדיציעס פון אַ פאָלק זיינען די אַרסענאַלען פאַר זיינע גייסטיגע כוחות. פון זייערע קוואַלען שעפּט ער מוט און אויסדויער צו קאָנען ביישטיין די אָנגריפען פון גלות, אויך די האָפענונגען פאַר׳ן ענדליכען זיג און ענטגילטיגער גאולה. הויבט אָבער אַ פאָלק אָן צו צווייפלען אין זיינע אייגענע כוחות און פאַרלירט דעם גלויבען אין זיין פאַרגאַנגענהייט, גראָבט עס דערמיט אונטער די יסודות פון זיין עקזיסטענץ, פאַרשטעלט דעם וועג פאַר זיין צוקונפט און פאַרלענגערט זיין גאולה.

דער אויבערשטער זאָגט צו משה׳ן: „ועתה לכה ואשלחך אל פרעה והוצא את עמי בני ישראל ממצרים״ — און איצט גיי און איך וועל דיך שיקען צו פרעה׳ן, ער זאָל אַרויסלאָזען די אידען פון מצרים. פרעה איז דער קעניג פון לאַנד. אין זיינע הענט ליגט דער גורל פונ׳ם אידישען פאָלק. אויב עס דאַרפען פאָרקומען פאַרהאַנדלונגען וועגען דער אידישער באַפרייאונג, מוזען זיי זעלבסט־פאַרשטענדליך געמאַכט ווערען מיט פרעה׳ן. משה אָבער ענטפערט גב״ה: „הנה אנכי בא אל בני ישראל ואמרתי להם אלקי אבותיכם שלחני אליכם, ויאמרו לי מה שמו? מה אומר אליהם?״ — איך וועל קומען צו די אידען און וועל זיי זאָגען, אַז דער ג׳ פון אייערע עלטערען האָט מיך געשיקט צו אייך, וועלען זיי מיך פרעגען: וואָס איז זיין נאָמען? וואָס זאָל איך זיי ענטפערען? משה פאַרשטייט, אַז זיין הויפּט־אויפגאָבע איז ניט מיט פרעה׳ן. מיט אים וועט ער שוין ווי־עס־איז דורכקומען. וואָס זאָל ער טאָן מיט די אידען? גלויבען זיי אַליין אין דער זעלבסט־שטענדיגקייט פון זייער פאָלק? ווילען זיי טאַקע באַפרייט ווערען? וועלען זיי אים פאָלגען און מיטהעלפען?

ווי קלאָר משה האָט אַרויסגעזען דעם כאַראַקטער פון די אידען. ווען נאָר עס הויבט זיך אָן אַ באַוועגונג צו באַפרייען דאָס פאָלק פון גלות און ווידער אויפ־בויען זיין נאַציאָנאַלע היים, הויבען זיך אָן צו מערען פאַרטייען און פראַקציעס, יעדע מיט אַן אַנדער אידייע, מיט אַן אַנדער לאָזונג. אַז מען רעדט צו אַ אידען וועגען זיין חוב צו זיין פאָלק, וועט ער אייך גלייך פרעגען: „מה שמו?״, אין

נאָמען פון וועלכער פראַקציע אָדער פאַרטיי רעדט איר צו אים? און משה שרייט אויס צו גאָט: „והן לא יאמינו לי ולא ישמעו בקולי" — די אידען וועלען דאָך מיר ניט גלויבען און וועלען זיך ניט צוהערען צו מיין שטים.

דער אויבערשטער ראָט אים, ער זאָל צוזאַמענקלייבען אַלע אידען און פאַר זיי וואַרפען זיין שטעקען, און ער וועט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ שלאַנג. ער הייסט איבּ זיי אויפקלערען, אַז די הויפט־שולדיגע אין זייער לאַנגען און שווערען גלות זיינען די שלאַנגען, די ניט־גלויבער, וועלכע פאַרגיפטען דאָס פאָלק מיט זייער „כפירה" אין גאָט און מיט זייער לייקענען אין די פּאָטענציעלע כוחות פון די אידען צו ווערען אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק. אָט די שלאַנגען זיינען עס די שטעקענס, וואָס האַלטען דעם אידען אין גלות און לאָזען אים זיין קאָפּ ניט אויפ־הויבען.

און דער שטעקען האָט צוויי עקען. אויך צווישען די „זקנים", די געלערנטע, געפינען זיך „נחשים", שלאַנגען, וואָס פאַרשפּרייטען צווייפעל און אומצוטרוי צו די וואָס אַרבייטען פאַר דער באַפרייאונג פון פאָלק. דער מדרש פרעגט: „היכן הלכו הזקנים?" — וואו זיינען אַהינגעקומען די עלטערע, די פירער, וואָס האָבען לכתחילה איינגעוויליגט מיטצוגיין מיט משה'ן צו פרעה'ן? „אָמרו רבותינו: היו מגנבין את עצמן ונשמטין אחד אחד והלכו להם" — אונזערע לערער דערקלערען, אַז זיי האָבען זיך אַרויסגע׳גנב׳עט און זיך אַרויסגערוקט איינציגוועיז און זיינען אַוועק (שמו"ר ה׳).

זעהט איר, אַז עס קומען אָן שוועריגקייטען, איז מען די ערשטע צו קריטי־קירען משה און אהרן און זיי באַשולדיגען: „הבאשתם את ריחנו בעיני פרעה", איר האָט פאַרמיאוס׳ט אונזער געשמאַק אין די אויגען פון פרעה'ן. מען באַשולדיגט משה'ן און אהרנ׳ען אין אומטרייקייט צו זייער פאָלק און מען זוכט אויפצורייצען די אידען קעגען זיי.

ווילען אידען באַפרייט ווערען, ווינקען אונז אָן די חז"ל, זאָלען מיר אַוועק־וואַרפען די שלאַנגען, זאָלען מיר זיך ניט לאָזען פירען פון „כופרים", פון אומ־גלויבער אין אונזער אמונה און אין אונזער נאַציאָנאַליטעט. אַ פאָלק, וואָס גלויבט באמונה שלימה אין זיין גאולה, וועט מיט דער צייט באַשטימט באַפרייט ווערען.

הפטרה

עס ווענדט זיך וואָס פאַר אַ פאַראייניגונג

והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול.

„הרואה שופר בחלום ישכים ויאמר: והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול, קודם שיקדמנו פסוק אחר: תקעו שופר בגבעה, חצוצרה ברמה" — אַז איינער זעט אַ שופר אין חלום, זאָל ער זיך צוויילען און זאָגען דעם פסוק (אין היינטיגער הפטרה), וואו עס ווערט געזאָגט: דאָס וועט געשען אין דעם טאָג, ווען עס וועט געבלאָזען ווערען מיט אַ גרויסען שופר, איידער עס קומט אים אַרויף אויפ'ן געדאַנק אַן אַנדער פסוק (הושע ה'), וואָס זאָגט: בלאָזט שופר אין גבעה און אַ טרומייטער אין רמה (ילקוט שמעוני ח"ב רמז תל"ו).

די שופרות און חצוצרות פלעגען גענוצט ווערען אין ארץ ישראל פאַר פּראָקלאַמאַציעס און באַקאַנטמאַכונגען. די חצוצרות, די טרומייטערען פלעגט מען בלאָזען צו אַנאָנסירען וויכטיגע פאַרזאַמלונגען און צוזאַמענקונפטען, אויף וועלכע עס דאַרפען פאַרהאַנדעלט ווערען קהל'שע אינטערעסען פון אַ לאָקאַלען כאַראַקטער. בשעת די אידען האָבען געררייזט דורכ'ן מדבר, האָט מען געבלאָזען די טרומייטען אָנצוזאָגען די פאַרשידענע מחנות, ווען זיי זאָלען אָנפאַנגען אָדער אָפּשטעלען זייערע נסיעות. ביים מקריב זיין די קרבנות ראש-חודש און יום-טוב האָבען די לוויים געבלאָזען די חצוצרות צו פאַרזאַמלען דעם עולם אַרום דעם מזבח און ציען זייער אויפמערקזאַמקייט צו דער עבודה.

מיט דעם שופר אָבער האָט מען זיך באַנוצט בלויז ביי אויסערגעוויינליכע דערשיינונגען. ראש-השנה, וואָס ווערט באַצייכענט אין דער תורה מיט דעם נאָמען „יום הזכרון", אַ טאָג פון באַדענקען זיך, אַ טאָג פון חשבון הנפש, אַריינצוטראַכטען זיך אין דעם, וואָס איז שוין געשען און וועלען פאַרשטיין וואָס עס קאָן געשען ווייטער, אין דעם טאָג האָט מען אונז אָנגעזאָגט צו בלאָזען שופר, ווייל ג' זאָגט צו די אידען: „תקעו לפני בשופר של איל כדי שאזכור לכם עקידת יצחק" — בלאָזט פאַר מיר אין אַ האָרן פון אַ באַראַן, אום איך זאָל זיך דערמאָנען די עקידת יצחק, און איך וועל עס אייך פאַררעכענען „כאילו עקדתם את עצמכם לפני" — פונקט ווי איר וואָלט זיך אַליין געאָפּפערט פאַר אַ קרבן (ר"ה ט"ז ע"ב). אום אַז די אידען זאָלען קאָנען „מבלבל" זיין דעם „שטן" און באַקעמ-

פען יעדען אָנגריף אויף זייער גייסט און זייער אמונה, מוזען זיי זיין גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר זייערע אידעען.

מיט די שופרות האָט מען זיך אויך באַנוצט אין אַ שעת־חירום, אין צייטען פון געפאַר. די שטים פון שופר האָט געמיינט אַ רוף פאַר פאַראייניגונג, פאַר צוזאַמענגעמען אַלע כוחות צו קאָנען דורכפירען אַן אַקציע פון גרויס וויכטיגקייט פאַר דעם „קיום האומה", די עקזיסטענץ און זיכערקייט פון דאָס פאָלק. אין צייטען פון מלחמה האָט מען געבלאָזען שופר ביים צוזאַמענרופען און מאָביליזירען די אַרמיי. דעם שופר האָט מען אויך מיטגענומען אין שלאַכטפעלד און ער פלעגט באַנוצט ווערען צו פאַראייניגען און דערמוטיגען די חיילות פאַר אַן אָנ־גריף קעגען דעם שונא.

נאָך דעם שרעקליכען גלות, זאָגט אונז דער נביא אין היינטיגער הפטרה, אַז „ואתם תלוקטו לאחד אחד", ווען איר וועט אויפגעקליבען ווערען און זיך פאַראייניגען, אַט אין יענעם טאָג וועט געבלאָזען ווערען אין אַ גרויסען שופר, צו אָנאָנסירען די אידישע גאולה. „שופר אחד אמר רחמנא ולא שנים ושלשה שופרות" — מיר מוזען הערען די שטים פון איין שופר און ניט די שטימען פון עטליכע שופרות מיט אַמאָל (שם). דער רוף פאַר דער גאולה מוז זיין אַ פאַראייניגטער, אויב ער קומט אָבער פון עטליכע שופרות, וואָס ווערען געבלאָזען פון פאַרשיי־דענע פאַרטייען און גרופען, וואָס האָבען זייערע אייגענע אינטערעסען אין זינען, וועט ער אַ קנאַפע ווירקונג מאַכען.

„דער שופר אַליין, זאָגט הרב עמיאל, האָט קיין שטים ניט, און לאָזט פון זיך הערען בלויז דעם קול, וואָס מען בלאָזט אין איהם אַריין. אויב דער „בעל תוקע", דער פירער, פאַרשטייט זיין אויפגאַבע, בלאָזט ער „תקיעות", גאַנצע שטימען, וואָס רופען פאַר אחדות, פאַר פאַראייניגונג, האָט ער אָבער פערזענליכע פניות, דאַן קומט פון זיין שופר אַרויס „שברים", צעבראָכענע שטימען, וואָס ברענגען פירוד און צעשפאַלטונג, וואָס פירען צו „תרועות", קלאָגען און וויינאָגען" (דרשות אל עמי).

„הרואה שופר בחלום" — דער וואָס חלומ'ט וועגען דעם שופר וואָס זאָל רופען די אידען פאַר זייער באַפרייאונג, זאָל זיך צוזאַיילען און זען, אַז דער שופר זאָל זיין אַ „שופר הגדול", אַ גרויסער שופר, וואָס פאַראייניגט הינטער זיך דעם ווילען פון דאָס גאַנצע פאָלק. אויב אָבער ער וועט וואַרטען עד „שיקדמנו פסוק אחר", עס זאָל איהם קעגען קומען אַן אַנדער פסוק: „תקעו שופר בגבעה, חצוצרה ברמה", צו הערען די שטים פון שופר אָדער טרומייט, וואָס קומט פון

„גבעה״ אדער „רמה״, פון דער אדער יענער פארטיי, פון אזא קאמיטע אדער אזא קאנפערענץ, וועט זיין חלום בטל ווערען. פארשיידענע שופרות צעברעכען די גאנצקייט פון פאלק און האלטען אפ זיין גאולה.

„שופר מנוקב שמעכב התקיעה פסול״ — א געשפאלטענער שופר, וואס פארהאלט די תקיעה איז פסול (ש״ע או״ח תקפ״ו). אויב דער רוף פאר אידישער באפרייאונג קומט פון א שופר וואס איז געשפאלטען און איז איינגעטיילט אין פארשיידענע ארגאניזאציעס און פראקציעס, איז ער א פסול׳ער. ער ווערט ניט באטראכט פאר ערנסט און ערליך, ניט פון דאס אידישע פאלק און געוויס ניט פון די פעלקער פון דער וועלט. עס הערען זיך פון אים בלויז די הייזעריגע קולות פון די פאראינטערעסירטע פארטייען און זייער קליינליכע פאליטיק.

ד.

דער מיסטעריעזער כוח, וואס רעגירט די וועלט

זה שמי לעולם וזה זכרי לדור דור.

„לא כמו שאני נכתב אני נקרא, נכתב אני ביו״ד ה״א ונקרא באל״ף דל״ת — ניט ווי איך ווער געשריבען, ווער איך געלייענט: איך ווער געשריבען יו״ד ה״א און ווער געלייענט „אדני״ (קדושין ע״א).

דער געשיכטליכער טייל פון אונזער תורה, זאגט דער ווילנער גאון זצ״ל, קאן איינגעטיילט ווערען אין דריי הויפט־חלקים. דער ערשטער חלק באהאנדעלט „תולדות השמים בהבראם״, די געשיכטע ווי הימעל און ערד זיינען באשאפען געווארען. דער צווייטער חלק באשטייט פון „ספר תולדות אדם״, די אוראלטע געשיכטע פון דער מענשהייט ביז דעם געבורט פון אונזערע אבות אברהם, יצחק און יעקב, און וואס מיט זיי האט פאסירט ביז „גלות מצרים״.

איצט קומען מיר צום דריטען חלק, „אלה שמות בני ישראל״, וואו עס הויבט זיך אן פאנאנדערצואוויקלען די מערקווירדיגע געשיכטע פון דעם אידישען פאלק. אין אלע שאפונגען און געשעענישען דורך דידאזיגע פעריאדע זעט איר ארויס דעם „יד אלקים״, די מיסטעריעזע און מעכטיגע האנט פון דער השגחה, וואס שאפט און רעגירט איבער אלעס (אדרת אליהו).

קיין זאַך אויף דער וועלט איז ניט געוואָרען פון זיך אַליין. אײדער די בריאה האָט זיך אָנגעהויבען, „והארץ היתה תוהו ובוהו", איז דער גאַנצער רוים פון דער וועלט געווען וויסט און ליידיג. די פאַרשיידענע עלעמענטען, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרען פאַר דער שאַפונג, זיינען געלעגען באַהאַלטען אין אַ געהייםען תהום, באַדעקט מיט טיפע וואַסערען, „ורוח אלקים מרחפת על פני המים" — און דער גרויסער און אומפאַרגלייכליכער גייסט פון ג׳ האָט געשוועבט איבער די וואַסערען און זיי אַלעמען געהאַלטען אין צוים, ביז עס איז געקומען זיין ווילען צו באַשאַפען די וועלט. אַלץ וואָס געפינט זיך אין די הימלען און אויף דער ערד, אויך אַלע געשעענישען, וואָס האָבען פּאַסירט מיט זייערע איינוואוינער, איז צושטאַנד געקומען אויף דעם „ויאמר אלקים יהי", אויף דעם באַפעל פון ג׳, אַז דאָס זאָל געשען.

און דער „רוח אלקים" שוועבט כסדר איבער די וואַסערען פון דער צייט און האַלט אין איין וועבען די געשיכטע פון זיינע ברואים און זייערע אַנטוויקלונגען. עס איז געווען זיין ווילען, אַז אונזערע אבות זאָלען זיין „נע ונד" פאַר לאַנגע דורות, ביז זיי האָבען זיך באַזעצט אויף דעם לאַנד, וואָס ער האָט באַשטימט פאַר זייערע קינדער. „מה שאירע לאבות סימן לבנים" — וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אונזערע אבות, איז געמיינט געווען פאַר אַ צייכען און לערע פאַר זייערע קינדער אין די שפּעטערדיגע דורות. אויך זיי וועלען דאַרפען דורכמאַכען אַלערליי שוועריגקייטען און זיין „נע ונד" פאַר לאַנגע יאָרען. זיי זאָלען אָבער ניט פאַרצווייפעלט ווערען און ניט אַריינפאַלען אין אַ יאוש איבער זייער שווערער לאַגע. זייער „אחרית הימים", זייער באַפרייאונג, וועט באַשטימט קומען.

צוויי הונדערט מיט צען יאָר זיינען פאַראיבער זינט יעקב מיט זיינע קינדער האָבען אויף יוסף׳ס איינלאַדונג זיך באַזעצט אין מצרים. בלויז „שבעים נפש", זיבעציג נפשות, זיינען דאַן געווען. אין דעם ווערען שוין אויך אַריינגערעכענט יוסף מיט זיינע קינדער. יעקב האָט לכתחילה ניט געוואָלט אויסוואַנדערען נאָך מצרים. ער האָט זעהר ניט געוואָלט פאַרלאָזען זיין פאָטערלאַנד און גיין וואוינען אין אַ פרעמדער מדינה. דער אויבערשטער האָט אָבער אים באַפוילען אַזוי צו טאָן און האָט אים פאַרשפּראָכען: „אנכי ארד עמך מצרימה, ואנכי אעלך גם עלה" —איך וועל מיט דיר אַרונטערגיידערען אין מצרים און אויך איך וועל דיך פון דאָרט אַרויסברענגען. ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז זיינע קינדער וועלען ניט אונטערגיין אין דעם פרעמדען לאַנד און אַז מיט דער

צייט וועלען זיי פון דאָרט באַפרייט ווערען און זיך צוריקקערען צו זייער אייגע־נער נאַציאָנאַלער היים, אין כנען.

פאַר דער צייט זיינען די בני ישראל אויסגעוואַקסען אין אַ היפש פאָלק פון „ששים רבוא" — אַ באַפעלקערונג פון זעקס הונדערט טויזענט נפשות. צוערשט איז זיי גוט געגאַנגען אין מצרים. יוסף האָט זיי געגעבען אַ פיינע נחלה אין „גושן", „וישבו ויאחזו בה" — זיי האָבען זיך באַזעצט און איינגעבירגערט אין איר, „ויפרו וירבו מאד" — זיי האָבען זיך געפרוכפערט און פאַרמערט זעהר פיל. פרעה'ס דינאַסטיע, וואָס יוסף האָט געראַטעוועט פון אַן עקאָנאָמישען צו־זאַמענברוך און מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטען גרויס און רייך געמאַכט, איז פאַר אַ לאַנגער צייט געווען העכסט פריינטליך צו זיינע ברידער מיט זייערע קינדער. פון גושן האָבען זיי זיך פאַרשפרייט איבער דער מדינה, „ותמלא הארץ אותם" — און דאָס גאַנצע לאַנד איז פול געוואָרען מיט זיי. ווי עס איז שוין ב"ה דער אידישער שטייגער, איבעראַל, וואו מען לאָזט זיי נאָר אַריין, הויבען זיי דאָרט אָן זיך צו שטופען אין אַלערליי ניט־אידישע געזעלשאַפטען, „קרקסאות ותיאטראות נתמלאו מהם" — אַלע צירקען און טעאַטערס זיינען פול געוואָרען מיט אידען. „ויקוצו מפני ישראל", די גויים האָבען אָנגעהויבען זיך צו פילען פאַרדרענגט צוליב זיי. „היו בעיניהם כקוצים" — זיי זיינען געוואָרען ווי דער־נער אין די אויגען פון די עגיפטער (סוטה י"א).

„ויקם מלך חדש על מצרים" — עס איז אָבער אויפגעקומען אַ נייער קעניג איבער מצרים, וואָס האָט דערגרייכט צו זיין גדולה צוליב דעם, „אשר לא ידע את יוסף", ווייל ער האָט ניט געוואָלט אָנערקענען די גרויסע לייסטונגען פון יוסף'ן. ער האָט אויסגענוצט די פיינטשאַפט, וואָס זיין פאָלק האָט געפילט צו די אידען, כדי זיך צו קאָנען אַרויפכאַפּען אויפ'ן זאַטעל און רייטען איבער זיינע אונטערטאַנען. זיין לאָזונג איז געווען די באַקאַנטע אַנטיסעמיטישע מעטאָדע פון „הבה נתחכמה לו" — לאָמיר זיך קליגען קעגען די אידען. זיי זיינען שולדיג אין אַלע אונזערע שוועריגקייטען. „הנה עם בני ישראל רב ועצום" — זעט נאָר, דאָס אידיש פאָלק איז גרויס און רייך געוואָרען. זיי האָבען פאַרכאַפּט די בעסטע פּאָזיציעס אין לאַנד. אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגען איז גענומען געוואָרען „ממנו", פון אונז. זיי באַרויבען און באַשווינדלען די בירגער פון לאַנד. זיי זיי־נען אויך אַ געפאַר פאַר דער פּאָליטישער לאַגע פון אונזער מלוכה. „כי תקראנה מלחמה ונוסף גם הוא על שונאינו" — אויב אַ מלחמה זאָל איסברעכען, וועלען זיי צושטיין צו אונזערע שונאים און אונז באַקעמפען.

די גיפטיגע פראָפּאַגאַנדע פון דעם נייעם פרעה קעגען די אידען מאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף די עגיפּטער און עס הויבט זיך אָן אַ סדרה פון אידישע פאַרפאָלגונגען און רדיפות. מען קאָנפיסקירט זייערע פאַרמעגענס, מען שיקט זיי אויף צוואַנגס־אַרבייט, מען פאַרמויערט זייערע קינדער אין געביידעס און מען דערשטיקט זיי אין גאַז־קאַמערען, מען וואַרפט זייערע ניי־געבוירענע זין אין טייך אַריין. „ותעל שועתם אל אלקים" — און זייער געשריי רייסט זיך צו ג׳ און שפּאַלט די הימלען. די אַרומיגע פעלקער ווי די היינטיגע זאָגענאַנטע דעמאָקראַטיעס, האָבען אָנגענומען אַ פולען מויל מיט וואַסער און זיך ניט־וויסענדיג געמאַכט איבער די אידישע צרות. עס איז שוין אַן אַלטער כלל, אַז איין פאָלק זאָל זיך ניט מישען אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון אַן אַנדער פאָלק. כאָטש פרעה רעדט וועגען די אידען אַלס אַ פאָלק און האַלט אין איין טענה׳ען „הנה עם בני ישראל" — זעט וואָס דאָס אידיש פאָלק טוט, ווערען אָבער די אידען ניט אַנערקענט פון די אַנדערע פעלקער פאַר אַ באַזונדער פאָלק, און וואָס אַן אַנדער פאָלק טוט צו אירע אונטערטאַנען, גייט זיי ניט אָן.

„וישמע אלקים את נאקתם" — דער איינציגער, וואָס הערט זייער געשריי, איז ג׳ אין הימעל. „ויזכור את בריתו" — ער דערמאָנט זיך אין זיין בונד, וואָס ער האָט געשלאָסען מיט זייערע אבות, און באַשליסט זיי צו באַפרייען פון זייער שווערען גלות. ער געדענקט אויך זיין פאַרשפּרעכען צו זיין געטרייען אברהם: „וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי" — אַז אויך דאָס פאָלק, וואָס וועט זיינע קינדער פאַרשקלאַפען, וועט ער משפט׳ן און וועט זיך מיט זיי אָפּרעכענען פאַר די אַלע נגישות און יסורים, וואָס זיי האָבען זיי צוגעטיילט, און ער באַשטימט אַז די אידישע גאולה זאָל קומען נאָך אַ ריי מכות און אומגליקען, וואָס וועלען באַפאַלען די מצריים, אַלס אַ שטראָף פאַר זייער גרויזאַמקייט.

„ואלה שמות בני ישראל" — און דאָס זענען די נעמען פון די ערשטע אידען, וואָס האָבען איינגעוואַנדערט אין מצרים. דער מדרש זאָגט, אַז דער טעם פאַר וואָס די תורה פאַנגט אָן די געשיכטע פון דער אידישער באַפרייאונג מיט אויסרעכענען די נעמען פון זייערע שבטים איז „על שם גאולת ישראל נזכרו כאן" — צוליב דער אידישער גאולה ווערען זיי דאָ דערמאָנט. נאָך אַלע צרות און יסורים, וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצושטיין פון זייערע שונאים, האָבען זיי די האָפענונג, אַז זיי וועלען דאָך באַפרייט ווערען, קיינמאָל ניט אויפגעבען, זיי האָבען זיך געהאַלטען ביי די נעמען פון זייערע שבטים, ווייל אין יעדען פון זיי געפינט זיך אָן אָנדייטונג פאַר גאולה:

„ראובן" — ג׳ וועט זעהן אונזער פיין. „שמעון" — ער וועט הערען אונזער געשריי. „לוי" — ג׳ וועט זיך באַהעפטען מיט די אידען. „יהודה" — מיר וועלען נאָך דאַנקען ג׳ פאַר זיינע חסדים. „יששכר" — ער וועט אונז געבען פיל שכר פאַר אונזערע יסורים. „זבולון" — ג׳ וועט בויען זיין „זבול", זיין משכן, צווישען אונז. „בנימין" — ער וועט אונז פירען מיט זיין רעכטער האַנט. „דן" ער וועט משפט׳ן דאָס פאָלק, וואָס האָט אונז פאַרשקלאַפט. „נפתלי" — מיר וועלען נאָך געניסען פון דעם „נופת", די זיסע לערען פון זיין תורה. „גד" — ער וועט אונז שפייזען מיט מן פון הימעל, וואָס זעהט אויס ווי גד־אַליענדער. „אשר" — די אַלע פעלקער וועלען לויבען די אידען נאָך זייער גאולה. „יוסף" — גאָט וועט אונז מערען פיל גוטס פאַר אַלע צרות וואָס מיר האָבען דורכגעמאַכט (שמו"ר א׳).

די טראַדיציע וואָס זיי האָבען גע׳ירשנ׳ט פון זייער פאָטער יעקב, אַז דער אויבערשטער האָט אים פאַרשפּראָכען אַליין צו קומען און זיי באַפרייען, איז געווען פאַרשפּרייט צווישען די אידען, און דאָס האָט זיי געטרייסט און געמוטיגט. דעריבער, ווען משה איז געשטאַנען פאַר דעם ברענענדיגען „סנה" און הערט ווי ג׳ זאָגט צו אים: „ועתה לכה ואשלחך אל פרעה והוצא את עמי בני ישראל ממצרים" — און איצט גיי און איך וועל דיך שיקען צו פרעה׳ן ער זאָל אַרויסלאָזען מיין פאָלק ישראל פון מצרים, ווערט ער אַן אויפגעציטערטער און פרעגט אים: „מי אנכי כי אלך אל פרעה?" — ווער בין איך וואָס איך זאָל גיין צו פרעה׳ן? — „כשירד יעקב מצרימה לא כך אמרת לו: אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה, ועכשיו אתה אומר לי כי אלך אל פרעה" — ווען אונזער פאָטער יעקב האָט אַרונטערגענידערט אין מצרים האָסטו דען אים ניט אַזוי פאַרשפּראָכען: „איך וועל מיט דיר אַרונטערנידערען אין מצרים און איך וועל דיך אויך פון דאָרט אַרויסברענגען, און איצט הייסטו מיר, אַז איך זאָל גיין צו פרעה׳ן, בין איך דען דער „אנכי"? (שמות רבה פ"ג). אַז איך וועל קומען צו די אידען און זיי זאָגען, אַז דער ג׳ פון זייערע עלטערען האָט מיך געשיקט צו אייך, וועלען זיי דאָך מיר געוויס פרעגען „מה שמו", וואָס איז זיין נאָמען? וואו איז ער אַליין? „מה אומר אליהם?" וואָס וועל איך זיי קאָנען ענטפערען?

און משה באַקומט דעם פאָלגענדען ענטפער פון ג׳: מיין נאָמען איז „אהיה אשר אהיה" — איך וועל זיין וואָס איך וועל זיין. אַזוי זאָלסטו זאָגען צו די אידען: „אהיה שלחני אליכם" — „אהיה" האָט מיך געשיקט צו אייך. „זה שמי לעולם, וזה זכרי לדור דור" — דאָס איז מיין נאָמען פאַר אייביג און דאָס איז מיין אָנ־

דענק פון דור צו דור. אין דעם ענטפער, זאָגען אונז די חכמים, האָט דער אויבערשטער געלערנט משה׳ן די גרונט־אידייע פון דעם אידישען גלויבען. דער נאָמען פון אונזער ג׳ איז „אהיה״, אָדער ווי ער ווערט געשריבען יו״ד ה״א, וואָס מיינט שטענדיגער „זיין״, שטענדיגע „עקזיסטענץ״. מיר לייענען דעם נאָמען, ווי ער וואָלט געשריבען געוואָרען מיט אל״ף דל״ת, וואָס מיינט „אדנות״, מאַכט, הערשאַפט, ווייל אונזער שכל איז צו קורץ צו פאַרשטיין זיינע דרכים. אונז דוכט זיך מאַנכעסמאָל, אַז ער איז חלילה גרויזאַם און באַהערשט די וועלט מיט ברוטאַלער מאַכט, דער אמת אָבער איז, אַז אַלע זיינע מעשים צילען צו אייביגקייט. בלויז אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען פאַרלוירען זייער נוצליכקייט, אָדער זענען אַ שטער צו דעם ענדציל פון זיינע שאַפונגען שטאַרבען אָפּ און ווערען אָפּגעראַמט פון וועג.

ווי טיפזינג דריקט זיך אויס דער מהרש״א אויף דיזען מאמר אין דער גמרא. ער זאָגט: בלויז אויף דער וועלט לייענען מיר דעם נאָמען פון ג׳ אַנדערש ווי ער איז געשריבען, „אבל בעולם הבא נקרא ככתיבתו״, אָבער אין דער צוקונפטיגער וועלט וועט ער געלייענט ווערען ווי ער ווערט געשריבען. „בעולם הזה מדת הדין ובעולם הבא כולו רחמים״ — אויף דער וועלט, ווייזט זיך אונז אויס, אַז ער פירט זיך מיט אונז לויט דעם שטרייגגען געזעץ, אין דער וויטער צוקונפט אָבער וועלען מיר זיך איבערצייגען, אַז ער האָט זיך מיט אונז גאָר אויפגעפירט לויט דער מדה פון רחמנות, כדי אונזער עתיד זאָל זיין אַ בעסערער און גייסטרייכער (מהרש״א, קידושין ע״א).

און דאָס איז געוועזען די כוונה פון דעם רבונו של עולם, ווען ער האָט געזאָגט צו משה׳ן: אַזוי זאָלסטו רעדען צו די אידען: „אהיה שלחני אליכם״ — דער כח פון „זיין״ האָט מיך געשיקט צו אייך. דער ג׳, וואָס האָט אייך געלאָזט „זיין״ און אייך געגעבען די כוחות צו קאָנען עקזיסטירען דורך דער גאַנצער צייט פון דעם לאַנגען און שווערען גלות, וויל אייך איצט באַפרייען.

הפטרה

יעקב׳ס קינדער וועלען זען די גרויסקייט פון גאָט

כי בראותו ילדיו מעשה ידי בקרבו יקדישו שמי.

„אמר הקב״ה: בעולם הזה ליחידים גליתי שמי, אבל לעולם הבא לכל ישראל אני מודיע שמי״ — ג׳ זאָגט: אויף דער וועלט האָב איך בלויז צו יחידים

אַנטפּלעקט מיין נאָמען, אין דער קומענדער וועלט וועל איך צו אַלע אידען לאָזען וויסען מיין ריכטיגען נאָמען (תנחומא ישן).

אַ חסיד פון ר׳ אהרעלע קאַידענאָווער, וועלכער פלעגט האַנדלען אויף יאַרידען, איז איינמאָל, ערב אַ גרויסען יאַריד אין דאַנציג, שטאַרק קראַנק געוואָרען און די דאָקטוירים האָבען אים ניט געלאָזט אַרונטערגיין פון בעט. ער איז געווען איינער פון די גאַר חשוב׳ע חסידים און באַקאַנט אַלס גרויסער בעל־צדקה. אין דעם טאָג וואָס ער האָט געזאָלט אַרויספאָרען צום יאַריד איז דער רבי אים געקומען מבקר־חולה זיין און ער האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט פאַר אים אויף די גרויסע פאַרלוסטען וואָס ער וועט האָבען צוליב זיין אָפּוועזענהייט פון דעם יאַריד. „פאַרוואָס קומט עס מיר ?״ — האָט ער געפרעגט ביים רבי׳ן.

איידער דער רבי האָט נאָך צייט געהאָט אים צו געבען אַ תירוץ אויף זיין פראַגע איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז דער צוג איז אַראָפּ פון די רעלסען און פיל מענשען זענען געטויט אָדער פאַרוואונדעט געוואָרען. „זעהסטו״, האָט אים דער רבי געזאָגט, „ווארום אַ איד טאָר ניט מתרעם זיין און האָבען טענות צו ג׳ פאַר זיינע מעשים. „סוף מעשה במחשבה תחילה״ — אַז מען זעהט דעם סוף פון אַ געשעניש, דאַן ערשט פאַרשטייט מען וואָס איז געווען צוערשט אין זיין מחשבה. כדי דו זאָלסט געראַטעוועט ווערען פון אַן אומגליק האָט דיך ג׳ קראַנק געמאַכט און דו האָסט געמוזט פאַרבלייבען אין דער היים. דאָס אייגענטליך איז די כוונה פון דעם פסוק (אין היינטיגער הפטרה) „כי בראותו ילדיו מעשה ידי בקרבו יקדישו את שמי״ — ערשט נאָכדעם אַז יעקב׳ס קינדער וועלען זעהען דעם רעזולטאַט פון מיינע מעשים צווישען זיי וועלען זיי פאַרהייליגען מיין נאָמען.

דער נביא פאַרענדיגט היינטיגע הפטרה מיט אַ רוף צום בית־יעקב, צום אידישען פאָלק, און זאָגט אים: „לא עתה יבוש יעקב, ולא עתה פניו יחורו״ — זאָל איצט יעקב ניט פאַרשעמט ווערען און זאָל איצט זיין געזיכט ניט בלאַס ווערען. ווערט ניט אַנטמוטיג איבער אייער טרויעריגער לאַגע אין דער געגענוואַרט. דער היינט איז בלויז אַ הקדמה צו דעם מאָרגען, און דער מאָרגען וועט באַשטימט זיין אייערער. „בעולם הזה״ — אין דער געגענוואַרט געפינען זיך בלויז יחידים, געציילטע מענשען, וועלכע פאַרשטייען דעם באַדייט פון מיין נאָמען; אין דער צוקונפט אָבער, „לכל ישראל אני מודיע שמי״ — וועלען זיך אַלע אידען איבערצייגען אין דער גרויסקייט פון ג׳.

ה.

אַ נייער פרעה מיט נייע אָרדנונגען אין מצרים

ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף.

„דהוי דמי כמאן דלא ידע ליה כלל — התחיל בעצה תחילה לפיכך לקה תחילה", אַ נייער קעניג איז אויפגעשטאַנען איבער מצרים, וואָס האָט זיך גע־מאַכט ניט וויסענדיג פון יוסף'ן און אַלע זיינע אויפטואונגען. ער האָט צוערשט אָנגעפאַנגען מיט ראַטען זיינע אונטערטאַנען צו פאַרפאָלגען די אידען, און דאָס האָט געפירט צו זיין אייגענער מפלה (סוטה כ"א ע"א).

די פאַרשיידענע פרעה־דינאַסטיעס, וואָס האָבען דורך די יאָרען געהערשט אין מצרים, האָבען די אידען געלאָזט צורוה. זיי האָבען גוט געדענקט די גרויסע לייסטונגען פון יוסף'ן, וואָס האָט דאָס לאַנד געראַטעוועט אין אַ צייט פון גרויסען קריזיס און געמאַכט עס פאַר דער רייכסטער מדינה אין דער דעמאָלסטיגער וועלט. מצרים איז אונטער דער פעהיגער פאַרוואַלטונג פון יוסף'ן געוואָרען דער תבואה־שפייכלער פון אַלע לענדער אַרום. אירע איינוואוינער האָבען גע־מאַכט גרויסע געשעפטען און דער קעניגליכער הויף האָט זיך פשוט געבאָדען אין וואוילטאָג. „וישם אותה לחק עד היום הזה על אדמת מצרים לפרעה לחמש", יוסף האָט איינגעפירט אַ געזעץ, אַז פון דער גאַנצער פראָדוקציע פון מצרים זאָל פרעה קריגען אַ פינפטעל, און אַלע פרעה'ס פאַר יאָרען לאַנג האָבען זיך באַנוצט מיט דעם געזעץ און זיינען שטאַרק רייך געוואָרען.

די אידען, וואָס האָבען זיך צוערשט באַזעצט אין גושן אַלס „רועי־צאן", פיטערער פון שעפסען, האָבען זיך ביסלאַכווייז פאַרשפרייט איבערן לאַנד. „וישבו ויאחזו בה", זיי האָבען זיך באַזעצט און איינגעבירגערט אין איר. לויט דער טראַדיציע האָט זיך בלויז דער שבט לוי געהאַלטען ביי די לעהרען פון די אָבות. די איבעריגע שבטים אָבער האָבען זיך איינגעלעבט אין לאַנד, נאָכגעטאָן זייערע אַרומיגע שכנים און זאָגאַר מיט זיי געזונקען צו די „מ"ט שערי טומאה", צו דער נידעריגסטער מדרגה פון דעזערטירונג און אַסימילאַציע. „ותמלא הארץ אותם", דאָס לאַנד איז פול געוואָרען מיט זיי, „קרקסאות ותיאטריות נתמלאו מהם", אַלע צירקען און טעאַטערס זיינען פול געוואָרען מיט אידען (ילקוט שמעוני), און מיט זייער שטופען זיך איבעראַל, „ויקוצו מפני בני ישראל", האָבען

זיך די גויים אנגעפאַנגען פילען פאַרדרענגט צוליב די אידען. „היו בעיניהם כקוצים” — זיי זיינען געוואָרען ווי דערנער אין זייערע אויגען (סוטה י״א).

„ויקם מלך חדש על מצרים”, עס איז אָבער אויפגעשטאַנען אַ נייער קעניג אויף מצרים, אַ דעספּאָטישער פּרעה, וואָס האָט געזוכט איינצופירען אַ נייע אָרדענונג, וועלכע זאָל אים קרוינען אַלס דער אַלמעכטיגער הערשער פון זיין צייט. ווי אַלע אַנדערע דעספּאָטישע דיקטאַטאָרען אין דער געשיכטע, האָט זיך אויך פּרעה איינגערעדט, אַז ער באַזיצט איבערמענשליכע כחות, און קאָן טאָן וואָס ער וויל. די אומבאַגרעניצטע מאַכט, וואָס ער האָט אַריינגעקראָגען, האָט אים געפירט צו דענקען, אַז ער שטייט העכער פון אַלע געטער. ער באַרימט זיך: „לי יאורי ואני עשיתיו”, — צו מיר באַלאַנגט דער טייך נילוס, איך האָב אים געשאַפען (שמו״ר י׳). ער נעמט זיך דעם קרעדיט פאַר דער פּראָספּעריטי פון לאַנד און די אמונות און גלויבענס פון אַנדערע איז ער מבטל און זוכט זיי אָפּצוראַמען פון וועג.

זיין נייע אָרדענונג פּראָקלאַמירט ער מיט דעם „הבה נתחכמה”, מען דאַרף זוכען עצות ווי צו אונטערדריקען און פאַרשקלאַפען די אידען. זיינע „חרטומים”, די „געבעלסעס” און ״גערינגס״ פון זיין צייט איינסטרואירט ער צו העצען די עגיפּטער קעגען די אידען און צו פאַר׳סמ׳ען זייערע מוחות מיט דעם „הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו”, דאָס אידיש פאָלק איז גרויס און שטאַרק און זיין רייכטום קומט „ממנו”, פון אונז. די אידען פאַרכאַפּען אַלע צווייגען פון אינדוסטריע און האַנדעל און באַשווינדלען די איבעריגע איינוואוינער פון לאַנד. זייערע פּראָפעסיאָנאַלען און געלערנטע האָבען פאַרנומען די בעסטע פּאָזיציעס און די אמת׳ע אַריער, די עגיפּטער, ווערען פון זיי פאַרדרענגט און אַרויסגעשטויסען.

אָט די גיפטיגע פּראָפּאַגאַנדע האָט אַ טייוועלשע ווירקונג, און עס הויבט זיך אָן אַ סדרה פון רדיפות און פאַרפאָלגונגען קעגען די אידען. צוערשט באַשליסט מען צו מאַכען נייע געזעצען, וואָס זאָלען באַשרענקען און באַגרעניצען זייערע רעכט אַלס בירגער. „וישימו עליו שרי מסים למען ענותו בסבלותם”, מען לייגט אויף זיי אַרויף באַזונדערע שטייערען און מען באַשטימט אויך ספּעציעלע טעקס־קאָלעקטאָרס צו פּייניגען זיי אין זייער שווערער אַרבייט. די האַרעוואַניע פון דעם אידען גייט לאיבוד. ער אַרבייט שווער, אָבער עס שטעלט זיך אים גאַנץ ווייניג אָפּ פון זיין מיה. די הויכע שטייערען וואָס מען לייגט אויף אים אַרויף, פאַרצערען אַלץ. אויסער די שטייערען וואָס מען מוז צאָלען

דער רעגירונג, מוז מען אויך „שמירען" און אונטערקויפען די „שרי מסים", וועלכע שינדען די הויט און לאָזען דעם אָטעם ניט אָפּכאַפּען (שמו"ר ב׳).

אָבער די שלעכטע עצות קעגען די אידען, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפאַנ־גען זיין הערשאַפט, דערנענטערען זיין אייגענע מפּלה. דער איד איז פון דער נאַטור אַן „עם קשה עורף", אַ האַרטנעקיג פאָלק. מיט פרייהייט און פריינטשאַפט קאָן מען אים נאָך אַמאָל אָראָפּפירען פון וועג. דריקט מען אים אָבער, שטאַרקט זיך אין אים דער אידישער גייסט און האַלט אים געשלאָסען מיט זיין ג׳. „וכאשר יענו אותו — רוח הקודש מבשרתן — כן ירבה וכן יפרוץ, וואָס מער מען פיי־ניגט אים, אַלץ מער שרייט אַרויס זיין הייליגער גייסט: איך וועל זיך מערען און שטאַרקען און אייך איבערלעבען (סוטה י"א).

הפטרה

מיט וואָס דער שונא שלאָגט דעם אידען ווערט ער געשלאָגען

הכמכת מכהו הכהו.

„רבי יהודה אומר במקל שהכו המצריים את ישראל בו לקו. רבי נחמיה אומר באספטי שהכו המצריים את ישראל בו לקו", ר׳ יהודה זאָגט, אַז מיט דעם זעלבען שטעקען, וואָס די עגיפּטער האָבען געשלאָגען די אידען, זיינען זיי אַליין געשלאָגען געוואָרען. ר׳ נחמיה זאָגט, אַז מיט דעם זעלבען שווערד, וואָס די עגיפּטער האָבען געשלאָגען די אידען, זיינען זיי אַליין געשלאָגען געוואָרען (ילקוט שמעוני).

די „הבה נתחכמה" קאָנפערענץ, וואָס דער נייער פּרעה האָט איינגערופען צו באַהאַנדלען די אידען־פראַגע, האָט אָנגעגעבען צוויי דערקלערונגען, וואָרום די נייע רעגירונג פאַרנעמט זיך איינצופירען דיסקרימינאַציעס און ספּעציעלע געזע־צען קעגען די אידען, איינע אַן עקאָנאָמישע און די צווייטע אַ פּאָליטישע. און ווי דער שטייגער איז, הויבט זיך עס אָן מיט העצעס: „הנה עם בני ישראל רב ועצום", — די אידען זיינען גרויס, די אידען זיינען רייך און אַלץ וואָס זיי פאַר־מאָגען קומט „ממנו", פון אונז. זיי קאָנקורירען מיט די אָרימע עגיפּטער אויף אַלע געביטען פון הכנסה. זייערע באַנקירען באַהערשען די אינדוסטריע פון לאַנד. זייערע פּראָפעסיאָנאַלען פאַרכאַפּען די בעסטע פּאָזיציעס און מיר ווערען באַ־

שווינדעלט און באַרויבט פון זיי. מיר מוזען גלייך אָננעמען דראַסטישע מיטלען זיי צו באַקעמפּפען, אויב מיר ווילען ניט אינגאַנצען עקאָנאָמיש רואינירט ווערען.

אויסער דעם שטייט אונזער לאַנד אין אַ פּאָליטישער געפאַר. „כי תקראנה מלחמה ונוסף גם הוא על שונאינו ונלחם בנו" — אויב א מלחמה זאָל אויסברע־כען, וועלען זיי צושטיין צו אונזערע שנאים און אונז באַקעמפען. זייערע אינטער־נאַציאָנאַלע באַנקירען, ווי אויך זייערע ראַדיקאַלע פירער זוכען שוין פון לאַנג צו שטירצען די מלוכה און פאַרכאַפּען די הערשאַפט פון לאַנד.

צו פאַרהיטען אַן עקאָנאָמישען קריזיס, מוז מען אויף די אידען אַרויפלייגען ספּעציעלע שטייערען. מען מוז זיי באַשרענקען אויף שריט און טריט, „למען ענותו", אום זיי אָרעם צו מאַכען. און כדי צו באַוואָרענען דאָס לאַנד קעגען אַ פּאָליטישען צוזאַמענברוך, מוז מען זיי פאַרשקלאַפען און נעמען אויף צוואַנגס־אַרבייט צו בויען „ערי מסכנות לפרעה" — גרויסע און שטאַרקע שטעט פאַר דער רעגירונג.

די העצעס קעגען די אידען פון פּרעה׳ס הענקמען מאַכען אַ רושם. דער המון פאַרגעסט וואָס דער איד „יוסף" האָט פאַר זיי אויפגעטאָן; אַז ער האָט זייער לאַנד געראַטעוועט פון דעם שרעקליכען הונגער און עס גרויס און רייך געמאַכט. דער איד ווערט דער „שעיר לעזאזל" פאַר אַלע שוועריגקייטען, וואָס קומען פאַר אין דער מדינה און זיין לאַגע ווערט ביטערער פון טאָג צו טאָג.

אָבער „הכמכת מכהו הכהו" — מיט וואָס דער שונא שלאָגט דעם אידען, ווערט ער אַליין געשלאָגען. פּרעה, מיט זיינע אַנטיסעמיטישע ראַטגעבער, ברענ־גען אַ סך אומגליקען אויפן לאַנד. אַ רייע עפּידעמיעס, איינע גרעסער און מורא׳־דיגער פאַר דער צווייטער, האָבען אויסגעבראָכען אין משך פון אַ קורצער צייט. פיל מענשען זיינען אויסגעשטאָרבען; חיות, בהמות און עופות זיינען געפאַלען ווי די פליגען; די פעלדער זיינען געשטאַנען לער און פאַרטריקענט, און דאָס גאַנצע לאַנד איז שטאַרק פאַראָרימט געוואָרען. „במקל שהכו המצריים את ישראל בו לקו" — מיט דעם זעלבען עקאָנאָמישען שטעקען, וואָס זיי האָבען געשלאָגען די אידען, זיינען זיי אַליין געשלאָגען געוואָרען. דאָס לאַנד איז עקאָנאָמיש רואינירט געוואָרען.

די מצריים האָבען שטאַרק געליטען און האָבען אָנגעפאַנגען פּראָטעסטירען. זיי האָבען זיך באַקלאָגט: „הטרם תדע כי אָבדה מצרים" — ווייסטו דען ניט, אַז מצרים איז פאַרלוירען? אַז דאָס לאַנד ווערט אָרימער פון טאָג־צו־טאָג און וועט באַלד צוזאַמענברעכען? פּרעה׳ס ראַטגעבער אָבער, וועלכע האָבען אים

געהאָלפען צו פאַרכאַפּען די מאַכט, מאַכען שווער זיין האַרץ קעגען די אידען. כדי איינצושטילען דאָס פאָלק, זוכט מען אים איינצורײדען, אַז פרעה באַזיצט געטליכע כוחות און אַז ער וועט באַלד ברענגען גליק פאַר דער גאַנצער אָרימער מאַסע. „האָט צוטרוי צו אייער פירער", האָבען זיי געהאַלטען אין איין שרייען, „און ער וועט צוריקברענגען די שפע אין לאַנד".

„באספטי שהכו המצריים את ישראל בו לקו" — מיט דער שווערד, וואָס די מצריים האָבען געשלאָגען די אידען, זיינען זיי אַליין געשלאָגען געוואָרען. די גרויזאַמע פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען, וואָס פרעה מיט זיינע ראַטגעבער האָבען איינגעפירט קעגען אידען, האָבען ענדליך דערפירט דאָס לאַנד צו אַ פּאָליטישער קאַטאַסטראָפע. די אידען ווערען פאַרטריבען פון לאַנד און פרעה מיט זיינע חיילות יאָגען זיי נאָך. אַ גרויסע שלאַכט ברעכט אויס און מצרים כאַפּט די גרעסטע מפלה אין איר געשיכטע. פון דאַן אָן הויבט זי אָן צו פאַלען פּאָליטיש און ענדליך פאַרלירט זי איר זעלבסטשטענדיגקייט.

און דער פּראָצעס פון „כמכת מכהו הכהו" האַלט אָן דורך דער גאַנצער לענג און ברייט פון אידישען גלות. אַלע פעלקער, וואָס האָבען גע'רודפ'ט דעם אידען און אים געדריקט פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, האָבען ענדליך געהאַט דעם זעל־בען סוף. אַזוי איז געוועזען מיט אשור, בבל, שפּאַניע און אַנדערע, און אַזוי וועט אויך זיין מיט די איצטיגע ווילדע פעלקער, וואָס האָבען דערפירט די וועלט צו דער שרעקליכסטער מלחמה אין דער געשיכטע. זיי האָבען אָנגעפאַנגען דעם טייפעל־שפּיל מיט פאַרניכטען די אידען און דער סוף וועט זיין, אַז זיי אַליין וועלען פאַרניכטעט ווערען.

וארא

א.

די באַדייטונג פון דעם אויבערשטענ'ס נאָמען

ושמי ה' לא נודעתי להם.

„ולמה גלה למשה? על שהלך לגאול את ישראל" — פאַרוואָס האָט כביכול אַנטדעקט זיין נאָמען צו משה'ן און ניט צו די אָבות? ווייל ער איז געגאַנגען באַפרייען די אידען (מדרש תנחומא).

ביים באַרג חורב, ווען דער אויבערשטער האָט אים אָנפאַרטרויט מיט דער גרויסער מיסיע צו פאָדערען פון פרעה'ן, אַז ער זאָל באַפרייען די אידען און זיי אַרויסלאָזען פון מצרים, האָט משה פאַרלאַנגט, ער זאָל אים אַנטדעקען זיין אמת'ן נאָמען. ער האָט אַליין פריהער געוואָלט זיין איבערצייגט אין דער דורכפירבאַרקייט פון זיין אויפגאַבע, ווייל ער האָט זיך געשראָקען, אַז די אידען וועלען אים ניט גלויבען און ניט געבען די ריכטיגע שטיצע, וואָס פאָדערט זיך פאַר אַזאַ שווערער אונטערנעמונג.

פאַר דעם פאָליטישען טייל פון דער מיסיע האָט ער זיך ווייניג געקימערט. מיט פרעה'ן וועט ער שוין ווי עס איז דורכקומען. ער האָט זיך דאָך געהאָדעוועט אין קעניגליכען הויף, און ביז ער איז געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד, איז ער געווען דער הויפט פאַרוואַלטער פון פרעה'ס אינטערעסען (שמ"ר). ער איז געווען גוט באַקאַנט אין די דרכים פון די דיפּלאָמאַטישע קרייזען און איז געווען זיכער, אַז ער וועט שוין געפינען אַ וועג, ווי צו איבערצייגען פרעה'ן אין זיינע גערעכטע פאָדערונגען און אים געווינען אויף זיין זייט.

וואָס זאָל ער אָבער טאָן מיט די אידען? ער האָט שטאַרק געצווייפעלט אויב אויך זיי פאַרשטייען די וויכטיגקייט פאַר זייער פאָלק צו ווערען פריי און זעלבסט־

שטענדיג, אויב אויך זיי ווילען באמת באפרייט ווערען און פארלאזען דאס לאנד מצרים, וואו זיי האבען זיך איינגעבירגערט און צעריסען אלע בענדער, וואס האבען זיי פארבונדען מיט זייער אייגען לאנד כנען? ער האט זיך געשראקען, דאס מיט זייער אנטיפאטיע צו זייער אייגענער נאציאנאליטעט און בלינדער געטריישאפט צו דעם לאנד פון זייער גלות זאלען זיי נאך ניט שווער מאכען די הארץ פון פרעה'ן און זיינע ראטגעבער.

רבי יצחק ווארקער, ע"ה, ברענגט ארויס א וואונדערבארען געדאנק פון דעם פסוק: „הן בני ישראל לא שמעו אלי, ואיך ישמעני פרעה, ואני ערל־שפתים" — ער טייטשט דעם פסוק אזוי: אז די אידען הערען מיך ניט, קאן איך נאך אויף זיי מלמד זכות זיין, ווייל זיי דענקען אז פרעה וועט ניט וועלען זיי באפרייען און מיין מיען זיך וועט זיי שאדען טאן. „ואיך", ווי וועט אבער זיין, אז „ישמעני פרעה", אז פרעה וועט זיך צו מיר יא צוהערען און זאגען, נעם דיר דיינע אידען און פארלאז דאס לאנד; וואס וועל איך דאן טאן, אויב די אידען וועלען ניט וועלען? פרעה יא און די אידען ניט. — „ואני ערל־שפתים", בלייב איך דאך ממש חלילה אהן לשון".

משה האט געפאדערט צו וויסען די אמת'ע באדייטונג פון ג'ס נאמען, ווייל ער האט געזוכט א מיסטעריעזען כח, מיט וועלכען ער זאל קאנען איבערוועלטיגען און באזיגען דעם „קוצר רוח", די נאציאנאלע געמיטלאזיגקייט, וואס האט געערשט צווישען די אידען אין מצרים. ער געדענקט, דאס מיט יארען צוריק, אז „ויצא אל אחיו", ווען ער איז ארויס פון קעניגליכען הויף, זיך צו באקענען מיט דער לאגע פון זיינע ברידער, און „וירא בסבלותם", ער האט געזעהן ווי שווער זיי ארבייטען און ווי שרעקליך זיי ווערען אונטערדריקט פון די מצרים, האט ער אנגעפאנגען זוכען מיטלען, ווי צו פארלייכטערען זייער טרויעריגע לאגע.

„ויפן כה וכה", ער האט זיך געקערט אהער און אהין, האט באזוכט פילע פון זייערע פירער און ווארט־געבער, אבער „וירא כי אין איש", ער האט ניט געפונען מיט וועמען צו ריידען. „ראה שאין ביניהם גבר בגוברין, ואין מהם שם על לב צרת אחיו" — ער האט איינגעזעהן, אז צווישען זיי געפינט זיך ניט אן אנערקענטע פערזענליכקייט, וואס זאל זיך קימערען פאר דער לאגע פון זיינע ברידער (הכתב והקבלה). און מיט גרויס ווייטאג האט ער דאן געזאגט צו די אידען: „אתם משולים כחול שאדם נוטלו מכאן ונותנו בכאן ואין קולו נשמע", איר זייט געגליכען צו זאמד, וואס איינער קאן ווארפען פון איין ארט צום צווייטען, און ער לאזט זיין שטימע ניט הערען (מדרש תנחומא). איר לאזט זיך טרעטען

פון יעדען, איר פאַרשוויגט די אַלע פאַרפאָלגונגען קעגען אייך, ווייל איר האָט פאַרלאָרען דעם חוש פון פרייהייט און זעלבסט־רעספעקט.

איצט, אַז דער אויבערשטער שיקט אים מיט דער זעהר פאַראַנטוואָרטליכער שליחות, צו גייך באַפרייען די אידען, וויל ער זיין באַוואָפענט מיט אַלע נויטיגע פאַרשפּרעכונגען, אַז ער וועט אים העלפען. און דער אויבערשטער ענטפערט אים: „אני ה׳", מיין ריכטיגער נאָמען באַשטייט פון די פיר אותיות „יוד הא ואו הא", און זיין באַדייטונג איז: „אייביגע עקזיסטענץ". דו קאָנסט עס פאַרשטיין, אויב דו זאָלסט זיך פאַרטיפען אין דער פראַגע פון דער אידישער עקזיסטענץ, ווען נאָך אַזאַ לאַנגען און שווערען גלות, טראָץ אַלע צרות און אומגליקען, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט דורכצומאַכען, איז עס דאָך געבליבען לעבען.

„אַז איך האָב זיך געוויזען צו אברהם, יצחק און יעקב, — זאָגט ג׳ צו אים ווייטער, — האָב איך גערעדט צו זיי אין נאָמען פון „אל" און „שדי", אָבער „ושמי ה׳ לא נודעתי להם" — מיט מיין נאָמען פון „יוד הא ואו הא" האָב איך זיך צו זיי ניט געלאָזט דערקענען. דו אָבער, וואָס גייט באַפרייען די אידען, זאָלסט עס וויסען, ווייל ערשט איצט קאָנסטו באַגרייפען דעם גרויסען געטליכען כח, וואָס האָט דעם פאָלק געגעבען מוט און אויסדויער צו קאָנען דורכטראָגען די שרעקליכע רדיפות און פאַרפאָלגונגען, און דער זעלבער כח וועט זיי אויך ברענגען זייער גאולה.

„וידעתם כי אני ה׳ אלקיכם המוציא אתכם מתחת סבלות מצרים", איר וועט דאַן וויסען, אַז איך בין אייער ג׳, וואָס האָט אייך באַפרייט פון אונטער דעם דרוק פון מצרים. דער „חדושי הרי"ם" פרעגט: וואָרום שטייט ניט „המוציא אתכם ממצרים", וואָס באַדייטען די ווערטער „מתחת סבלות מצרים"? און ער דערקלערט עס בדרך משל: „אַ בן־מלך האָט פאַרלאָזען זיין פאָטער׳ס הויז און פאַר יאָרען־לאַנג האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט מיט אַ באַנדע בעטלער. מיט יאָרען שפּעטער האָט זיך זיין פאָטער אויף אים מרחם געווען און געשיקט מענשען אים צו העלפען. אויף זייער פראַגע, וואָס ער פאַרלאַנגט און וואָס ער דאַרף האָבען, האָט ער געענטפערט: „קויפט מיר אַ נייע בעטעל־טאָרבע".

„אויך מיר אידען — פירט אויס דער „חדושי הרי"ם" — זיינען שוין אַזוי טיף פאַרזונקען אין גלות, אַז גאַנץ אָפט דערגרייכען אונזערע השגות ניט ווייטער, ווי מתפלל צו זיין אויף אַ נייער טאָרבע... מיר פילען שוין ניט, אַז חוץ אַ בעטעל־טאָרבע, אַז חוץ באַפרייט צו ווערען פון די „סבלות מצרים", זיינען אויך נאָך פאַראַן אַ סך העכערע זאַכען, וועלכע פעהלען אונז אין פינסטערען גלות".

הפטרה

באַפרייאונג און אַ היימלאַנד

וידעו כי אני ה׳ אלקיהם.

„נסים ונפלאות שאני עתיד לעשות עם הבנים גדולים יותר מהנסים והנפלאות שעשיתי עם אבות״ — די נסים און וואונדער, וואָס איך בין גרייט צו טאָן מיט די קינדער, זיינען פיל גרעסער פאַר די נסים און וואונדער, וואָס איך האָב געטאָן מיט די עלטערן (ילקוט שמעוני, בשלח).

אין דער היינטיגער הפטרה שילדערט דער נביא יחזקאל די צווייטע גרויסע מפלה, וואָס מצרים וועט האָבען צוליב זייער שלעכטער האַנדלונג קעגען די אידען. ווען נבוכדנצר דער קעניג פון בבל האָט דערקלערט קריג קעגען יהודה, האָט דער דעמאָלסטדיגער פרעה לכתחילה פאַרשפּראָכען צו העלפען די אידען, אָבער ער האָט זיין וואָרט ניט געהאַלטען און האָט זיי נאָך פאַרראַטען. דער נביא זעהט פאָראויס אַ שרעקליכען סוף פאַר מצרים, וועלכע וועט חרוב ווערען, „ונטשתיך המדברה״, און וועט פאַרוואָרפען ווערען אין דער מדבר. די אורזאַך, וואָרום גאָט טראָגט אַזאַ שטאַרקען כעס אויף די עגיפּטער איז: „יען היותם משענת קנה לבית ישראל״, ווייל זיי זיינען געוועזען פאַר ישראל אַ שטעקען פון ראָר, וואָס בויגט זיך אַהער און אַהין. צוערשט האָבען זיי איינגערעדט דעם מלך פון יהודה, ער זאָל צושטיין צו די אַליאירטע פעלקער, וואָס פאַרנעמען זיך צו באַקעמפען דעם דעספּאָט פון בבל, און האָבען פאַרשפּראָכען צו שיקען גרויסע אַרמייען אָפּצוהאַלטען זיין אַנגריף אויף ארץ ישראל. זיי האָבען זייערע הבטחות ניט מקיים געווען, און אַנשטאָט צו העלפען די אידען, האָבען זיי געגעבען די מערדערליכע חיילות פון נבוכדנצר אַ פרייע האַנט צו טאָן מיט די אידען וואָס זיי ווילען. דאָס האָט געפירט צו דעם ערשטען חורבן פון ארץ ישראל און דעם בית־המקדש.

עס איז ווערט צו באַמערקען, אַז ביידע, אי די סדרה, וואָס גיט איבער די ערשטע גרויסע מפלה פון מצרים אי די הפטרה, וואָס דערציילט פון דער צווייטער גרויסער מפלה, פאַנגען זיך אָן מיט דער דערקלערונג, אַז נאָך די מפלות וועלען אַלע וויסען די ריכטיגע באַדייטונג פון ג״ס נאָמען.

רבי יצחק יעקב ריינעס ז״ל מאַכט אַן אונטערשייד פון דער דערוואַרטעטער גאולה און די גאולה פון מצרים. ער זאָגט: „די קומענדע גאולה וועט זיין גאַנץ אַנדערש פון די פריערדיגע גאולות. דאַן זיינען די אידען געווען ווי געפאַנגענע אין איין מדינה, וועלכע האָט זיי ניט געוואָלט אַרויסלאָזען. דער עיקר פון דעם

אידישען גלות אין מצרים איז באַשטאַנען אין דעם „מאן לשלח את העם" — ניט וועלען אַרויסלאָזען דאָס פאָלק. דיזער באַשלוס ווערט איבערגע'חזר'ט נאָך יעדער מכה, מיט וועלכע ג' האָט זיי באַשטראָפט. טראָץ די גרויסע אומגליקען, וואָס זיינען באַפאַלען דאָס לאַנד, האָט זיך פרעה געהאַלטען ביי זיינס „ולא אבה לשלחם", ער האָט זיך אַנטזאָגט צו באַפרייען די אידען און זיי דערלויבען צו פאַרלאָזען מצרים. דערפאַר איז דער הויפּט נס פון דער גאולה געווען „יציאת מצרים", דאָס אַרויסנעמען די אידען פון מצרים". און אַזוי ווערט טאַקע די גאולת מצרים באַצייכענט אין דער טראַדיציע: „זכר ליציאת מצרים", אַלע אונזערע היסטאָרישע פייערטעג זיינען אַן אָנדענק פון דעם אַרויסגיין פון מצרים.

„דער איצטיגער גלות אָבער קומט ניט פון דעם, וואָס מען וויל אונז ניט אַרויסלאָזען פון די פרעמדע לענדער. אדרבא, די פעלקער, צווישען וועלכע מיר וואַלגערען זיך איצט, וואָלטען גערן געוואָלט, אַז מיר זאָלען זייערע לענדער פאַרלאָזען. דער עיקר פון דעם איצטיגען גלות באַשטייט פון דעם, וואָס מיר האָבען קיין אָרט ניט וואוהין צו גיין, וואו צו באַזעצען זיך. דערפאַר וועט דער הויפּט פונקט פון דער דערוואַרטעטער גאולה מוזען זיין דער „ישוב הארץ", צונויפצונעמען די אידען פון אַלע לענדער און זיי ברענגען „אל המנוחה ואל הנחלה", אין זייער אייגען היים, אין ארץ ישראל" (ספר הערכים פ' גלות וגאולה).

און די נסים, וואָס וועלען געשעהן מיט די אידען ביים „ישוב הארץ", וועלען זיין פיל מער און גרעסער, ווי די נסים ונפלאות, וואָס איז מיט זייערע עלטערען געשעהען ביי יציאת מצרים. איידער פרעה האָט צוגעשטימט אַרויסצולאָזען די אידען פון לאַנד, האָט זיין פאָלק געמוזט דורכמאַכען אַ שיין ביסעל יסורים, וועלכע האָבען פאַראַרימט די באַפעלקערונג און רואינירט מצרים עקאָנאָמיש און פּאָליטיש. אויך איידער די ענטגילטיגע גאולה וועט קומען וועלען פאַרקומען גרויסע וועלט־איבערקערענישען. „וישבו לבטח, בעשותי שפטים בכל השאטים אותם מסביב" — די אידען וועלען זיך באַזעצען זיכער אויף זייער לאַנד נאָכדעם, אַז איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט אַלע די, וואָס האָבען זיי פאַראַכטעט און גע־דריקט.

איידער משה איז געגאַנגען באַפרייען די אידען, האָט ער געוואָלט וויסען די ריכטיגע באַדייטונג פון גב"ה'ס נאָמען, כדי ער זאָל קאָנען באַוועגען די אידען אים צו העלפען אין דער באַפרייאונגס־אַרבייט. דאָס איז איבּ ניט לייכט אָנגע־קומען, ווייל „לא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה" — זיי האָבען זיך

ניט צוגעהערט צו משה׳ן צוליב דעם קורצען געמיט און שווערער ארבייט. אין דעם איצטיגען גלות איז אט די ארבייט צו באוועגען די אידען, זיי זאלען ווערען פריי ווערען, נאך א שווערערע. אין מצרים האבען זיי געוואוינט אין איין לאנד, גערעדט דיזעלבע שפראך און דער נס זיי צו באקערען צו דער באפריי־אונגס־באוועגונג איז ניט געווען אזוי גרויס. איצט אבער זיינען די אידען צע־שפרייט איבער אלע שבעה ימים און עס איז זעהר שווער מיט זיי זיך צוזאמענ־צורייידען. איצט וועט דער נס זיין פיל גרעסער. „בקבצי את בית ישראל מן העמים אשר נפצו שם וישבו על אדמתם״ — אז איך וועל צוזאמענזאמלען אלע אידען פון צווישען די פעלקער, וואו זיי זיינען צעשפרייט, און זיי וועלען זיך באזעצען אויף זייער לאנד, וועלען אלע וויסען, אז איך בין זייער ג׳, פאר וועמען קיין זאך איז ניט צו־שווער.

ב.

דער גיפטיגער שלאנג פון אידענהאס

והמטה אשר נהפך לנחש תקח בידך.

„מכל הבריות שברא הקב״ה לא מצא חכם להרע כנחש, שנאמר והנחש היה ערום מכל חית השדה״ — פון אלע באשעפענישען, וואס ג׳ האט באשאפען, האט ער ניט געפונען א גרעסערען חכם אויף שלעכטס, ווי דער שלאנג, ווי עס ווערט געזאגט אין דער תורה: און דער שלאנג איז געווען קליגער פאר אלע חיות פון פעלד (פדר״א פי״ג).

אכציג יאר צייט האט יוסף אנגעפירט מיט דער עקאנאמישער פארוואלטונג פון מצרים. אט־די יארען זיינען געווען די גליקליכסטע אין דער געשיכטע פון לאנד. מצרים איז אונטער דער פעהיגער פארוואלטונג פון יוסף׳ן געווארען א תבואה־שפייכלער פאר אלע ארומיגע לענדער. „כל כסף וזהב שבעולם לקט יוסף והביאם מצרימה״ — דאס גאנצע זילבער און גאלד פון דער אריענטאלי־שער וועלט האט יוסף אויפגעקליבען און געבראכט נאך מצרים (פסחים קי״ט). דער גרויסער הונגער, וואס האט יארענלאנג געהערשט, האט געטריבען אלע לענדער נאך מצרים צו קויפען שפייז, און פרעה׳ס רעגירונג האט געטאן וואונ־דערבארע געשעפטען.

יוסף׳ס פּלענער האָבען געבראַכט גרויסע שינויים אין לאַנד. היפּשע טיילען פון דער באַפעלקערונג זיינען איבערגעזידעלט געוואָרען פון איין טייל לאַנד צו אַ צווייטען. די גאַנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער מדינה איז דורך זיין פאַר־וואַלטונג איבערגעבויט געוואָרען. די ערד איז געוואָרען דאָס אייגענטום פון דער רעגירונג. „ויקן יוסף את כל אדמת מצרים לפרעה״ — יוסף האָט אָפּגעקויפט די גאַנצע ערד פון מצרים פאַר דער רעגירונג און זי איז געוואָרען דאָס אייגענ־טום פון דעם פאָלק און ניט פון יחידים, וועלכע האָבען געדריקט דעם אָרימען המון. דאָס לאַנד איז נאָכדעם פאַרטיילט געוואָרען צו די ערד־אַרבייטער, וועל־כע האָבען געקראָגען פיר־פינפטעל פון דער פראָדוקציע, און איין פינפטעל האָט געהערט צו דער רעגירונג, אַלס אַ פאַרזיכערונגס־פאָנד קעגען הונגער־יאָרען. אָט־די נייע סאָציאַלע איינפירונג האָט אויפגעלעבעט דאָס לאַנד און האָט אויך פאַרשאַפט דער רעגירונג אַלע נויטיגע הוצאות, כדי צו קאָנען אַנטוויקלען איר אינדוסטריע און פּראָדוקציע.

אויסער יוסף׳ן האָבען אויך זיינע ברידער און זייערע קינדער פיל בייגע־שטייערט צו דעם עקאָנאָמישען וואוקס פון מצרים. ווי באַוואוסט, זיינען יעקב מיט זיינע קינדער ניט געקומען קיין מצרים מיט ליידיגע. זיי זיינען ניט געווען קיין אָרימע אימיגראַנטען. „ויקחו את מקניהם ואת רכושם אשר רכשו בארץ כנען ויבאו מצרימה״ — זיי האָבען מיטגענומען זייערע פי און זייער גאַנצען פאַרמעגען, וואָס זיי האָבען אָנגעזאַמעלט אין כנען, און עס געבראַכט קיין מצרים. לויט אונזערע חז״ל, איז דער פאַרמעגען זייערער געווען אַזוי גרויס, אַז פרעה האָט זיך באמת דערפרייט מיט זייער באַזעצען זיך אין מצרים און האָט אָנגעבאָטען יוסף׳ן: „במיטב הארץ הושב את אביך ואת אחיך״ — אין די בעסטע טיילען פון לאַנד קאָנסטו באַזעצען דיין פאָטער און דיינע ברידער. און אַזוי איז טאַקע געווען: „וישבו ויאחזו בה״ — זיי האָבען זיך באַזעצט און איינגעבירגערט אין לאַנד און געווידמעט זייערע כחות פאַר מצרים.

די פאַרשיידענע פרעה׳ס פון דער היקסאָס דינאַסטיע, וועלכע האָבען דורך די יאָרען געהערשט איבער מצרים, האָבען די אידען געגעבען פולשטענדיגע פרייהייט, און פיל פון זיי זיינען געוואָרען „פטרונים ויש להם עושר וכבוד״ — הויכע באַאַמטע, וועלכע זיינען געווען רייך און באַרימט (ילקוט שמעוני). ווי דער שטייגער אָבער, האָבען די אידען אַביסעל איבערגעכאַפּט די מאָס: „ותמלא הארץ אותם״ — דאָס לאַנד איז פול געוואָרען מיט זיי, „קרקסאות ותיאטריות נתמלאו מהם״ — אַלע צירקען און טעאַטערס זיינען פול געוואָרען מיט אידען.

און מיט זייער שטופּען זיך איבעראַל, „ויקוצו מפני בני ישראל" — האָבען זיך די גויים אָנגעפּאַנגען פילען פאַרדרענגט צוליב די אידען, „היו בעיניהם כקוצים" — זיי זיינען געוואָרען ווי דערנער אין זייערע אויגען (סוטה י"א). דער גיפטיגער שלאַנג פון אידענהאַס האָט גענומען וואַקסען צווישען די מצריים.

„ויקם מלך חדש על מצרים" — אַ נייע דינאַסטיע האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגען דער ממשלה פון מצרים. דער ווילדער דעספּאָט „רעמסס" האָט געזוכט צו פאַרכאַפּען דעם טראָן, און זיין ערשטער אַרויספּאַר איז געווען „אשר לא ידע את יוסף" — ניט צו אָנערקענען די גרויסע לייסטונגען פון יוסף'ן און מאַכען צו קליינגעלט אַלע אידישע ביישטייערונגען צו דער אַנטוויקלונג פון מצרים. ער האָט אויסגענוצט די קנאה, וואָס מאַנכע האָבען געפילט צו די אידען, אַלס אַ מיטעל צו פאַרשפּרייטען פאַרטייען־האַס אין לאַנד. זיינע „חרטומים" און ראַטגעבער האָבען גענומען העצען דאָס פאָלק קעגען די אידען.

איבערהויפּט האָבען זיי געשראָקען דאָס פאָלק פאַר אַ פּאָליטישער געפאַר: „כי תקראנה מלחמה ונוסף גם הוא על שונאינו ונלחם בנו" — אויב אַ מלחמה זאָל אויסברעכען, וועלען זיי צושטיין צו אונזערע שונאים און אונז באַקעמפען. די אידען זיינען קיינמאָל ניט געטריי די לעגדער, וואו זיי וואוינען. זייערע ראַדיקאַלע פירער און באַנקירען זוכען שוין פון לאַנג צו שטירצען די מלוכה און כאַפּען די הערשאַפט פון לאַנד. צו פאַרהיטען פון אַן עקאָנאָמישען קריזיס, מוז מען אויף די אידען אַרויפלייגען ספּעציעלע שטייערען. מען מוז זיי באַשרענקען אויף שריט און טריט, „למען ענותו", כדי זיי אָרים צו מאַכען. און כדי צו באַוואָרענען דאָס לאַנד קעגען אַ פּאָליטישען צוזאַמענברוך, מוז מען זיי פאַרשקלאַפען און נעמען אויף צוואַנגס־אַרבייט צו בויען „ערי מסכנות לפרעה", גרויסע און שטאַרקע שטעט פאַר דער רעגירונג.

די גיפטיגע פּראָפּאַגאַנדע קעגען די אידען האָט געהאַט איר טייוועלשע ווירקונג. די עגיפּטער, איבערהויפּט די יוגענט, זיינען אָנגעשטעקט געוואָרען מיט אַ פוסטען נאַציאָנאַלען שטאָלץ, וואָס האָט געאָטעמט מיט האַס קעגען אַלע מינאָריטעטען אין לאַנד און האָט ענדליך געשטירצט די רעגירונג. דער דעספּאָטישער „רעמסס" קומט צום טראָן און די אידען ווערען דער שעיר לעזאזל פאַר אַלע שוועריגקייטען, וואָס קומען פאָר אין לאַנד, און זייער לאַגע ווערט ביטערער פון טאָג צו טאָג.

ווי לאַנג די שרעקליכע רדיפות קעגען די אידען אין מצרים האָבען אָנגעהאַלטען, איז שווער צו באַשטימען. מיר ווייסען אָבער, אַז פאַר דער צייט זיינען זיי

שטאַרק פאַרשקלאַפט געוואָרען און זייערע פייניגונגען זיינען געווען אַזוי גרוי־זאַם, אַז „ותעל שועתם אל ה׳״ — זייער געשריי האָט געשפּאָלטען די הימלען. און ג׳ הערט זייער געשריי און שיקט משה׳ן צו פאָדערען פון דעמאָלסטדיגען פּרעה, אַז ער זאָל באַפרייען די אידען און זיי אַרויסלאָזען פון מצרים. ער הייסט איבּ מיטנעמען זיין שטעקען און אים וואַרפען פאַר פּרעה׳ן און ער וועט פאַר־וואַנדעלט ווערען אין אַ שלאַנג. מיט דעם האָט ער געמיינט צו דערקלערען די עגיפּטער, אַז מיט זיינע שרעקליכע גזירות קעגען די אידען האָט פּרעה ניט גע־מיינט דעם וואויל און בעסטען פון זיין פאָלק, ער האָט בלויז געוואָלט שלעכטס טאָן די אידען און זיי אונטערדריקען אָהן אַ פאַרוואָס, פּונקט ווי דער שלאַנג, וואָס בייסט אָהן צו האָבען וועלכע עס איז הנאה דערפון. ווי די גמרא דריקט זיך זעהר שיין אויס: „מתקבצות ובאות כל החיות אצל הנחש ואומרים לו: ארי דורס ואוכל, זאב טרף ואוכל, אתה מה הנאה יש לך?״ — אַלע חיות פאַר־זאַמלען זיך לעבען שלאַנג און פרעגען אים: אַ לייב צעטרעט און עסט, אַ וואָלף פאַרצוקט און עסט, אָבער דו, וואָס פאַר אַ הנאה האָסטו, אַז דו טויטסט מיט דיין גיפט? (תענית ח׳). אידענהאַס האָט קיינמאָל קיין נוצען ניט געבראַכט דעם לאַנד אָדער דער רעגירונג.

אַז משה און אהרן קומען דעם ערשטען מאָל צו פּרעה און גיבען אים איבער דעם באַפעהל פון זייער ג׳ און אויך דעם צייכען, וואָס ער האָט געהייסען איבּ צו ווייזען, רופט פּרעה צוזאַמען אַלע זיינע „חרטומים״, די הענגמען פון זיין רעגירונג, און אויך זיי וואַרפען זייערע שטעקענס, וועלכע ווערען פאַרוואַנדעלט אין שלאַנ־גען, וואָס פאַרגיפטען דאָס פאָלק קעגען די מינאָריטעטען פון לאַנד. „ויבלע מטה אהרן את מטותם״ — אַלע זייערע שטעקענס ווערען איינגעשלונגען אין דעם שטעקען פון אהרן. אַלע פון זיי, כאָטש זייערע צילען זיינען פאַרשיידען, זיינען אָבער פאַראייניגט אין גיסען גיפט אויף די קעפּ פון משה און אהרונ׳ס שטאַם, דאָס אידיש פאָלק. אין איין קול שרייען זיי אַלע צו פּרעה׳ן, אַז ער זאָל ניט נאָכגעבען זייער פאַרלאַנג און זיך ניט צוהערען צו זייערע רייד.

אויפ׳ן צווייטען טאָג זאָגט ג׳ צו משה׳ן: גיי צו פּרעה אין דער פרי, ווען ער שפּאַצירט ביים טייך, „והמטה אשר נהפך לנחש תקח בידך״ — און דעם שטעקען, וואָס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שלאַנג, זאָלסטו מיטנעמען. דערקלער אים ווייטער, אַז דער גיפטיגער שלאַנג פון אידענהאַס וועט איבּ און זיין לאַנד ענדליך רואינירען. ניטאָ אַזאַ חכם־להרע ווי דער אַנטיסעמיטיזם. ער גראָבט אונטער די יסודות פון לאַנד, פאַרשפּרייט האַס און פאַרניכטונג

און ברענגט צרות און יסורים אויף דער וועלט. „הנה אנכי מכה במטה אשר בידי על המים אשר ביאור ונהפכו לדם״ — אַט מיט דעם שטעקען וועל איך שלאָגען איבער׳ן וואַסער אין טייך און עס וועט פאַרוואַנדעלט ווערען אין בלוט. „והיה דם בכל ארץ מצרים״, און דאָס גאַנצע לאַנד מצרים וועט פאַרפלייצט ווערען מיט בלוט. אידענהאָס פירט צו מלחמות און בלוט־פאַרגיסונג און ברענגט חורבנות אויף דער וועלט.

הפטרה

די אידישע גאולה וועט זיין אַ דאָפּעלטע

ונקדשתי בם לעיני הגוים.

„בשעה שישראל נכנסין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות ועונין יהא שמו הגדול מבורך, הקב״ה מנענע ראשו ואומר: אשרי המלך שמקלסין אותו בביתו כך. מה לו לאב שהגלה את בניו, ואוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם״ — ווען אידען קומען זיך צוזאַמען אין זייערע שוהלען און בתי מדרשים און שרייען אויס „זאָל זיין גרויסער נאָמען זיין געבענטשט״, שאָקעלט דער אויבערשטער מיט׳ן קאָפּ און זאָגט: „וואויל צו דעם קעניג, וואָס מען לויבט אים אַזוי אין זיין אייגען הויז. וואָס בלייבט דעם פאָטער, וועלכער האָט פאַרטריבען זיינע קינדער און ווי צו די קינדער וועלכע זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון זייער פאָטער׳ס טיש (ברכות ג׳ ע״א).

דיזעלבע צילען, וואָס די השגחה האָט געזוכט צו דערגרייכען פאַר אידען אין דער גאולה פון מצרים, פאַרזיכערט דער נביא פון היינטיגער הפטרה, וועלען באַשטימט דערגרייכט ווערען ביי דער לעצטער און ענטגילטיגער גאולה. ער פאַנגט אָן זיין נבואה מיט אַ פייערליכער דערקלערונג: אַזוי זאָגט ג׳: ווען איך וועל צוזאַמענעמען די אידען פון צווישען די נאַציאָנען, וואו זיי זיינען צעשפּרייט געוואָרען, וועל איך דורך זיי געהייליגט ווערען פאַר די אויגען פון אַלע פעלקער און זיי וועלען זיך באַזעצען אויף דער ערד, וואָס איך האָב געגעבען צו מיין קנעכט יעקב. זיי וועלען זיצען רוהיג אויף איר, וועלען בויען הייזער און פלאַנ־צען וויינגערטנער און בלייבען זיצען רוהיג, נאָכדעם ווי איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט די אַלע, וועלכע האָבען אָפּגעשפּאָט פון זיי אין זייערע געזעלשאַפטען, און זיי וועלען וויסען, אַז איך בין ג׳ זייער ג׳.

דער דובנער מגיד ז״ל שטעלט די פראַגע: וואָרום ווערט אין דעם פסוק צוויי מאָל איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער „וישבו לבטח״, זיי וועלן זיצן רוהיג? און ער גיט אויף דעם אַ העכסט־טיפזיניגע דערקלערונג: ווען יוסף האָט געוואָלט אַרונטערברענגען זיין פאָטער נאָך מצרים, האָט ער אָנגעזאָגט זיינע ברידער: „והורדתם את אבי הנה״ — נידערט אַרונטער מיין פאָטער אַהער. אין דעם, זאָגען אונז די חז״ל, ווערט אָנגעדייט דער טרויעריגער שיקזאַל פון אַ גר. אַזוי גיך ווי יעקב פאַרלאָזט זיין אייגען היים און וואַנדערט אין אין אַ פרעמד לאַנד, ווערט ער אַ „יורד״, אַ געפאַלענער באַלעבאָס. ער נידערט אַרונטער צו דער מדרגה פון אַ גר, אַ וואַנדערער, אָהן אַ באָדען אונטער זיינע פיס, וואָס ווערט, אין בעסטען פאַל, בלויז געדולדעט, אָבער ניט געאַכטעט. אינ׳ם גלות פאַרלירט ער זיין זעלבסטשטענדיגקייט און על־פּי־רוב אויך זיין זעלבסטרעספּעקט. אַז איינער מוז שטענדיג זיין אַ „תולה בדעת אחרים״ — אָפּהענגיג אָן דעם ווילען פון אַנדערע, מוז ער אונטערדריקען זיינע אייגענע געפילען און נאָכטאָן יענע. קינדער פון אַ פאָלק, וועלכע מוזען לעבען פון „חסד לאומים״, פון די לאַסקעס פון פרעמדע נאַציאָנען, און האַלטען אין איין ציטערען פאַר שלעכטע גזירות, פאַר באַשרענקונגען, וועלכע קאָנען געמאַכט ווערען קעגען זיי, צו יעדער צייט, איז זייער לאַגע אַ נידעריגע, אַ געפאַלענע.

און וואָס איז נאָך טרויעריגער, וואָס אין גלות מוז אויך דער גייסט פון אַ פאָלק אַרונטערגעבראַכט ווערען צו אַ נידעריגער מדרגה. ניט נאָר איז זיין פּאָליטישער און עקאָנאָמישער מצב אַ געפאַלענער, נאָר אויך זיין אמונה, זיין תורה נידערט מיט אים אַרונטער אין גלות. „אנכי ארד עמך מצרימה״ — איך וועל מיט דיר אַרונטערנידערען אין מצרים, זאָגט ג׳ צו יעקב׳ן. „שכינתא בגלותא״ — אויך די שכינה ליידט צוזאַמען מיט די אידען אין גלות (ב״ר צ״ג). אויף אַ פרעמדען באָדען איז שווער אָנצוהאַלטען אָן אייגענעם נאַציאָנאַלען גייסט. „כל הדר בחוץ לאָרץ דומה כמו שאין לו אלק״ — ווער עס וואוינט אין אַ פרעמד לאַנד, דוכט זיך, אַז ער האָט ניט קיין אייגענע געטליכקייט (כתובות ק״ו). מיט זיין בעסטען ווילען קאָן ער דאָך ניט איבעראַל פאַרטזעצען זיין אייגענאַרטיג לעבען לויט די פאַרשריפטען פון זיין תורה. די הערשענדע קולטור פון לאַנד, ווי אויך אירע רעליגיעזע מנהגים און פייערטעג איבען־אויס אַ גרויסע השפעה אויף זיינע קינדער, וועלכע רופט זיך אָפּ שלעכט אויף דער אייגענער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער דערציאונג.

די אמת׳ע גאולה מוז דערפאַר זיין אַ טאָפּעלטע — אַ דערלייזונג פון דעם

שווערען עקאָנאָמישען מצב און אויך אַ באַפרייאונג פאַר דעם גייסט. דאָס זיינען געווען די צילען פון דער ערשטער גאולה אין מצרים, ווי משה זאָגט צו די אידען אין נאָמען פון ג׳: „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים״ — איך וועל אייך באַפרייען פון דער שווערער אַרבייט פון מצרים, „והצלתי אתכם מעבודתכם״ — און איך וועל אייך ראַטעווען פון אייער שקלאַפעריי, „ולקחתי אתכם לי לעם, והייתי לכם לאלקים״ — און איך וועל אייך נעמען צו מיר פאַר אַ פאָלק און דאַן וועל איך זיין אייער גאָט — אַ דאָפּעלטע באַפרייאונג, קערפּערליך און גייסטיג.

דיזעלבע זאַך וועט פאַרקומען, זאָגט אונז די הפטרה, ביי דער לעצטער גאולה. אַז איך וועל אייך ברענגען צוריק אין אייער לאַנד, „וישבו עליה לבטח״ — וועט איך דאָרט זיצען רוהיג, „ובנו בתים ונטעו כרמים״ — איר וועט קאָנען בויען הייזער און פלאַנצען וויינגערטנער. אייער עקאָנאָמישע לאַגע וועט זיין געזיכערט, און אַלץ, וואָס איר וועט דערוועררבען, „וועט בלייבען אייערס. „וישבו לבטח, וידעו כי אני ה׳״ — איר וועט אויך זיצען רוהיג און וויסען, אַז איך בין גאָט — אייער גייסטיגער מצב וועט זיין אַ געזיכערטער און איר וועט אים קאָנען אַנטוויקלען צו זיין געהעריגער הויך.

דאָס, פירט אויס דער דובנער מגיד ז״ל, איז דער געדאַנק פון דער גמרא. ווען אידען קומען זיך צוזאַמען אין זייערע שוהלען און זאָגען „יהא שמיה רבא מברך״, שאָקעלט דער אויבערשטער מיט זיין קאָפּ און זאָגט: „מה לו לאב שהגלה את בניו״ — וואָס בלייבט פאַר׳ן פאָטער, וואָס פאַרטרייבט זיינע קינדער. אין זייערע גלות־לענדער ווערען זיי אויך פאַרפרעמדט פון זייער גאָטהייט און זייער אמונה איז ניט ווי זי האָט באַדאַרפט צו זיין. „ואוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם״ — און ווי איז צו די קינדער, וועלכע זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון זייער פאָטער׳ס טיש און דאַרפען קלייבען ברעקלאַך פון פרעמדע טישען. זייער גייסטיגע און עקאָנאָמישע לאַגע איז אומדערטרעגליך.

ג.

צו פרעה׳ן מוז מען רעדן מיט שטאָלץ

ראה נתתיך אלקים לפרעה, ואהרן יהיה נביאך.

„כשם שהדורש יושב ודורש והמתורגמן משמיע לפניו, כך אתה תדבר את כל אשר אצוך, ואהרן אחיך ידבר אל פרעה" — אַזוי ווי דער דרשן זיצט און דרשענ׳ט און דער איבערזעצער דערקלערט עס פאַר אים אַזוי זאָלסטו אויך רעדן, וואָס איך וועל דיר זאָגן, און אהרן, דיין ברודער, וועט עס איבערגעבן צו פרעה (מדרש תנחומא).

ווען מיר שטודירען די סדרות „שמות" „וארא" און „בא", וואו עס ווערען אונז איבערגעגעבן די פאַרשיידענע פאַרהאַנדלונגען, וואָס משה האָט געהאַט אַנצופירען מיט אידען און מיט פרעה׳ן אין מצרים, דערשיינט פאַר אונז אַ מערק־ווירדיג בילד, פון וועלכען מיר קאָנען פיל לערנען, ווי די אַרבייט פאַר דער אידישער גאולה דאַרף אַנגעפירט ווערען אויך אין דער איצטיגער צייט.

„אין דער באַפרייאונג פון אַ פאָלק", זאָגט איינער פון די גרויסע היסטאָרי־קער, „זיינען געוויינליך דאָ צוויי שותפים: די מאַכט, וואָס האַלט דאָס פאָלק אין גלות, מוז אים וועלען פריי לאָזען, און דאָס פאָלק אַליין מוז וועלען באַפרייט ווערען". אויב דער ערשטער שותף איז איינגעשפּאַרט און וויל דעם צווייטען נישט פריילאָזען, מוז מען אים באַקעמפען מיט אַלע מעגליכע מיטלען ביז ער גיט נאָך. אַז מען זוכט פרייהייט, מוז מען זיין גרייט אויף אַלערליי קרבנות, זאָגאַר זיך מוסר נפש צו זיין, אויב נויטיג.

אויב אָבער דער צווייטער שותף, דאָס פאָלק, וואָס איז אין גלות, אַנטזאָגט זיך צו קעמפען פאַר זיין פרייהייט, איז זיין גאולה אַ פיל שווערערע. אויסער דעם, וואָס זיין גלות ווערט פאַרצויגען אויף יאָרענלאַנג, פאַרלירט ער אויך זיין פּאָלי־טישען סטאַטוס, זיין נאַציאָנאַלען מצב, און ווערט פון זיינע אונטערדריקער באַ־טראַכט פאַר אַ נידעריגער מינדערהייט, וואָס איז ניט ווערט באַטראַכט צו ווערען פאַר אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער צוגלייך. אויב אים איז דאָך באַשערט באַפרייט צו ווערען, קאָן דאָס נאָר געשען אויף אַן אומנאַטירליכען אופן, דורך גרויסע נסים, אָדער דורך אַזעלכע אומגעריכטע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע איבערקע־רענישען, וואָס וועלען אויף אים אַרויפצווינגען זיין גאולה.

משה האָט געהאַט צו קעמפען אויף ביידע פראָנטען, אי מיט פרעה׳ן און אי

מיט די אידען. ווי דער מדרש באַמערקט פּאַרטרעפליך: „ויצום אל בני ישראל ואל פרעה — עשה אותם שוים" — ג׳ האָט אָנגעזאָגט משה און אהרן, וואָס זיי זאָלען רעדען צו די אידען און צו פּרעה׳ן, ווייל ער האָט זיי געהאַלטען פאַר גלייכע שטערונגען; ניט פּרעה וועט וועלען די אידען אַרויסלאָזען פון מצרים און ניט די אידען וועלען וועלען אַרויסגיין (תנחומא).

דער פּשיסכער רבי, רבי בונם, זאָגט: „דער אויבערשטער האַלט אין איין רעדען צו די אידען, אַז ער וועט זיי אַרויסנעמען „מתחת סבלות מצרים", ווייל ער האָט זיי געזאָגט: איר האָט שוין דערגרייכט אַזאַ מצב, אַז איר קאָנט שוין „סובל" זיין דעם גלות, און עס אַרט שוין אייך גאַרנישט, וואָס מען האַלט אייך פאַר נידע־ריגע שקלאַפען — אַזאַ מצב טאָר לאַנג נישט אָנהאַלטען, מען קאָן שוין מער נישט וואַרטען".

כּאָטש די אידען אין מצרים האָבען, לויט די חז״ל, ניט געביטען זייערע העברעאישע נעמען און האָבען צווישען זיך גערעדט אויף זייער אייגענער שפּראַך (שמו״ר ב׳), זיינען זיי אָבער געווען ווייט פון צו זיין נאַציאָנאַל געזאָנען. כּל־זמן זיי האָבען גענאָסען פון די בירגערליכע פרייהייטען אין לאַנד, האָבען זיי זיך באַטראַכט פאַר „עגיפּטער פון יעקב׳ס גלויבען" און האָבען זאָגאַר באַקעמפט דעם שבט „לוי", וואָס האָט געזוכט צו פאַרשפּרייטען דעם געדאַנק, אַז אידען זיינען אַ פאָלק פאַר זיך און דאַרפען זיין אָפּגעזונדערט פון זייערע שכנים. ערשט ווען די רדיפות האָבען זיך אָנגעהויבען און די ממשלה האָט זיי באַרויבט פון אַלע רעכטען, זיינען זיי געוואָרען מער באַוואוסטזיניג אויף זייער אָפּשטאַם און זייערע טראַדיציעס.

„וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ" — אין וואָס מער מען האָט זיי געפּייניגט, אַלץ מער האָט זיך אין זיי פאַרמערט און געשטאַרקט זייער צוגע־בונדענקייט איינע צו די אַנדערע. „עס איז אַ נאַטור־געזעץ: די אברים אין אַ מענשליכען אָרגאַניזם, וואָס ווערען ווייניג באַנוצט, ווערען אָפּגעשוואַכט, פאַר־לירען ביסלאַכווייז זייער קראַפט און מיט דער צייט ווערען זיי אינגאַנצען אַטראָ־פירט. אָמשטאַרקסטען און אָמקרעפטיגסטען זיינען יענע אברים, וואָס ווערען באַ־נוצט אָממערסטען. דאָס זעלבע איז אויך מיט׳ן אידישען פאָלק: אַ דאַנק דעם „וכאשר יענו אותו", איז „כן ירבה וכן יפרוץ", האָט זיך אונזער שאַרפזין, וואַכ־זאַמקייט, עמפּינדליכקייט און ווידערשטאַנדס־פעהיגקייט פיל שטאַרקער אַנט־וויקעלט, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער" (ספר הדרוש). אָבער וועגען אַן אייגען פאָלק און אַן אייגען לאַנד האָבען די אידען אין מצרים גאַנץ ווייניג געטראַכט. זיי

האבען נאך אלץ געהאפט, אז די צייט וועט זיך פארבעסערען. ווי דער מדרש דער־קלערט דעם פסוק „ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך — בפה־רך״ — די מצריים האבען פארשקלאפט די אידען מיט א ווייכען מויל, מיט גלאטע רייד, מיט איינרעדענישען און פוסטע הבטחות, און ווי דער שטייגער איז, האבען זיך די אידען געלאזט פארפירען (שמו״ר ג׳).

דער אויבערשטער זאגט צו משה׳ן: דער געשריי פון די אידען איז געקומען צו מיר און איך האב אויך געזעהן דעם דרוק, ווי די מצריים דריקען זיי. איצט גיי און איך וועל דיך שיקען צו פרעה׳ן, ער זאל ארויסלאזען מיין פאלק ישראל פון מצרים. משה איז געווען גוט צוגעפאסט פאר אזא שליחות. ווי דער „אבן עזרא״ באמערקט: „עס איז געווען דער רצון פון דער השגחה, אז משה זאל זיך האדעווען ביי פרעה׳ן און דערצויגען ווערען אין א קעניגליכען הויז, וואו ער זאל אויסוואקסען ניט־וויסענדיג פון קיין הכנעה און שפלות, כדי ער זאל מיט שטאלץ קאנען אנפירען די פארהאנדלונגען מיט פרעה׳ן... און צוליב נאך אן אורזאך, ווען משה וואלט זיך געווען געהאדעוועט צווישען אידען און זיי וואלטען אים געקענט פון קינדווייז אן, וואלטען זיי פאר אים קיין דרך־ארץ נישט געהאט און וואלטען ווייניג אויפמערקזאמקייט אים געשענקט״...

ג׳ שיקט משה׳ן צו פרעה׳ן, וועלכער איז דער קעניג פון לאנד און אין זיינע הענט ליגט דער גורל פון דעם אידישען פאלק. אויב עס דארפען פארקומען פארהאנדלונגען וועגען דער אידישער באפרייאונג, מוזען זיי, זעלבסטפארשטענד־ליך, געפירט ווערען מיט פרעה׳ן. משה ענטפערט אבער גב״ה: „הנה אנכי בא אל בני ישראל״ — אט איך וועל קומען צו די אידען און זיי איבערגעבען דיינע ווערטער, וועלען זיי דען מיך הערען? וועגען פרעה׳ן, ווי עס ווייזט אויס, קימערט ער זיך גאנץ ווייניג. מיט אים וועט ער שוין ווי עס איז דורכקומען. ניט אומזיסט האט ער פארבראכט גאנצע 40 יאר אין קעניגליכען הויף און איז דארט געווען דער עקאנאמישער פארוואלטער (תנחומא). ער איז גוט באקאנט מיט אלע פאָ־ליטישע דריידלאך און די וועגען פון דער דיפלאמאטיע זיינען אים קלאר. ווי זאל ער אבער האנדלען מיט די אידען? גלויבען זיי אליין אין דער זעלבסט־שטענדיגקייט פון זייער פאלק? ווילען זיי טאקע באפרייט ווערען? וועלען זיי אים פאלגען און אים מיטהעלפען?...

און דער אויבערשטער ווייזט אים אן א פלאן, ווי ער זאל אנפירען זיינע פארהאנדלונגען מיטביידע צדדים. וואס אנבאלאנגט די אידען, טו אזוי: „לך ואספת את זקני ישראל״ — גיי און זאמעל צוזאמען די פירער פון די אידען און

זאָג זיי, אַז דער ג׳ פון זייערע עלטערען האָט זיך צו דיר באַוויזען און געזאָגט: „פקד פקדתי אתכם ואת העשוי לכם במצרים״ — איך האָב גוט דערפאַרען אייער לאַגע און וואָס עס ווערט געטאָן צו אייך אין מצרים. איך ווייס אייערע ליידען און שמערצען, דערפאַר האָב איך באַשלאָסען אייך אַרויסצונעמען פון אייער אַרמוט אין מצרים און אייך ברענגען אין דעם לאַנד כנען, „ארץ זבת חלב ודבש״ — אַ לאַנד, וואָס רינט פון מילך און האָניג, רעד מיט זיי ניט וועגען גאָטהייט אָדער וועגען אַן אייגענער נאַציאָנאַליטעט. דאָס זיינען באַגריפען, וואָס אַ גלות־פאָלק פאַרשטייט נישט. פרנסה, חיונה זיינען די הויפט זאַכען, וואָס וועלען זיי אינטערעסירען. אויב דו וועסט צו זיי רעדען וועגען גייסט, וועגען אידעאַלען, „ולא שמעו אליך מקוצר רוח״ — וועלען זיי זיך ניט צוהערען צו דיר צוליב קורצען געמיט. דער גלות האָט זיי באַרויבט פון נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיניגקייט. זיי זוכען „חלב ודבש״, מילך און האָניג — אַ היים, וואו זיי זאָלען קאָנען לעבען בהרחבה און זיין עקאָנאָמיש פאַרזיכערט. אַז דו וועסט צו זיי אַזוי רעדען, „ושמעו לקולך״ — וועלען זיי זיך צו דיר צוהערען.

מיט פרעה׳ן אָבער זאָלסטו ניט רעדען וועגען עקאָנאָמישע אינטערעסען. אים זאָלסטו זאָגען: „אלקי העברים נקרה עלינו ועתה נלכה, ונזבחה לה׳ אלקינו״ — דער ג׳ פון די עברים האָט זיך מיט אונז געטראָפען און איצט ווילען מיר גיין און שעכטען צו ג׳ אונזער ג׳. אין דער דיפּלאָמאַטישער שפּראַך קאָן עס איבער־געזעצט ווערען בזה הלשון: מיר האָבען אַן אייגענעם ג׳ און מיר זיינען אַ באַזונ־דערע נאַציע. איצט ווילען מיר גיין אַרבייטען פאַר דעם אידעאַל פון אונזער אמונה און אונזער פאָלק. מיר ווילען שוין מער ניט זיין אויסגעזעצט צו דער אומדערטרעגליכער לאַגע פון „גרים״, פון פרעמדע, און אוועקגעבען אונזערע כוחות פאַר אַנדערע, און דאָס זאָל נאָך ניט זיין אָנגעלייגט. אויב „נזבחה״, אויב מיר דאַרפען ברענגען קרבנות, זאָל עס זיין „לה׳ אלקינו״, פאַר אונזער אייגענעם ג׳, פאַר אונזער אייגענער אומה.

הלוואי וואָלטען די פירער פון אונזער באַפרייאונגס־באַוועגונג אויך היינט זיך געהאַלטען אין די ראַמען פון אָט דער געטליכער עצה. די ווירטשאַפטליכע דערגרייכונג אין ארץ ישראל האָט געדאַרפט אָנגיין אין דער שטיל, צווישען אידען בלויז. פאַר דער אויסערליכער וועלט האָבען מיר געדאַרפט שטעלען בלויז אונזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. האָבען מיר אָבער געמאַכט צופיל טומעל וועגען אונזערע גרויסע ווירטשאַפטליכע און עקאָנאָמישע דערגרייכונגען אין ארץ ישראל, וועלכע האָבען אויפגעריסען די אויגען פון די אַראַבער און פון

אונזערע שונאים צווישען די פעלקער. אין אונזערע פאליטישע פארהאנדלונגען מיט די מלוכות פון דער וועלט האבען מיר אלץ מער אקצענטירט דעם אידישען ארמוט, די אידישע היימלאזיגקייט. דר. הערצל׳ס פאדערונג פון א „יודענשטאט", וואס זאל געבען די אידען פולשטענדיגע אנערקענונג אלס פאלק, אלס א באזונדערע נאציע, איז פון די ציוניסטען אליין אויסגעטוישט געווארען אויף א „היימלאנד", א „קאמאנוועלט", וואס שמעקט מער מיט עקאנאמישע פארבעסערונגען, ווי מיט נאציאנאלע פאדערונגען.

קומען מיר צו די גויים מיט א טענה פון רחמנות, פון היימלאזיגקייט, ענט־פערען אונז די „בעווינס" מיט דער דערקלערונג, אז מען וועט שוין זעהן, אז די אידען זאלען קריגען גלייכע רעכט אין די לענדער, וואו זיי געפינען זיך, אבער אנערקענט צו ווערען אלס א פאלק, וואס איז בארעכטיגט צו אן אייגענער נאציא־נאלער היים — דאס ווילען זיי ניט הערען און דערלאזען. און דער אויבערשטער זאגט ווייטער צו משה׳ן: „ואני ידעתי כי לא יתן אתכם מלך מצרים להלך" — איך ווייס, אז דער קעניג פון מצרים וועט אייך ניט לאזען גייך. דאס דארף אבער די אידען ניט אפשרעקען, „ולא, ביד חזקה" — אויב ניט מיט גוטען, מוז מען קעמפפען פאר דעם. מען מוז די גויים אויפקלערען, אז אויב די אידישע פראגע וועט פון זיי ניט דערליידיגט ווערען ווי געהעריג, איז „ושלחתי את ידי והכיתי את מצרים" — וועל איך שיקען מיין מאכט און וועל שלאגען מצרים. אלע זייערע פלענער פאר א וועלט־פרידען וועלען דורכפאלען און בלוטיגע מלחמות וועלען אנהאלטען און די גאנצע מענשהייט קאן נאך חרוב ווערען.

און אז דו וועסט קומען צו פרעה׳ן, זאגט ג׳ צו משה׳ן, זאלסטו מיט אים רעדען אין א שטאלצען טאן. „ראה נתתיך אלקים לפרעה" — זעה, איך האב דיך געמאכט פאר א געטליכען פארשטעהער צו פרעה׳ן. דו קומסט צו אים נישט אלס א געוויינליכער שליח, נאר אלס דער מנהיג און הערשער פון אידען. רעד צו אים אין דער העברעאישער שפראך. ווען צוויי הערשער פון צוויי פעלקער קומען זיך צונויף, איז יעדער פון זיי מקפיד צו רעדען אויף זיין פאלקס־שפראך דורך דער פארמיטלונג פון אן איבערזעצער. אויך דו זאלסט אזוי טאן אלס צייכען, אז די אידישע שפראך שטייט נישט נידעריגער ווי די מצרי׳שע, און אז דער אידישער מנהיג איז נישט קיין קלענערער חשוב ווי דער מצרי׳שער. „אתה תדבר את כל אשר אצוך, ואהרן אחיך ידבר אל פרעה" — דו וועסט רעדען אין דיין שפראך אלץ, וואס איך וועל דיר הייסען, און דיין ברודער אהרן וועט עס איבערזעצען פאר פרעה׳ן (חתם סופר).

הפטרה

די קרומע וועגען פון מצרים

הנני עליך פרעה מלך מצרים התנים הגדול

„מה ראה להקיש מלכות מצרים לתנין? מה התנין הולך מעוקם אף מלכות זו מעקמת דרכים" — ווארום געפעלט דעם נביא צו פארגלייכען די מלוכה פון מצרים צו א שלאנג? ווייל פונקט ווי די שלאנג דרייט זיך אין איר גאנג, אזוי איז מיט דער מלוכה פון מצרים — זי פארקרימט אירע וועגען (ילקוט שמעוני).

דער נביא פון היינטיגער הפטרה רעדט מיט גרויס פארביטערונג קעגען מצרים, וואס האט פארראטען די אידען אין דער מלחמה קעגען בבל. פון אנפאנג זיינען די אידען געווען געניגט צו מאכען שלום מיט נבוכדנצר, וועלכער האט געזוכט צו פארכאפען די הערשאפט פון דעם גאנצען אריענט. האט זיך אבער אריינגעמישט די מלוכה פון מצרים און האט איינגערעדט די אידען, ווי אויך די ארומיגע קלענערע פעלקער, אז זיי זאלען ארויס אין א מלחמה קעגען אים און זי וועט זיי העלפען.

אז די מלחמה האט אויסגעבראכען, האט מצרים חרטה געהאט אויף איר פארשפרעכען און זיך צוריקגעצויגען פון שלאכט. נבוכדנצר האט דאן געהאט א לייכטען זיג, האט איינגענומען איין לאנד נאכ'ן צווייטען, אויך חרוב געמאכט דעם בית־המקדש און פארטריבען די אידען פון זייער לאנד.

דער נביא ווארענט מצרים און זאגט צו איר אין נאמען פון ג': „הנני עליך פרעה מלך מצרים, התנים הגדול הרובץ בתוך יאורי" — איך גרייט זיך קעגען דיר, פרעה, קעניג פון מצרים, דער גרויסער קראקאדיל, וואס הויערט אין זיינע טייכען. אויב דו דענקסט, אז מיט דעם, וואס דו האסט פארראטען מיין פאלק און חרטה געהאט אויף דיין פארשפרעכען אים צו העלפען, האסטו זיך געראטעוועט פון דעם שונא, מאכסטו א געפערליכען טעות; דיין טאג וועט זיכער קומען און נבוכדנצר וועט דיך באזיגען און אויך דיין לאנד חרוב מאכען. און אזוי איז טאקע געווען, זיין נבואה איז מקויים געווארען און מצרים איז רע־דוצירט געווארען צו א קליינער און שוואכער מלוכה.

דער נביא פארגלייכט מצרים צו א שלאנג, זאגט אונז דער מדרש, ווייל פונקט

ווי אַ שלאַנג דרייט זיך אין איר גאַנג, אַזוי דרייט זיך אויך מצרים אין איר פּאָ־ליטיק. זי איז אַ שטענדיגע פּאַררעטערין און דרייט זיך היינט מיט דער מאַכט און מאָרגען מיט אַ צווייטער, ווי מיר זעהען עס אויך היינט־צו־טאָג. ווען די נאַצישע אַרמייען זיינען געשטאַנען ביי על־אַלאַמעין און עס האָט אויסגעזעהן, אַז זיי וועלען זיין די זיגער, האָט מצרים קיין זאַך ניט געטאָן אויף צו העלפען די ענגלישע אַרמייען צו פאַרטרייבען די דייטשע אַרמייען פון איר אייגען לאַנד. אין געגענטייל, איר מלוכה האָט זיך געשמייכעלט צו די נאַציס און זיך געפרייט מיט זייערע נצחונות.

נאָכדעם ווי די אַליאירטע מלוכות האָבען באַזיגט דייטשלאַנד, האָט זיך די מצר׳ישע שלאַנג אויסגעדרייט און חנפ׳עט זיך צו ענגלאַנד. זי העלפט לייגען שטערונגען אין דעם וועג פון די אידען צו ארץ־ישראל, און ווי די גיפטיגע שלאַנג, זוכט זי צו פאַרסמ׳ען אַלע אַראַבישע פעלקער מיט אידענהאַס, זי שלענ־געלט זיך איצט מיט איר חבר׳טע ענגלאַנד און העלפט איר פינסטערער פּאָלי־טיק קעגען די אידען. מצרים און די אַראַבישע מלוכות טריאומפירען היינט אי־בער די אידען, ווייל די גרויסע דעמאָקראַטישע פעלקער האָבען זיי אַנערקענט און זייערע פאַרטרעטער זיינען איינגעלאַדען געוואָרען צו די זיצונגען פון די יוניי־טעד ניישאָנס, אין דער צייט ווען דאָס אידישע פאָלק איז ניט צוגעלאָזען געוואָרען און זיין שטים ווערט ניט געהערט.

דער נביא זעהט אָבער פאָראויס די גרויסע מפלה, וואָס מצרים און אירע שותפים וועלען האָבען. ער זעהט אויך אַ ישועה פאַר די אידען און ער פאַר־שפּרעכט זיי: „ביום ההוא אצמיח קרן לבית ישראל, ולך אתן פתחון פה בתוכם״ — אין דעם באַשטימטען טאָג וועל איך אויפשפּראָצען דעם אידישען שטאָלץ און וועל דיר געבען אַ שטים צווישען די פעלקער. די אידישע נאַציע וועט אַנער־קענט ווערען און איר לאַנד וועט צוריק אויפגעבויט ווערען, און ערשט דעמאָלט וועט דער שלום פון דער וועלט זיין אַ געזיכערטער.

ד.

צוויי אמת׳ע אידען קאָנען ברענגען די גאולה

ולקחתי אתכם לי לעם — והבאתי אתכם אל הארץ.

„מקיש יציאָתן ממצרים לביאָתן לאָרץ, מה ביאָתן לאָרץ שנים משׁשים ריבוא, אַף יציאָתן ממצרים שנים משׁשים ריבוא, וכן לימות המשיח" — דער פסוק פאַר־גלייכט זייער אַרויסגיין פון מצרים צו זייער אריינקומען אין ארץ ישראל אַזוי ווי ביים אַריינקומען אין לאַנד זיינען געווען בלויז צוויי פון זעקס הונדערט טויזענט, כלב בן יפונה און יהושע בן נון, אַזוי איז אויך געווען ביי זייער אַרויס־גיין פון מצרים, בלויז צוויי פון זעקס הונדערט טויזענט, משה און אהרן, און אַזוי קאָן עס אויך זיין אין משיח׳ס צייטען (סנהדרין קי״א ע״א).

דער אידישער גלות איז פאַרשיידען פון די גלות׳ען פון אַנדערע פעלקער, און אויך זיין גאולה מוז זיין גאַנץ אַנדערש. אַ סך פון די אוראַלטע פעלקער, וועלכע זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד, זיינען פאַרשוואונדען גע־וואָרען פון דער וועלט־געשיכטע. זייערע גלות־לענדער האָבען זיי אַבזאָרבירט און איינגעשלונגען. זייערע קינדער האָבען זיך צעמישט צווישען די נייע פעלקער, און פון זייער אַמאָליגער נאַציע איז קיין זכר ניט געבליבען. דאָס אידיש פאָלק, אָבער, האָט שוין עטליכע מאָל זיין לאַנד פאַרלוירען. טויזענטער יאָרען האָט ער אָפּגע׳חושב׳ט אין גלות. עס איז כמעט ניטאָ אַ לאַנד, וואו ער האָט ניט אָנגע־שלאָגען אין זיין לאַנגען וואַנדערען. איבעראַל דורכגעליטען די שרעקליכסטע רדיפות און פאַרפאָלגונגען, און דאָך איז ער לעבען געבליבען. אַ סך פון די פעלקער, וואָס האָבען אים געזוכט אונטערצוברענגען, האָט ער איבערגעלעבט. ער איז געשטאַנען און שטייט נאָך איצט ביי די קברים פון אַלטע פעלקער, אָדער ביי דער וויגעלע פון נייע.

זיין כח איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט באַטראַכט זיין גלות אַנדערש ווי עס האָבען געטאָן אַנדערע פעלקער. דער איד האָט קיינמאָל ניט רעזיגנירט און זיך געבויגען פאַר׳ן גלות. ער האָט תמיד אָנגעהאַלטען דעם באַוואוסטזיין, אַז ער איז אַ „חטיבה אחת בעולם", אַ באַזונדער שטיק, אַ פאַרשידענע נאַציע צווישען די פעלקער פון דער וועלט. דעם געזעץ פון „אחרי רבים להטות", אַז מען מוז נאָכפאָלגען דער מאַיאָריטעט האָט ער אויסגעטייטשט „לטובה", אויב צום גוטען, פאַר׳ן וואויל און בעסטען פון פאָלק, זאָל מען איר פאָלגען. אויב אָבער

„לרעה", צום שלעכטען, זאָל מען די מאַיאָריטעט ניט הערען. מעגען די „מרשיעי ברית, די, וואָס זוכען זיך אָפּצורייסען פון דער אידישע אומה און איינגעשלונגען צו ווערען פון דעם גלות, זיין גרויס אין צאָל, און זאָגאָר מעכטיג אין איינפלוס, — די אידען האָבען זיך מיט זיי ווייניג גערעכענט. „אברים מדולדלים", אָפּגעריסענע אברים, האָט מען זיי גערופען און זיי ניט אַריינגענומען אין כלל ישראל. אַזאַ אויפפאַסונג איבער'ן גלות האָט פאַרהיט די אידען פון אונטערגאַנג און זיי געהאַלטען פאַראייניגט אין איין נאַציע.

אויך די אידישע גאולה מוז זיין אַנדערש ווי די פון אַנדערע פעלקער. זינט מיר האָבען מקבל געווען די תורה אויפ'ן באַרג סיני זיינען מיר געוואָרען אַ גאַנץ אַנדער פאָלק, אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש", אַ הימלישעס פאָלק, וואָס איז ניט אין גאַנצען אָפּהענגיג אָן אַ לאַנד, אָדער אָן אַן אייגענעם עקאָנאָמישען באָדען. דאָס האָט אונז פאַרזיכערט קעגען אַ „גלות שלמה", אַ פולשטענדיגען גלות פאַר אונזער גייסט אַזוי גוט ווי פאַר אונזער קערפּער. מיט קבלת התורה האָט דאָס אידיש פאָלק באַקומען צוויי טעריטאָריעס, צוויי ירושלים'ס, אַן ערדישע און אַ הימלישע. אויב אונזערע שונאים איז געלונגען צו צעשטערען אונזער ירושלים „דלמטה", אונזער עקאָנאָמישען באָדען, האָבען זיי אָבער קיינמאָל ניט געהאַט ביכולת אָוועקצורייסען פון אונז אונזער „ירושלים דלמעלה", אונזער גייסטיגע טעריטאָריע. ביי קבלת התורה האָבען מיר, אידען, געקראָגען די פאָלגענדע פאַרזיכערונג: „ועתה אם שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי", אויב איר וועט זיך צוהערען צו מיין שטים און וועט אָפּהיטען מיין בונד מיט אייך, — „והייתם לי סגולה מכל העמים", וועט איר ווערען אַן אויסנאַם פון אַלע פעלקער, — „כי לי כל הארץ", צו מיר באַלאַנגט דער גאַנצער ערד־קוגעל, און אייער עקזיסטענץ וועט ניט זיין אָפּהענגיג אָן אַ געוויסען לאַנד. „עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות", די גייסטיגע טעריטאָריע אייערע וועט זיך מיט אייך אויסשפּרייטען אין אַלע וועלט־טיילען.

אונזער גאולה, אָבער, דאַרף דערום אויך זיין אַנדערש. זי מוז זיין אַ „גאולה שלמה", אַ פולשטענדיגע דערלייזונג, גייסטיג אַזוי גוט ווי קערפּערליך. אַזאַ גאולה האָבען מיר געהאַט ביי יציאת מצרים, און דערפאַר פייערען מיר איר אָנדענק יעדען יאָר, און דערמאָנען עס אין אונזערע תפילות יעדען טאָג. לויט די חז"ל איז אונזער גאולת מצרים באַשטאַנען פון גאַנצע פיר גאולות, וועלכע ווערען אויסגעדריקט אין די פאָלגענדע פיר פסוקים:

א) „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים" — עקאנאמישע פרייהייט. איך וועל אייך ארויסנעמען פון אונטער דער לאסט פון מצרים. איר וועט ניט דארפען מער ארבייטען פאר פרעמדע, בויען פאר זיי פיתום און רעמסס און נאך צאלען ספעציעלע שטייערען, און שמירען די „נוגשים", וועלכע זיינען אנגעשטעלט געווארען בלויז צו דריקען די אידען און פארביטערען זייער לעבען.

ב) „והצלתי אתכם מעבודתכם" — פערזענליכע פרייהייט. איך וועל אייך רעטען פון אייער שקלאפעריי. איר וועט זיך קאנען באשעפטיגען מיט אלץ, וואס איינער וויל, און ניט זיין געצוואונגען צו וואוינען אין געטאס און זיך אפגעבען בלויז מיט א געוויסען טייל פון דער ארבייט און אינדוסטריע, וועלכע די פיינטליכע הערשאפט וועט פאר אייך באשטימען.

ג) „וגאלתי אתכם בזרוע נטויה" — נאציאנאלע פרייהייט. איך וועל אייך אויסלייזען מיט א שטאלצען ארעם. איר וועט ניט דארפען באהאלטען אייער אפשטאם. איר וועט קאנען שטאלצירען מיט אייער אייגענער נאציאנאליטעט און ניט פארעכענט ווערען אלס בעטלער און ארומשלעפער.

ד) „ולקחתי אתכם לי לעם" — רעליגיעזע פרייהייט. איר וועט קאנען פריי און אומגעשטערט דינען אייער ג' און זיך ניט דארפען באהאלטען מיט אייער אידישקייט.

נאך די פיר גאולות וועט איר קאנען קומען צום ענד־ציל, צו אייער הויפט־שטרעבונג: „והבאתי אתכם אל הארץ", איך וועל אייך אריינברענגען אין אייער אייגען לאנד, וואו איר וועט קאנען פריי און אפען פארזעצען אייער אייגענארטיגען לעבען און אנטוויקלען אייערע אריגינעלע פאלקס־אידייען, פון וועלכע די פעלקער פון דער וועלט וועלען שעפען זייערע גייסטיגע אינספיראציעס און לערעס ווי אמאל.

אזא ברייט־אומפאסענדע גאולה קאן אבער ניט פארשטאנען ווערען פון דעם גאנצען פאלק. די ברייטע מאסען, וועלכע האבען זיך איינגעלעבט אין גלות, האבען פארלוירען די וויזיע, די פערספעקטיווע פון פולשטענדיגער פרייהייט, וואס נעמט צוזאמען הימעל און ערד און באפרייט די נשמה אזוי גוט ווי דעם גוף. די פארשיידענע שיכטען פון פאלק קאנען זיין פאראינטערעסירט אין דער אדער יענער פאזע פון דער גאולה. בלויז יחידים, די, וועלכע זיינען באגאבט פון דעם אויבערשטען מיט א ברייטען בליק און א טיפער איבערצייגונג, קאנען פארשטיין דעם ווערט פון א „גאולה שלמה".

און דאָס איז פאַר גב"ה געננג. „שנים ממשפחה מזכין כל המשפחה", בלויז צוויי פון דער גאַנצער אידישער פאַמיליע קאָנען ברענגען די אמת'ע, געווינשטע פרייהייט. אַזוי איז עס געשען ביי יציאת מצרים, ווען מיר האָבען געהאַט אַ משה און אהרן, אַזוי איז עס אויך געוועזן ביים אַריינקומען אין ארץ־ישראל, ווען מיר האָבען געהאַט אַ יהושע בן נון און כלב בן יפונה. „וכן לימות המשיח", און אַזוי קאָן עס אויך זיין אין משיח'ס צייטען (סנהדרין קי"א ע"א).

הפטרה

דעספּאָטען זאָגען, זיי האָבען זיך אַליין געמאַכט

אשר אמר לי יארי ואני עשיתיני.

„אני הוא שעשיתי את עצמי — אני הוא אדון העולם" — איך האָב זיך אַליין געמאַכט — איך בין דער הערשער פון דער וועלט (שמו"ר פ"ה).

היסטאָריע ווידערהאָלט זיך; דאָס וואָס האָט אַמאָל פּאַסירט, קאָן ווייטער פּאַסירען. די מענשהייט לערנט ווייניג און פאַרגעסט שנעל, זי ווערט פאַרכאַפּט פון אַ פּלוצימדיגער געשעהעניש און ווערט לייכט פאַרפירט פון פאַלשע הבטחות און פוסטע לאָזונגען. אַלע דעספּאָטישע דיקטאַטאָרען אין דער געשיכטע האָבען פאַרכאַפּט די ממשלה פון זייערע לענדער דורך פאַלשע פאַרשפּרעכונגען צו זייערע אונטערטאַנען, אַז אויב מען וועט זיי איבערגעבען די מלוכה, וועלען זיי אַלעמען גליקליך מאַכען. פרעה פּראָקלאַמירט איבער'ן לאַנד „לי יאורי", דער טייך איז מיינער, „אני עשיתיו", איך האָב אים געשאַפען. דער טייך נילוס, וואָס איז געוועזן דער הויפּט מקור פון הכנסה פאַר מצרים, וועט זיך גלייך איבער־גיסען איבער זיינע ברעגען און וועט ברענגען גרויס שפע אין לאַנד, אַזוי גיך ווי ער וועט איבערנעמען די ממשלה. און דער עולם־גולם האָט געגלויבט און זיך אונטערוואָרפען זיין דיקטאַטור, וועלכע האָט נאָכהער געפירט צו גרויסע אומגליקען און האָט פאַר אייביג רואינירט דאָס לאַנד.

די געשיכטע ווייזט אויך, אַז אַלע דעספּאָטען האָבען זיך באַטראַכט פאַר אויבער מענשען, וואָס קאָנען טאָן וואָס זיי ווילען. די אומבאַגרעניצטע מאַכט, וואָס זיי האָבען פּלוצלינג אַריינגעקראָגען, האָט זיי געפירט צו דענקען, אַז זיי שטייען

זאָגאַר העכער פון די געטער און האָבען זיך אויסגעלאַכט פון די אמונות און גלויבענס פון אַנדערע, וועלכע זיי האָבען געזוכט אָפּצוראַמען פון וועג. „אני עשיתיני" — איך האָב זיך אַליין געמאַכט, און „אני אדון העולם" — איך מוז ווערען דער הערשער פון דער גאַנצער וועלט. דאָס איז געווען דער לאָזונג פון די גרויזאַמע דיקטאַטאָרען אַמאָל און דאָס זעלבע ווידערהאָלט זיך אויך אין הייטיגע צייטען.

„אני עשיתיני" — איך האָב זיך אַליין געמאַכט, האָט געשריען פרעה־היטלער, ווען ער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין דייטשלאַנד. מיין געטליכע אינטואיציע זאָגט מיר, אַז די דייטשע ראַסע איז באַשטימט געוואָרען צו זיין די הערשערין פון אַלע אַנדערע ראַסען אין דער וועלט, און איך וועל ווערען דער „אדון העולם", דער וועלט־פירער. „לי יאורי" — דער טייך איז מיינער, דער מעדיטערעניען באַלאַנגט צו איטאַליע — האָט געדונערט דער דעספּאָט מוסאָליני. רויב מוז ווייטער ווערען די הערשערין פון דעם אָריענט, און איך דער וועלט־דוטשע. ביידע האָבען אויף זיך געקוקט ווי אויף געטער, און ווי פרעה אַמאָל, האָבען זיי גע'חוזק'ט: „מי ד' אשר אשמע בקולו" — ווער זיינען די אַנדערע געטער און גלויבענס, צו וועלכע מיר זאָלען זיך צוהערען?

און דער צוגאַנג צו זייער זעלבסט־הערשאַפט איז אויך דערזעלבער. פרעה האָט געזוכט זיך צו באַפעסטיגען אויף זיין טראָן דורך פאַרשפּרייטען האַס צו די אידען. ער רופט צוזאַמען זיינע „חרטומים", „געבעלסעס" און „געהרינגס" אויף אַ „הבה נתחכמה" זיצונג, לאָמיר זיך קליגען, ווי אַריינצוקריגען די גאַנצע מאַכט אין אונזערע הענט, און צו מאַכען דעם עולם, איבערהויפּט די יוגענט, בלוטדורשטיג, אַז זיי זאָלען זיין גרייט צו געבען זייערע לעבענס, ווען מיר וועלען עס פון זיי פאָדערען. און דער בעסטער וועג ווי עס צו דערגרייכען איז צו העצען קעגען דעם שטענדיגען פרעמדען — דעם איד. און דער טייפעל־שפּיל הויבט זיך אָן: דורך די צייטונגען, בימות און ראַדיאָס פאַרשפּרייט מען צווישען דעם פאָלק דעם סם פון אידענהאַס. „הנה עם בני ישראל רב ועצום — ממנו", דאָס אידיש פאָלק איז גרויס און רייך, און דאָס האָבען זיי גענומען „ממנו", פון אונז. זיי באַשווינדלען און באַרויבען אונז. זיי זיינען די וועלט־באַנקירען און פאַרכאַפּען די בעסטע פּאָזיציעס פון דער אינדוסטריע און פּראָדוקציע. זיי זיינען אונז נישט געטריי, „כי תקראנה מלחמה ונוסף גם הוא על שונאינו", אויב עס זאָל אויסברעכען אַ מלחמה, וועלען זיי צושטיין צו אונזערע שונאים און פאַרראַטען דאָס לאַנד.

צוערשט גיט מען אַ באַפעל צו טויטען אידישע קינדער, און אַז די יוכע צעשפּילט זיך און דער עולם ווערט בלוט־דורשטיג, דאַן איז „ויצו פרעה לכל עמו לאמר, כל הבן הילוד היארה תשליכוהו״ — און פרעה באַפעלט צו זיין גאַנץ פאָלק, דאָס יעדען זוהן וואָס ווערט געבוירען זאָלט איר אין טייך אריינ־וואַרפען — „אַף על עמו גזר״ — די גזירה איז געוועזען אויך אויף די קינדער פון זיין אייגען פאָלק (סוטה י״ב ע״א). און אַז די „עבדי פרעה״ באַקלאָגען זיך „הטרם תדע כי אבדה מצרים״, ווייסטו דען ניט, אַז מצרים געהט פאַרלאָרען? אַז דאָס לאַנד איז שטאַרק פאַראָרימט געוואָרען און וועט באַלד צוזאַמענברעכען? שטעלט מען אָן „נוגשים״, „געסטאַפּאָס״, וועלכע צווינגען דאָס פאָלק אויסצופירען די באַפעלען פון זייער ווילדען פירער.

דער נביא פון היינטיגער הפטרה זעהט דעם טרויעריגען סוף פון די דעס־פּאָטען. אַזוי זאָגט ג׳ צו די פרעה׳ס, וועלכע פּראָקלאַמירען „לי יארי ואני עשיתיני״, צו מיר באַלאַנגען די טייכען, די ים׳ען, ווייל איך בין דער פירער און האָב זיך אַליין געמאַכט. „ונתתי חחים בלחייך״ — איך וועל אריינטאָן רינגען אין דיינע קינבאַקען. אַנשטאָט צו פירען די וועלט, וועט מען דיך אַרומ־פירען פון איין פּלאַץ צום צווייטען און דאָרט וועסטו גע׳משפט ווערען פאַר דיי־נע מערדערליכע טאַטען. „על פני השדה תפול״ — אויף די שלאַכטפעלדער וועס־טו פאַלען. „לא תאסף ולא תקבץ — ניט אויפגעזאַמעלט און ניט אויפגעקליבען וועסטו ווערען.

ה.

אַ אידישער פירער טאָר דעם מוט ניט פאַרלירען

וידבר אלקים אל משה ויאמר אליו אני ה׳.

„דבר אתו משפט על שהקשה לדבר ולומר: למה הרעותה לעם הזה? ויאמר אליו אני ה׳, נאמן אני לקיים דברי שדברתי לאבות הראשונים״ — צוערשט האָט ער אים שטאַרק געטאַדעלט, וואָרום ער איז אריינגעפאַלען אין אַ קלעם און האָט מוטלאָז געפרעגט: וואָרום האָסטו שלעכטס געטאָן צו דעם פאָלק? נאָכדעם האָט ער אין אַ פריינטליכען טאָן איבּ געזאָגט: איך בין ג׳ און איך בין באַגלויבט

אויסצופירען מיין פאַרשפּרעכען, וואָס איך האָב געמאַכט צו די ערשטע אבות (שמו"ר וארא).

ווי מיר האָבען געלערענט פון די מדרשים, אין דער לעצטער סדרה, האָט פּרעה צו דעם צוואַנציגסטען געבורטסטאָג פון משה'ן אים באַשטימט צו זיין דער אויפזעהער „על אירגון שלו" — איבער דער אָפּטיילונג פון אַרבייט און קאָמערץ אין זיין רעגירונג. משה האָט אויסגעקליבען דעם אַמט, ווייל ער האָט געזוכט אַ געלעגענהייט צו קומען אין אַן ענגערער פאַרבינדונג מיט זיינע ברידער, „ולראות בשעבודן" — און שטודירען זייער לאַגע (תנחומא). פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט זיך געהאַדעוועט אין דעם קעניגליכען הויף, איז ער געווען אָפּגעזונדערט פון זיינע ברידער און האָט ווייניג געוואוסט וואָס מיט זיי קומט פאָר.

די מיטגלידער פון זיין פאַמיליע און אַנדערע קרובים, וואָס פלעגען אים פון צייט צו צייט באַזוכען, זיינען אַליין געווען פרייע מענשען, ווייל זיי האָבען באַלאַנגט צום שבט לוי, און דער שבט איז קיינמאָל ניט גענומען געוואָרען פאַר צוואַנגס־אַרבייט (מדרש רבה). זיי האָבען אים אָבער אינפאָרמירט, אַז די אַלע אַנ־דערע אידישע שבטים זיינען פאַרשקלאַפּט געוואָרען און ווערען גרויזאַם גע־פּייניגט פון די קעניגליכע פאַרוואַלטער. משה האָט שטאַרק געזאָרגט זיי צו העלפען, און אַלס דער קעניגליכער אויפזעהער איבער אַלע נאַציאָנאַלע אַרבייטען האָט ער געהאָפט צו קענען בעסער שטודירען זייער לאַגע און זעהן וואָס מען קען טאָן, כדי זיי צו באַפרייען.

אַזוי גיך ווי ער האָט דעם אַמט באַקומען, „ויצא אל אחיו" — איז ער אָפּט געגאַנגען באַזוכען זיינע ברידער, „וירא בסבלותם" — און האָט געזעהן ווי שטאַרק פאַרשקלאַפּט זיי זיינען און ווי שרעקליך זיי ווערען באַהאַנדעלט פון די שוטרים, וואָס פּייניגען זיי, שלאָגען זיי און דריקען זיי נאָך צו צאָלען שווערע צינזען, וועלכע זיי פלעגען על־פּי־רוב אַרונטערלאָזען אין זייערע אייגענע קעשענעס (מדרש רבה). „ויפן כה וכה" — ער האָט זיך געקערט אַהער און אַהין, האָט באַזוכט פילע פון זייערע פירער און וואָרטזאָגער, אָבער „וירא כי אין איש" — ער האָט ניט געפונען מיט וועמען צו רעדען. די שקלאַפעריי האָט זיי דענערווירט און געבראַכט צו אַ „קוצר־רוח" — צו מוטלאָזיגקייט און פאַרצווייפלונג. וויפיל ער האָט פּרובירט מיט זיי איינצו'טענה'ען, אַז זיי זאָלען זיך שטעלען אַקעגען און קעמפען פאַר זייער פרייהייט, האָט ניט געהאָלפען.

„ראה שאין ביניהם גבר בגוברין, ואין מהם שם על לב צרת אחיו" — ער האָט איינגעזעהן, אַז צווישען זיי אַלעמען איז ניטאָ קיינער, וואָס זאָל באַזיצען מענש־ליכען שטאָלץ און זיך קימערען פאַר דער לאַגע פון זיינע ברידער (הכתב והקבלה).

משה ווערט מיט יעדען טאָג מער און מער פאַראינטערעסירט אין דער לאַגע פון זיינע ברידער און באַשליסט ביי זיך, אַז ער מוז זיי העלפען. ער אַרבייט אויס פלענער פאַר זייער באַפרייאונג און טיילט זיי איין צוויי באַשטימטע אויפגאַבען. ערשטענס, ווי אַזוי אויסצואווירקען פון פרעה׳ן, אַז ער זאָל פאַר־גרינגערען זייער לאַסט, און, צווייטענס, צו געפינען מיטלען, וואָס זאָלען דער־מוטיגען די אידען און זיי אויפמונטערען צו קעמפען פאַר זייער פרייהייט.

זיין ערשטער שריט איז געוועזן: „הלך ותקן להם את השבת" — ער איז אַוועק און האָט פאַר זיי אויסגעווירקט צו קענען רוען אין דעם טאָג פון שבת (שמו"ר פ"א). ער האָט איינגערעדט פרעה׳ן, אַז ער זאָל געבען די אידען איין טאָג פריי אַ וואָך, כדי זיי זאָלען זיך קענען אויסרוען און זאַמלען כוחות צו שאַפען מער אַרבייט אין די איבעריגע זעקס טעג פון דער וואָך. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דערמיט איז משה ניט אויסען געווען צו באַזאָרגען פרעה׳ן מיט אַ גרעסערער פּראָדוקציע. זיין הויפּט כוונה איז געווען צו געבען די אידען אַ פרייען טאָג, אין וועלכען, אויסער אַ „מנוחת הגוף", אַ רו פאַר דעם קערפּער, זאָלען זיי אויך האָ־בען אַ „מנוחת הנפש", אַ רו פאַר׳ן גייסט. דער שבת וועט אויך ברענגען אַ נעענטערע פאַרבינדונג צווישען זיי און זיי וועלען זיך בעסער קענען צוזאַמענ־רעדען — אַ פּונקט, וואָס איז העכסט וויכטיג פאַר אַ גאולה־באַוועגונג...

ער האָט אויך געשאַפען געהיימע דרוקערייען, וואו עס פלעגען יעדע וואָך געדרוקט ווערען פאַרשיידענע מגילות, פּאַמפלעטען, וואָס זיינען אויסגעשיקט געוואָרען צו יעדען אידען צו לייענען שבת. אין די דאָזיגע מגילות האָט ער זיי געמונטערט, געטרייסט און דערמאָנט אין דעם פאַרשפּרעכען פון ג׳ צו זייער פאָטער יעקב, אַז ער וועט זיינע קינדער אין מצרים ניט פאַרלאָזען און וועט זיי מיט דער צייט פון דאָרט אַרויסנעמען (מדרש רבה). די מגילות האָבען אויך אויפגעפאָדערט די אידען זיך צו פאַראייניגען און קעמפען פאַר זייער פרייהייט. ער האָט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין אַ געוויסען זין זיינען זיי אַליין שול־דיג אין זייער טרויעריגער לאַגע. ער האָט זיי אויפגעוואָרפען: „אתם משולים כחול, שאדם נוטלו מכאן ונותנו בכאן ואין קולו נשמע" — איר זענט געגליכען צו זאַמד, וואָס איינער וואַרפט פון איין אָרט צום צווייטען און ער לאָזט זיין שטים ניט הערען. איר לאָזט זיך טרעטען פון יעדען, איר פאַרשוויגט די אַלע פאַר־

פאַלגונגען קעגען אייך ווייל איר האָט פאַרלאָרען דעם חוש פון פרייהייט און פון זעלבסטווירדע (מדרש תנחומא).

פאַר אַ צייט לאַנג האָט משה אַנגעפירט זיין אַגיטאַציע צווישען אידען און האָט געקראָגען אַ סך אַנהענגער, ביז אייניגע אַסימילירטע אידען האָבען אים גע'מסר'ט פאַר פרעה'ן און ער האָט געמוזט אַנטלויפען פון מצרים. ער באַזעצט זיך אין מדין און הייראַט די טאָכטער פון דעם פריסטער „יתרו", וועלכער איז אַמאָל געוועזען איינער פון די „יועצים", ראַטגעבער, ביי פרעה'ן און האָט זיך פיל מאָל אַנגענומען פאַר די אינטערעסען פון די פאַרפאָלגטע אידען און האָט צוליעב דעם אויך געמוזט אַנטלויפען פון לאַנד (סוטה י"א ע"א). אַ שיין ביסעל יאָרען האָט ער דאָרט פאַרבראַכט ביז ער האָט באַקומען די בשורה: „מתו כל האנשים המבקשים את נפשך" — אויסגעשטאָרבען זיינען אַלע מענשען, וואָס האָבען דיך געוואָלט אַפּראַמען פון וועג.

אויך אין מדין האָט משה ניט אויפגעגעבען זיין גרויסע אַמביציע צו באַ־פרייען די אידען פון זייער שווערער לאַגע און האָט אַלץ געהאַלטען אין איין טראַכטען און פלאַנעווען ווי אַזוי דאָס דורכצופירען. ענדליך הערט ער דעם רוף פון ג', וועלכער באַפעלט אים: „לכה ואשלחך אל פרעה, והוצא את עמי בני ישראל ממצרים" — גיי, איך וויל דיך שיקען צו פרעה'ן, אַז ער זאָל באַפרייען מיין פאָלק, די אידען פון מצרים.

גב"ה וואָרענט אים אָבער, אַז ער זאָל ניט דענקען, אַז די אַרבייט וועט אים גרינג אָנקומען. ביידע — ניט פרעה און ניט די אידען — וועלען זיך לאָזען אַזוי גרינג נעמען. דער ערשטער וועט מוזען דורכמאַכען אַ שיין ביסעל מכות ביז ער וועט צושטימען פרייצולאָזען די אידען, און די אידען וועלען זיך פריער מוזען אָנזעהן מיט אַ סך „אותות ומופתים" — צייכענס און אויסערנאַטירליכע נסים — ביז זיי וועלען איינוויליגען פריי צו ווערען. נאָך אַ גרויסען ישוב־הדעת באַשליסט משה אָנצונעמען די הייליגע מיסיע פון ג' און זיך אומקערען נאָך מצרים און דאָרט צו אַרבייטען פאַר דער אידישער באַפרייאונג.

זיין ברודער אהרן, וואָס איז פאַרבליבען אין מצרים און דאָרט פאָרטגע־זעצט די אַגיטאַציע פאַר דער גאולה, טרעפט אים אויפ'ן וועג און ביידע באַשליסען צו פאַררופען אַ מיטינג פון די „זקני ישראל" און זיי איבערגעבען דעם פאַרשפּרעכען פון ג', און אויב זיי וועלען איינוויליגען, זאָלען זיי צוזאַמען גיין צו פרעה'ן און פון אים פאָדערען צו לאָזען די אידען פאַר דריי טעג גיין דינען גאָט אין דער מדבר. צוערשט „ויאמן העם וישמעו כי פקד ה' את בני

ישראל״ — האָט דאָס פאָלק געגלויבט און פאַרשטאַנען, אַז ג׳ האָט זיך טאַקע דערמאָנט אין זיי. „וכי ראה את ענים״ — און אַז ער האָט איינגעזעהן זייער אָרימקייט, „ויקדו וישתחוו״ — זיי האָבען זיך געקניט און געבוקט. זיי האָבען צוגעשטימט צו אַרבייטען צוזאַמען מיט משה און אהרן פאַר דער באַפרייאונג און דערלייזונג פון זייער פאָלק.

ביי דעם ערשטען דורכפאַל אָבער, ווען פרעה האָט זיך אָנטזאָגט נאָכצוגעבען זייער פאַרלאַנג און האָט נאָך אַרויסגעלאָזען שווערע גזירות אויף די אידען, זיינען זיי געוואָרען אָפּהענדיג און נאָך געטאַדעלט משה און אהרן פאַר זייער פאַרערגערטער לאַגע. אויך משה האָט פאַר אַ מאָמענט פאַרלאָרען זיין מוט און איז געקומען צו ג׳ מיט דער קלאַגע: „למה הרעותה לעם הזה, והצל לא הצלת?״ — ווארום האָסטו אַזוי שלעכטס געטאָן צו דעם פאָלק און אים ניט געראַטעוועט פון זיין שווערער לאַגע?

„וידבר אלקים אל משה״ — דאַן ענטפערט אים ג׳ מיט אַ שטרענגען טאָן: באַמת האָב איך דיך געדאַרפט גלייך באַשטראָפען פאַר אַזעלכע רייד. מיט אַזאַ האַנדלונג האָסטו זיך אַרויסגעוויזען צו זיין ניט דער פּאַסיגער מענש פאַר אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכער אונטערנעמונג. ער האָט אָבער פאַרטגעזעצט אין אַ לייכ־טערען טאָן: „אני ה׳״ — איך בין דאָך דער באַרעמהערציגער ג׳. „נאמן אני לקיים שדברתי לאבות הראשונים״ — איך בין באַגלויבט און דו קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזען, אַז איך וועל מקיים זיין דעם פאַרשפּרעכען, וואָס איך האָב געמאַכט צו די ערשטע אָבות. די אידישע באַפרייאונג וועט זיכער קומען.

הפטרה

אַנטיסעמיטיזם איז אַ גיפטיגע שלאַנג

הנני עליך פרעה מלך מצרים התנים הגדול.

„מתקבצות ובאות כל החיות אצל הנחש ואומרים לו: ארי דורס ואוכל, זאב טורף ואוכל, אתה מה יש לך?״ — אַלע חיות פאַרזאַמלען זיך אַרום דער שלאַנג און פרעגען איר: אַ לייב צעטרעט און עסט; אַ וואָלף פאַרצוקט און עסט, אָבער דו — וואָס פאַר אַ הנאה האָסטו פון דיינע בייסונגען (תענית ח׳).

דער ווילדער אַנטיסעמיטיזם און אידענהאַס האָט קיין גוטס ניט געבראַכט צו די לענדער און פעלקער, וועלכע פּראַקטיצירען זיי. די גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען קעגען די אידען האָבען אין יעדען לאַנד געשטערט דעם פּראָגרעס און די אַנטוויקלונג און פאַרוואַנדעלט די איינוואוינער אין ווילדע חיות, וועלכע האַסען זיך איינע די אַנדערע און פירען צו מלחמות און בלוטפאַרגיסונגען. דער אַנטיסעמיט איז בטבע אַן ענגהאַרציגער מענש, וואָס פאַרגינט ניט אַן אַנדערען זיין לעבען. ער ווערט באַהערשט פון אַ ווילדען האַס, וואָס טרייבט אים ריקווערטס און איז קעגען יעדער פּראָגרעסיווער אידייע, כאָטש זי ברענגט גרויסע נוצען צו דער געזעלשאַפט און צום פאָלק. גיט אַ קראַץ דעם אַנטיסעמיט און איר וועט אין אים געפינען דעם פאַשיסט, וואָס זוכט צו שטירצען די רעגירונג און פאַרכאַפּען די מאַכט פאַר זיך.

דער נביא פאַרגלייכט אים צו אַ שלאַנג און שרייט אויס צו דעם ערשטען גרויסען אַנטיסעמיט, צו פּרעה'ן: „הנני עליך פּרעה מלך מצרים התנים הגדול" — איך גיי אויף דיר, פּרעה, קעניג פון מצרים, דו גרויסע שלאנג, „אשר אמר לי יארי ואני עשיתיני" — וואָס האָט אַלץ געהאַלטען אין זאָגען, אַז צו מיר באַלאַנגט דער טייך און איך האָב אים געשאַפען. אַלע מקורים פון פּרנסה זיינען געמיינט געוואָרען בלויז פאַר אונז. „מצרים פאַר די מצריים„ „ענגלאַנד פאַר די ענגלענדער", „אַמעריקע פאַר די אַמעריקאַנער" — און קיין אַנדערער זאָל ניט זיין פריי צו געניסען פון די אוצרות, וואָס דאָס לאַנד באַזיצט, דאָס איז ווי די גיפט פון אַ שלאַנג, וואָס בייסט און ווערגט כאָטש זי אַליין האָט ווייניג הנאה פון דעם.

פּרעה האָט געהאַלטען אין איין דריקען די אידען, כאָטש דאָס האָט דערפירט זיין לאַנד צו רואינע. ער הערט ניט דעם געשריי פון זיינע אונטערטאַנען: „הטרם תדע כי אבדה מצרים" — ווייסטו דען ניט, אַז מיט דיין פאַרפאָלגען די אידען רואינירסטו דאָס לאַנד? ער זעצט פאָר זיין אידענהאַס ביז ער דערפירט זיין פאָלק צו דעם טרויעריגען רעזולטאַט פון „ונטשתיך המדברה, על פני השדה תפיל, לא תאסף ולא תקבץ" — פון דעם לאַנד ווערט אַ מדבר, זיין יוגענט פאַלט אויף די שלאַכטפעלדער און די פּראָדוקציע פון דער ערד ווערט ניט געזאַמעלט און ניט אויפגעקליבען. נויט און הונגער הערשט איבעראַל. און אַנגעפאַנגען האָט זיך עס מיט'ן שלאַנגען־גיפט קעגען אידען. „וידעו כל יושבי מצרים כי אני ה'" — זאָלען אָבער אַלע איינוואוינער פון די פיינטליכע מצרים־לענדער וויסען, אַז איך בין גאָט און זייער בייסען די אידען וועט זיי אַליין פאַרגיפטען.

בא

א.

פון וואַנען האָט זיך גענומען דער חושך מצרים?

נטה ידך על השמים ויהי חושך.

„מהיכן היה אותו חושך? ר׳ יהודה אומר מחושך של מעלה, ר׳ נחמיה אומר מחושך גיהנום״, — פון וואַנען האָט זיך גענומען די פינסטערניש? ר׳ יהודה זאָגט, פון אויבען, פון די הימלען; און ר׳ נחמיה זאָגט, אַז דער חושך איז געקומען פון גיהנום (מדרש תנחומא).

זינט משה איז צום ערשטען מאָל געקומען צו פרעה׳ן און אים איבערגע־געבען דעם באַפעל פון ג׳, אַז ער זאָל די אידען באַפרייען און אַרויסלאָזען פון לאַנד, האָט מצרים דורכגעמאַכט אַ סך אומגליקען. אַ ריי עפּידעמיעס, איינע גרעסער און מורא׳דיגער פון דער צווייטער, האָבען אויסגעבראָכען אין משך פון אַ קורצער צייט. אַ סך מענשען זיינען אויסגעשטאָרבען; חיות, בהמות און עופות זיינען געפאַלען ווי די פליגען; די פעלדער זיינען געשטאַנען לער און פאַר־טריקענט, און דאָס גאַנצע לאַנד איז שטאַרק פאַראָרימט געוואָרען. די „עבדי פרעה״, זיינע אונטערטאַנען זיינען געוואָרען פאַרצווייפעלט. זיי האָבען געפילט, אַז דער ג׳ פון די „עברים״ שטראָפט זיי צוליב דעם, וואָס זייער קעניג פרעה האָט זיך איינגעע׳עקשנ׳ט און וויל ניט פריי־לאָזען די אידען. זיי האָבען אָבער גאָרניט געקאָנט טאָן. פרעה האָט רעגירט דאָס לאַנד מיט אַן אייזערנער האַנט, און האָט בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבען דעם פאַרלאַנג פון משה און אהרן צו באַפרייען די בני־ישראל און זיי לאָזען גיין דינען זייער ג׳ אין מדבר.

פרעה׳ס ראַטגעבער, וועלכע האָבען אים געהאָלפען פאַרכאַפּען די מאַכט, זיינען ניט געווען פיל בעסער פאַר אים. אויך זיי האָבען שטאַרק געהאַסט די אידען, און האָבען געהאָלפען שווער צו מאַכען פרעה׳ס האַרץ קעגען זיי. כדי דאָס פאָלק זאָל האָבען צוטרוי צו זייער פירער האָבען זיי אים געזוכט איינצו־רעדען, אַז ער באַזיצט געטליכע כוחות, און אַז ער וועט מיט דער צייט ברענגען גליק פאַר׳ן לאַנד. אויף די קלאַגען פון דעם המון, וואָס האָט גע׳טענה׳ט: „הטרם

תדע כי אבדה מצרים?״ — ווייסטו דען ניט, אַז מצרים איז פאַרלאָרען? אַז דאָס לאַנד ווערט פאַראָרימט און אָפּגעשוואַכט פון טאָג צו טאָג, און וועט באַלד צוזאַמענברעכען? — האָבען זיינע פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטאָרען געהאַט איין ענטפער: „האָט צוטרוי צו אייערע פירער!״ — זיי האָבען פּראָקלאַמירט איבער׳ן לאַנד, אַז דער נילוס, וואָס איז איינע פון פּרעה׳ס שאַפונגען, ווערט זיך באַלד אַריבערגיסען איבער זיינע ברעגען און ווער צוריק ברענגען די שפע אין לאַנד.

„מהיכן היה אותו החושך?״ — פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט די בלינדע נאָכפאָלגערשאַפט צו אַ טיראַן, וואָס האָט אויף זיי געבראַכט איין אומגליק גרעסער פון דעם צווייטען? וואָרום האָט דאָס פאָלק ניט רעוואָלטירט און ניט געזוכט אַראָפּצוואַרפען פון זיך די אייזערנע קייטען, מיט וועלכע זייער ווילדער קעניג האָט זיי איינגעשמידט, און טרייבט דאָס גאַנצע לאַנד אין טיפען תהום אַריין? — דערקלערט אונז ר׳ נחמיה, אַז אָט דער חושך, אָט די בלינדקייט, איז געקומען פון „גיהנום״, פון די פינסטערע קוואַלען פון אַנטיסעמיטיזם און האָס, וואָס האָט פאַר זיי פאַרשטעלט די ליכטיגע שיין און האָט זייער יוגענט פאַרוואַנדלט אין ווילדע באַרבאַרען. די „נוגשים״, פּרעה׳ס נאַציס, האָבען פאַרגעזעצט צו דריקען דאָס אידיש פאָלק, כאָטש זייערע ווילדע טאַטען האָבען געבראַכט רואינע און פאַרניכטונג אויף זייער לאַנד.

אָבער אויך די אידען האָבען פיל בייגעטראָגען צו זייער טרויעריגער לאַגע. מיט זייער בלינדער טרייקייט צו דעם לאַנד, וואָס גיט זיי דעם קאַרגען „סיר הבשר״, דעם טאָפּ־פלייש, האָבען זיי ניט געוואָלט הערען פון פאַרלאָזען דאָס לאַנד און זוכען צו ווערען פריי און זעלבסטשטענדיג. אויך נאָך דעם, ווי משה איז צו זיי געקומען און האָט זיי איבערגעגעבען די פריילינכע בשורה, אַז דער אויבערשטער האָט באַשלאָסען צו באַפרייען זיי פון זייער טרויעריגער לאַגע, אויך דאַן „ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבדה קשה״, זיי הערען זיך ניט צו צו אים, צוליב קורצען געמיט און שווערער אַרבייט. הרב יצחק ניסענבוים זאָגט אויף דעם אַ פאַרטרעפליכען רעיון:

„אַז משה האָט איבערגעגעבן די אידען, וואָס ג׳ האָט אים געזאָגט: „אעלה אתכם מעני מצרים אל ארץ זבת חלב ודבש״, — איך וועל אייך אַרויפברענגען פון אייער אָרימקייט אין מצרים צו אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניג, — האָבען די אידען פאַרשטאַנען פון זיינע ווערטער, אַז די גאולה וועט לאַנג ניט נעמען. אין אַ גאַנץ קורצער צייט וועט ער זיי באַפרייען פון מצרים און זיי גלייך ברענגען אין דעם שיינעם לאַנד פון זייערע אבות. דאַן האָבען זיי געגלויבט

די בשורה און האָבען זיך געדן צוגעהערט צו אַלץ, וואָס משה האָט זיי געהאַט צו זאָגען.

„אַזוי גיך אָבער, ווי משה האָט פאַר זיי אויסגעלייגט דעם פּראָגראַם פון דער גאולה, ווי גב"ה האָט אים דערקלערט, וועלכע באַשטייט פון „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים", — צוערשט מוזען זיי זיך באַפרייען פון די „סבלות מצרים", אויפהערען געבען זייערע כוחות צו פרעמדע: נאָכדעם „והצלתי אתכם מעבודתכם", ווערען גייסטיג פריי און ניט זיין פאַרשקאַלפט און אונטער־וואָרפען דער השפעה פון די שכנים. „וגאלתי אתכם בזרוע נטויה", — אויב אַ פאָלק וויל פריי ווערען, מוז עס קעמפען פאַר זיין פרייהייט, און אויב נויטיג — ברענגען שווערע קרבנות. „ולקחתי אתכם לי לעם", — איר מוזט פון זיך אַרונטערוואַרפען די אומריינליכקייטען פון גלות, כדי איר זאָלט ווערט זיין צו ווערען מיין פאָלק. דאַן, ערשט דאַן, „והבאתי אתכם אל הארץ", וועל איך אייך ברענגען אין דעם לאַנד אַריין. אזוי גיך ווי די אידען האָבען דערהערט, אַז דאָס איז אַ לאַנגע פּראָצעדורע, וואָס וועט נעמען אַ שטיק צייט און איז פאַרבונדען מיט שוועריגקייטען און אָפּפערווילליגקייט, האָבען זיי געקראָגען קאַלטע פיס.

„אַזאַ פּראָגראַם פאָדערט געדולד און שווערע אַרבייט. „ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה", — האָבען זיי מער ניט געהערט משה'ן, צוליב קורצען געדולד און צוליב שווערער אַרבייט. באַפרייט צו ווערען דורך נסים איז עפּעס אַנדערש, אָבער האַרעווען פאַר דער גאולה, — אויף דעם האָבען זיי קיין געדולד ניט געהאַט. „עבודה קשה" — שווער צו אַרבייטען פאַר מצרים איז מען שוין געוואוינט דערצו, אָבער אָוועקצוגעבען כוחות פאַר זייער אייגען פאָלק, פאַר זיין באַפרייאונג, דאָס איז צופיל בדרך הטבע'דיג, צו נאַטירליך פאַר אַ פאָלק, וואָס וואַרט אויף נסים".

„מהיכן היה אותו החושך?" — פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט די פינס־טערניש? וואָס האָט זיי געמאַכט ניט צו זעהן און ניט צו פאַרשטיין דעם ווערט פון פרייהייט? זאָגט אויף דעם ר' יהודה, אַז דער חושך איז געקומען פון אויבען, פון דעם, וואָס זיי האָבען אויפגעגעבען די תורה פון זייערע אבות און זייגען גע־זונקען אין די „מ"ט שערי טומאה", די פינסטערע לערען פון די „מצריים". דאָס האָט זיי בלינד געמאַכט און פאַרטויבט זייערע געהירען ניט צו קאָנען פאַרשטיין, אַז אַ פאָלק, וואָס איז גייסטיג פאַרשקלאַפט צו זייגע אונטערטעניגער, פאַרשטעלט פאַר זיך דעם שיין פון זיין אייגענער זון, און מוז פינסטערען אין גלות.

הפטרה

די ראָלע פון מצרים ביים ערשטען חורבן

קולה כנחש הולך.

„בשעה שאמר הקב"ה אל הנחש, על גחונך תלך, ירדו מלאכי השרת וקצצו ידיו ורגליו, והיה קולו הולך מסוף העולם ועד סופו" בשעת דער אויבערשטער האָט געזאָגט צום שלאַנג, אויף דיין בויך וועסטו גיין, האָבען אַרונטערגענידערט מלאכים פון הימעל און אָפּגעהאַקט זיינע הענט און פיס, און זיין שטימע איז גע־גאַנגען פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען (ב"ר כ׳).

„די וואָס לעבען פאַר זייער בויך און זוכען בלויז צופרידענצושטעלען זייער אייגענעם אַפּעטיט — פלעגט זאָגען ר׳ אהר'על קאַידענאָווער — האָבען אונטער־געהאַקטע הענט און פיס. פאַר'ן כלל טוען זיי גאָרנישט, אָבער אַ טומעל מאַכען זיי, וואָס פאַרהילכט די גאַנצע וועלט".

אַלע מלחמות און שרעקליכע חורבנות, וואָס ברעכען אויס פון צייט צו צייט אין דער וועלט, נעמען זיך פון דעם „על גחונך תלך", פון פעלקער, וואָס גייען אויף זייער בויך און ווילען איינשלינגען די וועלט. דער „אימפּעריאַליזם", וואָס זוכט צו פאַרשקלאַפען קלענערע און שוואַכערע פעלקער און פאַרכאַפּען די רויע מאַטעריאַלען, וואָס זייער לאַנד פּראָדוצירט, איז דער רעזולטאַט פון דעם גרויסען אַפּעטיט, וואָס די גראָב־בייכיגע פעלקער האָבען אַנטוויקעלט צו באַהערשען די מאַרקעטס פון דער וועלט און צווינגען די שוואַכערע צו דינען די שטאַרקערע.

אַלע נביאים, וואָס האָבען געלעבט דורך דער טרויעריגער עפּאָכע פון דעם ערשטען אידישען חורבן, באַשולדיגען מצרים פאַר דער גרויסער טראַגעדיע. קענטיג, אַז אַלע שטימען איין, דאָס נבוכדנצר וואָלט ניט צעשטערט דעם בית־המקדש און פאַרטריבען דעם גרעסטען טייל פון די אידען נאָך בבל, אויב מצרים וואָלט זיך ניט אַריינגעמישט און דערפירט צו דעם גרויסען אומגליק.

לויט די פאַרשיידענע שטעלען פון תנ"ך ווייזט זיך אַרויס, אַז דער פאַרראַט פון מצרים קעגען יהודה האָט זיך נאָך אָנגעפאַנגען אין די צייטען פון חזקיהו המלך. ווען דער מעכטיגער קעניג סנחריב פון אשור האָט זיך פאַרמאָסטען צו פאַרנעמען דעם גאַנצען אָריענט, האָט מצרים אָרגאַניזירט אַ מין אַקסיס, אָדער קאָאַליציע פון פעלקער, אים צו באַקעמפען. צו מצרים זיינען דאַן צוגעשטאַנען

די מלוכות פון פלישתים, אדום, מואב, עמון, צור און צידון. די קליינע אָבער סטראַטעגישע לאַנד יהודה האָט זיך ניט אַנגעשלאָסען. קעניג חזקיהו, וועלכער איז געווען אַ פרידליכער מענש, האָט אָנגענומען די עצה פון ישעיה הנביא, וועלכער האָט געוואָרענט: „כי מעוז פרעה יהיה להם לבושת והחסות בצל מצרים לכלימה" — אַז די שטיצע פון פרעה וועט פירען צו שאַנד, און באַשיצען זיך אין שאָטען פון מצרים צו שפּאָט. חזקיהו האָט געשלאָסען אַ בונד מיט סנחריב און די לאַנד יהודה איז געבליבען רוהיג פאַר אַ געוויסער צייט.

מיט אייניגע יאָר שפּעטער אָבער האָט דער הויפּט־מיניסטער שבנא, וואָס האָט געוואָרפען אַן אויג אויף דער מלוכה, „שטילערהייט" זיך אַנגעשלאָסען אָן מצרים, וועלכע האָט אים פאַרשפּראָכען מיליטערישע הילף. ער מיט זיין חברותא האָבען אויסגעאיבט אַ שטאַרקען דרוק אויף חזקיהו, ביז זיי איז געלונגען אים איינצורעדען, ער זאָל ברעכען דעם אָפּמאַך מיט אַשור. סנחריב איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט קעגען דער קליינער יהודה, און האָט מאָביליזירט זיינע אַרמייען צו פאַרכאַפּען דאָס לאַנד. מצרים האָט לכתחילה געשיקט אייניגע דיוויזיעס צו העלפען די אידען, אָבער ביי דער ערשטער מפּלה האָט מצרים חרטה געהאַט און מער ניט געקומען צו הילף איר אַליאירטער יהודה.

סנחריב האָט דורך זיין גענעראַל רבשקה געשיקט אַ בריוו צום קעניג חזקיהו, אין וועלכען ער פאָדערט פון אים זיך אונטערצוגעבען. אין זיין בריוו פרעגט ער אים איראָניש: „על מי בטחת כי מרדת בי, על משענת הקנה הרצוץ הזה, על מצרים?" — אויף וועמען האָסטו זיך פאַרלאָזען, וואָס דו האָסט רעוואָלטירט קעגען מיר, אויף דעם איבערגעבראָכענעם שטעקען מצרים? ישעיה הנביא אָבער, האָט געטרייסט דעם קעניג חזקיהו און אים געמוטיגט ער זאָל זיך ניט אונ־טערגעבען. ער האָט אים פאַרשפּראָכען אין נאָמען פון ג': „מלך אשור לא יבוא אל העיר הזאת ולא יורה שם חץ!" אַז דער קעניג פון אשור וועט ניט אַריין אין דיזער שטאָט און וועט אויף איר ניט שיסען אַ קויל. און אַזוי איז טאַקע געווען. ביי די טויערען פון ירושלים איז באַפאַלען אַ מגפה די אַרמייען פון סנחריב און זיי זיינען כמעט אַלע אויסגעשטאָרבען, און יהודה איז געבליבען געזיכערט פאַר אַ לענגערער צייט.

מיט עטליכע צענדליג יאָר שפּעטער האָט „פרעה נכה" באַשטיגען דעם עגיפּ־טישען טראָן. ווי עס ווייזט אויס, איז ער געווען אַן ענערגישער דעספּאָט, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט גרויסע אַמביציעס צו פאַרכאַפּען דעם גאַנצען

אָריענט און צוריקקריגען טיילען פון דער אַלטער אימפעריע פון מצרים, וואָס אשור האָט פאַרנומען. איבערהויפּט האָט ער געוואָלט אָפּשטעלען דעם וואוקס פון דער נייער אימפעריע בבל, וועלכע האָט אונטער דער פירערשאַפט פון איר יונגען קעניג נבוכדנצר געהאַט אַ גרויסען דערפאָלג.

טראָץ דעם בונד וואָס זיין פאָרגייער „תרהקה", דער פריהערדיגער פרעה פון מצרים, האָט געשלאָסען מיט די אַרומיגע פעלקער, איז ער זיי באַפאַלען איינציגוויז און זיי אונטערייאָכט. דער דעמאָלסטדיגער קעניג פון יהודה, דער פרומער יאשיהו, האָט געלעבט אין פרידען מיט נבוכדנצר און האָט אויסגעפאָלגט די עצה פון ירמיהו הנביא ניט צו פאַרבינדען זיך מיט מצרים. פרעה נכה האָט אָבער אינטריגירט און געבראַכט צו דעם, אַז יאשיהו זאָל זיך מיט אים באַגעגענען אין דער שטאָט מגידו „וימיתהו בראותו אותו" און דאָרט האָט ער אים דער־מאָרדעט ווי ער האָט אים דערזעהן (מלכים ב' כ"ג).

די אידען האָבען דאַן געזאָלבט זיין זון יהואחז אַלס קעניג. אין דריי מאָ־נאַטען אַרום אָבער איז פרעה נכה באַפאַלען די קליינע יהודה, האָט אַרונטערגע־זעצט דעם יונגען קעניג און אויף זיין אָרט באַשטימט זיין איגערען ברודער „יהויקים", וועלכער איז געווען אַ שוואַכלינג. אויף דעם באַפעל פון פרעה נכה, האָט דער קעניג אַוועקגענומען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער פון בית־המקדש, האָט אויך אַרויפגעלייגט גרויסע שטייערען אויף דאָס פאָלק און האָט עס איבערגעגעבען צו פרעה'ן.

אונטער דער השפעה פון „פרעה נכה" האָט יהויקים געבראָכען דעם פריי־דענס־אָפּמאַך מיט נבוכדנצר, וואָס האָט ענדליך געפירט צום חורבן בית־המקדש און גלות בבל. מצרים אָבער האָט אויך געהאַט אַ שרעקליכע מפלה. נבוכדנצר האָט חרוב געמאַכט דאָס לאַנד און זי איז געבליבען קליין און שוואַך ביז היינטיגען טאָג.

דער נביא ירמיהו אין היינטיגער הפטרה באַמערקט אויף דעם. דער גרויסער אומגליק וואָס איז באַפאַלען ירושלים איז דער רעזולטאַט פון דעם פאַרראַט פון מצרים, וועלכע, מיט איר שלאַנגען־פּאָליטיק פון „על גחונך תלך", האָט געוואָלט איינשלינגען אַלע לענדער צוזאַמען מיט יהודה, אָבער איז ענדליך אַליין פאַר־ניכטעט געוואָרען פון די חיילות פון בבל, וואָס „בחיל ילכו ובקרדומות באו לה" — מיט גרויסע אַרמייען זיינען זיי געקומען אויף איר און מיט העק איר צע־בראָכען.

ב.

פאַר דער גאולה מוז מען ווערען גייסטיג פריי

ויקחו להם איש שה לבית אבות.

„בשעה שאמר הקב״ה למשה לשחוט את הפסח, אמר לו משה: רבון העולמים, איך אני יכול לשוחטו? אי אתה יודע שהצאן אלקיהם של מצרים? אמר לו הקב״ה: חייך שאין אתה יוצא מכאן עד שנשחוט אלקי מצרים לעיניהם״ — ווען ג׳ האָט געזאָגט צו משה׳ן, ער זאָל קוילענען דעם קרבן פסח, האָט אים משה געפרעגט: האַר פון אַלע וועלטען, ווי קען איך אים שעכטען? ווייסטו דען ניט, אַז שעפסען זיינען די געטער פון מצרים? האָט אים ג׳ געענטפערט: איך בין זיכער, ווי דו לעבסט, אַז דו וועסט ניט אַרויס פון דאַנען ביז דער ג׳ פון מצרים וועט געשאָכטען ווערען פאַר זייערע אויגען (שמו״ר כ״א).

אין זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט פרעה׳ן וועגען דער אידישער באַפרייאונג, האָט אים משה פיל מאָל געוואָרענט, אַז אויב ער וועט זיך שטאַרק עקשנ׳ען און ניט וועלען אַרויסלאָזען די אידען פון מצרים, וועט דער ג׳ פון די עברים שטאַרק באַשטראָפען זיין מלוכה און דאָס לאַנד „בשפטים גדולים״ — מיט גרויסע אומגליקען. און זיין וואָרנונג איז מקויים געוואָרען. אַ ריי עפּידעמיעס, איינע גרעסער און מורא׳דיגער פאַר דער צווייטער, האָבען אויסגעבראָכען איינע נאָך דער אַנדערער און האָבען געבראַכט טויט און פאַרניכטונג אויפ׳ן לאַנד. פון אַלע זייטען האָבען זיך גענומען הערען פּראָטעסטען קעגען פרעה, וועלכע האָבען געפאָדערט: „עד מתי יהיה זה לנו למוקש?״ — ביז וואַנען וועט די אידישע פראַגע זיין אַ שטער פאַר אונז? „שלח את האנשים ויעבדו את אלוקיהם״ — שיק אַרויס די מענשען און זאָלען זיי גיין דינען זייער ג׳. „הטרם תדע כי אָבדה מצרים?״ — ווייסטו דען ניט, אַז מצרים גייט צוליב זיי פאַרלאָרען, אַז דאָס לאַנד ווערט אָרימער מיט יעדען טאָג און וועט באַלד צוזאַמענברעכען?

זייערע פּראָטעסטען מאַכען אַ ווירקונג און פרעה האָט זיך גענומען בויגען. ער שיקט רופען צו זיך משה׳ן און אהרן׳ען און זאָגט זיי: „לכו עבדו את ה׳ אלקיכם״ — איר קענט גיין דינען אייער ג׳. איך וויל אָבער וויסען „מי ומי ההולכים״ — ווער און וויפיל פון אייך וועלען גיין? אַז משה ענטפערט אים: „בנערינו ובזקנינו נלך״ — יונג און אַלט וועלען מיר גיין און מיר וועלען אויך מיטנעמען אונזערע שאָף און רינדער, ווערט פרעה אויפגערעגט און שרייט אויס:

„יהי כן ה׳ עמכם כאשר אשלח אתכם ואת טפכם" — זאָל אַזוי ג׳ זיין מיט אייך, ווי איך וועל אייך אַרויסשיקען צוזאַמען מיט אייערע קינדער, בלויז די מענער קענען גיין. משה און אהרן נעמען ניט אָן זיין פאָרשלאַג און ער טרייבט זיי אַרויס פון קעניגליכען הויף.

עס קומען אָבער אָן נאָך גרעסערע אומגליקען און פרעה ווערט ווייכער. ער שטימט שוין איין צו לאָזען זיי מיטנעמען זייערע קינדער. „רק צאנכם ובקרכם יוצג" — בלויז אייערע שאָף און רינדער זאָלט איר דאָ איבערלאָזען. משה אַנט־זאָגט זיך קאַטעגאָריש צו פאַרהאַנדלען מיט אים אויף די דאָזיגע תנאים און ענטפערט אים מיט שטאָלץ: „גם אתה תתן בידנו זבחים ועולות" — אויך דו וועסט אונז געבען שאָף און רינדער פאַר קרבנות צו אונזער ג׳. ניט נאָר וועלען מיר מיטנעמען אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגען, נאָר דו וועסט זיך נאָך בעטען ביי אונז, אַז מיר זאָלען נעמען מתנות פון דיר און דיינע ראַטגעבער. משה האָט געוואוסט, אַז אַזוי וועט עס טאַקע זיין, ווייל גב"ה האָט אים געזאָגט: „עוד נגע אחד אביא על פרעה ועל מצרים, אחרי כן ישלח אתכם מזה" — נאָך איין פלאָג וועל איך ברענגען אויף פרעה און אויף מצרים, און נאָכדעם וועט ער אייך באַשטימט אַרויסשיקען פון דאַנען.

די נייע און לעצטע פלאָג, וועלכע וועט אויפטרייסלען די רעגירונג און דאָס גאַנצע לאַנד וועט באַשטיין אין דעם „ומת כל בכור בארץ מצרים" — אַלע ערשט־געבאָרענע וועלען אויסשטאַרבען אין מצרים, אָנפאַנגענדיג מיט פרעה׳ס נאָכ־פאָלגער און זיך ענדיגען מיט דעם ערשט־געבוירענעם פון אַ דינסט, וואָס אַרבייט ביי מילשטיינער. די בכורים, די הויפטליגגע פון יעדער פאַמיליע, וואָס זיינען געווען אַ טייל פון די „נוגשים", פרעה׳ס „געסטאַפאָ", וועלען אַלע אָפגעראַמט ווערען פון וועג, און די אידען וועלען קענען פריי פאַרלאָזען דאָס לאַנד. אָבער איידער די נאַכט פון מכת־בכורים קומט אָן הייסט ג׳ משה׳ן: „ויקחו להם איש שה לבית אבות, שה לבית" — אַז אַלע אידען זאָלען נעמען אַ שעפּס פאַר יעדער פאַמיליע, אַ שעפּס פאַר יעדען הויז, און עס מקריב זיין פאַר אַ פאָלקס־קרבן — צו פּראָקלאַמירען אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט די באַפרייאונג און גרינדונג פון דעם אידישען פאָלק.

צוויי קרבנות ווערען אין דער אידישער טראַדיציע אָנגערופען מיט דעם נאָמען „קרבנות־ציבור" — פאָלקס־קרבנות, און זיי זיינען אַזוי הייליג, אַז זיי זיינען „דוחה את הטומאה" — שטויסען פון זיך אָפּ אַלע אומריינקייטען (פסחים צ"ו): דער „קרבן־תמיד", וואָס מען פלעגט מקריב זיין יעדען פרימאָרגען און

יעדען אָוועגט, און דער „קרבן־פסח", וואָס מען פלעגט מקריב זיין ערב פסח. דער אונטערשייד פון זיי ביידען איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער קרבן־תמיד איז בלויז געווען איין שעפּס, וואָס איז געקויפט געוואָרען פון די שקלים־געלדער, וואָס אַלע אידען האָבען בייגעשטייערט, און מען האָט אים געמוזט מקריב זיין אין בית־המקדש. דער קרבן פסח אָבער איז באַשטאַנען פון אַ „שה־לבית־אָבות" — אַ שעפּס פאַר יעדער הויזגעזינט, און האָט געדאַרפט געגעסען ווערען צוזאַמען מיט דעם גאַנצען קהל אין יעדער געגענט באַזונדער.

דער „קרבן־תמיד" איז געווען אַ רעליגיעזער פאָלקס־קרבן, וואָס האָט גע־דינט אַלס סימבאָל פון גייסטיגער פאַראייניגונג. ער האָט אונז דערמאָנט צוויי מאָל אַ טאָג, אַז מיר זיינען קינדער פון איין אומה און גלויבען אין איין איינציגען ג׳. דער „קרבן־תמיד" האָט אונז טאָג־טעגליך פאַראייניגט מיט דער שכינה און געמאַכט פאַר אַ „גוי־קדוש" — אַ הייליג פאָלק. „אמר רבי יודא ברבי סימן" — רבי יודא דער זון פון סימן פלעגט זאָגען: „מעולם לא לן אדם בירושלים ובידו עון. הא כיצד? תמיד של שחרית היה מכפר על עבירות שנעשו בלילה, ותמיד של בין הערבים היה מכפר על עבירות שנעשו ביום" — קיינמאָל האָט אַ מענש ניט איבערגענעכטיגט אין ירושלים און איז געבליבען אַ זינדיגער. ווי איז עס מעגליך? דאָס איז צוליב דעם, וואָס דער „קרבן־תמיד" פון אין דער פרי האָט מכפר געווען אויף די עבירות, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרען דורך דער באַכט, און דער „קרבן־תמיד" פון אָוועגט האָט מכפר געווען אויף די עבירות, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרען דורכ׳ן טאָג (פּסיקתא רבתי). אַ קרבן פון דעם גאַנצען פאָלק און פאַר דעם גאַנצען פאָלק רייניגט אַלע עבירות, וואָס ווערען באַגאַנגען בשוגג, אומבאַוואוסטערהייט.

אַזאַ קרבן, וואָס האָט אַרום זיך פאַראייניגט די הייליגטימער פון דעם גאַנ־צען פאָלק, האָט געמוזט געבראַכט ווערען פון קהל׳שע געלדער, וואָס ווערען געזאַמעלט פון דעם גאַנצען פאָלק. „אין יחיד מקריב קרבן תמיד" — קיין יחיד, ווי גרויס און רייך ער זאָל ניט זיין, האָט ניט געטאָרט מקריב זיין דעמדאָזיגען פאָלקס־קרבן. דער „קרבן־פסח" אָבער האָט געדינט פאַר אַ סימבאָל פון נאַציאָ־נאַלער פאַראייניגונג, און פאַר דער אויפהאַלטונג פון „אחדות־האומה", פון פאָלק׳ס סאָלידאַריטעט, מוז יעדער צוטראָגען זיין חלק און צולייגען אַ האַנט. וועגען דעם „קרבן־פסח" ווערט אין דער תורה געזאָגט, אַז ער האָט געמוזט גע־בראַכט ווערען „במכסת נפשות" — לויט דער צאָל פון נפשות אין יעדער פאַ־מיליע, און ניט לויט זייער פאַרמעגען, „שהרי החוב מוטל אפילו על עני המחזיר

על הפתחים" — ווייל דער חוב בייצושטייערן פאַר דעם באַפרייאונגס־קרבן פון פאָלק ווערט אויך אַרויפגעוואָרפען אפילו אויף אַן אָרימאַן, וואָס גייט אַרום אי־בער די הייזער (העמק דבר).

חוץ דעם, וואָס דער „קרבן־פסח" האָט געמוזט אַנדערש צוגעגרייט ווערען און „כל עדת בני ישראל יעשו אותו" — די גאַנצע אידישע געמיינדע האָט זיך געמוזט מיט אים באַשעפטיגען, האָט מען זיך אויך אַנדערש געמוזט נוהג זיין ביים עסען אים. „וככה תאכלו אותו" — אַזוי זאָלט איר זיך אויפפירען ביים עסען אים" „מתניכם חגורים, נעליכם ברגליכם, ומקלכם בידכם, ואכלתם אותו בחפזון" — אייערע לענדען זאָלען זיין געגורט, אייערע שיך אָנגעטאָן אויף די פיס און אייער שטעקן אין האַנט, און עסען זאָלט איר אים אין איילעניש. די מכת־בכורים וועט אַזוי אויפטרייסלען די רעגירונג און דאָס לאַנד, אַז ניט נאָר וועלען זיי אייך פריילאָזען, נאָר אויך „גרש יגרש אתכם מזה" — זיי וועלען אייך פשוט אַרויסטרייבען פון דאַנען. דערפאַר זאָלט איר זיין „מוזמנים לדרך" — צוגעגרייט פאַר דעם וועג (רש"י).

פילע פון אונזערע חכמים זעהען אין אָט־די ווערטער פון משה רבנו אַ פול־שטענדיגען פּראָגראַם, ווי אידען דאַרפען אָנפירען זייער פרייהייט־באַוועגונג און וועלכע קרבנות זיי דאַרפען ברענגען, כדי מקרב צו זיין די גאולה. דער ווילנער גאון ז"ל זאָגט: „לביאת הארץ צריך שלשה דברים" — כדי אידען זאָלען קענען אַריינקומען אין זייער אייגען לאַנד, מוזען זיי נאָכקומען דריי באַדינגונגען: ערש־טענס, „הכנה לצאת מחוץ לארץ" — זיך פאָרצובאַרייטען אַרויסצוגיין פון גלות; צווייטענס, „הדרך אשר ילך" — דער וועג דורך וועלכען צו גייען, כדי דעם ציל צו דערגרייכען, און דריטענס, „הביאה לארץ הקדושה" — דאָס אַריינקומען אין דעם הייליגען לאַנד און ווי עס צו דערוועריבען פאַר דעם נאַציאָנאַלען באַזיץ (אדרת אליהו, עקב).

אין די ווערטער פון דעם גאון זצ"ל ליגט אַ טיפער געדאַנק, וואָס די פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבען באַדאַרפט וויסען און פאַרשטיין. דער „הביאה לארץ הקדושה", דאָס אַריינקומען אין לאַנד אַריין, דאָס באַזעצען זיך דאָרט און אָנפאַנגען בויען די נאַציאָנאַלע היים, איז שטאַרק געווענדט אָן דעם „הדרך אשר ילך", אין דעם וועג, דעם צוטריט צו דער הייליגער אויפגאַבע. אויב ער שטימט מיט די טראַדיציעס פון אונזער פאָלק, אויב ער איז באַזירט אויף די הויפט־פּרינציפּען און שטרעבונגען פון אונזער גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט,

פירט אָט־דער וועג צו דעם „הביאה לארץ הקדושה" — צום ענדגילטיגען זיג, וואָס וועט קרוינען די אַרבייט מיט דערפאָלג.

אָבער די ביידע, אי דער „הדרך אשר ילך", אי דער „הביאה לארץ הקדושה", קענען נאָר דאַן זיין דערפאָלגרייך, אויב דער ערשטער תנאי, די ערשטע פליכט איז נאָכגעקומען געוואָרען אין איר פולען אינהאַלט. דער „הכנה לצאת מחוץ לארץ", דער שטענדיגער גרייט זיין אַרויסצוגיין פון חוץ־לאָרץ, דאָס אָראָפוואַר־פען פון זיך דעם גייסטיגען לאַסט, וואָס דער גלות האָט אויף אונז אַרויפגע־צוואונגען און אונז באַרויבט פון אונזער אייגענאַרטיגקייט און אָריגינאַליטעט — אָט דער באַדינג איז זעהר אַ וויכטיגער פונקט אין אונזער באַפרייאונגס אַרבייט. דער דאָזיגער געדאַנק ווערט קלאָר אַנגעדייט אין דעם באַפעל פון אונזער גרויסען באַפרייער משה, ווי מיר דאַרפען זיך נוהג זיין ביים עסען דעם קרבן פסח:

„מתניכם יהיו חגורים" — אייערע לענדען זאָלען אימער זיין געגורט. זייט שטענדיג גרייט צו פאַרלאָזען דעם גלות. רעדט זיך ניט איין, אַז מיט דער צייט וועט איר זיך קענען איינבירגערען אין די פרעמדע לענדער, וואו איר געפינט זיך, און געניסען פון אַלע רעכטען גלייך מיט אַנדערע. אייער עקאָנאָמישע לאַגע אין גלות איז אַ „לחמא עניא" — אַן אָרים שטיקעל ברויט, אויסגעדאַרט און דורכגעלעכערט, און דאָך איז ער גרויס אין די אויגען פון אונזערע שונאים. אונזערע חכמים זאָגען: וואָרום ווערט די מצה, וואָס מיר עסען פסח, אָנגערופען „לחמא עניא" — „שעונין עליו דברים הרבה, שגומרים עליו ההלל ואומרים עליו הגדה" — ווייל מען שמועסט איבער אים אַ סך, מען באַזינגט אים מיט לויב־געזאַנג און מען זאָגט איבער אים גאַנצע הגדות (פסחים ל"ו ע"א, רש"י). מען האַלט אין איין רעדען איבער דעם אידישען ברויט.

אפילו אין די פרייערע מדינות, אין די זאָגענאַנטע דעמאָקראַטישע לענדער, איז די לאַגע פון די אידען ווי די פון דער מצה. כל זמן די אידישע באַפעלקערונג דאָרט איז קליין און אָרעם, איז „גומרים עליו את ההלל" — לויבט מען דעם אידען כלומר'שט און מען באַזינגט זיינע גרויסע גייסטיגע לייסטונגען צו דער וועלטליכער ציוויליזאַציע. אָבער אַזוי גיך ווי זייער צאָל שטייגט און זיי הויבען אָן צו פאַרנעמען אַ געוויסען פּלאַץ אין דער אינדוסטריע פון לאַנד, „אומרים עליו הגדה" — הויבט מען אָן צו דערציילען וועגען זיי גאַנצע „הגדות", אַז זיי זיינען שטיין רייך און פאַרכאַפּען די בעסטע פּאָזיציעס אין לאַנד. פאַר אידען איז דאָ ווייניג פּלאַץ אין די גלות־לענדער. „מתניכם יהיו חגורים" — זייערע

לענדען מוזען אימער זיין געגורט, גרייט צו פארלאזען זייערע ערטער. „נעליכם — ברגליכם״ — אייערע שיך זאלט איר טראגען אויף די פיס. אויף אלע וועגען צו אייער באפרייאונג זאלט איר גיין מיט שטאלץ. קומט ניט צו די פרעמדע פעלקער מיט בארוויסע פיס, ווי בעטלער. פארהיט אייערע פיס פון דעם „אבק הגלות״ — דעם שטויב פון גלות. טרייסעלט פון זיך אראפ די אונטערוואָרפענ־קייט און אונטערטעניגקייט, וואס דער גלות האט אויף אייך ארויפגעצוואונגען. פאדערט מיט שטאלץ וואס אייך קומט און צו וואס מיר זיינען היסטאריש באַ־רעכטיגט. קיין פאלק האט ניט באקומען א לאנד פאר זיך אלס א „חסד״ פון אנדערע פעלקער. אויב מען ווארט אויף דעם „חסד לאומים״, אויף מאנדאטען, אויף רעזאלוציעס פון אנדערע פעלקער, וועט מען ווייט ניט גרייכען. „נעליכם — ברגליכם״ — מען מוז גיין מיט די שיך אויף די פיס און טרעטען מיט נאַ־ציאנאלען שטאלץ.

„ומקלכם בידכם״ — אייערע שטעקענס זאלט איר האלטען אין אייערע הענט. קומט איר שוין אריין אין לאנד, זאלט איר זיין גרייט צו קעמפען פאר יעדע פאזיציע. אויב מען וועט זיך פארלאזען אויף דעם יושר פון די פירענדע פעלקער, אדער אויף די „ענקים״, די גרויסע דיפלאמאטען, וועט דאס לאנד ווערען אן „ארץ אוכלת יושביה״ — א לאנד, וואס פארצערט זיינע איינוואוינער. יעדע פאזיציע, וואס ווערט דארט געשאפען מיט דעם בלוט און געלט פון דעם פאלק, וועט אפגעשוואכט ווערען, אויב איר וועט זיך בויגען צו די פרעמדע און זוכען זיי צו „אפיזען״, צופרידענצושטעלען. „מקלכם בידכם״ — האלט אייערע שטעקענס אין האנט און באקעמפט יעדען, וואס שטערט אייך אין דער בוי־ארבייט.

„ואכלתם אותו בחפזון״, עסט אייער פרייהייטס־קרבן אין איילעניש, פאר־זאמט ניט, פארפעלט ניט אויסצונוצען יעדע געלעגענהייט צו דערגרייכען אייער ציל. עס מאכט ניט אויס וועמעס חפזון עס איז, צי עס איז א „חפזון דמצרים אדער א חפזון דישראל״ — א געלעגענהייט, וואס קומט פון דעם שונא אדער פון דעם אייגען פאלק, פארשלאפט איר ניט און נוצט איר אויס. „פסח הוא לה׳״ — דאס איז א געטליכער שפרונג, וואס וועט אייך פירען צו דער ענדגילטיגער גאולה.

מיר טארען אויך ניט אריינשלעפען שטיקער פון דעם גלות אין אונזער לאנד אריין. ארץ־ישראל מוז צוריק ווערען אריגינאל אין גייסט און אין קערפער, ווי זי איז אמאל געווען, אט די טראדיציעס, וואס האבען אונז געדינט אלס

שוק־וואָנט אין דעם לאַנגען גלות און אונז פאַרהיט פון אונטערגאַנג, מוזען צוריקקריגען זייער אמת'ע דערלייזונג אין אונזער לאַנד. אידען וועלען קיינמאָל ניט ווערען פריי „עד שנשחוט אלקי מצרים לעיניהם" — ביז זיי וועלען פאַר זיך ניט זעהן די געטער פון מצרים און אַלע גלות־לענדער געקוילעט פאַר זייערע אויגען. כל זמן אַ פאָלק פאַרערט די אידייאישע אָפּגעטער פון פרעמדע פעל־קער ועט זיין נשמה ניט פריי זיין אויך אין זיין אייגען לאַנד.

הפטרה

זיי וועלען באַקומען זייערס

הנני פוקד על פרעה — ועל הבוטחים בו.

„על דאטפת אטפוך וסוף מטיפיך יטופון" — ווייל דו האָסט געוואָלט דער־טרינקען, ביזטו אַליין דערטרונקען געוואָרען, און דער סוף פון דיינע דערטרינקער וועט זיין, אַז אויך זיי וועלען דערטרונקען ווערען (פרקי אָבות).

די גרויסע טראַגעדיע פון דעם ערשטען חורבן ווערט פון פילע נביאים צוגעשריבען צום פאַרראַט פון מצרים, וועלכע האָט צוערשט פאַרשפּראָכען איר הילף צו די אידען קעגען בבל און נאָכדעם זיך צוריקגעצויגען און געלאָזט נבוכדנצר'ן חרוב מאַכען דעם בית־המקדש און פאַרטרייבען די אידען פון זייער לאַנד. זעהענדיג, אַז בבל איז צו־שטאַרק, האָט מצרים פאַרגעסען אירע הבטחות צו דער אָרימער יהודה און זיך גענומען שמייכלען צו דער מעכטיגער בבל. זי האָט אָבער געמאַכט דעם חשבון אָהן דעם באַלעבאָס. אין אַ קורצער צייט שפּע־טער איז נבוכדנצר איר באַפאַלען און חרוב געמאַכט, ווי זי האָט געטאָן צו יהודה.

אויך די מלוכות פון די פלישתים, אדום, מואב, עמון, צור און צידון, וועלכע האָבען זיך פאַרטרויט אויף מצרים און האָבען אויך געהאָלפען אין דעם אידישען פאַרראַט, זיינען פון נבוכדנצר צעשטערט געוואָרען. פאַראויסזעענדיג זייער בי־טערען סוף, טרייסט דער נביא די אידען און זאָגט זיי: „אל תירא עבדי יעקב" — שרעק זיך ניט, מיין קנעכט יעקב, „כי אתך אני" — ווייל איך בין מיט דיר. די וואָס האָבען דיך פאַרפאָלגט, וועלען באַקומען זייער שטראָף; ווער עס זוכט צו דערטרינקען אַנדערע, וועט אַליין דערטרונקען ווערען.

ג.

די זיילען אויף וועלכע די אידישע וועלט האַלט זיך

וראה את הדם על המשקוף ועל שתי המזוזות.

„על המשקוף, נגד אברהם; ועל שתי המזוזות, נגד יצחק ויעקב" — אויפ'ן אויבערשטידעל — דאָס איז קעגען אברהם; אויף דיביידע ביישטידלאַך — דאָס איז קעגען יצחק און יעקב (שמו"ר פ"א).

די מאָס פון אומגליקען פאַר'ן לאַנד מצרים איז נאָך, קענטיג, ניט געווען פאַרפולט. טראָץ די גרויסע פּראָטעסטען פון די פאַראַרימטע מאַסען, האָט דער טיראַן פרעה נאָך אַלץ ניט געוואָלט איינשטימען אַרויסצולאָזען די אידען מיט זייערע פאַרמעגענס פון לאַנד. ער שיקט רופען צו זיך משה און אַהרן און זאָגט זיי: איר קאָנט אַלע גיין דינען אייער גאָט און מיטנעמען אייערע קליינע קינדער, „רק צאנכם ובקרכם יוצג" — בלויז אייערע שאָף און רינדער זאָלט איר דאָ איי־בערלאָזען. ער האָט געוואָרפען אַן אויג אויף זייערע פאַרמעגענס און האָט עס געוואָלט קאָנפיסקירען פאַר דער רעגירונג. פאַר דעם האָט ער אויך געהאַט די צושטימונג פון די „עפענדים", די „בכורים" פון די פאַמיליעס, וועלכע האָ־בען געהאַפט צו קאָנען אָפּלעקען אַ ביינדעל פון דעם אידישען האָב און גוטס. משה אַנטזאָגט זיך אָבער קאַטעגאָריש צו פאַרהאַנדלען מיט אים און ענטפערט אים מיט גרויס שטאָלץ: „גם אתה תתן בידינו זבחים ועולות" — אויך דו וועסט אונז געבען שאָף און רינדער פאַר קרבנות צו אונזער ג'. ניט נאָר וועלען מיר מיטנעמען אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגען, נאָר דו וועסט זיך נאָך בעטען, אַז מיר זאָלען נעמען מתנות פון דיר און דיינע ראַטגעבער.

און ג' זאָגט צו משה'ן: „עוד נגע אחד אביא על פרעה ועל מצרים, אחרי כן ישלח אתכם מזה" — נאָך איין פּלאָג וועל איך ברענגען אויף פרעה אין מצרים און נאָכדעם וועט ער אייך באַשטימט אַרויסשיקען פון דאַנען. און די פּלאָג באַשטייט אין דעם: „ומת כל בכור בארץ מצרים" — אַלע ערשט־געבוירענע וועלען אויסשטאַרבען אין דעם לאַנד מצרים, אָנפאַנגענדיג מיט פרעה'ס טראָן־פאָלגער און ענדיגענדיג זיך מיט דעם ערשט־געבוירענעם פון אַ דינסט, וואָס אַרבייט ביי מילשטיינער. די בכורים, וואָס ווערען פון די עגיפּטער באַטראַכט פאַר זייערע הויפּטלינגע, וועלען אַלע אין איין נאַכט אויסשטאַרבען. פאַר די

אידען זאָל די נאַכט זיין אַ „ליל שמורים״ — אַן אָפּהיטונגס־נאַכט. „צריכים ישראל להשתמר בו בלילה״ — די אידען דאַרפען זיך שטאַרק אָפּהיטען אין דער נאַכט (מדרש תנחומא).

און ג׳ זאָגט ווייטער צו משה און אהרן: „החודש הזה לכם — אין לכם חודש אחר גדול מזה״ — דער דאָזיגער חודש, ניסן, איז אייערער — איר האָט ניט קיין גרעסערען חודש פאַר דעם (שמו״ר י״ט). „ראשון הוא לכם לחדשי השנה״ — ער איז פאַר אייך דער הויפּט פון אַלע חדשים פון יאָר. כל זמן איר זענט געווען פאַרשקלאַפּט אין מצרים, זיינען די חדשים ניט געווען אייערע. איר האָט געמוזט ציילען די טעג נאָך דער צייט־רעכענונג פון די מצריים. ניט נאָר האָט דער גלות פאַר אייך פאַרשטעלט דעם שיין פון דער זון, נאָר אויך דער שיין פון דער לבנה האָט ניט באַלאַנגט צו אייך. איבער פרעמדער ערד העננגען פרעמדע הימלען. „כל זמן שאורו של עשיו מבהיק, אין אורו של יעקב מתפרסם״ — כל־זמן דאָס ליכט פון עשו׳ן שיינט אין פולער גלאַנץ, איז דאָס ליכט פון יעקב ניט באַוואוסט (ילקוט שמעוני). איצט אָבער זענט איר פרייע מענשען און איר קאָנט אַליין באַשטימען דעם אָנפאַנג און דעם סוף פון אייערע חדשים.

„מיט די ווערטער „ראשון הוא לכם לחדשי השנה״ ווערט ניט געמיינט, אַז ניסן איז דער אָנפאַנג פון יאָר. דער ערשטער חודש פון יאָר איז פאַקטיש דער חודש תשרי, דער חודש, ווען די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, ווי עס ווערט דייטליך געזאָגט: „וחג האָסיף בצאת השנה, וחג האָסיף תקופת השנה״ — דער איינזאַמלונגס יום־טוב סוכות, וואָס פאַלט אויס אין תשרי, ביים סוף פון יאָר און ביים אָנפאַנג פון יאָר (שמות כ״ג, ל״ד). דער פסוק דאָ וויל בלויז באַטאָנען, אַז ניסן איז דער ערשטער און חשוב׳סטער נאַציאָנאַלער חודש ביי אידען״ (רמב״ן). און די גמרא באַמערקט אויף דעם: „לא שנו אלא למלכי ישראל, אבל למלכי אומות העולם מתשרי מנינן״ — דער חודש ניסן איז דער הויפּט פון אַלע חדשים בלויז פאַר די אידישע קעניגען, אָבער פאַר קעניגען פון דער וועלט ציילט מען די יאָרען פון „תשרי״ (ר״ה ח׳ ע״א). פאַר דער אידישער נאַציע, פאַר דער אידישער מלוכה איז פסח דער גרעסטער נאַציאָנאַלער יום־טוב. „בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל״ — אין ניסן זיינען די אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים און אין ניסן וועט קומען די ענטגילטיגע גאולה (שם).

זעהר אַ שיינעם געדאַנק איבער דעם פסוק זאָגט הרב עמיאל ע״ה: „דער חודש „ניסן״ איז דער ערשטער פון פרילינג; די צייט, וואָס מען פאַרזייט די תבואה אויף די פעלדער. „תשרי״ איז דער ערשטער חודש פון הערבסט, ווען

מען זאמעלט־אויף די תבואה פון די פעלדער. פאר די אומות־העולם, ביי וועמען דער מאטעריאליזם שפילט די הויפט־ראל אין לעבען, איז דער חודש „תשרי", ווען מען פייערט דעם „חג האסיף", דעם איינזאמלונגס־יום־טוב, די בעסטע צייט פון יאר. ביי די אידען אבער, וועלכע זיינען אן „עם הרוח", א גייסטיג פאלק, פאר זיי איז „ניסן" דער הויפט חודש. אידען דארפען אלץ האלטען אין איין פארזייען, אין איין שאפען. דאס איז די אויפגאבע פון א „ממלכת כהנים וגוי קדוש" — א קעניגרייך פון פריסטער און א הייליג פאלק" (דרשות אל עמי).

איידער די נאכט פון „מכת בכורים" קומט אן, הייסט ג' משה'ן, אז אלע אידען זאלען זיך באטייליגען אין מקריב זיין דעם ערשטען פאלקס־קרבן, דעם קרבן פסח. אין מדרש ווערט געבראכט, אז ווען ג' האט אנגעזאגט משה'ן: „ויקחו לי איש שה לבית אבות, שה לבית" — אז יעדער מענש זאל נעמען א שעפס פאר יעדער פאמיליע און עס מקריב זיין פאר א קרבן פסח, האט זיך משה געשראקען דאס צו טאן, ווייל דער שעפס איז געווען פארהייליגט אין מצרים און זייער גאטהייט האט געטראגען דאס בילד פון א שעפס. דער אויבערשטער זאגט איב אבער: „אין אתה יוצא מכאן עד שנשחוט אלקי מצרים לעיניכם" — דו וועסט די אידען קיינמאל ניט באפרייען פון גלות מצרים, ביז זיי וועלען ניט זעהן דעם ג' פון מצרים א געקוילעטען פאר זייערע אויגען (שמו"ר בא). פיל אידען, אי־בערהויפט צווישען די רייכערע קלאסען, ווערען איבעראל היינגעריסען פון דער הערשענדער קולטור פון א לאנד. ערשט ווען זיי זעהען, אז דער גאט פון דער דאזיגער קולטור ליגט א געקוילעטער פאר זיי און דאס קולטור־פאלק, פאר וועלכען זיי האבען ארויסגעוויזען אזוי פיל דרך־ארץ, איז פארוואנדעלט גע־ווארען אין ווילדע חיות, ערשט דאן קומען זיי צוריק צו זייער פאלק.

„אין הפסח נאכל אלא למנויו" — דער קרבן פסח זאל געגעסען ווערען נאר פון די, וואס האבען זיך געציילט אויף אים (זבחים נ"ו). „עס האבען זיך געפונען ביי יציאת מצרים אויך אזעלכע אידען, וואס פריער האבען זיי נאך אלץ ניט געגלויבט, אז די גאולה וועט טאקע ווירקליך קומען, און זיי האבען זיך די גאנצע צייט אויסבאהאלטען, מורא געהאט צוזשטיין עפענטליך צו דער באוועגונג און זיך באמיט ביז דער לעצטער מינוט צו גילטען אלס טרייע, לאיאלע בירגער. ערשט ווען מען האט שוין געהאלטען ביים סאמע סוף, ווען מען האט זיך אוועקגעזעצט צו דער סעודה פון דעם קרבן פסח, זיינען זיי אויך געקומען. אבער מען האט די דאזיגע אידען געענטפערט: „אין הפסח נאכל אלא למנויו" — מחותנים צו דער דאזיגער סעודה זיינען נאר די אידען, וועלכע האבען זיך

פריער פאַרשריבען און באַטייליגט אין די הכנות צו דער גאולה, בשעת עס זיינען נאָך נויטיג געווען דערצו געוויסע אָנשטרענגונגען און אַ געוויסע מאָס מסירת נפש, אָבער ניט יענע לייט, וועלכע האָבען געוואַרט ביז דער סאַמע לעצטער מינוט״ (דבר בעתו).

פון דעם בלוט פון קרבן פסח, איז יעדער איד אָנגעזאָגט געוואָרען, אַז ער זאָל מיט אַ בינטעל „אזוב״ גראָז עס אויסשמירען איבער דעם אויבערשטידעל און דיביידע ביישטידלען פון זיין הויז. דאָס וועט זיין אַ שמירה פאַר זיי, אַז ווען דער מלאַך־המות וועט קומען צו טויטען די בכורים פון מצרים, וועט ער זייערע הייזער איבערהיפּען. דער זוהר הקדוש באַמערקט: „אגודת אזוב למה?״ — וואָרום דווקא מיט אַ בינטעל אזוב־גראָז? דאָס איז „בגין לבערא רוח מסאבא מבינייהו״ — כדי אויסצוראַמען דעם „רוח הטומאה״ פון צווישען זיי. דער קרבן פסח, וואָס איז דער ערשטער פאָלקס־קרבן, וואָס די אידען אָלס אַ זעלבסטשטענ־דיגע נאציע האָבען געבראַכט, איז „דוחה את הטומאה״ — שטויסט פון זיך אָפּ אַלע אומריינינגקייטען (פסחים צ״ו), און איידער אַ איד גייט זיך באַטייליגען אין דער גרויסער מצוה, דאַרף ער זעהן, אַז אויך זיין אייגען הויז זאָל זיין ריין פון פרעמדע אומריינקייטען.

זעהר אַ טיפער געדאַנק, וואָס איז אויך היסטאָריש אויסגעהאַלטען, ווערט אויסגעדריקט אין דעם אויבען־ציטירטען מדרש: דאָס בלוט פון קרבן פסח האָט מען געדאַרפט אויסשמירען „על המשקוף ועל שתי המזוזות״ — אויף דעם אוי־בערשטידעל און ביידע ביישטידלען פון טיר. דער „משקוף״, זאָגט דער מדרש, איז אַ צייכען פאַר אונזער פאָטער אברהם, און די צוויי מזוזות — פאַר אונ־זערע פאָטערס יצחק און יעקב. די טיר, וואָס פירט צו אַ אידיש הויז, מוז זיין באַצירט מיט דער „אמונה״ פון אונזער פאָטער אברהם, מיט דעם „מסירת נפש״ פאַר אונזער תורה, פון אונזער פאָטער יצחק, און מיט דעם טיפען „נאַציאָ־נאַלען געפיל״ פון אונזער פאָטער יעקב. אידישע הייזער, אַרומגערינגעלט מיט אַזעלכע ביישטידלען, וועלען איבערלעבען אַלע בלוטיגע צייטען. „ולא יתן המשחית לבוא אל בתיכם לנגף״ — זיי וועלען ניט דערלאָזען דעם צעשטערער אַריינצוקומען אין הויז און אומברענגען זיינע איינוואוינער...

הפטרה

דער אָפּגאָט פון מלחמות

מדוע נסחף אביריך ?

„אתה מוצא בכל מקום הקב"ה פורע מאלילים תחלה" — דו געפינסט אַז אין יעדען פלאַץ רעכענט זיך ג' אָפּ מיט די אָפּגעטער צוערשט (מדרש תנחומא).

ווי דער נביא יחזקאל, אין דער הפטרה פון לעצטער וואָך אַזוי אויך דער נביא ירמיהו פון היינטיגער הפטרה, פאַרדאַמט דעם פאַרראָט פון מצרים, וואָס האָט האָט געפירט צום חורבן פון דער אידישער מדינה. יחזקאל האָט זיין נבואה געהאַלטען אין בבל און ירמיהו אין ירושלים. ביידע זיינען שטאַרק פאַר־ביטערט קעגען מצרים, וואָס האָט צוערשט פאַרשפּראָכען איר הילף קעגען נבו־כדנצר, און ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, האָט זי איר הבטחה ניט גע־האַלטען און זיך צוריקגעצויגען פון דעם שלאַכטפעלד. זיי זאָגען פאָראויס אַ גרויסע מפלה פאַר מצרים, ווייל נבוכדנצר וועט איר געוויס ניט שענקען פאַר די פּאָליטישע קאָמבינאַציעס, וואָס זי האָט צוערשט געמאַכט קעגען אים.

„אין הינטערגרונט פון יעדער מלחמה", זאָגט איינער פון די בארימטע היסטאָריקער, „ווערט אַוועקגעשטעלט אַ „מולך", אַן אָפּגאָט, וועמעס אויפגאַבע עס איז צו שאַפען אַ גייסטיגען מאָטיוו פאַר דעם בלוטיגען שפּיל. כדי די מאַסען זאָלען גערן צושטעלען די נויטיגע קרבנות פאַר דעם שלאַכטפעלד, זוכט מען זיי איינצורעדען, אַז די מלחמה ווערט געפירט „לשם שמים", פאַר אַ גייסט־רייכען צוועק, וואָס וועט ראַטעווען די מענשהייט." אַזוי איז עס געווען אַמאָל און אַזוי איז עס אויך היינט. פאַר די לעצטע עטליכע צענדליג יאָר האָט די וועלט דורכגעמאַכט צוויי גרויסע בלוטיגע שלאַכטען. דער גייסטיגער שלאַג־וואָרט וואָס דער „מולך" פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געשאַפען, איז, ווי באַקאַנט, געווען: „צו מאַכען די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע".

זעקס לאַנגע יאָר האָט די מלחמה אָנגעהאַלטען. מיליאָנען מענשען זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען. צענדליגע לענדער זיינען חרוב געוואָרען. אַלטע מלוכות זיינען אַראָפּ פון בענקעל און נייע מדינות זיינען געשאַפען געוואָרען. כמעט אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבען אָנגענומען העכסט ליבעראַלע קאָנ־סטיטוציעס. די מינאָריטעטען־באַפעלקערונגען, וואָס געפינען זיך אין זייער

לאַנד, האָט מען פאַרשפּראָכען פולע פרייהייט צו קאָנען לעבען אומגעשטערט, לויט זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען. אַלע טיילען פון די איינוואוינער זיינען פאַרזיכערט געוואָרען מיט פולער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער גלייכבאַרעכטי־גונג. קורץ, דער „מולך" פון דעמאָקראַטיע האָט טריאומפירט.

אָבער דידאָזיגע שיינע קאָנסטיטוציעס זיינען ניט דורכגעפירט געוואָרען אין לעבען. דער גרויסער עולם אין יעדען לאַנד איז, ווי עס ווייזט אויס, ניט געווען דערוואַקסען צו אַזאַ פלוצימדיגער ענדערונג אין זייער געדאַנקען־גאַנג און אַרט לעבען. אַזוי גיך ווי די מאַיאָריטעט האָט דערפילט אַ פעסטערען באָ־דען אונטער אירע פיס, איז זי געוואָרען שאָוויניסטיש און ניט פאַרגונען די מינאָ־ריטעטען זייער פרייהייט און גלייכהייט. אין דעם פּראָצעס פון פאַרפעסטיגען זייערע פאָלקס־פּאָזיציעס האָבען זיי אָנגענומען דעם ענגהאַרציגען וועג פון פאַר־פאָלגען דעם נרדף, דעם שוואַכערען, און דיסקרימינאַציעס האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען איבער די קעפּ פון די מינאָריטעטען פון אַלע זייטען. דער אָפּגאָט פון דעמאָקראַטיע האָט אָנגעהויבען גוסס'ן און איז ענדליך געשטאָרבען ביים אויס־ברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די ערשטע צו צעשמעטערען דעם „אליל", דעם אָפּגאָט פון דעמאָקראַטיע, איז דאָן געווען די כלומר'שטע ליבעראַלע ענגלאַנד. אין איר גרייעג אויסצושפּריי־טען איר אימפּעריע, האָט זי געפונען פאַר נויטיג צו שטאַרקען די האַנט פון דייטשלאַנד אויף דעם חשבון פון פראַנקרייך און צו פאַראייניגען אַלע פעלקער קעגען רוסלאַנד. ווען היטלער האָט פאַנאַנדערגעפירט זיינע בלוטיגע הענט, האָט אים צוערשט די דעמאָקראַטישע ענגלאַנד וויניג געשטערט. אין געגענ־טייל, אים צו „אַפּיזען" און צופרידענצושטעלען זיין בלוטיגען אַפּעטיט, האָט זי מפקיר געווען די מלוכות פון עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע אַלס קרבנות. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען — און די צווייטע וועלט־מלחמה האָט ענדליך אויסגעבראָכען און חרוב געמאַכט מער ווי אַ האַלבע וועלט.

דער „אליל", דער אָפּגאָט פון דער לעצטער מלחמה, איז געווען דער „אַטלאַנטיק טשאַרטער", וואָס דער פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט רוזוועלט צוזאַ־מען מיט פּרעמיער טשוירטשיל האָבען אַרויסגעלאָזען אויף דער וועלט, וואו צו אַלע פעלקער ווערט פאַרשפּראָכען דאָס טעלערעל פון הימעל. מיט דעם „אַטלאַנטיק טשאַרטער" האָט מען געזוכט צו באַווייזען דעם כלומר'שטען גייס־טיגען טייל פון דער פאַלשער מטבע, און דער גרויסער עולם האָט זיך געלאָזט פאַרפירען. איצט זעהען מיר, ווי דער אָפּגאָט ווערט פאַרשמירט מיט אויל

און אַנדערע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסען. דער נביא פרעגט: „מדוע נסחף אבירך" — וואָרום זיינען צעשמעטערט געוואָרען דיינע שטאַרקייטען? וואָס איז געוואָרען פון די הויך־קלינגענדיגע פאַרשפּרעכונגען וואָס זיינען גע־מאַכט געוואָרען פון די פירענדיגע מלוכות? און דער מדרש ענטפערט: „אתה מוצא בכל מקום הקב"ה פורע מאלילים תחלה" — דו געפינסט, אַז אין יעדען פלאַץ רעכענט זיך ג' אָפּ מיט די אָפּגעטער צוערשט (תנחומא). צוליב זייערע אימפּעריאַליסטישע אַפּעטיטען פרעסט מען אויף די זאַגענאַנטע „אלילים", די כלומר'שטע אידעאַלע לאָזונגען, פאַר וועלכע מען האָט געשיקט די יונגע דורות אויף די שלאַכט־פעלדער, און עס ווערען שוין געשאַפען נייע תירוצים פאַר אַ דריטער וועלט־מלחמה...

ד.

אַ פרעמדער טאָר ניט עסען פון קרבן פסח

זאת חוקת הפסח — כל בן נכר לא יאכל בו.

„בו המרת הדת פוסלת ואין המרת הדת פוסלת בתרומה ומעשרות" — ביים קרבן פסח איז גרינגשעצונג פון רעליגיע אַ שטער, אָבער ניט ביי תרומות און מעשרות (מכילתא).

אַ „קרבן פסח", אַ באַפרייאונגס־קרבן, וואָס אַ פאָלק ברענגט צו ג' פאַר זיין גאולה, מוז זיין אייגענאַרטיג און פאַרשיידען פון אַלע אַנדערע קרבנות. ער מוז באַטאָנען אַלע אייגענשאַפטען, וואָס האָבען געגעבען דעם פאָלק דעם אויס־דויער צו קאָנען איבערלעבען דעם דרוק פון גלות און געשטאַרקט זיין מוט צו קעמפען פאַר זיין ענטגילטיגער באַפרייאונג.

„אל תאכלו ממנו נא" — מען האָט אים ניט געטאָרט עסען האַלב־געבראָטען. אַ קרבן, וואָס אַ פאָלק ברענגט פאַר זיין פרייהייט, אויב ער איז בלויז האַלב־פאַרטיג, איז ער ניט מכפר אויף דעם גאַנצען פאָלק. ער טאָר אויך ניט זיין „בשל מבושל במים" — געקאָכט אין וואַסער. אַ פאָלקס־קרבן מוז זיין זאַפטיג און באַזיצען דעם פולען אידעאַלען געשמאַק; אויב ער איז וואַסערדיג, פאַרלירט ער דעם טעם. ער מוז זיין „צלי אש", געבראָטען אויפ'ן פייער, גאַנץ ווי ער איז, אָריגינעל און ניט געמישט מיט אַנדערע שטאָפען (שמו"ר י"ח). „כל בן נכר

לא יאכל בו״ — אַ פרעמדער טאָר פון אים ניט עסען. אויב איינער פילט זיך פרעמד צו זיין פאָלק און איז ניט איינפאַרשטאַנען מיט זיינע אידייען און איבערצייגונגען, זאָל ער ניט אָנטיילנעמען אינ׳ם קרבן פסח. ער קאָן נאָך אַריינברענגען נייע שטרעמונגען, וואָס זאָלען שטערען דער אַנטוויקלונג פונ׳ם פאָלק לויט זיין באַזונדערען כאַראַקטער און טראַדיציעס.

אין אַלע אַנדערע קרבנות, וואָס אַ פאָלק מוז ברענגען אין גלות, אום צו קאָנען זיך האַלטען ביים לעבען, מעגען זיך באַטייליגען ווער עס וויל. אפילו ביי תרומות און מעשרות, אין די פאַרשיידענע צדקה־אַנשטאַלטען, וואָס זיינען געצילט צו היילען קראַנקע אָדער שטיצען נויטבאַדערפטיגע, איז „המרת הדת״, גרינגשעצונג פון רעליגיע, ניט קיין שטער. ווי מיר זעהען טאַקע, ליידער, אַז די הויפט דעה־זאָגערס אין אונזערע פילאַנטראָפישע אַנשטאַלטען זיינען דווקא די וואָס האָבען אַ קנאַפע שייכות מיט אונזער רעליגיעזען לעבען. מיר פאָדערען ניט פון דעם נדבן, דעם צדקה־געבער, ער זאָל אויך זיין אַ פרומער איד. אַ קרבן, וואָס פאָדערט בלויז׳ האָרץ, מעג אָנגענומען ווערען אויך פון די, וואָס באַזיצען ווייניג אידישען מוח און באַציען זיך קאָלט צו אַלע פאָלקס־הייליגטימער.

זעהט איר, ווען אָט די אומגלויבער ווילען אויך אַריינכאַפען אין זייערע הענט די באַפרייאונג־קרבנות פון אונזער פאָלק, אַזעלכע אינסטיטוציעס וואָס האָבען צו טאָן מיט דער דערציאונג פון אונזערע יונגע דורות, דאָן מוזען מיר צו זיי זאָגען: „בו המרת הדת פוסלת״, ביי אַזאַ וויכטיגער אָנגעלעגענהייט, אין וועלכער עס איז אָפהענגיג דער גאַנצער קיום פון אונזער פאָלק, איז גרינגשעצונג צו דער אידישער אמונה אַ גרויסער שטער, און זיי טאָרען ניט דערלאָזען ווערען צו פירערשאַפט.

קרבנות, וואָס האָבען צו טאָן מיט גאולה, מיט דער באַפרייאונג פון אונזער גייסט, מוזען זיין „דוחה את הטומאה״, אָפּוּשטויסען פון זיך אַלע אומריינקייטען (פסחים צ״ו), און אַ „בן נכר״, וואָס זוכט אַלץ נאָכצומאַכען פרעמדע, איז עלול אַריינצוברענגען טומאה אויך אין קדש־הקדשים, אין די הויפט־הייליגטימער פון אונזער פאָלק.

„והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם״ — און אַז אייערע קינדער וועלען אייך פרעגען וואָס איז די דאָזיגע אַרבייט פאַר אייך?

„בשורה רעה נתבשרו ישראל באותה שעה שעתידה תורה שתשתכח מישראל״ — אַ שלעכטע בשורה איז דאַן אָנגעזאָגט געוואָרען די אידען, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען די תורה וועט פון זיי פאַרגעסען ווערען (מכלתא).

ווען אידישע קינדער הויבן אָן צו זאָגן דעות זייערע עלטערן און רייר דען איבער זייערע פאָלקס־טראַדיציעס אין אַ סאַרקאַסטישען טאָן פון „מה העבודה הזאת לכם", וואָס טויג דיזע אַרבייט פאַר אייך? איז אַ סימן, אַז זייער אידישע דערציהונג איז ניט געווען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

טאַטעס און מאַמעס, וואָס געדענקען די תורה און גייען אין איהרע וועגען, האָדעווען אויס גוטע קינדער, וואָס זיינען געטריי זייער פאָלק און האָבען דרך ארץ פאַר זייגע רעליגיעזע איבערצייגונגען. אויב זיי פעלט געוויסע ידיעות, אויב זיי פאַרשטייען ניט אַ געוויסען דין אָדער מנהג, איז „והיה כי ישאלך בנך", פרעגען זיי די טאַטעס און בעטען, אַז מען זאָל עס זיי דערקלערען.

בלויז אין אַזעלכע הייזער, וואו די אידישע תורה איז פאַרגעסען געוואָרען און די דערציהונג, וואָס זיי האָבען געגעבען זייערע קינדער, איז געווען פרעמד צום אידישען גייסט, קאָן פאַסירען דער „כי יאמרו אליכם בניכם", אַז אייערע זין און טעכטער זאָלען אָפּלאַכען פון אידישע מנהגים און זיי פאַרשפּאָטען אַלס אַלטמאָדיש און ניט פּאַסיג פאַר דער היינטיגער מאָדערנער צייט.

גרינגשעצונג מצד אונזערע קינדער צו די מנהגים און טראַדיציעס פון אונזער פאָלק; דאָס זוכען אַריינצוברענגען רעפאָרמען אין אונזער רעליגיעזען לעבען, זיינען כמעט אימער און איבעראַל געווען דער רעזולטאַט פון עם־הארצות און אומוויסענקייט. וואָס ווייניגער איינער איז באַקאַנט מיט אונזערע גייסטיגע אוצרות, אַלץ מער האַלט ער זיך פאַר אַ מומחה און זוכט צו זאָגען אַ ברייטע דעה איבער וועלכע פון די אידישע מנהגים זיינען גוט און מאָדערנע און וועלכע זיינען ניט וויכטיג און אַלטמאָדיש.

ר' ישראל סאַלאַנטער זצ"ל פלעגט זאָגען: „דער אונטערשייד פון אַ תלמיד־חכם און אַ פריידענקער באַשטייט אין דעם, וואָס דער ערשטער לערנט און וויל אַלץ וויסען און דער צווייטער לערנט קיינמאָל ניט און מיינט אַז ער ווייסט אַלץ".

קינדער, וואָס האָבען געקראָגען אַ גוטע אידישע דערציהונג, פאַרשטייען אָפּצושאַצען דעם ווערט פון אונזערע טראַדיציעס און מנהגים, וועלכע האָבען פאַר טויזענטער יאָרען געגעבען אונזער פאָלק דעם מיסטעריעזען כוח צו קאָנען ווידערשטייין די אַלע רדיפות און פאַרפאָלגונגען און דאָך בלייבען אומבאַזיגט — אַ רעקאָרד וואָס קיין אַנדער פאָלק קאָן ניט אויפווייזען.

צו אַזעלכע קינדער, וואָס וואָגען צו רעדען צו זייערע עלטערן אין אַ טאָן פון „מה העבודה הזאת לכם", וואָס טויג דיזע אַרבייט פאַר אייך, איז דאָ איין מיטעל: „ואמרתם זבח פסח הוא לד' אשר פסח על בתי בני ישראל בנגפו את

מצרים ואת בתינו הציל" — מען מוז זיי דערקלערען, אַז די אורזאַכע וואָס די אידישע היים איז געבליבען גאַנץ דורך די פּלאָגען וואָס מיר האָבען געהאַט דורכ־צומאַכען אין מצרים און אין אַנדערע גלות'ן, איז געווען צוליב דעם „זבח פסח". אַט טאַקע צוליב דעם, וואָס מיר האָבען איבערגעהיפּט די הייזער פון די מצריים און ניט נאָכגעטאָן זייערע מנהגים, זיינען מיר געבליבען גאַנץ. דער „ואת בתינו הציל", די רעטונג פון אונזערע היימען איז אימער באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבען געלעבט אַן אייגענאַרטיגען לעבען און זיך געהאַלטען אַן אונזער תורה און אמונה.

אידישע קינדער, וואָס באַקומען אַן אמת אידישע דערציהונג, וועלען דורך־אויס האָבען פאַר זייערע טאַטעס און מאַמעס און זיך האַלטען ביי זייערע רע־ליגיעזע איבערצייגונגען.

הפטרה

פרייהייט און שרעק

אל תירא עבדי יעקב ואל תחת ישראל.

„היה יושב בבית המדרש ונזכר שיש חמץ בתוך ביתו מבטלו בלבו" — אויב ער איז געזעסען אין שוהל און האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט איבערגעלאָזט חמץ אין זיין הויז, זאָל ער אים מבטל זיין אין האַרצען (פסחים ז' ע"א).

איינע פון די פיר פרייהייטען פאַר דער פאַרזיכערונג פון אַ וועלט־פרידען, וואָס אונזער פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט פ. ד. רוזוועלט האָט פּראָקלאַמירט אין אָנפאַנג פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, איז „פרייהייט פון שרעק". אום צו קאָנען שאַפען עטוואָס ממשות'דיג פאַר דער צוקונפט, מוז מען האָבען מוט און געוואַגטקייט. מניעות און שטרויכלונגען זיינען בלויז צייטווייליגע שטערונגען. די וואָס באַזיצען מוט און אויסדויער, וועלען זיי ענדליך אָפּראַמען פון וועג און דערגרייכען זייער ציל. דער פחדן אָבער, דער וואָס שרעקט זיך און פאַרלירט זיין געדולד, קאָן וויניג דערוויזען אין זיין לעבען.

און ווי מיט דעם „פרט", אַזוי איז עס אויך מיט דעם „כלל". פחדנות, מורא צו האָבען פאַר זיינע שכנים, שטערט דעם וואוקס פון אַ פאָלק און הינדערט דעם פּראָצעס פון זיין אַנטוויקלונג. אויב ער איז איבערצייגט אין דער יושר־

דיגקייט פון זיינע פאָדערונגען, זאָל ער פאַרטזעצען זיין אייגענאַרטיגע לעבען. אָפּגעזען פון אַלע שטערונגען. אַ פאָלק מוז באַזיצען דעם כח פון „ביטול", פון מבטל זיין די אַלע שוועריגקייטען, וואָס ער מוז דורכמאַכען צו פאַרזיכערען די עקזיסטענץ פון זיינע צוקונפטיגע דורות. אויב ער זוכט נאָר ניט אַרויפצוצווינגען זיין ממשלה אויף אַנדערע און וויל ניט בויען זיין קיום אויף דעם חורבן פון אַ צווייטען פאָלק, זאָל ער זיך ניט שרעקען, דער ענטגילטיגער זיג וועט זיין זיינער.

הרב עמיאל, דער רב הכולל פון תל־אביב, אין זיין „דרשות אל עמי", דריקט אויס דעם פאָלגענדען שעהנעם געדאַנק איבער דעם כח פון ביטול, ער זאָגט:

„יעדער פרומער איד, אַז ער איז מבער דעם חמץ פון הויז ערב פסח, זאָגט: „אַלע חמצ'ען, וואָס געפינען זיך אין מיין רשות, זאָלען ווערען בטל ווי דער שטויב פון דער ערד". אין דער מעטאָדע פון „ביטול" ליגט דער אידישער כח, וואָס האָט איהם געגעבען מוט און אויסדויער צו קאָנען ווידערשטעהן די אַלע אָנגריפען וואָס זיינען קעגען איהם געמאַכט געוואָרען אין זיין לאַנגען און שווערען גלות.

עס זיינען דאָ, לויט אונזערע חז"ל, דריי וועגען ווי צו אָנטזאָגען זיך פון איינעמ'ס אַ פאַרמעגען, וואָס איז פון איהם פאַרלאָרען געגאַנגען: „יאוש", „הפקר" און „ביטול". „יאוש" מיינט פאַרצווייפלונג, אויפגעבען אַלע האָפענונגען עס ווען צוריקצוקריגען; „הפקר" מיינט זיך אָפּטרייסלען פון דעם און עס איבערצולאָזען פאַר אַנדערע; „ביטול" מיינט צו איגנאָרירען דעם גאַנצען אינצידענט און זוכען עס צו פאַרגעסען, אַזוי ווי ער וואָלט עס קיינמאָל ניט געהאַט.

אין דעם אידישען גלות־לעבען מאַכען מיר אָפּט דורך אַט־די אַלע דריי פאַלען צוזאַמען, אַז עס ברעכען אויס גרויסע פאַרפאָלגונגען און אידען ווערען באַרויבט פון אַלע פריוויהייטען, און זייער האָב און גוטס ווערט פאַרכאַפּט פון די שונאים, געפינען זיך אַ טייל אידען, וואָס ווערען פאַרצווייפעלט. איבערהויפּט די, וואָס האָבען זיך שוין אַסימילירט און איינגערעדט, אַז מיט דעם וואָס זיי האָבען אָוועקגעוואָרפען זייער אידישקייט, האָבען זיי זיך איינגעבירגערט אין לאַנד און קיין שלעכטס קאָן זיי ניט געשעהן. אָט די ווערען גלייך אַרומגעכאַפּט פון אַ שרעקליכען „יאוש" און אויס פאַרצווייפלונג נעמען זיי זיך דאָס לעבען.

אַן אַנדער טייל פון פאָלק, ספּעציעל די פאַרמעגליכערע, וועלכע זיינען ניט איינגאַנצען אָוועק פון אידישקייט, אָבער צו גאָהענט צו איהר זיינען זיי אויך ניט

געשטאַנען, זיינען „מפקיר" דעם גרעסטען טייל פון זייער פאַרמעגען, ראַטעווען וויפיל זיי קאָנען און לויפען וואו זייערע אויגען טראָגען זיי. זיי וואַנדערען אויס אין אַנדערע לענדער, אַנצופאַנגען דאָרט אַ ניי לעבען, ביז... יאָ, ביז אויך דאָרט וועט גרייכען די כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם, פון אידען־האַס, און דער טייפעלשער שפיל וועט זיך איבער׳חזר׳ען.

די נאַציאָנאַל און רעליגיעז־געזאַנענע אידען אָבער, ווערען ניט פאַרצווייפעלט און פאַרלירען ניט זייער מוט. זיי זיצען אין זייערע שוהלען און בתי־מדרשים, שיקען זייערע קינדער צו לערנען אין די ישיבות און זיינען „מבטל" אין האַרצען דעם אַנטיסעמיטישען „חמץ" מיט די אַלע טרויעריגע געשעהענישען און האָפען אויף דער צייט פון גאולה, פון אמת׳ער באַפרייאונג.

אָט דעם כח „הביטול" — זאָגט ווייטער רבי עמיאל — האָבען מיר געלערנט פון יעקב אָבינו. ווען זיינע קינדער האָבען געקעמפט מיט די „בני שכם" צוליב דעם וואָס זיי האָבען באַליידיגט זייער שוועסטער דינה, האָט זיך יעקב צוערשט דערשראָקען, און האָט געזאָגט צו זיינע קינדער שמעון און לוי: „איהר האָט דאָך מיך אומגליקליך געמאַכט", „אני מתי מספר ונאספו עלי והכוני ונשמדתי אני וביתי" — איך באַשטיי דאָך פון אַ קליינער צאָל מענשען, זיי וועלען זיך אַלע צוזאַמענעמען און מיך שלאָגען און איך וועל פאַרטיליגט ווערען צוזאַמען מיט מיין הויזגעזינד (בראשית ל"ד ל"א). זאָגט צו איהם אָבער ג׳, „קום עלה בית־אל ושב שם ועשה שם מזבח לאל הנראה אליך", הויב זיך אויף און געה אין דיין ג—ט׳ס הויז און זיץ דאָרט און מאַך דיר אַ מזבח פאַר דעם ג׳ וואָס האָט זיך באַוויזען צו דיר. זיי „מבטל" אין האַרצען די אַלע חמצ׳ען און זויער־שטאָף וואָס האָבען דיר פאַרביטערט דאָס לעבען. פאַרטיף זיך אין דיינע געטליכע וויזיעס און פאַרגעס די בייזע געשעהענישען. אָט דער „ביטול" וועט דיר העלפען צו אריכות ימים און דו וועסט איבערלעבען דיינע שונאים".

„אל תירא עבדי יעקב" — שרעק זיך ניט, מיין קנעכט יעקב, זאָגט דער נביא אין היינטיגער הפטרה, „הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים" — איך וועל דיר העלפען אין אַלע דיינע ווייטענישען און וועל אויפהאַלטען דיינע קינדער אין אַלע לענדער פון זייער געפאַנגענשאַפט. אויב דו זעהסט, אַז דער שרעקליכער „חמץ", די זויער־שטאָף פון פעלקער־האַס פאַרשפרייט זיך, זיי עס מבטל. „מיר לעבען, זאָגט הרב עמיאל ווייטער, אין אַ צייט פון ערב־פסח. דער פסח איז ניט ווייט אַוועק. דער טאָג פון אונזער פרייהייט וועט זיכער באַלד קומען."

ה.

גלייכע רעכט פאַר דעם גר

תורה אחת יהיה לאזרח ולגר הגר בתוככם.

„והלא כבר נאמר, והיה כאזרח הארץ, ומה תלמוד לומר? אלא בא הכתוב והשוה את הגר לאזרח בכל מצוות שבתורה" — עס ווערט דאָך שוין איין מאָל געזאָגט, אַז דער גר זאָל זיין גלייך מיט דעם בירגער פון לאַנד, וואָס־זשע קומט דער פסוק אונז ווייטער צו לערנען? דאָס איז דערפאַר, ווייל דער פסוק וויל אויסגלייכען דעם גר און דעם בירגער אין אַלע מצוות פון דער תורה (מכילתא בא פ׳ ט"ו).

דער „קרבן פסח" איז די ערשטע מצוה, וואָס די אידען זיינען אָנגעזאָגט געוואָרען ביי דעם אָנפאַנג פון זייער באַפרייאונג, און גלייך ווערען זיי באַפוילען צו באַהאַנדלען דעם „גר", דעם איינוואַנדערער אין זייער לאַנד, אַלס זייער גליי־כען. דער ערשטער און וויכטיגסטער נאַציאָנאַלער יום־טוב, וואָס דאַרף פּראָקלאַ־מירען פאַר דער גאַנצער וועלט די באַפרייאונג און גרינדונג פון דעם אידישען פאָלק; דער ערשטער פאָלקס־קרבן, וואָס דאַרף סימבאָליזירען די סאָלידאַריטעט און אָפּפערוויליגקייט פון אַ פאַראייניגט פאָלק, טאָרען זיי אָבער ניט אויסשליסען דעם גר, דעם איינוואַנדערער, וואָס איז גרייט צו ווערען אַ טייל פון דעם פאָלק. „וכי יגור אתך גר, ועשה פסח לה׳ — והיה כאזרח הארץ" — אויב עס וואוינט ביי דיר אַ גר, און אויך ער וויל אָנטיילנעמען אין דעם קרבן פסח פאַר ג׳ — זאָל ער באַטראַכט ווערען ווי אַ בירגער פון לאַנד. דו טאָרסט אים ניט אויסשליסען ווייל אויך ער איז באַרעכטיגט צו די אַלע פרייהייטען, וואָס דו געניסט.

וועגען דעם „קרבן פסח" ווערט געזאָגט אין דער תורה: „ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל" — ער מוז געקוילעט ווערען פון דער גאַנצער אידישער געמיינדע, אַלע אידען מוזען זיך באַטייליגען אין זיין צוגרייטונג. דאָס איז אַ פאָלקס־קרבן און קאָן דערפאַר ניט געבראַכט ווערען פון יחידים, פון איינ־צעלנע מענשען, אָדער גרופּען. „כל עדת ישראל יעשו אותו" — די גאַנצע אידישע געמיינדע מוז זיך מיט אים באַשעפטיגען. „אל תאכלו ממנו נא" — איר זאָלט אים ניט עסען האַלב געבראָטען. אַ קרבן, וואָס אַ פאָלק ברענגט פאַר זיין

פרייהייט, אויב ער איז בלויז האַלב־פּאַרטיג און ניט צוגעגרייט געוואָרען ווי עס דאַרף זיין, דריקט ניט אויס די אָפּפערווילליגקייט פון גאַנצען פאָלק. ער טאָר אויך ניט זיין „בשל מבושל במים" — געקאָכט אין וואַסער. וואָסערדיגע קרבנות, וואָס זוכען צופרידענצושטעלען אַלעמען, פאַרלירען דעם אָריגינעלען געשמאַק. אַ נאַציע, וואָס זוכט אייגענע זעלבסטשטענדיגקייט, דאַרף זיין אויסגעהאַלטען אין אירע פאָדערונגען און זיך ניט בויגען צו יעדען צד. אַ פאָלקס־קרבן מוז זיין „צלי אש", איינגאַנצען געבראָטען אויפ'ן פייער, ווי ער איז, דעמאָלט ערשט אַנטהאַלט ער זיין אָריגינעלען געשמאַק (שמו"ר י"ח).

דער קרבן־פּסח ווערט אין דער תורה אָנגערופען „פּסח לה'" — אַ געטלי־כער קרבן. פון דעם דרינגט דער רמב"ם אַרויס, אַז „פּסח ששחט לשם חולין פסול" — אַ קרבן־פּסח, וואָס מען האָט געקוילעט פאַר וואָכעדיגע צוועקען, איז אַ פּסול'ער און מען טאָר פון אים קיין הנאה ניט האָבען (הלכות פסוהמ"ק הלכה י"א). אַלע אַנדערע קרבנות, אפילו אַ „קרבן חטאת", אויב מען האָט אים גע־קוילעט פאַר „חולין", פאַר אייגענעם געברויך, ווערט ניט פּסול און מען מעג פון אים הנאה האָבען. פּערזענליכע קרבנות, וואָס מענשען ברענגען פאַר גאָט, זיינען פּריוואַט־אייגענטום. אויב די כוונה בשעת מקריב זיין איז ניט געווען די ריכטיגע און האָט באַצוועקט מער אייגענע אינטערעסען ווי געטליכע, פאַרלירט ער בלויז זיין ציל, אָבער ניט זיין ווערט. ער איז טאַקע ניט קיין קרבן פאַר גאָט, אָבער דער אייגענטימער מעג זיך מיט זיין פלייש באַנוצען. אַ פאָלקס־קרבן אָבער באַשטייט מער פון כוונה, פון געדאַנק, ווי פון מאַטעריעלען ווערט. אין אַזאַ קרבן מוז זיך יעדער באַטייליגען מיט זיין פולען באַוואוסטזיין. אויב אָבער ער האָט געהאַט אין זינען חולין'דיגע נוצען, וואָכעדיגע צוועקען איז עס דאַן בלויז אַ פּריוואַטע זאַך, אָבער ניט קיין פאָלקס־קרבן.

„זאת חוקת הפסח, כל בן נכר לא יאכל בו" — דאָס איז דער געזעץ פון קרבן פּסח, אַ פרעמדער זאָל פון אים ניט עסען. „אחד ישראל מומר ואחד עובד כוכבים במשמע — סיי אַ איד וואָס איז אַן אומגלויביגער, סיי אַ גוי וואָס דינט צו פרעמדע געטער, זאָלען זיך אין אים ניט באַטייליגען (מכילתא). די יעניגע, וואָס פילען זיך פרעמד צום אידישען פאָלק און זיין תורה, קאָנען ניט אַנטייל נעמען אין זיינע פרייהייטס־קרבנות. אויב זיי זיינען ניט איינפאַרשטאַ־נען מיט זיינע אידייען און איבערצייגונגען, זיינען זיי עלול אַריינצוברענגען בייע שטרעמונגען אין דער באַפרייאונגס־אַרבייט, וואָס זאָלען שטערען דער אַנטוויק־

לונג פון דעם פאָלק לויט זיין כאַראַקטער און טראַדיציעס. די אידשע גאולה מוז זיין אַ צוויי־זייטיגע, גייסטיג אַזוי גוט ווי קערפּערליך. אָהן אַן אמת־אידישען גייסט קאָן אויך ניט זיין קיין שטאַרקער אידישער קערפּער.

צו דער זעלבער צייט אָבער וואָרענט אונז די תורה קעגען ענגהאַרציגקייט און נאַציאָנאַלען שאָוויניזם. גרים, וועלכע וואַנדערען איין פון פרעמדע לענדער, אויב זיי ווילען ווערען אַ טייל פון דעם פאָלק און זיך באַטייליגען אין אַלע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען, זאָל זיי געגעבען ווערען אַלע פריי־הייטען. דאָס וועט זיי פאַרבינדען שטאַרקער מיט׳ן פאָלק און מיט׳ן לאַנד און זיי וועלען גערן צוטראָגען זייער חלק צו זייער אַנטוויקלונג און פאַרשטאַרקונג. „תורה אחת יהיה לאזרח ולגר הגר בתוככם״ — איין תורה זאָל זיין פאַר דעם בירגער און דעם גר, וואָס וואוינט צווישען אייך. אויסנאַמען קעגען מינדער־הייטען איין אַ לאַנד פירען צו שטרייטיגקייטען און ברעכען די גאַנצקייט פון אַ פאָלק.

אונזערע חז״ל גייען נאָך ווייטער און ווייזען אָן אין די ווערטער פון דער תורה, אַז ניט נאָר זאָל דער גר ניט געשטערט ווערען צו געבען זיין מיטהילף אין אַלע פאָלקס־אינטערעסען, נאָר עס מוזען אים אויך געגעבען ווערען אַלע געלעגענהייטען צו פאַרבעסערען זיינע אייגענע און פּריוואַטע אינטערעסען, כדי ער זאָל קאָנען געניסען פון אַלע פרייהייטען גלייך מיט אַלע בירגער פון לאַנד. זיי לערנען עס אַרויס פון דעם פאַקט וואָס די תורה זאָגט ווידער אָן „תורה אחת יהיה לאזרח ולגר הגר בתוככם״ — איין געזעץ זאָל זיין פאַר דעם בירגער און דעם גר, וואָס וואוינט צווישען אייך. די אורזאַך פאַרוואָס דער פסוק געפינט פאַר נויטיג נאָכאַמאָל איבערצו׳חזר׳ן אַט דעם באַפעל איז, ווייל „השוה את הגר לאזרח בכל מצוות שבתורה״ — ער וויל אויסגלייכען דעם בירגער מיט׳ן גר פאַר אַלע מצוות פון דער תורה. „השערים נפתחים בכל שעה וכל מי שמבקש ליכנס יכנס״ — די טויערען פון דעם אידישען לאַנד און אירע געזעצען זיינען אימער אָפען פאַר אַלעמען. ווער עס וויל אַריינקומען, זאָל אַריינקומען (שמו״ר פ׳ י״ט).

„והיה לך לאות על ידך ולזכרון בין עיניך״ — דאָס זאָל זיין פאַר אַ צייכען אויף דיין האַנט און פאַר אַן אָנדענק צווישען דיינע אויגען. „כשהוא מניח, מניח של יד תחלה ואחר כך מניח של ראש; וכשהוא חולץ, חולץ של ראש ואחר כך חולץ של יד״ — ביים לייגען תפילין מוז מען פריער אָנטאָן דעם „של יד״

און נאָכדעם דעם „של ראש״; אָבער ביים אויסטאָן זאָל מען פריער אַרונטער־נעמען דעם „של ראש״ און נאָכדעם דעם „של יד״ (מנחות ל״ו ע״א).

פון דעם אויבען־ציטירטען פּסוק לערנען אונזערע חכמים אַרויס די מצוה פון תפילין און ווי זי דאַרף דורכגעפירט ווערען. דער נאָמען תפילין, ווילען די מערסטע פון זיי האָבען, נעמט זיך פון דעם וואָרט „תפלה״, דאַווגען. יעדען פרימאָרגען אין אַ וואָכען־טאָג, ווען אַ איד שטעלט זיך דאַווענען, זאָל ער אָנטאָן תפילין, אַלס „זכרון״, אָנדענק, פון „יציאת מצרים״ און אויך פאַר אַן „אות״, אַ צייכען, צו געדענקען די מצוות פון ג־ט. אַנדערע ווילען האָבען, אַז דער נאָמען „תפילין״ נעמט זיך פון דעם שורש „פלא״, וואָס מיינט אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט. „להיותנו פרושים ומובדלים ממחשבות רעות וממעשים מגונים״ — מיר זאָלען זיין אָפּגעשיידט און אָפּגעטיילט פון שלעכטע געדאַנקען און פון מיאוס׳ע מעשים (הכתב והקבלה דברים ו׳).

די מצוה פון תפילין איז אַזוי גרויס, אַז אויך גב״ה אַליין איז איר מקיים און לייגט תפילין יעדען טאָג, און אין זיינע תפילין זיינען אויסגעקריצט די ווערטער „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ״ — ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל, איין־איינציג פאָלק אין דער וועלט (ברכות ו׳ ע״א). תפילין איז אַ צייכען פון אויסצייכענונג. זיי ווייזען אָן אויף דעם אייגענאַרטיגען לעבען, מיט וועלכען די אידען צייכענען זיך אויס אין דער וועלט. דערפאַר, זאָגט אונז די גמרא, דאַרף מען ניט לייגען קיין תפילין שבת און יום־טוב, ווייל אויף תפילין ווערט געזאָגט אין דער תורה „והיה לאות על ידך״, זיי זאָלען זיין אַ צייכען אויף דיין האַנט, אַז דו ביזט אַנדערש ווי די אַנדערע פעלקער. „יצאו שבתות וימים טובים שהן גופן אות״ — מיט דעם ווערען אויסגעשלאָסען שבתים און ימים טובים, וועלכע זיינען אַליין אַ צייכען פון אידישער אייגענאַרטיגקייט (מנחות ל״ו ע״ב).

איןביידע תפילין, אי פון דעם „של יד״ און אי פון דעם „של ראש״, געפינען זיך פיר פּרשיות פון דער תורה. זיי זיינען: „קדש לי״, „והיה כי יביאך״, „שמע ישראל״ און „והיה אם שמוע״. אין דעם „של יד״ ווערען זיי געשריבען אויף פיר פאַרשיידענע שטיקער פּאַרמעט און ווערען אַריינגעלייגט אין פיר באַזונדערע בתים, קעסטעלאַך. וועגען דעם איז פאַראַן אַ וואונדערבאַרער געדאַנק אין איינעם פון די אַלטע דרוש־ספרים, וועלכער זאָגט: „די תפילין של־ראש באַשטייען פון פיר בתים, און דער של־יד נאָר פון איין בית. וואָרום? ביים של־

ראש, בנוגע דעם קאָפּ, קאָנען מיר זיין מחולק צווישען זיך און האָבען פאַר־שיידענע וועלט־אַנשויאונגען; ביי דעם של־יד אָבער, בשעת עס האַנדעלט זיך וועגען מעשים, דאָ מוזען מיר אַלע זיין אייניג צווישען זיך און בילדען איין בית־ישראל (תחית ישראל).

אויף דעמזעלבען שטייגער קאָנען מיר על־פי דרוש אויך דערקלערען דעם זין פון דעם אויבען־ציטירטען דין פון דער גמרא: „כשהוא מניח" — אַז אַ איד איז גרייט צו לייגען תפילין און ביישטייערען זיין חלק צו דער אויס־צייכענונג פון זיין פאָלק, זאָל ער פריער אָנטאָן דעם „של יד", זיך פאַראייניגען מיט'ן קהל פאַר דעם טובת הכלל; דעם „של ראש", די פאַרשיידענע מיינונגען און חלוקי־דעות זאָל ער לאָזען אויף לעצט. קומט אָבער די צייט אויפצוגעבען די אַרבייט, דאַן זאָל ער פריער אויסטאָן דעם „של ראש", זיך פאַראייניגען אין די מיינונגען, און דאַן צוזאַמען אַרונטערנעמען דעם „של יד" און געמיינ־שאַפטליך אויפגעבען די אַרבייט.

הפטורה

די לעצטע מלחמה וועט פירען צו תוהו ובהו

כי נוף לשמה תהיה ונצתה מאין יושב.

„חשך ואפלה שמשו במצרים, אבל תוהו ובהו לא שמשו, והיכן עתידים לשמש? בכרך גדול של רומי" — די צעשטערענדע כוחות פון חושך און אפלה האָבען געדינט צו באַשטראָפען מצרים, אָבער „תוהו ובהו" האָבען ניט געדינט, און וואו וועלען זיי דינען? אין דער גרויסער שטאָט פון רוים (ויק"ר פ"י).

אין די לאַנגע און שווערע גלות'ן, וואָס אונזער פאָלק האָט דורכגעמאַכט פון זיין געבורט ביז היינטיגען טאָג, האָט עגיפּטען געשפּילט און זוכט נאָך איצט צו שפּילען אַ דאָמינירענדע ראָל. דער ערשטער אידישער גלות פון הונדער־טער יאָרען שקלאַפעריי און אונטעראָכונג איז פאָרגעקומען אין מצרים. אַלע נביאים, וועלכע האָבען געלעבט אין דער טרויעריגער עפּאָכע פון צווייטען גלות, נאָך בבל, באַשולדיגען מצרים פאַר דער גרויסער טראַגעדיע. אַלע שטימען־איין, אַז נבוכדנצר וואָלט ניט צעשטערט דעם בית־המקדש און ניט פאַרטריבען

דעם גרעסטען טייל פון די אידען נאך בבל, אויב מצרים וואלט זיך ניט אריינגע־מישט און דערפירט צו דעם גרויסען אומגליק. אויך ביי היינטיגען טאג זוכט עגיפטען צו שטערען דער גרינדונג פון דער אידישער היים אין ארץ־ישראל און אינטריגירט קעגען דעם באשלוס פון פריינטליכע רעגירונגען צו העלפען עטאבלירען אין ארץ־ישראל א אידישע ממשלה.

אין דעם גרויסען געראנגעל וואס איז פארגעקומען צווישען די מלוכות פון אשור און בבל, ווער עס זאל באהערשען דעם אריענט, איז מצרים צוגע־שטאנגען צו אשור און האט געצוואונגען די מלכות יהודה זיך אפצורייסען פון בבל און האט איר פארשפראכען צו העלפען אין איר קאמף פאר באפריי־אונג. זי האט אבער איר הבטחה ניט געהאלטען און דער גרויסער חורבן איז געקומען. דער נביא ירמיה פון דער היינטיגער הפטרה איז שטארק פארביטערט קעגען מצרים פאר איר פאראט און זאגט פאראויס, אז אויך זי וועט צעשטערט ווערען און וועט פאלען צו דער נידעריגסטער מדרגה צווישען די פעלקער פון דעם אריענט.

אויך היינט זעהען מיר, אז עגיפטען האט זיך פאראייניגט מיט דער גרויסער אימפעריע, וועלכע זוכט צו באהערשען די אלע לענדער ארום דעם מיטעללענדישען ים, און אינטריגירט קעגען דער עטאבלירונג פון ארץ־ישראל אלס די נאציאנאלע אידישע היימלאנד. ווי זי האט אמאל געזוכט צו פאראייניגען די מלוכות פון פלישתים, אדום, מואב, עמון, צור און צידון צו העלפען איר אין איר אידישען פאראט, אזוי זוכט זי אויך היינט צו פארופען קאנגרעסען און קאנפערענצען פון אלע אריענטאלישע פעלקער מיט דעם צוועק צו העלפען ענגלאנד אין איר באשלוס ניט צו דערלאזען דער דורכפירונג פון דער באלפור־דעקלאראציע צו דערלויבען די אידען צו בויען זייער נאציאנאלע היים.

און דער נביא פון דער היינטיגער הפטרה שרייט אויס מיט פראפעטישען צארן: „כלי גולה עשי לך יושבת בת מצרים" — גרייט דיר צו וואנדער כלים, דו, וואס באזיצסט איצט די טאכטער פון מצרים. „כי נוף לשמה תהיה ונצתה מאין יושב", ווייל דיין הויפטשטאט וועט פארוויסט ווערען און וועט פוסטעווען אהן איינוואוינער. צוליב די אימפעריאליסטישע אמביציעס פון די הערשענדע פעלקער וועט מיט דער צייט אויסברעכען אזא בלוטיגע מלחמה, וואס וועט צעשטערען די גאנצע וועלט. אין די אמאליגע יארען האבען בלויז „חשך און אפלה" מיטגעהאלפען צו באשטראפען די אידישע שונאים, אבער אין דער

לעצטער מלחמה, אין וועלכער עס וועלען זיך פאראייניגען אלע צעשטערענדע כוחות ארום דעם „כרך גדול של רומי”, די גרויסע שטאט פון רוים, וועט די וועלט דערפירט ווערען צו „תוהו ובהו”. די גרעסטע שטעט וועלען חרוב ווערען אין די גאנצע עקאנאמישע סטרוקטור פון דער וועלט וועט פאר א גאנץ לאנגער צייט פאראליזירט ווערען.

די אידען ראט דער נביא, אז זיי זאלען זייער מוט ניט פארלירען: „אל תירא עבדי יעקב”, שרעק זיך ניט, מיין קנעכט יעקב, „הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים” — איך וועל דיר העלפען אין אלע דיינע וויטענישען און וועל צוריקברענגען דיינע קינדער פון אלע לענדער פון זייער געפאנגענשאפט.

בשלח

א.

פאַר ארץ ישראל מוז מען אויך זיין גייסטיג צוגעגרייט

ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים, כי קרוב הוא.

„משל למלך שהיה לו בן והיה מבקש ליתן לו ירושה ואומר, אם אני נותנה לו עכשיו עדיין קטן הוא ואינו יודע לשמרה, אלא עד שילמד בני כתבין ויעמד על עמקן ואחר כך אני נותנה לו. כך אמר הקב"ה: אתן להם את התורה ואחר כך אכניסם לארץ ישראל" — דאָס איז געגליכען צו אַ מלך, וואָס האָט געהאַט אַ זון, ווען ער האָט געוואָלט געבען אַ גרויסע ירושה. האָט ער זיך געטראַכט: זאָל איך עס אים שוין איצט געבען, וועט ער ניט וויסען ווי עס אָפּצוהיטען; וועל איך דעריבער וואַרטען ביז ער וועט זיך אויסלערנען צו שרייבען און גרינטליך פאַרשטיין ווי אומצוגיין דערמיט, און ערשט דאַן וועל איך עס אים געבען. דאָסזעלבע האָט ג' געזאָגט וועגען די אידען: פריער מוז איך זיי געבען די תורה און ערשט נאָכדעם וועל איך זיי אַריינפירען אין ארץ ישראל (שמו"ר כ').

דער ווילנער גאון זצ"ל זאָגט אין זיין „אדרת אליהו" (פ' עקב) וועגען דער אידישער גאולה: „לביאת הארץ צריך שלשה דברים" — כדי צו קאָנען אַריינקומען קיין ארץ ישראל, מוז מען דורכפירען די פאָלגענדע דריי זאַכען: ערשטענס, „הכנה לצאת מחוץ לארץ", זיך פאָרבאַרייטען אַרויסצוגיין פון גלות; צווייטענס, „הדרך אשר ילך", דער וועג, דורך וועלכען צו גיין, כדי דעם ציל צו דערגרייכען; דריטענס, „הביאה לארץ הקדושה", דאָס אַריינקומען אין דעם הייליגען לאַנד. אין די עטליכע שטריכען פון דעם גאון, זצ"ל, ווערט פאַר אונז אָנגעדייטעט אַ פּראָגראַם פאַר אונזער באַפרייאונגס-אַרבייט, וואָס יעדער איד, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער באַוועגונג פון „בנין הארץ", פון בויען ארץ ישראל

אַלס די נאַציאָנאַלע היים פאַר דעם אידישען פאָלק, האָט באַדאַרפט שטודירען און גרינטליך פאַרשטיין.

דער „הביאה לארץ הקדושה" — דאָס אַריינקומען אין דעם הייליגען לאַנד, אַריינקריגען אין אונזער באַזיץ דעם באָדען, ווי אויך די ווירטשאַפטליכע אַנטוויקלונגען, וואָס מוזען געמאַכט ווערען, כדי צו קאָנען דאָרט באַזעצען מאַסען אידען פון די פאַרשיידענע גלות־לענדער און גרינדען די אידישע מלוכה, צו וועלכער מיר האָבען געשטרעבט הונדערטער דורות לאַנג, איז שטאַרק געווענדט אין דעם „הדרך אשר ילך" — אין דעם וועג, אין דעם צוטריט צו דער הייליגער אויפגאַבע. אויב מיר לאָזען זיך אַהין גיין אַלס שטאָלצע קינדער פון אַ פאָלק, וואָס פאָדערט זיין נאַציאָנאַלע אַנערקענונג צווישען די פעלקער פון דער וועלט; אויב מיר אַקצענטירען און באַטאָנען אונזער היסטאָריש רעכט איבער דער „נחלת אבות", די נחלה, וואָס ג' האָט פאַרשפּראָכען צו אונזערע עלטערען, און פאַרלאָזען זיך ניט אויף די פוסטע הבטחות און דעקלאַראַציעס פון פרעמדע פעלקער, וואָס זוכען מערסטענס זייערע אייגענע נוצען, וועט אָט דער וועג זיכער פירען צו דעם „הביאה לארץ הקדושה" — צום ענדליכען זיג, וואָס וועט קרוינען די אַרבייט מיט דערפאָלג.

אָבער די ביידע, אי דער „הדרך אשר ילך", אי דער „הביאה לארץ הקדושה", אי דער וועג ווי אַנצוגיין מיט דער אַרבייט און אויך דאָס אַריינקומען אין הייליגען לאַנד קאָנען נאָר דאַן זיין דערפאָלגרייך, אויב דער ערשטער תנאי, די ערשטע פליכט איז פון אונז נאָכגעקומען געוואָרען אין דעם פולען אינהאַלט. דער „הכנה לצאת מחוץ לארץ", דאָס צוגרייטען זיך אַרויסצוגיין פון דער פרעמד, דאָס אַראָפּוואַרפען פון זיך די אַלע יאָכען, וואָס דער גלות האָט אויף אונז אַרויפגעצוואונגען, און זיך אומקערען צוריק צו דעם אייגענאַרטיגען לעבען, פאַר וועלכען מיר זיינען פון דער השגחה באַשטימט געוואָרען, איז דער וויכטיגסטער פונקט אין אונזער באַפרייאונגס־אַרבייט. מיר מוזען פון זיך אַראָפּ־טרייסלען אויך דעם „אבק הגלות", דעם שווערען שטויב, וואָס דער גלות האָט אַריינגעהויכט אין אונזערע לונגען און אונז באַרויבט פון דער אַלטער וויטאַליטעט, פון דער אַלטער שטאַרקייט און אויסגעהאַלטענקייט, וואָס אונ־זער פאָלק האָט אימער באַזעסען און אים פאַרהיט פון אונטערגאַנג. כל־זמן מיר וועלען זיין אונטערוואָרפען דער השפעה פון די גלות־לענדער; אַזוי לאַנג ווי מיר וועלען זיך ניט באַנוצען מיט די אָריגינעלע כוחות, וואָס האָבען געמאַכט

אונזער פאָלק פאַר אַן "עם סגולה", אַן אויסגעצייכענט פאָלק, וועלען די שטע־רונגען אין אונזער וועג זיין שווערע און גרויסע.

ווען מיר נעמען אין אַנבאַטראַכט דיזאַזיגע פאָרמולע פון דעם גאון ז"ל פאַר דער אידישער גאולה הויבען מיר אָן צו פאַרשטיין וואָרום דער אויבער־שטער, אַרויסנעמענדיג די אידען פון מצרים, האָט זיי ניט געפירט נאָך ארץ ישראל דורך דעם וועג פון די פלישתים "כי קרוב הוא", כאָטש ער איז געווען דער נאָענטסטער, בלויז עלף טעג גאַנג, און האָט זיי אַרומגעפירט גאַנצע פערציג יאָר אין דער מדבר. ווי מיר וויסען פון אונזער תורה, האָבען די אידען וויניג צייט געהאַט צו מאַכען די ריכטיגע נאַציאָנאַלע הכנות אַרויסצוגיין פון מצרים. אַלץ איז פאָרגעקומען "בחפזון", אין איילעניש. דער גלות האָט זיך אַזוי וויט איינגעגעסען אין די הערצער און מוחות פון די אידען, אַז ווען משה איז צו זיי צוגעקומען מיט דער בשורה פון גאולה, "ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה", האָבען זיי זיך וויניג צוגעהערט צו משה'ן, צוליב קורצען געמיט און שווערער אַרבייט.

די גרויסע נסים, וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזען אין מצרים, וועלכע האָבען ענדליך געצוואונגען דעם גרויזאַמען פרעה צו באַפרייען די אידען, האָבען אין זייערע הערצער געשאַפען אַ "יראת הרוממות", אַ מורא פאַר דעם גרויסען כוח פון ג', אָבער ניט קיין ליבע און אַכטונג צו דער באַפרייאונגס־אידייע. ס'האָט אויסגעקוקט, ווי די גאולה וואָלט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען געוואָרען. זיי האָבען וויניג צייט געהאַט צו ווערען באַוואוסטזיניג אויף זייער נאַציאָנאַלע רעכט. ווי שעהן ווערט אָט דער געדאַנק אַרויסגעבראַכט פון הרב יצחק ניסנבוים, ער זאָגט: "צוויי וואונדערבאַרע דערשיינונגען האָבען זיך באַוויזען פאַר די אידען נאָכדעם ווי זיי זיינען אַריבער דעם ים־סוף. איינע איז געווען "ויושע ד' ביום ההוא את ישראל", ג' האָט אין יענעם טאָג געהאָלפען די אידען און פאַר זיי געשפאָלטען דעם ים־סוף, כדי זיי זאָלען אים קאָנען דורכגיין אין דער טרוקעניש, און אַ צווייטע דערשיינונג איז געווען "וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים", די אידען האָבען געזעהן די מצריים טויט ביים ברעג פון ים, וואָס האָט פאַרפלייצט פרעה'ן מיט אַלע זיינע חיילות.

"וועלכע פון אָט די צוויי דערשיינונגען האָט געדאַרפט מאַכען אַ טיפערען רושם אויף די הערצער פון די אידען? וואָלטען זיי געווען געטרייע נאַציאָ־נאַליסטען און באַזעצט מיט דער נשמה פון פרייהייט, וואָלט דער "וישע ביום

ההוא את ישראל", די גרויסע און איבערנאַטירליכע ישועה, וואָס ג' האָט גע־בראַכט דעם פאָלק, צו קאָנען דורכגיין אַ ים אין דער טריקעניש. אָבי וואָס גיכער צו קומען אין אַן אייגענער היים, געדאַרפט פאַרנעמען דעם ערשטען פּלאַץ אין זייער באַוואונדערונג און גלויבען אין ג' און אין משה'ן זיין קנעכט. וואָס פאַר אַ ווערט האָט די מפּלה פון מצרים אין פאַרגלייך מיט דעם גרויסען נס, וואָס האָט פאַר זיי געעפענט אַ פרייען וועג צו זייער אייגען לאַנד, וואו זיי וועלען קאָנען אויפגעבויט ווערען אַלס אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק און ניט דאַרפען מער אָפּגעבען זייערע כוחות פאַר פרעמדע?"

זיינען אָבער די "יוצאי מצרים", די ערשט באַפרייטע שקלאַפען, ניט געווען דערוואַקסען צו אַזאַ הויכען אידעאַל. "וירא ישראל", וואָס זעהען די אידען? "את היד הגדולה אשר עשה ה' במצרים", זיי האָבען בלויז געזעהן די גרויסע און מעכטיגע האַנט, מיט וועלכער ג' האָט געשלאָגען די מצריים. גלות־מענשען פאַרשטייען בלויז אָפּצושאַצען ברוטאַלע מאַכט. פאַר זיי איז די נקמה, וואָס זיי האָבען געזעהן אין זייערע שונאים, אַ פיל מער צוציענדיגע דערשיינונג, ווי די גרויסע ישועה, וואָס זייער פאָלק האָט ערשט באַקומען. ערשט דאַן "וייראו העם את ד' ויאמינו", האָט דאָס פאָלק זיך דערשראָקען פאַר ג' און אָנגעהויבען גלויבען אין אים און אין משה'ן זיין קנעכט. ווי אַנדערש האָבען עס אָפּגעשאַצט די פרייע מענשען פון אַנדערע פעלקער! ווי עס ווערט געבראַכט, ווען יהושע האָט געשיקט מרגלים נאָך יריחו, האָט זיי רחב הזונה אינפאָרמירט וועגען דעם רושם וואָס דער "קריעת ים־סוף" האָט געמאַכט אויף איר פאָלק: "כי שמענו את אשר הוביש ד' את מי ים סוף מפניכם וימס לבבנו ולא קמה עוד רוח באיש מפניכם, כי ד' אלקיכם הוא אלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת" — אזוי גיך ווי מיר האָבען געהערט, אַז ג' האָט פאַר אייך טרוקען געמאַכט די וואַסערען פון ים־סוף, זיינען ביי אונז איינגעפאַלען די הערצער און ביי קיינעם פון אונז איז ניט געווען גענוג מוט זיך צו שטעלען קעגען אייך, ווייל מיר האָבען זיך איבערצייגט, אַז אייער ג' איז דער ג' אין הימעל אויבען און אויף דער ערד אונטען (יהושע ב'). זעלבסטשטענדיגע מענשען שעצען אָפּ דעם גרויסען נאַציאָנאַלען אויפטו. אונטערדריקטע געמיטער ווערען אָבער מער באַגייסטערט פון דעם "מצרים מת על שפת הים". וואָס זייערע אונטערדריקער זיינען איצט טויט.

ווי ריכטיג איז די באַמערקונג פון רבי שמואל מאַהליווער, זצ"ל, אויף דעם פסוק "וישב הים לפנות בוקר לאיתנו" — און דער ים האָט זיך צוריקגעקערט

קעגען פרימאָרגען צו זיין שטאַרקייט. ער זאָגט: פאַרוואָס האָט זיך דער ים אַזוי מקדים געווען זיך אומצוקערען צו זיין פריערינען צושטאַנד? ווייל טראָץ אַלע נסים, וואָס מען האָט די אידען געוויזען, איז מען נאָך אַלץ מיט זיי ניט געווען זיכער, אַז זיי וועלען זיך ניט אומקערען קיין מצרים, איבערהויפּט איצט, ווען זיי זעהען פּרעה'ן מיט זיינע חיילות טויט פאַר זייערע אויגען, און ווי דער פּסוק דערציילט, אַז זיי האָבען אויסגעליידיגט זייערע קעשענעס און פאַרנומען אַלץ, וואָס זיי האָבען מיט זיך געהאַט — אַזאַ גרויסען קאַפּיטאַל, וואָס וואָלט זיי אין מצרים רייך געמאַכט. דעריבער, ווי נאָר ס'איז געוואָרען ליכטיג, האָט דער ים זיך צוריקגעקערט „לאיתנו", צו זיין שטאַרקייט, כדי אָפּצושניידען זיי דעם וועג.

„ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים, כי קרוב הוא", און ג' האָט זיי ניט גע־פירט אויפ'ן וועג דורכ'ן לאַנד פון די פלישתים, מחמת ער איז געווען צו נאָענט. אַ פאָלק, וואָס פאַרשטייט ניט אָפּצושאַצען דעם ווערט פון פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, קאָן זיין ציל ניט דערגרייכען אַזוי גרינג. עס מוז זיך אַרומוואַלגערען יאָרענלאַנג אין אַ מדבר פון פוסטען לעבען און אינהאַלטס־לאָזע דערגרייכונגען, ביז עס דערשלאָגט זיך צום אָרט, וואָס איז פאַר אים באַשטימט געוואָרען פון זיין ג'. „זכו עם ענני שמיא" — איז אַ פאָלק ווערט, קומט זיין גאולה לייכט, מיט די וואָלקענס פון די הימלען; „לא זכו, עני רוכב על החמור" — איז אָבער אַ פאָלק ניט ווערט, איז זיין משיח אַן אָרימאַן, וואָס רייט אויף אַן אייזעל, וואָס קאָן ניט לויפען און שלעפּט זיך אַ לאַנגע צייט (סנהדרין צ"ח).

ארץ ישראל דאַרף פאַר דעם אידישען פאָלק זיין אַן ענטפער ניט נאָר פאַר זיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, זי דאַרף אויך זיין דער פול־שטענדיגער ענטפער פאַר זיינע גייסטיגע באַדערפענישען. אַריינקומען אין ארץ ישראל און מיטברענגען מיט זיך די קולטורען פון די פרעמדע לענדער, פון וועלכע מיר זיינען פאַרטריבען געוואָרען, איז אַ גרויסער נאַציאָנאַלער פאַרברעכען. דאָס וועט שטערען דעם גייסטיגען וואוקס פון דעם פאָלק. וואוינען אויף דער אייגענער ערד, וואָס שפּייזט זיך פון דעם טוי, וואָס פאַלט פון פרעמדע הימלען, מאַכט ניט אַ פאָלק פריי אויך אין זיין אייגען לאַנד. דערפאַר, זאָגט אונז דער מדרש, האָט גב"ה געפונען פאַר נויטיג צו פירען די אידען אויף אַ לאַנגען וועג, וואָס האָט געדויערט יאָרען, ווייל ער האָט זיי פריער געוואָלט געבען אַן אייגענע תורה און זיי לערנען צו זיין אמת'ע פרייע מענשען אי קערפּערליך און אי גייסטיג.

הפטרה

„קאָונסילס אָוו דזשודאַאיזם" אין די צייטען פון דבורה'ן

למה ישבת בין המשפתים לשמע שריקות עדרים?

„למה תתבון ממשרת קרבא למתב בין תחומין, בפרשת ארחא, למשמע בשורתא דא מן דא? לברק אתון אמרין דילך אנחנא, לסיסרא אתון אמרין דילך אנחנא" — וואָרום האָט איהר זיך צוריקגעהאַלטען פון גיין אין דער מלחמה און געזעסען אויף די גרעניצען אינמיטען וועג צו הערען די נייעס פון דאָ און דאָרט? צו ברק'ן זאָגט איר: מיר זענען מיט דיר און צו סיסרא'ן זאָגט איר: מיר זענען מיט דיר (תרגום יונתן).

ניט אַלע פעלקער, וואָס האָבען באַהערשט ארץ ישראל, זענען פון יהושע'ן איינגענומען געוואָרען. עס זענען נאָך פאַרבליבען די פינף פראָווינצען אונטער די „סרני פלשתים", די הערשער פון די פלשתים, ווי אויך די לענדער פון די „כנענים", די „צידונים" און די „חוים". לויט דעם פסוק איז עס געווען דער ווילען פון ג׳ איבערצולאָזען די דאָזיגע שונאים אין לאַנד פאַר אַ געוויסער צייט: „לנסות בהם את ישראל", כדי אויסצופרובירען דורך זיי די אידען, „לדעת הישמעו את מצוות ה'" — צו דערגיין אויב זיי וועלען אויספאָלגען די מצוות פון ג׳, און אויך „למען דעת דורות בני ישראל ללמדם מלחמה אשר לפנים לא ידעום" — כדי די קומענדע דורות פון די אידען זאָלען וויסען און זיך לערנען ווי אָנצופירען אַ מלחמה, וואָס זיי האָבען ביז דאַן ניט געוואוסט (שופטים ג׳).

דער ערשטער „כבוש", די ערשטע זיגען, וואָס יהושע האָט געהאַט ביים אַריינקומען אין ארץ ישראל, זענען ניט געווען קיין באַטיירליכע. די אידען זענען קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסע קריגס־העלדען. זיי האָבען קיינמאָל ניט געלערנט די „תכסיסי מלחמה" — די קונסט פון סטראַטעגיק, וואָס געניטע מלחמה־פירער מוזען וויסען, און אָהן דער הילף פון געטליכע נסים וואָלטען זיי קיינמאָל דאָס לאַנד ניט איינגענומען. זיי האָט אויך געפעלט די באַגייסטערונג פון אַן איינהייטליך פאָלק, וואָס איז פאַראייניגט צו קעמפען פאַר דער פולער דעראָבערונג פון זיין נאַציאָנאַלען באָדען. אַזוי גיך ווי זיי האָבען אַריינגעקראָגען אין זייער באַזיץ אַ געוויסען טייל פון לאַנד, האָבען זיי אויפגעגעבען דעם קאַמף. „ובני ישראל ישבו בקרב הכנעני", און די אידען

האבען זיך באזעצט צווישען דעם כנעני און די איבעריגע פעלקער, וואס האבען באהערשט א גרויסען טייל פון ארץ ישראל און פון וועלכע זיי זענען שפעטער געווארען אויסגעריסען געווארען.

כל זמן יהושע האט נאך געלעבט זענען די אידען מער אדער ווייניגער געווען פאראייניגט און די שבטים פלעגען זיך ארויסהעלפען איינע די אנדערע קעגען אן אנפאל פון די ארומיגע שכנים. אזוי גיך אבער ווי יהושע מיט זיינע מענשען זענען געשטארבען „ויקם דור אחר אחריהם אשר לא ידעו את ה׳ ויעשו את הרע״ — איז אויפגעשטאנען א נייער דור נאך זיי, וואס האט ניט געוואוסט פון ג׳ און האבען געטאן אלדאס בייז. דער בונד, וואס האט די אידען געהאלטען פאראייניגט, איז געבראכען געווארען, „חלוקה היתה חביבה עליהם יותר מדאי״ — צעטיילונג און אפגעזונדערקייט איז ביי זיי געווען שטארק באליבט. זיי האבען זיך ווייניג אנגעקערט איינע צו די אנדערע און האבען זיך אפגעגעבען מיט אייגענע אינטערעסען. „זה עוסק בשדהו וזה בכרמו, זה בזיתיו וזה בפצומו״ — דער האט זיך באשעפטיגט מיט זיין פעלד און דער מיט זיין וויינגארטען; דער מיט זיינע אוילבירטען און דער מיט זיינע געביידען (רות רבה).

צווישען די רייכערע שבטים, ווי ראובן, גד ואשר, וועלכע האבען אנגעפירט א גרויסען שיף־פארקער מיט די ארומיגע פעלקער און האבען שטארק באגליקט, האבען זיך אויך געפונען א גרויסע צאל אסימילירטע אידען, „ויקחו את בנותיהם להם לנשים ואת בנותיהם נתנו לבניהם ויעבדו את אלקיהם״ — וואס האבען גענומען גוי׳אישע טעכטער פאר פרויען און זייערע טעכטער האבען זיי פארהייראט צו גויים און האבען נאך געדינט זייער געטער. אז די שבטים נפתלי און זבלון זענען באפאלען געווארען פון יבין מלך כנען, וועלכער האט זיי געדריקט גאנצע צוואנציג יאר, איז קיינער פון די איבעריגע שבטים זיי ניט געקומען צו הילף.

ווען סיסרא האט צוזאמענגענומען א גרויסע ארמיי און איז ארויס אין א מלחמה קעגען די צוויי שבטים האבען זייערע שופטים, דבורה און ברק בן אבינועם, געבעטען די שבטים ראובן גד און אשר, וועלכע זענען געווען זייערע שכנים, זיי זאלען צושטיין צו דער מלחמה, האבען זיי זיך אנטזאגט עס צו טאן. די אסימילירטע אידען, וועלכע האבען תמיד געשמייכעלט צו די ארומיגע פעלקער, האבען ניט דערלאזען, אז זייערע שבטים זאלען זיך פאר־

איינגעגען מיט נפתלי און זבולון צו באַקעמפען דעם שונא. זיי האָבען — קענטיג, געשפּילט אַ צווי־פּנים'דיגע ראָל און זיך געזוכט צו פריינטלען מיט ביידע צדדים. פאַר דער אויסערליכער וועלט האָבען זיי זיך אַרויסגעגעבען אַלס געטרייע אידען און צו דער זעלבער צייט האָבען זיי באַקעמפט דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק, אַז די אידען זענען אַן איינהייטליך פאָלק.

ווי דבורה זאָגט אין איר גרויסער שירה: „לפלגות ראובן גדולים חקרי לב" — ביי די פּאַרטייען אָדער „קאָונסילס אָוו דזשודאַאיזם" פון ראובן איז די איבערלייגונג געווען זעהר גרויס. זיי האָבען זיך ניט געאיילט צו העלפען זייערע ברידער. און זי רופט אויס מיט גרויס שמערץ: „למה ישבת בין המשפתים" — וואָרום זיצט איר צווישען די גרעניצען, בפרשת ארחא" — אינמיטען וועג, „לשמוע שריקות עדרים" — איר ווילט הערען די געשרייען פון די פאַרשיידענע סטאַדעס, אָדער ווי דער תרגום יונתן דערקלערט: „למשמע בשורתא דא מן דא" — צו הערען די נייעס פון ביידע לאַגערען. איר טאַנצט אויף ביידע חתונות: צו ברק'ן זאָגט איר „דילך אנחנא" — מיר זענען מיט דיר, מיר זענען דאָך אידען פון משה'ס גלויבען, און צו סיסרא'ן זאָגט איר „דילך אנחנא" — מיר זענען מיט דיר, ווייל מיר גלויבען ניט אין אַ אידישער מדינה...

ב.

אידישע פּאַרטייען אין דער גאולה־באַוועגונג

התיצבו וראו את ישועת ד'.

„אַרבע כתות נעשו ישראל על הים, אחת אומרת ליפול אל הים, ואחת אומרת לשוב למצרים, ואחת אומרת לעשות מלחמה כנגדן, ואחת אומרת נצוח כנגדן", — ווען די אידען זיינען געשטאַנען ביים ים און באַמערקט ווי די מצרים יאָגען זיך נאָך זיי, האָבען זיי זיך איינגעטיילט אין פיר פאַר־שיידענע גרופּעס: איינע האָט געשריען: לאָמיר זיך אַריינוואַרפען אין ים; אַ צווייטע האָט געטאַמערט: לאָמיר זיך צוריקקערען קיין מצרים; אַ דריטע האָט געראָטען צו קעמפען קעגען זיי, און אַ פערטע האָט גע'טענה'ט: לאָמיר תפילה טאָן צו ג' קעגען זיי (מכילתא).

לויט דער אויפפאַסונג פון אונזערע תלמודיסטען און בעלי־אגדה זיינען ניט אַלע אידען אין מצרים געווען איינפאַרשטאַנען מיט דער באַפרייאונגס־באַוועגונג וואָס איז אָנגעפירט געוואָרען פון משה און אהרן. פיל פון די רייכערע האָבען ניט געוואָלט פאַרלאָזען דאָס לאַנד, זאָגאַר נאָך דעם ווי פרעה האָט איינגע־שטימט דערצו. „היו להם פטרונין והיה להם עושר וכבוד ולא היו רוצים לצאת" — צווישען זיי האָבען זיך געפונען אידישע באַאַמטע, רייכע און בכבוד'יגע לייט, וואָס האָבען ניט געוואָלט אַרויסגעהן (שמו"ר י"ג). זיי זיינען ענדליך נאָכגעגאַנגען דעם פאָלק אין דעם מדבר, ווייל זיי האָבען אַליין אין מצרים ניט געקאָנט פאַרבלייבען. זיי האָבען אָבער ווייניג צוטרוי געהאַט צו משה'ן מיט זיינע פאַרשפרעכונגען. אַז זיי האָבען דערזעהן די מעכטיגע אַרמייען פון פרעה'ן, און מורא האָבענדיג, אַז ער וועט געוויס זיגען, און נאָכדעם וועט ער זיי שטראָפען און שטאַרק פייניגען, זיינען זיי געוואָרען פאַרצווייפעלט. ניט זעהענדיג פאַר זיך קיין אַנדער אויסוועג, האָבען זיי באַשלאָסען זיך צו נעמען דאָס לעבען. „ליפול אל הים", לאָמיר זיך אַריינוואַרפען אין ים אַריין און מאַכען אַ סוף צו דער טרויעריגער לאַגע, איז געווען זייער יאוש'דיגע עצה.

די צווייטע גרופע איז באַשטאַנען פון די אומוויסענדע טיילען פון פאָלק, ביי וועמען דער „סיר הבשר", דער טאָפ פיש און פלייש האָט געשפילט די הויפט־ראָלע אין לעבען. זיי זיינען לכתחילה נאָכגעגאַנגען משה'ן, ווייל זיי זיי־נען איבערראַשט געוואָרען פון די גרויסע נסים, וואָס ער האָט באַוויזען אין מצרים. זיי האָבען געדענקט, אַז דער צוריקקערען זיך צו דעם לאַנד פון זייערע אבות וועט זיי לייכט אָנקומען. קומענדיג אָבער צום ים און באַמערקענדיג, אַז פרעה לויפט זיי נאָך מיט אַ גרויסער אַרמיי, האָבען זיי זיך דערשראָקען און חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער גאולה. זיי זיינען געווען גרייט צוריקצוגיין צו דעם שעבוד, צו דער שקלאַפעריי. „לשוב למצרים", לאָמיר געהן צוריק נאָך מצרים, דאָרט זיינען מיר כאָטש געווען זיכער מיט'ן לעבען — האָבען זיי געיאָמערט.

די איינגערע עלעמענטען פון פאָלק אָבער, די וועלכע האָבען זיך שוין דערצויגען אונטער די השפעה פון משה און אהרן, און זייער קאַמף פאַר דער אידישער גאולה האָט זיי אימפאָנירט און באַגייסטערט, זיי האָבען דעם מוט ניט פאַרלוירען. פון זייער גרויסען לערער משה האָבען זיי געלערנט, אַז די פרייהייט פון אַ פאָלק קאָן ניט אַזוי לייכט דערגרייכט ווערען, אַז מען מוז פאַר

דעם קעמפען און אויך איינשטעלען דאָס לעבען. ווען זיי האָבען באַמערקט פרעה׳ן מיט זיינע חיילות, האָבען זיי באַשלאָסען „לעשות מלחמה כנגדן״, צו פאַרפירען אַ קאַמף קעגען זיי. אויב אפילו מען זאָל דאַרפען פאַלען אין שלאַכט, איז עס פיל אָנגענעמער ווי צו זיין פאַרשקלאַפט דעם גאַנצען לעבען לאַנג. בעסער צו שטאַרבען ווי פרייע מענשען איידער צו לעבען אַלס קנעכט און אונטערדריקטע (ירושלמי תענית פ״ב).

די פרומע עלטערע אידען האָבען ניט געזעהן קיין אַנדער מיטעל, ווי „נצוח כנגדן״, לאָמיר תפילה טאָן צו ג׳, ער זאָל אונז ראַטעווען פון דעם מעכטיגען פרעה און זיינע צאָלרייכע חיילות. און זיי האָבען געוואַרט אויף נסים.

משה רבנו אָבער, וועלכער האָט געהאַט גרויס אמונה אין ג׳ און האָט גע־וואוסט, אַז צו דעם ריכטיגען מאָמענט וועט געוויס קומען די ישועה, האָט דאָס פאָלק באַרוהיגט. צו דער ערשטער גרופע, „זו שאָמרה נפול אל הים, אָמר להם: התיצבו וראו את ישועת ה׳״ — צו די, וואָס זיינען געוואָרען פאַר־צווייפעלט און האָבען געוואָלט זיך אַריינוואַרפען אין ים אַריין און אַזוי מאַכען אַ סוף צו זייער לעבען, האָט ער געזאָגט: האָט געדולד און איר וועט זעהן די הילף פון גאָט. מענשען, וואָס האָבען ניט קיין אמונה אין זייער גאָט און אין זייער פאָלק, זיינען זיך גיך מייאש און פאַרלירען זייער מוט. די הילף פון ג׳ קאָן נאָר דאַן קומען, אויב מען האָט צוטרוי צו אים און גלויבען אין דער אייביגקייט פון זיין פאָלק. „התיצבו״, שטייט פעסט פאַר דער עקזיסטענץ פון אייער אומה און האָט צוטרוי אין די פאַרשפרעכונגען פון אייער גאָט. אָט דער צוטרוי וועט אייך געבען כוחות צו קאָנען אויסהאַלטען אין אַ צייט פון נויט און דערגעהענטערען די ישועה.

„לזו שאמרה: נחזור למצרים, אמר להם, כי אשר ראיתם את מצרים היום לא תוסיפו לראותם״ — צו דער גרופע, וואָס האָט גע׳טענה׳ט, לאָמיר זיך צוריקקערען קיין מצרים, האָט משה געזאָגט: אָט ווי איר זעהט די מצריים היינט, וועט איר זיי מעהר ניט זעהן. איצט יאָגען זיי זיך נאָך אייך און ווייזען אַרויס אַן אינטערעס אין אייך. עס איז אויך מעגליך, אַז זיי וועלען אייך נאָך זוכען איינצורעדען, אַז זיי האָבען חרטה אויף דעם, וואָס זיי האָבען אייך שלעכטס געטאָן פאַר דער צייט, וואָס איר זייט געווען אין מצרים, אָבער פון היינט אָן און ווייטער וועלען זיי אייך באַהאַנדלען ווי זייער גלייכען. עס איז אָבער אַ טעות פון אייך אַזוי צו דענקען. „כי אשר ראיתם את מצרים היום״, ווי איר

זעהט די מצריים היינט מיט זייער נייגירדע אייך צוריק צו האָבען אין לאַנד, „לא תוסיפו לראותם", וועט איר זיי מער ניט זעהן. קוים וועט איר זיך צוריקקערען, וועט איר ווייטער זיין פאַרשקלאַפּט צו זיי און וועט מוזען פאַרשווענדען אייערע כחות פאַר זייערע נוצען. אייך וועט פון דעם גאָרנישט אַרויסקומען (הרב יצחק ניסענבוים, דרשות לשבתות השנה).

צו דער דריטער גרופּע, „זו שאָמרה, נעשה מלחמה, אמר להם: ד' ילחם לכם" — די וואָס האָבען אויסגעשריען: לאָמיר זיי ענטפערען מיט קאַמף, האָט ער געזאָגט, ג' וועט פאַר אייך קעמפען. אייער אָפּפערווילינקייט וועט געוויס ניט זיין אומזיסט, ג' וועט אייך העלפען. די וואָס קעמפען פאַר דער פרייהייט פון זייער פאָלק, העלפט זיי דער אויבערשטער און זיי זיינען זוכה צו פייערען זיין גאולה און זעלבסטשטענדיגקייט.

„זו שאָמרה נצוח כנגדן, אָמר להם: „ואתם תחרישון" — צו דער פערטער גרופּע, צו די עלטערע און פרומע אידען, וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט תפילות און תעניתים בלויז, האָט ער געזאָגט: איר שווייגט. ניט אין אַזאַ צייט קאָן מען זיך צופרידענשטעלען מיט אַזעלכע מיטלען. מיט תפלות אַליין קאָן מען ניט ברענגען די ריכטיגע ישועה פאַר דעם פאָלק און אים פאַרהיטען פון סכנה. מיט וואַרטען אויף נסים וועט די באַפרייאונג פון פאָלק ניט אַזוי גיך קומען. יעדער איד מוז ביישטייערען פון זיינע אייגענע כוחות צו קאָנען מקרב זיין די גאולה (מכילתא).

הרב אהרנסאָן ע"ה, דער געוועזענער רב הכולל פון תל־אביב, האָט אויף דעם איינמאָל באַמערקט: „אין דעם „ואתם תחרישון" ליגט נאָך אַ כוונה. משה בעט די פרומע אידען צו שווייגען און ניט באַריידען די, וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון דער אידישער פרייהייטס־באַוועגונג. מיט חושד זיין זיי, אַז זיי זיינען דוחק את הקץ, און מיט וואַרפען שאָטענס אויף זייער אמונה, פאַרשפּרייט מען מער פינסטערניש און מען ברענגט פאַרווירונג אין די רייען פון פאָלק".

הפטרה

די אידישע גאולה וועט קומען גראַדענווייז

ואוהביו כצאת השמש בגבורתו.

„כך תהיה גאולתן של ישראל: בתחילה היא באה קימעא, ואחר כך היא מנצנצת, ואחר כך פרה ורבה, ואחר כך מרטבת והולכת" — אַזוי וועט פאַר־קומען די גאולה פון די אידען: צוערשט וועט זי קומען אין אַ קלײנער מאָס, נאָכדעם וועט זי ביסלעכווייז אויפשטראַלען, נאָכדעם וועט זי פאַרמערט ווערען און נאָכדעם וועט זי האַלטען אין איין שטייגען (שהש"ר ו').

צוויי וואונדערבאַרע יובעל־געזאַנגען איבער גרויסע אידישע נצחונות ווערען געבראַכט אין היינטיגער סדרה און אין דער הפטרה. אין דער שירה פון דער סדרה ווערט באַזונגען דער גרויסער נצחון, וואָס די אידען האָבען געהאַט איבער פרעה און זיינע חיילות ביים ים סוף. אין דער שירה פון דער הפטרה ווערט באַזונגען דער גרויסער נצחון, וואָס די שבטים נפתלי און זבולון האָבען געהאַט איבער די אַרמייען פון יבין, דער קעניג פון כנען, און זיין פעלד־מאַרשאַל סיסרא, ביי די ברעגעס פון טייך קישון. אין דער שירה ביים ים האָבען אַנטייל גענומען „משה ובני ישראל", משה מיט דעם גאַנצען אידישען פאָלק, די שירה פון דער הפטרה אָבער איז געזונגען געוואָרען בלויז פון דבורה און ברק, די וואָס האָבען דעם קאַמף אָנגעפירט. דאָס פאָלק, ווערט ניט דערמאָנט, אַז ער זאָל האָבען מיטגעזונגען. קאָנטיג, אַז ניט אַלע אידען האָבען זיך אינטערעסירט מיט דעם גרויסען זיג.

אויך אין טאָן און פּערספּעקטיווע פילט זיך אַ גרויסען אונטערשייד אין די צוויי יובעל־געזאַנגען. אין דער „שירת הים" מערקט זיך אַ קאָנצענטרירטער אויפברויז פון פרייהייט־ליבענדע מענשען, וואָס האָבען ענדליך דערגרייכט זייער האַרציגען פאַרלאַנג. אירע ווערטער אָטעמען מיט אַ פולער זיכערקייט, וואָס קומט אַרויס פון נאַציאָנאַלען שטאָלץ, און פאַרענדיגען זיך מיט דער טיפסטער האָפענונג פון דער אידישער אמונה „ה' ימלוך לעולם ועד"—ג' וועט קעניגען פאַר אימער און אייביג. ווי שעהן באַמערקען אויף דעם אונזערע חז"ל: „כל מקום שנאמר לעולם ועד אין לו הפסק עולמית" — וואו עס ווערט געזאָגט „פאַר אייביג און אימער" מיינט אָהן אונטערברעכונג (עירובין נ"ד ע"א). דער פאַראייניגטער

פאַרלאַנג פון פרייהייט, אַנגעפירט פון איין צענטראַלער פירערשאַפט, וואָס פאַר־אייניגט אַלע עקאָנאָמישע און גייסטיגע כחות פון אַ פאָלק, מוז געקרוינט ווערען מיט דערפאָלג און אירע דערגרייכונגען וועלען בלייבען אומאונטערבראָכען. איר אמונה, איר גייסטיגע הערשאַפט, וועט עקזיסטירען פאַר אימער און אייביג.

די שירה פון דבורה אָבער, איז באַגרעניצט אין טאָן און שוואונג. עס קלינגען פון איר אַרויס טענער פון אַ קליינעם, לאָקאַלען שטאָלץ, פון אַ מוטיגען אויפשטאַנד, וואָס בלויז צוויי שבטים פון די אידען האָבען אַרויסגעוויזען אין באַזיגען אַן אָרטיגען שונא. עס פעהלט אין איר שירה די נאַציאָנאַלע זיכער־קייט, וואָס מערקט זיך ביי משה'ן. אויך איר סוף איז באַשרענקט, זי ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „כן יאבדו כל אויביך ה'" — אַזוי זאָלען פאַרלאָרען גיין אַלע דיינע פיינט ג'. ניט אַלע פיינט זיינען באַזיגט געוואָרען. אויך ניט אַלע אידען זיינע באַפרייט געוואָרען פון דעם איצטיגען זיג. דער גרעסטער טייל פון די שבטים ליידען נאָך פון זייערע אומצייליגע שונאים און אונטער־דריקער.

ביים ים סוף זיינען אַלע אידען געשטאַנען פאַראייניגט, אונטער איין פירער־שאַפט און אונטער איין רעליגיעזער הנהגה. אין דבורה'ס צייטען אָבער איז דאָס פאָלק געווען צעשפּאָלטען אין פאַרשידענע שבטים און עס האָט זיי געפעהלט אַ רעליגיעזער מיטעלפונקט, וואָס זאָל זיי האַלטען צוזאַמענגעשלאָסען. „איש כל הישר בעיניו יעשה" — יעדער האָט זיך אויפגעפירט ווי אים איז געפעלען געווען. ווי זי קלאָגט אין איר שירה: „לפלגות ראובן גדולים חקרי לב" — די פאַרטייען פון שבט ראובן האָבען זיך שטאַרק גע'חקירה'ט, יעדע פון זיי האָט זיך געהאַט איר „עמוירדזשענסי קאָמיטע", מיט באַזונדערע פּלענער, און האָבען פאַרבראַכט זייער צייט אין באַזונדערע קאָנפערענצען און מאָס־מי־טינגען. מאַנכע פון די חז"ל רופען אָן אָט די צעשפּליטערונג פשוט'ן פאַררעט, ווי זיי זאָגען „ישב לו בין משפתי המלחמה לשמוע מי נוצח ויהיה עמו" — ראובן איז געזעסען צווישען די גרעניצען פון דער מלחמה און האָט געוואַרט צו הערען ווער עס זיגט און ער וועט זיין אויף זיין זייט (רש"י).

„דן יגור אניות" — דער שבט דן פאַרווילט זיין צייט און איז פאַרנומען מיט זיינע שיפען. „אשר ישב לחוף ימים ועל מפרציו ישכון" — אשר איז געזעסען ביים ברעג ים און ביי זיינע אויסגוסען האָט ער גערוהט. מלחמה ברענגט גרויסע געשעפטען. מען עקספּאָרטירט געווער, עסענוואַרג און אַנדערע

הצטרכות׳ן און דערוויל וואקסען זייערע קאפיטאלען. פון יוצא וועגען ווארפט מען צו א פאר טאלער צו די פאראייניגטע אפילס און מיט דערמיט קומט מען אפ אלע נאציאנאלע חובות. ניט אומזיסט פארענדיגט די נביאה דבורה איר גרויסע שירה מיט דער תפילה — „ואוהביו כצאת השמש בגבורתו״ — די ליבהאבער פון ג׳ וועלען זיין ווי דער ארויסגאנג פון דער זון אין זיין שטארקייט.

זי אקצענטירט און באטאנט דעם „צאת השמש״, דעם ארויסגאנג פון דער זון, וועלכע שיינט אויף גראדענווייז. אזוי מוז קומען די גאולה פון א פאלק, וואס איז צעריסען און ליגט אין פינסטערניש פון פארטייען־קאמף. א פלוצלינגער אויפשטייג פון דער גאולה־זון קאן זיי נאך בלינד מאכען. עס מוז קומען „קימעא״, ביסלעכווייז, אביסעל דא און אביסעל דארט. ערשט נאכדעם, אז אלע גרופען וועלען אנפאנגען זעהן דעם ריכטיגען שיין, וועלען זיך די שטראלען פון דער גאולה פאנאנדערשפילען און צעוואקסען אין זייער פולער שטארקייט.

ג.

דאס אידישע פאלק רעכענט זיך ניט מיט׳ן היינט

אז ישיר משה.

„כך אמר משה לפני הקב״ה: יודע אני שחטאתי לפניך ב„אז״, לכך אני משבחך ב„אז״ — אזוי האט געזאגט משה פאר גב״ה: איך ווייס, אז איך האב אמאל געזינדיגט פאר דיר מיט דעם אויסדרוק „אז״, דערפאר לויב איך דיך איצט מיט׳ן זעלבען אויסדרוק „אז״ (שמות רבה, כ״ג).

הרב ר׳ חיים פישל עפשטיין ז״ל, דער ניט לאנג פארשטארבענער רב הכולל פון סט. לואיס, אין זיין ספר „מדרש החיים״, גיט איבער דעם אומפאר־שטענדליכען מדרש א מערקווירדיג טיפזיניגע דערקלערונג. ער זאגט: „די ערשטע באגעגעניש, וואס משה האט געהאט מיט פרעה׳ן, אים איבערצוגעבען דעם געטליכען באפעל ער זאל באפרייען די אידען, איז געווען א גרויסער דורכפאל. ניט נאר האט פרעה זיין פארלאנג צוריקגעוויזען, ער האט אים נאך ארויסגעטריבען פון זיין הויז, און האט באפוילען זיינע „נוגשים״, זיינע גרוי־

זאמע פאַרוואַלטער, זיי זאָלען וואָס מעהר דריקען די אידען און זיי נויטען צו טאָן צוואַנגס־אַרבייט.

„משה איז געווען פאַרצווייפעלט און צוריקגעקומען צו ג׳ מיט דער פאַרדריס־ליכער טענה: „מאז באתי אל פרעה לדבר בשמך הרע לעם הזה והצל לא הצלת את עמך״ — פון דעם מאָמענט אָן, וואָס איך בין געקומען צו פרעה׳ן, צו רעדען אין דיין נאָמען, איז געוואָרען די לאַגע פון מיין פאָלק פיל ערגער. דו האָסט ניט געראַטעוועט דיין פאָלק. אויך דער גרויסער משה האָט ניט געקאָנט אַרויסזעהן דעם סוף פון דער וואונדערבאַרער מיסיע מיט וואָס גב״ה האָט אים אָנפאַרטרויט. ווי אַלע מענשען, האָט ער בלויז געזעהן די געגענוואַרט און האָט באַגרינדעט זיין קלאַגע אויף דעם „אָז״, וואָס מיינט „דאַן״, איצט, וואָס עס גע־שעהט היינט, ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז מיט זיין ערשטען וויזיט צו פרעה איז געלייגט געוואָרען דער יסוד פאַר דער אידישער גאולה. ניט פרעה און ניט די אידען זיינען געווען צוגעגרייט פאַר אַזאַ גרויסע היסטאָרישע געשעהעניש. פרעה איז דאַן פעסט געזעסען אין זאָטעל פון דער רעגירונג און זיין לאַנד מצרים איז געווען צופיל זאַט, צו דערפאָלגרייך, צו קענען פאַרשטיין, אַז מיט אונטערדריקען די מינאָריטעט פון לאַנד גראָבט מען אונטער אירע עקאָנאָמישע און פאָליטישע יסודות. כדי פרעה און די עגיפטער זאָלען מסכים זיין פריי צו לאָזען די פאַרהאַסטע אידען, מוז אין לאַנד געשאַפען ווערען אַזאַ לאַגע, וואָס זאָל אויפטרייסלען דעם טראָן און זיי צווינגען צו מאַכען אַזאַ שריט. אויך די אידען אַליין זיינען נאָך געווען גאַנץ ווייט פון ווערען קעמפען פאַר זייער גאולה. דער שרעקליכער „שעבוד״, די לאַנגע יאָרען פון שקלאַפעריי, האָט פאַרניכטעט זייער נאַציאָנאַלע אייניגקייט און זיי אונטערוואָרפען דער גלות־פסיכאָלאָגיע, וואָס ליקענט אין דער נויטיגקייט פון אַן אייגען לאַנד.

„מיט דער צייט האָט זיך אָבער משה איבערצייגט, אַז זיין אָנקלאַגע קעגען דעם אויבערשטען איז ניט געווען באַגרינדעט. פרעה׳ס ניט וועלען באַפרייען די אידען, האָט געפירט צו די גרויסע נידערלאַגעס פון מצרים, און האָט אויך געלייטערט די פאַרשקלאַפטע נשמות פון די אידען, צו וועלען ווערען אַ פריי פאָלק, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיג, איידער ער באַקומט אַן אייגען לאַנד. אַז ער איז געשטאַנען ביים ים סוף און געזעהן דעם טרויעריגען סוף פון דעם מעכ־טיגען פרעה און זיינע גרויסע חיילות, האָט ער אָנגעפאַנגען פאַרשטיין, אַז בנוגע דעם אויבערשטען איז ניטאָ קיין „אָז״, קיין דאַן. דער היינט איז בלויז

אַ פּרוזדור, אַן אריינפיר־הויז צו דעם גרויסען פּאַלאַץ פון דעם מאָרגען. די טרויעריגע געשעהענישען פון דער געגענוואַרט פירען גאָר צו גרויסע טריאומפען אין דער צוקונפט. און ער זאָגט צו דעם רבונו של עולם: „איך האָב קעגען דיר געזינדיגט מיט דעם אויסדרוק „אז", ווייל איך האָב בלויז געזעהן דעם היינט, דערפאַר וועל איך דיך איצט לויבען מיט דעם אויסדרוק „אז", וואָס ביי דיר מיינט עס ניט נאָר דאַן, נאָר אַן איינלייטונג צו דער גרויסער און גלאָררייכער צוקונפט".

צו פאַרשטאַרקען דעם שעהנעם געדאַנק פון הרב עפשטיין ז"ל, וויל איך דאָ ברענגען נאָך אַ מאמר אין דער גמרא, וואָס באַשטעטיגט זיין לאָגישען שלוס: „אז ישיר משה — שר שלא נאמר אלא ישיר, מכאן לתחית המתים מן התורה" עס שטעהט ניט געשריבען „שר", ער האָט געזונגען אַמאָל, אין וויטען „עבר", נאָר „ישיר", ער וועט זינגען, שפּעטער אין דער צוקונפט. פון דאַנען איז אַ ראיה פון דער תורה, אַז די טויטע וועלען לעבעדיג ווערען (סנהדרין, צ"א ע"ב).

דאָס אידישע פאָלק, אַזוי גוט ווי זיין באַשעפער, שטעהען העכער איבער דער צייט. דער באַגריף פון עבר און עתיד, פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, ווערט פון זיי ניט פאַרשטאַנען ווי ביי די אַנדערע גלויבענס און פעלקער. אַ תקופה פון „אלף שנים", טויזענט יאָר, איז ביי זיי בלויז אַ „יום אתמול כי יעבר", אַ נאָהענטער נעכטען. אויך דער מאָרגען איז ניט קיין באַגרעניצטער, נאָר אַ „מחר לאַחר זמן", אַ וויטערדיגער שפּעטער, איבער די גרעניצען פון צייט.

פונקט ווי די געזעצען און פאַרשריפטען פון דער תורה ווערען ניט איינגעשלאָסען אין די ענגע ראַמען פון „מוקדם ומאוחר", פון פריהער און שפּעטער, אַזוי אויך די געשעהענישען פון דעם פאָלק קאָנען ניט פאַרשטאַנען ווערען אין שייכות מיט דער צייט. ווי שעהן עס באַמערקט אויף דעם דער מדרש: „אַלע ברכות און קללות אין דער אידישער תוכחה הויבען זיך אָן מיט אַ „ואו המהפך", וואָס פאַרוואַנדעלט אַן עבר אין אַן עתיד, אָדער פאַרקערט. און דער געדאַנק דערפון איז: „אם זכיתם הריני הופך לכם קללות לברכות" — אויב איר וועט ווערט זיין, וועל איך איבערקערען אַלע אייערע קללות און זיי מאַכען פאַר ברכות (ויק"ר, ל"ה).

אויך די פריהייטס־לידער, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אַמאָל געזונגען ביי זיין ערשטער גאולה, זיינען ניט אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט בלויז. אַז

מען לייגט צו אַ קליינעם „יוד״ צו דעם געזאַנג ווערט פון אַז „אז״, אַז אַמאָל, אַ „ישיר״, אַ פרייהייטס־געזאַנג פאַר דער צוקונפטיגער גאולה.

און פון דערפון איז אַ ראיה פאַר „תחית המתים״ פון דער תורה. דאָס גאַנצע לעבען פון דעם אידישען פאָלק אין איין גרויסער „תחית המתים״. פיל מאָל אין זיין געשיכטע האָט עס אויסגעוויזען, אַז דער סוף איז געקומען, אַז זיין לעבען ווערט אין גאַנצען צעדריקט פון דעם שרעקליכען גלות און זיין קיום, זיין עקזיסטענץ איז פאַרזיגעלט. אָבער דאַן פּאַסירט עטוואָס. צו אַלע תוכחה׳ס ווערט צוגעלייגט אַ „ואו המהפך״, און די שרעקליכע געשעהענישען ווערען פאַרוואַנדעלט אין ברכות, און דאָס אידישע פאָלק קומט אַרויס געשטאַרקט אין מוט און האָפענונג פאַר דער וויטערדיגער צוקונפט.

און זיין „תחית המתים״ קומט אימער „מן התורה״. אויב ער האַלט זיך ביי זיין תורה און אמונה, וועט ער קיינמאָל ניט אונטערגיין. ווי טרויעריג די לאַגע פון פאָלק זאָל ניט זיין, ווי נאָהענט צום טויט ער זאָל ניט שטעהן, וועט ער צוריק אויפלעבען. זיין תורה האָט אים אַנגעזאָגט „וחי בהם״, דו זאָלסט לעבען מיט מיינע געזעצען. און קעגען דעם דאָזיגען געטליכען באַפעל זיינען די גרעסטע אידישע שונאים אוממעכטיג. מיט דעם כח פון דער תורה וועט נאָך קומען דער „אָז ישיר״; דער איד וועט נאָך זינגען זיין באַפרייאונג־ליד אויך נאָכדעם, ווען אַלע זיינע פאַרפאָלגער וועלען פאַרשווינדען.

הפטרה

מען קאָן ניט פאַרשטיין די דרכים פון גאָט

צדקות פרזונו בישראל.

„צדקה עשה הקב״ה עם ישראל שפזרן בין האומות״ — גב״ה האָט געטאָן אַ געפעליגקייט מיט די אידען, וואָס ער האָט זיי צעשפּרייט צווישען די פעלקער (פסחים, פ״ז ע״ב).

אין דער היינטיגער הפטרה, אַזוי גוט ווי אין דער סדרה, ווערט געבראַכט אַ „שירה״, אַ יובעל־געזאַנג איבער אַ גרויסען אידישען זיג. אין דער סדרה באַזינגען משה און די אידען דעם גרויסען נצחון, וואָס זיי האָבען געהאַט איבער דער מפלה פון פרעה און זיינע האַרדען פון מצרים ביים ים סוף. אין דער הפטרה

באַזינגט די פּראָפעטין דבורה דעם גרויסען נצחון, וואָס „ברק בן אבינועם" האָט געהאַט איבער די אַרמייען פון „יבין" דעם קעניג פון כנען און זיין פעלד־מאַר־שאַל „סיסרא", ביי די ברעגעס פון טייך „קישון".

אין איר פּאָעטישען געזאַנג באַדויערט זי זעהר שטאַרק די צעריסענקייט פון די אידען. זי באַשולדיגט די אַנדערע שבטים פאַר זייער „פלגות," צע־שפּאַלטענקייט, פאַר ניט פאַראייניגען זיך אין איין פאָלק און צוזאַמען קעמפען פאַר זיין גאַנצקייט און פולשטענדיגער באַפרייאונג. זי באַזינגט בלויז דעם גרויסען נצחון, וואָס די שבטים נפתלי און זבלון האָבען געהאַט.

„בימי יעל חדלו ארחות, והולכי נתיבות ילכו ארחות עקלקלות" — אין די צייטען פון יעל זיינען פאַרמאַכט געוואָרען אַלע וועגען, די וואָס האָבען גע־דאַרפט ערגעץ גיין פלעגען זיך מוזען באַנוצען מיט הינטער געסלאַך אום אויס־צומיידען די שונאים, וואָס פלעגען זיי זעהר אָפט באַפאַלען: „חדלו פרזון בישראל", דאָס עפענטליכע אידישע לעבען איז פאַרמיטען געוואָרען. צו זיין אַ איד מוז מען זיך באַהאַלטען בחדרי חדרים, אין דער עפענטליכקייט דאַרף מען נאָכקרימען דעם גוי און זיך אויפפירען ווי ער. איצט אָבער, נאָך דעם גרויסען זיג פון „ברק, איז „יתנו צדקות ה', צדקות פרזונו בישראל" — רעדען אַלע איבער די גערעכטיגקייט פון ג', די גערעכטיגקייט פון מאַכען מעגליך אָן עפענטליך לעבען פאַר אידען. עס איז שוין מעהר ניט אַ סכנה צו געהן וואו מען וויל און לעבען ווי מען וויל.

די חז"ל, וואָס האָבען פון יעדער פאַסירונג אין דער פאַרגאַנגענהייט גע־צויגען שלוסען פאַר דער צוקונפט און געזוכט צו טרייסטען די אידען, מאַכען אויף די ווערטער פון דבורה פאָלגענדע באַמערקונג: דאָס וואָס אידען זיינען צעשפּרייט צווישען די פעלקער און ניט פאַראייניגט צווישען זיך איז מסתמא אַזוי דער רצון פון גב"ה. „צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפזרן בין האומות" — קוים מוזען מיר נאָך זיין אין גלות, איז עס גאַר אַ גליק פאַר אונז, אַז מיר זיינען צעשפּרייט צווישען אַזוי פיל פעלקער. וואָלטען מיר געלעבט אין איין גלות־לאַנד, וואָלט אפשר דאָס פאָלק שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען. די צעשפּרייט־קייט האָט געהאָלפען אויפצוהאַלטען אונזער קיום. ניט אַלע לענדער מיט אַמאָל האָבען געזוכט צו פאַרניכטען די אידען. אויב אַ טייל פון אונזער פאָלק האָט געליטען אין איין אָדער עטליכע לענדער, זיינען זיי געקומען צו הילף די אידען, וואָס לעבען אין פרייערע לענדער.

אַט אַזוי איז דאָס לעבען פון דעם אידישען פאָלק. ער איז אייביג און שטעהט העכער פאַר דער צייט און די אומשטענדען. זיין עקזיסטענץ איז פאַר־בונדען מיט זיין ג׳ און מיט זיין אמונה. אויב ער וויל, ווערט פון אַלע אידישע קללות גרויסע ברכות. אמת, פון „פרזון״, עפענטליכקייט און פרייהייט איז דערוויילע געוואָרען אַ „פזרון״, צעשפרייטקייט און אונטערדריקונגען, אָבער מיר, אידען, טאָרען דעם מוט ניט פאַרלירען. דער היינט איז טאַקע אַ פרעמדער, דער מאָרגען אָבער וועט זיין אונזערער. פון דעם „פזרון״, דעם פינסטערען גלות, וועט צוריק ווערען אַ „פרזון״, אַן עפענטליך, רעכטליך געזיכערט אידיש פאָלק.

ד.

רעכטע און לינקע אין אידישער כלל אַרבייט

ימינך ה׳ נאדרי בכח, ימינך ה׳ תרעץ אויב.

„למה שתי פעמים ימין? כשישראל עושין רצונו של מקום, עושין שמאל ימין, וכשאין עושין רצונו, עושין ימין שמאל״ — פאַרוואָס ווערט איבער־גע׳חזר׳ט דאָס וואָרט „ימינך״ צוויי מאָל? דאָס איז צו ווייזען, אַז אויב אידען טוען דעם רצון פון ג׳, מאַכען זיי די לינקע פאַר רעכטע, אָבער אויב זיי טוען ניט זיין רצון, מאַכען זיי די רעכטע פאַר לינקע (תנחומא).

ניט אַזוי גרינג איז משה׳ן אָנגעקומען צו באַפרייען די אידען פון מצרים. פרעה מיט זיינע חרטומים זיינען געווען שטאַרק איינגע׳עקשנ׳ט און האָבען בשום אופן ניט געוואָלט זיי פרייזלאָזען. עס האָבען משה׳ן ניט געהאָלפען אַלע זיינע פאָליטישע טענות און איבערצייגענדע אַרגומענטען. דער ענטפער איז געווען: „את ישראל לא אשלח״ — איך וועל די אידען ניט אַרויסשיקען. ערשט נאָכ־דעם ווי אַ רייע עפידעמיעס, איינע גרעסער און מורא׳דיגער פאַר דער צוויטער, האָבען אויסגעבראָכען, וועלכע האָבען דאָס לאַנד שטאַרק פאַראַרימט, און צווי־שען פאָלק האָבען זיך גענומען הערען די טענות: „עד מתי יהיה לנו זה למוקש, הטרם תדע כי אבדה מצרים?״ — ביז וואַנען וועט דאָס זיין פאַר אונז אַ שטרויכלונג, ווייסטו דען ניט, אַז מצרים גייט פאַרלאָרען? ערשט דאַן איז

פרעה ווייכער געוואָרען און האָט אָנגעהויבען פאַרהאַנדלען מיט משה און אהרן.

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס משה האָט געקעמפט מיט פרעה'ן פאַר דער אידישער גאולה, זיינען די אידען געשטאַנען פונדערווייטענס. משה און אהרן האָבען געמוזט אָנפירען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע און מיט אַלערליי „אותות ומופתים" זיי געזוכט צו באַוועגען, אַז זיי זאָלען באַפרייט ווערען. כל זמן דער קאַמף מיט פרעה'ן איז אָנגעגאַנגען און עס האָט ניט אויסגעוויזען, אַז ער וועט נאָכגעבען, זיינען די אידען געווען פּאַסיוו צו דעם גאַנצען ענין. אָבער אַזוי גיך ווי פרעה האָט זיך גענומען בויגען און די אויסזיכטען פאַר דער גאולה זיינען געוואָרען פיל בעסערע, האָבען זיך צווישען פאָלק, איבערהויפּט צווישען די רייכערע פון זיי, געבילדעט פּאַרטייען, וואָס האָבען זיך גענומען אַקטיוו צו באַקעמפען די באַפרייאונגס־באַוועגונג און ניט צו דערלאָזען, אַז פרעה זאָל די אידען אַרויסשיקען פון לאַנד. „היו להם פטרונין והיה להם עושר וכבוד ולא היו רוצים לצאת" — צווישען זיי האָבען זיך געפונען אידישע באַאַמטע, רייכע און בכבוד'יגע לייט. וואָס האָבען ניט געוואָלט אַרויסגייען (שמו"ר י"ג).

אויף דעם פּסוק „וחמושים עלו בני ישראל", זאָגט דער מדרש תנחומא, אַז דאָס וואָרט „חמושים" מיינט ניט „באַוואָפענט", ווי מיר טייטשען עס, נאָר „אחד מחמשה, ויש אומרים אחד מחמשים" — בלויז איינער פון פינף, און מאַנ־כע זאָגען אפילו, אַז איינער פון פופציג, איז צוגעשטאַנען צו דער באַפרייאונגס־באַוועגונג. און אַז זיי זיינען ענדליך אַרויס פון מצרים, האָט זיי משה געדאַרפט פירען אויף אַזעלכע וועגען, וואו אַן אָפענער קאַמף זאָל אויסגעמיטען ווערען. „ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים, כי קרוב הוא" — און ג' האָט זיי ניט גע־פירט אויפ'ן וועג דורכ'ן לאַנד פון די פלשתים, כאָטש עס וואָלט פאַר זיי געווען פיל נעענטער, „כי אמר אלקים פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה" — ווייל ג' האָט געטראַכט, פיילייכט וועט דאָס פאָלק חרטה האָבען, ווען עס וועט פאַר זיך זעהן אַ קאַמף און וועט וועלען זיך אומקערען נאָך מצרים.

וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער כאַראַקטער־שטריך פון דעם אידישען פאָלק ווערט אונז איבערגעגעבען אין די פאָלגענדע צוויי פּסוקים פון דער תורה: איידער די גאולה־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען, האָט פרעה געזוכט מיטלען ווי צו אונטערדריקען די אידען, ווייל ער האָט מורא געהאַט: „פּן ירבה ונלחם בנו ועלה מן הארץ" — טאָמער ווערען זיי גרויס און וועלען קעמפען קעגען אונז און פאַרלאָזען דאָס לאַנד. אָבער נאָכדעם ווי די גאולה איז שוין געקומען,

האָט ג׳ מורא זיי צו פירען אויף אַ נאָענטען וועג, „פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה״ — טאָמער וועט דאָס פאָלק חרטה האָבען, ווען עס וועט דערזעהן אַ קאַמף און וועט זיך צוריקקערען קיין מצרים. פרעה, דער גוי, פאַרשטייט, אַז מענשען דאַרפען קעמפען פאַר זייער פרייהייט, די השגחה ווייסט אָבער, אַז אידען וועלען אַנטלויפען פון אַזאַ קאַמף...

אויך אין דער באַפרייאונגס־באַוועגונג גופא האָט משה ניט געהאַט אַזאַ לייכטע אויפגאַבע. ווי דער שטייגער איז ביי אידען, האָבען זיך אין דער באַוועגונג פאַרמירט פאַרשיידענע גרופען און פאַרטייען, מיט באַזונדערע צילען און אַמביציעס, און זייערע פירער האָבען תמיד געשטערט אַ פאַראייניגטער אַקציע, וועלכע זאָל מקרב זיין די גאולה. מיר נעמען דאָ אַרויס פון דער גמרא אַ מערקווירדיג בילדעל פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים ים־סוף. אין די ווערטער ליגט אַ טיפזיניגער געדאַנק, וואָס פאַסט זיך זעהר צו די היינטיגע אומשטענדען, אין וועלכע אונזער פאָלק געפינט זיך. עס ווערט געזאָגט: „בשעה שהיו ישראל עומדים על הים״ — ווען די אידען זיינען געשטאַנען ביים ים און האָבען געזוכט מיטלען ווי זיך צו ראַטעווען פון פרעה׳ן מיט זיינע חיילות, וואָס האָבען זיך געיאָגט נאָך זיי, „היו שבטים מנצחים זה עם זה״ — האָבען זיך די שבטים געשפּאַרט איינע מיט די אַנדערע: „זה אומר אני יורד תחלה, וזה אומר אני יורד תחלה״ — דער שבט זאָגט: איך וועל אַרונטערגיין צוערשט, און דער צווייטער זאָגט: איך וועל אַרונטערגיין צוערשט. כאָטש די סכנה איז גרויס און מען טאָר קיין צייט ניט פאַרלירען, איז אָבער די פראַגע פון „מי בראש״, ווער עס זאָל זיין דער טשערמאַן פון דער „עמוירדזשענסי קאָמיטע״, און וועלכע פאַרטיי זאָל שפּילען די הויפּט ראָלע, געשטאַנען אין וועג פון אחדות און אָפּגעהאַלטען דעם פּראָצעס פון דער רעטונגס־אַרבייט.

„רבי יהודה אומר לא כך היה מעשה״ — רבי יהודה זאָגט אָבער, אַז ניט אַזוי איז געווען די מעשה. מען האָט זיך ניט אַרומגעריסען וועגען ממשות׳דיגער אַרבייט, וועגען אַקטיווע פירער, „אלא זה אומר אין אני יורד תחלה, וזה אומר אין אני יורד תחלה״ — דער זאָגט ער וועט ניט גיין צוערשט, און דער זאָגט, אַז ער וועט ניט גיין צוערשט. „קפץ שבט בנימין וירד לים תחלה״ — דערווייל איז דער יונגער שבט בנימין אַריינגעשפּרונגען אין ים אַריין, „והיו שרי יהודה רוגמים אותם״ — האָבען זיי די האַרען פון יהודה פאַרוואַרפען מיט שטיינער (סוטה ל״ו). וואָס פאַר אַ פלענער די „שרי יהודה״, די זאָגענאַנטע אַלטע פירער פון דער באַוועגונג, האָבען געהאַט, ווערט ניט אָנגעגעבען.

ווארשיינליך האָבען זיי זיך געהאַלטען ביי דער קאָנסערוואַטיווער מעטאָדע פון „וואַרטען”, טאָמער וועט פּרעה אין דער לעצטער מינוט חרטה האָבען און וועט זיי לאָזען צורו.

„די אידישע פירערשאַפט אין גלות”, האָט מיר אַמאָל געזאָגט הרב קוק ז״ל, „האַלט זיך פאַראייניגט נאָר אַרום דעם „שב ואל תעשה”, אַרום ניט טאָן. זיצען און וואַרטען — אויף דעם שטימען אַלע איין. קומט אָבער אַ צייט פון „קום ועשה”, אַז עפּעס מוז געטאָן ווערען צו פאַרבעסערען די אידישע לאַגע, דאַן הויבען זיך אָן חלוקי דעות, פּאַרטייאישע פאָדערונגען און איבערהויפּט די פראַגע: „מי בראש”, ווער זאָל אָנפירען מיט דער אונטערנעמונג? אַז די „שרי יהודה”, די אַלטע פירער פון גלות מצרים, האָבען דערהערט, אַז די יונגע בני בנימין זיינען אַריינגעשפּרונגען די ערשטע אין ים אַריין, זיינען זיי געוואָרען אָנגעצונדענע און זיי האָבען געשריען: סטייטש, איר האָט געבראָכען די דיסציפּ־לין, איר האָט ביי אונז געדאַרפט פרעגען פריער. מיט אייער אַגרעסיווער שטע־לונג האָט איר געשטעלט אין סכנה די גאַנצע באַוועגונג.

און עס הויבט זיך אָן אַ סדרה פון זידלערייען און באַשולדיגונגען: די שרי יהודה וואַרפען־אויף די ענערגישע בני בנימין, אַז זיי זיינען לינקע ראַדיקאַלען, אומקאָמפּראָמיסליכע רעוויזיאָניסטען, וואָס ווילען ניט וויסען פון דיסציפּלין און דיפּלאָמאַטישער שתדלנות. אַזוי איז עס געווען אַמאָל און אַזוי איז עס אויך ליידער היינט. און אויף דעם באַמערקען אונזערע חז״ל: וואָרום ווערט אין דער שירת הים איבערגע׳חזר׳ט דער „ימינך”, די רעכטע האַנט, צוויי מאָל? כשישראל עושין רצונו, של מקום, עושין שמאל ימין, וכשאין עושין רצונו, עושין ימין שמאל” — אַז אידען טוען דעם רצון פון גאָט, מאַכען זיי די לינקע פאַר רעכטע, אויב זיי טוען ניט זיין רצון, מאַכען זיי די רעכטע פאַר לינקע (תנחומא).

אין אָט דער מערקווירדיגער דערקלערונג ווערט אָנגעוואונקען די אמת׳ע אורזאַך וואָרום אין אַלע אונזערע קהל׳שע אויפטואונגען, אין די לעצטע דורות, האָבען די לינקע, די רעפאָרמער און ראַדיקאַלען פאַרכאַפּט דעם אויבען־אָן און זאָגען די הויפּט־דעה אויף דער אידישער גאַס. די גרויסע מערהייט פון אונזער פאָלק איז איבעראַל אָרטאָדאָקסיש געשטימט און וויל ניט איבעררייסען די קייט, וואָס האַלט אים געבונדען צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו זיין אמונה און טראַדיציע. זיי זיינען אָבער, ליידער, ניט קיין „עושין רצונו”, זיי זיינען ניט גענוג טעטיג. זייער אָרטאָדאָקסיע באַשטייט אין פּאַסיוויטעט, אין ניט וועלען אויפגעבען דאָס

אַלטע. אָבער אַליין צו טאָן, אַליין צו נעמען די פירערשאַפט אין האַנט, איז מען אָדער פויל, אָדער נאָכלעסיג. און דערפאַר ווערט דער אידישער „ימין" ביי אונז אַ „שמאל". אַנשטאָט די רעכטע זאָלען האָבען די דעה אין אונזערע פאָלקס־ענינים, גיבען מיר איבער בידים די ממשלה אין די הענט פון די לינקע, וואָס מאַכען פון אַלע אונזערע גרויסע שאַפונגען אַ טרויעריגען סך־הכל.

אַזוי איז׳ס ב"ה אין אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וועלכע איז פאַר דורות לאַנג אויסגעטראָגען געוואָרען פון די רעכטע, די שוהל־אידען, און איצט ליגט די גאַנצע פירערשאַפט, ליידער, אין די הענט פון לינקע רעפאָרמער אָדער ראַדיקאַלען. אַזוי איז עס אויך מיט דער הנהגה פון אונזערע שוהלען, אונזערע בתי־מקדש מעט, וועמעס פירערשאַפט ווערט ביסלעכווייז פאַרכאַפט פון קאָנסערוואַטיווען און רעפאָרמער, וועלכע זוכען איינצופירען נייע רעליגיעזע איבערצייגונגען. ווער רעדט שוין וועגען די אידישע צדקה־אַנשטאַלטען, וועלכע זיינען צוערשט באַשאַפען געוואָרען פון אונזערע פרומע טאַטעס און מאַמעס, אָבער צוליב אונזער „אין עושין", צוליב אונזער פאַסיוויטעט און אומטעטיגקייט, זיינען זיי אַריינגעפאַלען אין די הענט פון אַזעלכע, וואָס פאַרוואַנדלען זיי פון כשר אויף טריף, פון אידיש אויף „נאָן סעקטעריען", וויט פון אידישען גייסט.

און טרויעריגער איז נאָך דאָס, וואָס אויך אונזער חינוך, די אידישע דערציהונג פון אונזערע קינדער, וואָס דאַרף און זאָל ליגען אין די הענט פון אמת׳ע אידען, איבערגעגעבען צו זייער תורה און טראַדיציע — אויך אויף דעם געביט האָבען די לינקע פאַרכאַפט דעם אויבנאָן. אונזערע תלמוד־תורות און אַנדערע לער־אַנשטאַלטען ווערען ביסלאַכווייז באַהערשט פון די, ביי וועמען נאַציאָנאַליטעט איז אָפגעזונדערט פון אמונה, און זינגען אַ פוסט העברעאיש לידעל שטייט ביי זיי העכער ווי אַ פרשה חומש מיט רש"י: אָדער זיי ווערען פאַרוואַלטעט פון סתם פילאַנטראָפישע פאַרזאָרגער, ביי וועמען „דזשודאַאיזם" מוז זיין כפוף צום „אַמעריקאַניזם", און זיי זוכען דערפאַר צו קאָרמענען אונזערע קינדער מיט דעם מינימום פון אידישער דערציהונג, וואָס מאַכט די קינדער פרעמד צו אונזער עבר און צו אונזער עתיד.

הפטרה

ווען עס פעלט אחדות ביי אידען

בפרע פרעות בישראל.

„משעה שנחלקה ארץ ישראל היתה חלוקה חביבה עליהם יותר מדאי, והיו ישראל עוסקין במלאכתן; זה עוסק בשדהו וזה בכרמו, זה בזיתיו וזה בפצומו, עד שפרצו בהם אויביהם" — פון זינט ארץ ישראל איז צעטיילט געוואָרען צווישען די אידישע שבטים, איז ביי זיי „חלוקה", אָפּגעזונדערטקייט, געוועזען שטאַרק באַליבט. אידען האָבען זיך צופיל אָפּגעגעבען מיט זייערע פריוואַטע אינטערעסען. דער האָט זיך באַשעפטיגט בלויז מיט זיין פעלד און דער מיט זיין וויינגאָרטען; דער מיט זיינע אוילבערטען און דער מיט זיינע געביידען — ביז זיי זיינען באַפאַלען געוואָרען פון זייערע פיינט (פתיחתא דרות רבה).

דער עקאָנאָמישער מצב פון די אידען זינט נאָך יהושע ביז דבורה הנביאה איז געוועזען צימליך גוט. כאָטש ניט גאַנץ ארץ ישראל איז איינגענומען געוואָרען פון יהושע, האָבען אָבער די גרויסע נצחונות פון די ערשטע שופטים, עתניאל, אהוד און שמגר, איינגעשראָקען די אַרומיגע פעלקער און זיי האָבען צורו גע־לאָזען די אידען. אַגריקולטור און אינדוסטרי האָבען געבליט און אין פאַרבינדונג מיט די סוחרים פון „צור" און „צידון" האָבען די שבטים דן און אשר אָנגעפירט אַ גרויסען ים־מסחר און זייערע שיפען פלעגען פירען סחורות צו וויטע מדינות. אויך די איבעריגע שבטים זיינען געוועזען רייך און האָבען געהאַט פיל שאָף און רינדער.

אָבער מיט דעם שטייגען פון זייער עקאָנאָמישען מצב האָט ביי זיי גענומען שטאַרק פאַלען דער נאַציאָנאַלער גייסט. יעדער שבט האָט זיך אָפּגעגעבען מיט זיינע אייגענע אינטערעסען און האָט זיך ווייניג וואָס געקימערט וועגען זיינע ברידער־שבטים. די גוטע געשעפטען, וואָס זיי האָבען געמאַכט מיט די אַרו־מיגע שכנים, האָט יעדען שבט פיל מער דערנענטערט צו די פרעמדע פעלקער, ווי צו זיין אייגען פאָלק. מען האָט גענומען נאָכמאַכען די גוים אין הויז און אין גאַס און אויך אויף זייערע „במות", אין זייערע טעמפלען, אָבער אַזאַ מצב האָט ביי אידען קיינמאָל לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. אַזוי גיך ווי די אידישע שונאים דערשמעקען, אַז ביי די אידען פעהלט אחדות, הויבט זיך אָן די סדרה פון „בפרע פרעות", פון מאַכען איבערפאַלען אויף אידען און זיי אונטערדריקען.

יבין מלך חצר, איינער פון די קעניגע פון כנען, וואָס איז נאָך ניט איינגע־גומען געוואָרען פון די אידען, איז באַפאַלען די שבטים נפתלי און זבולון, האָט זיי באַזיגט, און פאַר גאַנצע צוואַנציג יאָר זיי געדריקט מיט אַן אייזערנע האַנט. ביז די נביאה דבורה, וואָס איז דאַן געווען זייער ריכטערין, האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און מיט דער הילף פון דעם קריגס־העלד ברק בן אבינועם איז איר געלונגען צו אָרגאַניזירען אַן אַרמיי פון צען טויזענט יונגע העלדען און איז אַרויס אין אָפענעם קאַמף קעגען דעם מעכטיגען שונא.

זי האָט איינגעלאַדען די אַנדערע שבטים איר צו העלפען, אָבער בלויז אפרים בנימין און מנשה האָבען געענטפערט איר רוף. די שבטים ראובן, גד, דן, יהודה און שמעון זיינען ניט צוגעשטאַנען. די מלחמה איז פאָרגעקומען ביים טייך קישון, וועלכער איז על־פי־נס אַרויס פון זיינע ברעגען און האָט פאַר־פלייצט די אַרמייען פון יבין מלך חצר, און זיין פעלדמאַרשאַל סיסרא איז דאַן אַנטלאָפען און זיך אויסבאַהאַלטען אין דעם געצעלט פון יעל, די פרוי פון „חבר הקני". זי האָט אים לכתחילה פריינטליך אויפגענומען און אַז ער איז איינגעשלאָפען, האָט זי אים געטויט און אַזוי אַרום געבראַכט אַ גרויסע ישועה אויף די אידען.

אין איר שיינעם יובעל־געזאַנג לויבט דבורה די איבערגעבענהייט פון די עטליכע שבטים, וואָס זיינען איר געקומען צו הילף און אויך די העלדישקייט פון יעל.

לויט די חז"ל איז די מעשה פון רות פאָרגעקומען אין די צייטען פון דבורה און ברק, די מגילת־רות הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „ויהי בימי שפוט השופטים", אַז דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט וואָס די צוויי שופטים האָ־בען צוזאַמען אין איין צייט געהערשט איבער די אידען, און קיין אַנדערע ווי דבורה און ברק האָבען קיינמאָל צוזאַמען ניט גע'משפט די אידען (רות רבה).

ה.

אידען וואַנדערען אין אַ מדבר פון אומצוטרוי

ויצאו אל מדבר שור.

„מדבר שור זה מדבר כזב. אמרו עליו על מדבר כזב שהוא כולו מלא נחשים ועקרבים" — דער מדבר שור איז אייגענטליך דער מדבר כזב. מען זאָגט וועגען דעם מדבר כזב, אַז ער איז אָנגעפילט מיט שלאַנגען און עקדעשען (מכילתא).

ענדליך האָט פּאַסירט דער גרעסטער נס פון אַלע נסים: „ויהי בשלח פרעה את העם" — פרעה האָט איינגעווילינגט דאָס פאָלק צו לאָזען גיין, און די אידען האָבען איינגעשטימט דאָס לאַנד צו פאַרלאָזען. דאָס איז אָבער ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען, ווי די חז"ל באַמערקען: „כל מקום שנאמר ויהי אינו אלא לשון צער" — אין יעדען אָרט, וואו עס ווערט געזאָגט מיט'ן לשון „ויהי", איז עס אַן אויסדרוק פון ווייטאָג און פּאַרדרוס (מגילה י'). און דער צער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס אַלץ האָט געמוזט געטאָן ווערען דורך צוואַנג. פרעה האָט די אידען ניט געוואָלט אַרויסלאָזען פון מצרים און די אידען האָבען ניט געוואָלט פאַרלאָזען דאָס לאַנד — ביז דער אויבערשטער האָט זיי ביידען צו דעם געצוואונגען.

רבי יצחק יעקב ריינעס, ז"ל, זאָגט: „אונזער טראַדיציע האָט ניט באַשטימט קיין „חג הכניסה", אַ יום טוב צו פייערען דעם טאָג, וואָס די אידען זיינען אַריין אין ארץ ישראל, כאָטש אויך די דאָזיגע גרויסע געשעהעניש איז צושטאַנד געקומען דורך וואונדערבאַרע נסים, ווי די שפּאַלטונג פון דעם ירדן, די זינקונג פון דער וואַנט אין יריחו, א. א. וו. מיר פייערען דעם יום־טוב פון „יציאת מצרים", ווייל דאָס ווערט פון דער טראַדיציע באַטראַכט פאַר דער גרעסטער געשעהעניש אין דער אידישער געשיכטע. איינצונעמען לענדער און זיי באַזעצען מיט אייגענע מענטשען איז אַ געוויינליכע פּאַסירונג צווישען די פעלקער פון דער וועלט. די היסטאָריע איז פול מיט אַזעלכע געשעהענישען, וועלכע האַלטען זיך נאָך אין ווידערהאָלען ביז היינטיגען טאָג."

אָבער אַז אַ שוואַכע מינדערהייט אין אַ לאַנד, וואָס איז פאַרפאָלגט און פאַרשקלאַפט געוועזן פאַר הונדערטער יאָרען, זאָל מיטאַמאָל ווערען נאַציאָנאַל געשטימט און מיט שטאָלץ זיך דערקלערען פאַר אַ באַזונדער פאָלק — דאָס איז אַן אויסערגעוויינליכע דערשיינונג, וואָס טרעפט זעהר זעלטען. איבערהויפּט

ווען אידייאיש זיינען זיי ניט געווען שטאַרק פאַרשיידען איינע פון די אַנדערע, ווי די חז״ל באַמערקען: „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה״ —ביידע האָבען געדינט צו פרעמדע אָפּגעטער, גייסטיג און קולטורעל איז צווישען זיי קיין גרויסער חילוק ניט געווען. אויך משה רבנו באַטראַכט דעמדאָזיגען פאַקט פאַר דער גרעסטער דערגרייכונג, ווי ער זאָגט: „הנסה אלקים לבא לקחת גוי מקרב גוי״ — האָט ווען אַן אַנדער גאָט פּרובירט אַרויסצונעמען אַ פאָלק פון צווישען אַן אַנדער פאָלק? (דברים ד׳ ל״ד).

„יציאת מצרים״ — דאָס אַרויסגיין פון מצרים און זיך דערקלערען פאַר אַ באַזונדער נאַציע נאָך איידער זיי האָבען געהאַט אַ לאַנד מיט אַן אייגענער אמונה האָט די אידען געמאַכט פאַר שטענדיגע „בני חורין״, פאַר פרייע מענשען, וואו זיי זאָלען זיך ניט געפינען. „יציאת מצרים״ וועט תמיד פאַרנעמען דעם אויבנאַן אין דער אידישער געשיכטע. אויף די ווערטער פון ירמיהו הנביא, וועלכער זאָגט, אַז טעג וועלען קומען און די אידען וועלען לויבען גאָט ניט פאַר דעם וואָס ער האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים, נאָר פאַרוואָס ער האָט זיי באַפרייט פון די פאַרשיידענע לענדער, וואו ער האָט זיי פאַרשטויסען, באַמערקען אויך דעבּ די חז״ל: „לא שתעקר יציאת מצרים ממקומה״ — דאָס מיינט ניט, אַז יציאת מצרים וועט פאַרלירען איר הויפּט פלאַץ אין דער אידישער געשיכטע. וואָס דער נביא מיינט דאָ צו זאָגען איז, אַז דער נס פון קבוץ גלויות וועט זיין נאָך אַ גרעסערער (ברכות י״ב).

מיט יציאת מצרים אָבער איז נאָך דאָס פּראָגראַם פאַר דער אידישער גאולה ווייט ניט דורכגעפירט געוואָרען. נאָך דעם ערשטען דורכפאַל אין זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט פרעה האָט דער אויבערשטער אָנגעצייכנט פאַר משה׳ן אַ פּראָגראַם פאַר דער אידישער גאולה, וואָס ווערט איינגעטיילט אין פינף טיילען. אמת טאַקע, אַז דער ענדציל איז „אעלה אתכם מעני מצרים אל ארץ זבת חלב ודבש״ — אייך אַרויסצוברענגען פון אייער אַרימקייט אין מצרים אין אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניג, אָבער איידער איר קענט עס דערגרייכען — מוזט איר דורכמאַכען די פאָלגענדע שווערע פּראָצעדורע, וואָס וועט נעמען אַ היפּשע צייט און איז פאַרבונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען און פאָדערט פיל אָפּפערווילינקייט פון אייער זייט:

א) „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים״ — איך וועל אייך אַרויסנעמען פון אונטער דעם יאָך פון מצרים. אידען מוזען זיך באַפרייען פון דעם שעבוד

און הכנעה געפיל צו דער מאַיאָריטעט פון לאַנד. זיי מוזען אויפגעבען דעם מינדערוויכטיגקייטס־קאָמפּלעקס, וואָס זיי פילען אין דער גצזעלשאַפט פון די עגיפּטער. זיי זאָלען מער ניט נתפעל ווערען פאַר זייער גרויסקייט און שטאַרקייט און זיך אַליין באַטראַכטען פאַר קלענער און נידעריגער פון זיי. פרייע גייסטער לאָזען זיך ניט באַהערשען און קענען ניט סובל זיין יעדע פאָרמע פון אונטערטעניגקייט. דאָס איז דער ערשטער באַדינג פאַר אַ פאָלק, וואָס וויל ווערען פריי.

ב) „והצלתי אתכם מעבודתכם" — איך וועל אייך ראַטעווען פון אייער שקלאַפעריי. איך וועל צווינגען דעם גרויזאַמען פרעה, אַז ער זאָל אייך באַפרייען פון דער שווערער אַרבייט, וואָס איר זייט ביז איצט געצוואונגען געווען צו טאָן. אָבער איר, פון אייער זייט, מוזט אויך אויפגעבען אייער גלות־פּסיכאָלאָגיע פון אימער זוכען צופרידענשטעלען די הערשענדע מאַכט. איר דאַרפט ווערען מער באַוואוסטזיניג אויף אייערע אייגענע רעכט און ניט אָפּגעבען אייערע כוחות פאַר אַנדערע.

ג) „וגאלתי אתכם בזרע נטויה" — איך וועל אייך אויסלייזען מיט אַ שטאַרקען אָרעם. כדי פרעה און די עגיפּטער זאָלען מסכים זיין אייך פריי צו לאָזען, וועל איך זיך מוזען באַנוצען מיט דראַסטישע מיטלען, וואָס זאָלען אויפטרייסלען דאָס לאַנד מיט דער מלוכה און זיי צווינגען אויסצופירען אייער פאַרלאַנג. אָבער איר, פון אייער צד, מוזט אויך באַהילפיג זיין אין אָט דעם קאַמף. דעם קאַמף קעגען פרעה נעם איך איבער, אָבער דעם קאַמף קעגען די אינערליכע שונאים פון דער באַפרייאונג מוזט איר אַליין אָנפירען. די „שרי יהודה", די רייכערע מענשען צווישען אייך, וועלכע האָבען זיך איינגעלעבט מיט דעם גלות און שטערען יעדע באַוועגונג פאַר אייער גאולה — אָט די אידישע פרעה'ס מוזט איר אַליין באַקעמפען. איר זאָלט זיי איזאָלירען פון אייער געמיינדע מיט אַ „זרע נטויה" — אַ שטאַרקען אָרעם פון שטאָלץ און ווירדע, און זיי לאָזען וויסען, אַז זיי זאָלען ניט וואַגען צו רעדען אין נאָמען פון דעם פאָלק.

ד) „ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלקים" — איך וועל אייך נעמען צו מיר פאַר אַ פאָלק און איך וועל זיין אייער גאָט. אײדער איר גייט זיך באַזעצען אויף דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד, מוזט איר פריער ווערען מיין פאָלק, כדי איך זאָל קענען זיין אייער גאָט.

ה) „והבאתי אתכם אל הארץ״ — ערשט דאַן וועל איך אייך ברענגען צו דעם לאַנד. ארץ ישראל דאַרף פאַר דעם אידישען פאָלק זיין אַן ענטפער ניט נאָר פאַר זיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּראָבלעמען. זי דאַרף אויך זיין דער פולשטענדיגער ענטפער פאַר זיינע גייסטיגע באַדערפעניש ען. אַריינקומען אין ארץ ישראל און מיטברענגען מיט זיך די קולטורען פון די פרעמדע לענדער, וועט שטערען דעם גייסטיגען וואוקס פונ׳ם פאָלק. וואוינען אויף דער אייגענער ערד און ציען אַ גייסטיגע חיונה פון דעם טוי, וואָס פאַלט פון פרעמדע הימלען, מאַכט ניט אַ פאָלק פריי אויך אין זיין אייגען לאַנד.

בלויז עטליכע פונקטען פון דעם פּראָגראַם זיינען דורכגעפירט געוואָרען ביים פאַרלאָזען מצרים. די אידען זיינען באַפרייט געוואָרען פון זייער שקלאַ־פעריי „בזרע נטויה״ — מיט דעם שטאַרקען אָרעם פון גאָט, וואָס האָט גע־בראַכט אויף מצרים איין עפּידעמיע גרעסער פאַר דער צווייטער, ביז פרעה האָט איינגעשטימט זיי פריי צו לאָזען. אָבער די אידען אַליין זיינען נאָך ניט ראוי געווען פאַר דער דורכפירונג פון דעם גאַנצען באַפרייאונגס־פּלאַן. די גרויסע נסים, וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזען אין מצרים, האָבען אין זייערע הערצער געשאַפען אַ „יראת הרוממות״ — אַ מורא פאַר דעם גרויסען כוח פון גאָט, אָבער אַ קנאַפּע ליבע און אַכטונג צו דער באַפרייאונגס־אידייע. זיי האָבען וויניג צייט געהאַט צו ווערען באַוואוסטזיניג אויף זייערע נאַציאָנאַלע פליכטען. ס׳האָט אויסגעקוקט ווי די גאולה וואָלט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען געוואָרען.

נאָך די אַלע צרות, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעליטען אין מצרים, איז זיי דאָס לאַנד דאָך געווען איינגעבאַקען אין זייער האַרצען און זיי האָבען עס ניט געוואָלט פאַרלאָזען. איבערהויפּט, ווען אין די לעצטע צייטען האָט פרעה אַרויס־געוויזען צו זיי אַ מער־פריינטליכען פנים און זיי באַהאַנדעלט פיל מענשליכער. און אַזוי איז דאָך שוין ב״ה די אידישע טבע זיך צו לאָזען פאַרפירען פון דעם קלענסטען שמייכעל, וואָס אַ גוי וואַרפט זיי צו. דאָס האָט געשאַפען אַ צווייפעל אין די הערצער פון פילע, צי עס לוינט זיך גאָר דער גאַנצער עסק פון פאַרלאָזען אַזאַ גוט לאַנד ווי מצרים. „ויהי בשלח פרעה את העם״ — גאָט באַקלאָגט זיך: ליידער האָט פרעה געמוזט צווינגען דאָס פאָלק אַרויסצוגיין, ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט אַרויסגיין (ילקוט שמעוני).

„ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא״ — און גאָט האָט זיי

ניט געפירט אויף דעם וועג דורך דעם לאַנד פון די פלשתים, כאָטש עס איז געווען דער נענטסטער, „כי אמר אלקים פן ינחם העם בראתם מלחמה ושבו מצרימה" — ווייל דער אויבערשטער האָט ביי זיך געטראַכט, טאָמער וועט דאָס פאָלק חרטה האָבען, ווען זיי וועלען זעהן אַ מלחמה, און וועלען זיך צוריקקערען נאָך מצרים. אַ פאָלק, וואָס פאַרשטייט נאָך ניט אָפּצושאַצען דעם ווערט פון פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, וועט זיך גלייך אָפּשרעקען ביי דער ערשטער שוועריגקייט און וועט לויפען צוריק. רבי בונם, דער פשיסכער רבי, ז"ל, מאַכט די פאָלגענדע באַמערקונג: מענשען, וועלכע זיינען אַזוי לאַנג געווען אונטערוואָרפען דעם „סבלות מצרים" און האָבען געקוקט גלייכגילטיג אויף'ן גלות, וועלען אַנטלויפען פון יעדען קאַמף פאַר זייער פרייהייט. „פן ינחם" — זיי וועלען פאַרפירט ווערען פון דעם „פן", דעם צווייפעל, וואָס האָט זיך איינ־געגעסען אין זייערע ביינער.

„ויסע משה את ישראל מים סוף" — משה האָט די אידען אַוועקגעריסען פון ים־סוף. „הסיען בעל־כרחם, שעטרו מצרים סוסיהם בתכשיטי זהב וכסף ואבנים טובות והיו ישראל מוצאים אותם בים" — ער האָט זיי געמוזט אַוועק־נעמען מיט גוואַלד, ווייל די מצריים האָבען אויסגעפּוצט זייערע פערד מיט אַלערליי צירונגען פון גאָלד, זילבער און דימענטען, און די אידען האָבען עס געקליבען פון ים (מכילתא). עס האָט זיי ווייניג אינטערעסירט צו קומען וואָס שנעלער צו זייער לאַנד. זיי האָבען זיך אָפּגעגעבען מער מיט רייכטום און עקאָ־נאָמישע דערגרייכונגען.

„ויצאו אל מדבר שור" — און זיי האָבען זיך געלאָזט גיין צו דער מדבר שור. זאָגען אויף דעם אונזערע חכמים, אַז דער מדבר שור איז אייגענטליך דער „מדבר כזב" — די גרויסע וויסטע פון ליגען און אומצוטרוי. אַ פאָלק, וואָס פאַרשטייט ניט דעם ווערט פון פרייהייט און האָט קנאַפּען צוטרוי צו זיינע פירער, מוז יאָרענלאַנג אַרומוואַלגערען זיך אין אַ מדבר, וואָס איז פול מיט „נחשים ועקרבים", מיט שלאַנגען און עקדעשען, וואָס שטערען אים זיין גאַנג. „זכו עם ענני שמיא" — איז אַ פאָלק ווערט, קומט זיין גאולה מיט די וואָלקענס פון די הימלען. „לא זכו, עני רוכב על החמור" — איז אָבער אַ פאָלק ניט ווערט, איז זיין משיח אַן אָרימאַן, וואָס רייט אויף אַן אייזעל, וואָס קען שנעל ניט גיין און שלעפּט זיך אַ לאַנגע צייט (סנהדרין צ"ח).

הפטרה

חלוקה פון ארץ ישראל אַמאָל און היינט

לפלגות ראובן גדולים חקרי לב.

„חלוקה היתה חביבה עליהם יותר מדאי" — צעטיילונג איז ביי זיי געווען צופיל באַליבט (רות רבה).

די שירה פון דבורה אין היינטיגער הפטרה איז געווידמעט דעם גרויסען זיג, וואָס צוויי אידישע שבטים, נפתלי און זבולון, האָבען געהאַט איבער די אַרמייען פון יבין מלך כנען און זיין פעלדמאַרשאַל סיסרא. פאַר גאַנצע צוואַנציג יאָר האָט דער דאָזיגער גרויזאַמער קעניג געדריקט די צוויי שבטים און זיי גע־האַלטען אין איין טעראָריזירען. „בימי יעל חדלו ארחות והולכי נתיבות ילכו ארחות עקלקלות" — אין די צייטען פון יעל זיינען פאַרמאַכט געוואָרען אַלע וועגען, און די וואָס האָבען געדאַרפט ערגעצוואו גייך, פלעגען זיך מוזען באַנוצען מיט הינטערגעסלעך, כדי אויסצומיידען די שונאים, וואָס פלעגען זיי זעהר אָפט באַפאַלען.

„חדלו פרזון בישראל" — דאָס עפענטליכע אידישע לעבען איז צעשטערט געוואָרען. האָבען אידען געוואָלט דינען גאָט, האָבען זיי זיך געמוזט באַהאַלטען בחדרי חדרים. אויסערליך האָבען זיי געמוזט אָנהאַלטען די רעליגיעזע מנהגים פון דער הערשענדער מאַכט. „ויצעקו בני ישראל אל ה'" — דער געשריי פון די אונטערדריקטע אידען האָט געגרייכט ביז די הימלען.

דבורה און ברק בן אבינועם, וועלכע זיינען געווען די פירער פון די צוויי שבטים, האָבען זיך געווענדט פאַר הילף צו די אַרומיגע אידישע שבטים, אָבער קיינער פון זיי האָט דעם רוף ניט געענטפערט. אַלע פון זיי זיינען געווען פאַר־טאָן אין זייערע אייגענע געשעפטען און האָבען זיך ווייניג געקימערט פאַר דער טרויעריגער לאַגע פון זייערע ברידער, ווי דבורה שילדערט עס אין איר גרויסען שיר:

דער שבט גד פון גלעד, „בעבר הירדן שכן", איז זיך רוהיג געזעסען אויפ'ן צווייטען זייט פון ירדן און האָט זיך אָנטזאָגט אָנטיילצונעמען אין אַ מלחמה צו פאַרייאָגען דעם שונא. „דן יגור אניות" — דער שבט דן האָט זיך אָפּגעגעבען מיט זיינע שיפען, וועלכע פלעגען פירען תבואות צו די אַרומיגע פעלקער, און

האָט זיך מיט זיי ניט געוואָלט איינרייסען. „אשר ישב לחוף ימים ועל מפרציו ישכון" — דער שבט אָשר איז געזעסען ביים ברעג ים און ביי זיינע אויסגוסען האָט ער גערוט. מלחמה ברענגט געשעפטען — מען עקספּאָרטירט געווער, עסענוואַרג און אַנדערע הצטרכות'ן, און דערוויילע וואַקסען די קאַפּיטאַלען.

דער שבט ראובן, וואָס איז געווען דער נאָנטסטער איז אויך ניט צוגע־שטאַנען צוליב דער צעריסענקייט פון זיינע פּאַרטייען, ווי דבורה באַדויערט עס: „לפלגות ראובן גדולים חקרי לב" — ביי די פּאַרטייען פון ראובן זיינען פאָרגע־קומען גרויסע איבערלייגונגען און זיי האָבען געהאַלטען אין איין דעבאַטירען, צי זאָלען זיי העלפען זייערע ברידער פון די שבטים זבולון און נפתלי, צי ניט.

צוליב דעם, וואָס די אידען האָט געפעלט דער באַוואוסטזיין פון אַן איינ־הייטליך פאָלק, האָבען זיי זיך געמוזט וואַלגערען אין דער מדבר גאַנצע פער־ציג יאָר, ביז זיי זיינען געקומען צו זייער לאַנד. און צוליב דער זעלבער אורזאַך האָבען זיי פאַרפעלט זיך צו פאַראייניגען און באַקעמפען די פאַרשיידענע פעלקער אין ארץ ישראל, וועלכע האָבען זיי אָנגעטאָן גרויסע צרות פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרען. די חז"ל באַקלאָגען זיך: „משעה שנחלקה ארץ ישראל היתה חלוקה חביבה עליהם יותר מדאי" — פון זינט ארץ־ישראל איז צעטיילט געוואָרען צווישען די אידישע שבטים, איז ביי זיי „חלוקה" געווען צו־שטאַרק באַליבט (מדרש רות).

וואָלטען זיי געווען נאַציאָנאַל געשטימט און מיט פאַראייניגטע כוחות גע־קעמפט פאַר זייער נאַציאָנאַלען באָדען, וואָלט די אידישע געשיכטע אין אונזער הייליג לאַנד גאַנץ אַנדערש אויסגעקוקט. די צרה אָבער איז, וואָס „ישראל עוסקין במלאכתן, זה בשדהו וזה בכרמו, זה בזיתיו וזה בפצומו" — אידען זיינען צופיל אַריינגעטאָן אין זייערע אייגענע אינטערעסען — דער מיט זיין פעלד און דער מיט זיין וויינגאָרטען, דער מיט זיינע אוילבערטען און דער מיט זיינע גע־ביידעס (שם). אַ פאָלק, וואָס באַטראַכט עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פאַר דאָס וויכטיגסטע אין לעבען, פאַרשטייט ניט אָפּצושאַצען די וויכטיגקייט פון אַן אייגען לאַנד און שטעלט זיך צופרידען מיט חלוקה, מיט שטיקלעך באָדען, וואָס מען וואַרפט אים צו.

יתרו

די ראָל פון יתרו אין דער אידישער באַפרייאונג

וישמע יתרו.

„מתחילה לא היו קוראין לו אלא „יתר", וכשעשה מעשים טובים הוסיפו לו אות אחת" — צוערשט האָט מען אים גערופען בלויז „יתר", אָבער ווען ער האָט אויפגעטאָן פיל גוטע טאַטען, האָט מען אים צוגעלייגט נאָך אַן אות (מכילתא).

בלויז דריי חדשים זיינען פאַראיבער זינט די אידען האָבען פאַרלאָזען מצרים, אָבער דאָס זיינען געווען די גרעסטע דריי חדשים, וואָס אַ פאָלק האָט איבערגעלעבט. וואונדערבאַרע געשעהעגישען, איינע גרעסער פאַר דער צווייטער, האָבען פאַר דער קורצער צייט פאַסירט מיט אונזערע אידען, — געשעהענישען, וואָס האָבען אויפגעטרייסעלט די דעמאָלסדיגע וועלט, און איר ציטער פילט זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג. זייער באַפרייאונג פון מצרים איז דורכגעפירט געוואָרען מיט גרויסע נסים, מיט איבערנאַטירליכע דערשיינונגען, וועלכע האָבען פאַר זיי אויפגעבראָכען די שלעסער פון שקלאַפעריי און זיי געמאַכט פאַר פרייע מענשען. אַלע שטערונגען אויף זייער וועג צו ווערען אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק ווערען פאַר זיי ווידער אָפגעראַמט דורך נסים. שטייט זיי אין וועג אַ ים, שפּאַלט ער זיך און זיי גייען דורך בשלום. יאָגט זיך נאָך זיי פרעה מיט אַ גרויסער אַרמיי, קומען דיזעלבע כוואַליעס, וואָס האָבען זיך פאַנאַנדערגעטיילט דורכצולאָזען די אידען, און פאַרפלייצען אַלע זיינע חיילות. וואַנדערען זיי אין מדבר און עס פעהלט זיי אויס עסען, שיקט גאָט זיי אַרונטער „מן" פון הימעל, וואָס האָט אַלערליי טעמים. פעהלט זיי וואַסער צום טרינקען, עפענען זיך פאַר זיי פרישע קוואַלען אונטער האַרטע פעלזען. אַז זיי ווערען באַפאַלען פון עמלק, הויבט משה זיינע הענט צום הימעל און דער מעכטיגער שונא ווערט צוריקגעשטויסען מיט גרויסע פאַרלוסטען.

ווי שיין עס דריקט זיך אויס דער קאָזשעניצער רבי, עליו השלום, איבער דעם אומפאַרשטענדליכען פסוק: „כי יד על כס ד׳ מלחמה לד׳ בעמלק״, ער זאָגט: „ווען אידען גיבען איינע די אַנדערע די הענט, ווערט פון אַלע זייערע הענט איין לאַנגע האַנט, וואָס גרייכט אַזש ביז צום שטול פון גאָט, און עס פאַנגען זיך אָן פאַר זיי צו ווייזען וואונדערליכע נסים, וועלכע ראַטעווען זיי פון די עמלקים.״

„וישמע יתרו״ — און יתרו, משה׳ס שווער, האָט געהערט פון די גרויסע נסים, וואָס גאָט האָט געטאָן מיט זיין איידעם משה און זיין פאָלק ישראל, און באַשליסט אָפּצושטאַטען אַ וויזיט. ער נעמט זיין טאָכטער צפורה, משה׳ס פרוי, און אירע צוויי קינדער, גרשם און אליעזר, און לאָזט זיך גיין אין מדבר. ווי באַוואוסט, האָט משה, לכתחילה, ווען ער האָט פאַרלאָזען זיין שווער׳ס הויז צו גיין נאָך מצרים, אויך מיטגענומען זיין פרוי מיט די קינדער. אָבער אויף דער אויפפאָדערונג פון זיין ברודער אהרן, וועלכער האָט אים פאַרגעוואָרפען: „על הראשונים אנו מצטערים, ואתה בא להוסיף עליהם״ — מיר האָבען גענוג צער צוליב די אידען, וואָס געפינען זיך שוין דאָרט, און דו ווילסט נאָך צוגעבען צו זיי! האָט משה צוריקגעשיקט זיין פרוי מיט די קינדער צו איר פאָטער יתרו אין מדין (רש״י). אָבער איצט נעמט זיי יתרו און גייט זיך טרעפען מיט משה׳ן און די אידען, וועלכע האָבען גערוט אַרום דעם „הר אלקים״, גאָט׳ס באַרג, דעם „הר סיני״.

וועגען דער צייט פון זיין אָנקומען איז דאָ אַ מיינונגס־פאַרשיידענקייט צווישען די חז״ל. מאַנכע ווילען האָבען, אַז ער איז אָנגעקומען פאַר מתן־תורה; אַנדערע, דאַגעגען, באַהויפּטען, אַז ער איז געקומען נאָך מתן־תורה (ע״ז כ״ד, זבחים קט״ז). דער „אבן עזרא״ איז מיט דער מיינונג, אַז יתרו האָט זיין באַזוך אָפּגעשטאַטעט נאָכדעם ווי די אידען האָבען שוין מקבל געווען די תורה. וואָרום אָבער ווערט אין דער תורה אַוועקגעשטעלט די פרשה פון יתרו פאַר דער פרשה פון מתן־תורה? דאָס איז צוליב דעם, זאָגט דער „אבן עזרא״: „בעבור שהזכיר למעלה הרעה שעשה עמלק לישראל״ — הזכיר כנגדו הטובה שעשה יתרו לישראל״ — ווייל אין דער לעצטער פרשה פון בשלח ווערט דערמאָנט דאָס שלעכטס, וואָס עמלק האָט געטאָן צו די אידען, דערפאַר דערמאָנט דער פסוק גלייך דאָס גוטס, וואָס יתרו האָט געטאָן צו די אידען.

פון די פיל מאמרי חז״ל אין דער גמרא און די מדרשים ווייזט זיך אַרויס, אַז יתרו איז פאַר אַ לאַנגער צייט, נאָך איידער ער איז געוואָרען משה׳ס שווער,

געוועז אַ גרויסער פריינט פון אידען און האָט פיל מיטגעהאָלפען אין דער באַוועגונג פאַר זייער באַפרייאונג. יתרו איז פריער געוועז איינער פון די „יועצים", ראַטגעבער, פון פרעה און האָט תמיד פאַרטיידיגט די אידישע אינטערעסען. ווען דער נייער פרעה איז אַרויף אויף זיין טראָן און עס האָבען זיך אָנגעהויבען די גרויסע רדיפות קעגען די אידען, האָט יתרו שטאַרק געקעמפט פאַר זייער פרייהייט און איז נאָכדעם געוועז געדריקט צו אַנטלויפען פון מצרים נאָך מדין, ווי עס ווערט געבראַכט אין דער גמרא: „שלשה היו באותה עצה — בלעם, איוב ויתרו. בלעם, שיעץ נהרג; איוב ששתק נידון ביסורין, יתרו שברח זכו מבני בניו שישבו בלשכת הגזית" — דריי זיינען זיי געוועז ביי דער עצה פון „הבה נתחכמה", זיך צו קלוגען קעגען די אידען — בלעם, איוב און יתרו. בלעם, וועלכער האָט פרעה'ן געגעבען די שרעקליכע עצה צו דריקען די אידען, איז נאָכדעם גע'הרג'עט געוואָרען פון זיי. איוב, וועלכער האָט געשוויגען, איז באַשטראָפט געוואָרען מיט יסורים; יתרו, וועלכער איז אַנטלאָפען, האָבען פיל פון זיינע קינדער זוכה געוועז צו זיצען אין בית־המקדש (סוטה י"א ע"א).

אין די פאַר קורצע שטריכען פון דער גמרא ווערט אונז איבערגעגעבען אַ היסטאָריש בילד, וואָס איז פאָרגעקומען ביי דער ערשטער „הבה נתחכמה" פאַרזאַמלונג קעגען די אידען אין מצרים, און וואָס ווערט איבערגע'חזר'ט ביי אַלע אַזעלכע פאַרזאַמלונגען אין אַלע צייטען און אין אַלע גלות'ן, וואָס מיר אידען האָבען דורכגעמאַכט: דער פאַרברענטער אַנטיסעמיט „בלעם" ראָט פרעה'ן, אַז אויב ער וויל שליכטען די אידען־פראַגע, איז דער איינציגער וועג זיי אינגאַנצען אומצוברענגען: די ניי־געבוירענע זכרים זאָל מען וואַרפען אין טייך אַריין; די אידען זאָל מען שיקען אויף צוואַנגס־אַרבייט, וואו זיי זאָלען פאַרמוטשעט ווערען צום טויט, און די יונגע קינדער זאָל מען איינמויערען אין די ווענט פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערען. דער רייכער אידישער אַסימילאַטאָר „איוב" זיצט און שווייגט: אַזוי ווי די עקסצעסען און די דיסקרימינאַציעס רירען אים אַליין ניט אָן, קימערט ער זיך ווינציג איבער דער אידישער לאַגע. יתרו, דער ליבעראַלער גוי, שטעלט זיך אַנטקעגען און מוז ענדליך אַנטלויפען און זיך אויסבאַהאַלטען אין פרעמדע לענדער.

איידער יתרו איז אַנטלאָפען פון מצרים, האָט ער, קענטיג, אָנגעפירט אַ פאַרצווייגטע אַגיטאַציע קעגען די אידישע פאַרפאָלגער. „שבע שמות נקראו לו" — ער איז געוועז באַקאַנט אונטער זיבען פאַרשיידענע נעמען — מסתמא דער־

פאַר, אַז מען זאָל אים ניט קאָנען אַזוי גרינג כאַפּען. משה האָט דערפון געוואוסט. און אַז מען האָט אים פאַר׳מסר׳ט צו פרעה׳ן, אַנטלויפט ער גלייך צו יתרו׳ן אין מדין. ער הייראַט איינע פון זיינע טעכטער, „ויואל משה לשבת את האיש" — און משה ווייליגט איין זיך צו באַזעצען מיט דעם ליבעראַלען מענשען, וועלכער האָט זיך אַזוי פיל מוסר־נפש געווען פאַר זיין פאָלק. אין מדין, ביי זיין שווער יתרו, „ויבא אל הר האלקים" — קומט ער צום הויכן געדאַנק פון דער גאָטהייט און ער גרייט־צו פּלענער פאַר דער באַפרייאונג פון זיין פאָלק. ער זעהט דאָרט אַ גרויסע, וואונדערבאַרע וויזיע און ער הערט די שטים פון גאָט וואָס באַפעהלט אים זיך אומצוקערען נאָך מצרים און פאָדערען פון פרעה׳ן, אַז ער זאָל פרייזאָזען די אידען.

איצט, אַז די הייליגע מיסיע איז דורכגעפירט געוואָרען העכסט דער־פאָלגרייך און יתרו קומט צו משה׳ן מיט זיין פרוי און קינדער, דערציילט ער אים „את כל התלאה אשר מצאתם" — אַלע שוועריגקייטען, וואָס זיי האָבען געהאַט דורכצומאַכען, און די גרויסע נסים, וואָס גאָט האָט זיי באַ־וויזען. יתרו איז דערשטוינט און מיט גרויס באַגייסטערונג רופט ער אויס: „ברוך ה׳ אשר הציל אתכם מיד מצרים" — געבענטשט זאָל זיין גאָט, וואָס ער האָט אייך ביידען, משה און אהרן, געראַטעוועט פון די הענט פון די מצריים. נאָך אַלע מכות, וואָס איר האָט אויף זיי געבראַכט, האָבען זיי אייך געלאָזט צורו. אויך דערפאַר, וואָס ער האָט אייך געראַטעוועט פון פרעה׳ס האַנט. אָט דער מערדערליכער טיראַן, וועלכער האָט זיך געבאָדען אין דעם בלוט פון אידישע קינדער, האָט ניט געוואָגט אייך שלעכטס צו טאָן. און דער גרעסטער נס פון אַלע איז „אשר הציל את העם מתחת יד מצרים" — וואָס ער האָט געראַטעוועט דאָס פאָלק פון דער שווערער האַנט פון מצרים (ספורנו).

„מתחילה לא היו קוראין לו אלא יתר" — פון אָנהויב, ווען ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די אידען, האָבען זיי אים ניט גענומען ערנסט. זיי האָבען אים גערופען בלויז „יתר", אַן איבעריגע זיך, איינער וואָס חלומ׳ט זיסע חלומות און קאָן זיי ווייניג־וואָס העלפען. „כשעשה מעשים טובים הוסיפו לו אות אחד" — אַז זיינע טאַטען האָבען זיך אָבער אַרויסגע־וויזען צו זיין דערפאָלגרייך און האָבען פיל געהאָלפען צו ברענגען זייער גאולה, האָבען זיי צוגעלייגט אַן אות צו זיין נאָמען, און דער נאָמען „יתרו" בלייבט געשעצט און געאַכטעט אין דער אידישער געשיכטע.

הפטרה

ישעי׳ כאַפּט איבער די מאָס און ער ווערט באַשטראָפט

ויעף אלי אחד מן השרפים ובידו רצפה.

„גחלת אין כתיב כאן אלא רצפה — א״ר שמואל: רצץ־פה שאמרה דילטוריה על בני״ — „גחלת״, וואס איז דער ריכטיגער נאָמען פאַר אַ הייסער קויל, אין העברעאיש, ווערט דאָ ניט געזאָגט, נאָר „רצפה״, זאָגט רבי שמואל, אַז דאָס מיינט: צעשמעטער דאָס מויל, וואָס רעדט לשון הרע אויף מיינע קינדער (פּסיקתא רבתי).

מיט דער היינטיגער הפטרה פאַנגט זיך אָן די נביאות פון ישעי׳ הנביא, דער גרעסטער פון די אידישע נביאים. דאָס איז פאָרגעקומען „בשנת מות המלך עוזיהו״ — אין דעם יאָר וואָס עוזיהו, דער ביינטער קעניג פון די מלכי בית־דוד איז געשטאָרבען און זיין זון יותם האָט באַ־שטיגען דעם טראָן. אייניגע יאָר פאַר עוזיהו׳ס טויט איז ער קרעציג געוואָרען און האָט געמוזט זיין איזאָלירט אין אַ „בית חפשית״ — אַ האָספּיטאַל פאַר אַנשטעקנדיגע קראַנקהייטען. זיין זון יותם, כאָטש נאָך אַ גאַר יונגערמאַן, איז פאַר דער צייט געווען רעגענט און האָט אָנגעפירט מיט דער מלוכה. ביידע, אי עוזיהו, אי יותם זענען געווען פעהיגע קעניגען און האָבען באַזיגט פילע פיינטליכע פעלקער אַרום ארץ ישראל. איבערהויפּט איז זייער זיג געווען גרויס איבער די „עמונים״, וועמען זיי האָבען אונטערדריקט און גע־מאַכט צו צאָלען גרויסע צינזען צו יהודה. יותם האָט זיך אויך אויסגעצייכענט מיט דעם, וואָס ער האָט געבויט גרויסע און פּרעכטיגע בנינים איבערן לאַנד, ווי אויך מעכטיגע שוץ־טורעמס צו באַשיצען די גרענעצען פון דער מלוכה (דהי״ב כ״ז).

ביידע, עוזיהו און יותם ווערען שטאַרק געלויבט אין „מלכים״ און אין „דברי הימים״ אַלס פרומע און גאָטס־פאַרכטיגע הערשער. די חז״ל ווילען האָבען, אַז יותם איז געווען גאָר אַ גרויסער צדיק, ווייל מיר געפינען, אַז רבי שמעון בן יוחאי האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „אויב דער קעניג יותם בן עוזיהו וואָלט געווען צוזאַמען מיט מיר און מיין זון אליעזר „יכולים היינו לפטור מן הדין את כל העולם כלו, מיום שנברא ועד סופו״ — וואָלטען מיר

געקנט פריי מאַכען פון משפט די גאַנצע וועלט, פון דעם טאָג וואָס זי איז באַשאַפען געוואָרען ביז איר סאָמען סוף (סוכה מ״ה ע״ב).

די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע פון פאָלק איז אין זייערע צייטען געווען זעהר אַ גוטע. די נייע געוואונענע טעריטאָריעס האָבען אויסגעברייטערט דעם מסחר פון לאַנד און די גרויסע צינזען, וואָס די באַזיגטע פעלקער האָבען געצאָלט, האָבען פיל פאַרגרעסערט די קאַפּיטאַלען פון דער מדינה און די אידען זענען רייך געוואָרען. דאָס האָט אָבער פאַראורזאַכט אַ גרויסע גייסטיגע ירידה. די רייכערע פון פאָלק האָבען זיך גענומען אַסימילירען מיט די אַרומיגע פעלקער און נאָכמאַכען אויך זייערע רעליגיעזע מנהגים, ווי ישעי׳ באַקלאָגט זיך: „ותמלא ארצו כסף ואין קצה לאוצרותיו״ — זיין לאַנד איז פול געוואָרען מיט זילבער און גאָלד און עס איז גאָר ניטאָ קיין שיעור צו זיינע אוצרות. צו דער זעלבער צייט אָבער „ותמלא ארצו אלילים, למעשה ידיו ישתחוו, לאשר עשו אצבעותיו״ — איז אויך זיין לאַנד אָנגעפילט געוואָרען מיט אָפּגעטער. צו די ווערק פון זייערע הענט בוקען זיי זיך, צו וואָס זייערע אייגענע פינגער האָבען געמאַכט. „וישח אדם וישפל איש״ — דער מענש אין זיי איז דער־נידעריגט געוואָרען און אַלע מענשליכע געפילען זיינען געפאַלען (ישעי׳ ב׳).

דאָס איז אייגענטליך ניט געווען די שולד פון די קעניגען עוזיהו און יותם. זיי זענען טאַקע געווען פיינע און פרומע מענשען. זייענדיג אָבער שטענ־דיג פאַרנומען מיט אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען, האָבען זיי די פאַרוואַלטונג פון אַלע אינערליכע ענינים פון לאַנד איבערגעגעבען אין די הענט פון זייערע הויף־האַרען, וועלכע זענען געווען פאַרדאָרבענע מענשען. ישעי׳ זאָגט וועגען זיי: „שריך סוררים וחברי גנבים, כלו אוהב שוחד ורודף שלמונים״ — דיינע האַרען זענען אָפּקערער און אַ באַנדע גנבים. יעדער פון זיי האָט ליב כאַבאַר און יאָגט זיך נאָך געצאָלט. די אָרימעלייט דריקען זיי און פאַרכאַפּען זייערע קליינע פאַרמעגענס פאַר די צינזען צו דער רעגירונג. דער נביא זעהט פאָראויס אַ שרעקליכען סוף און פילט, אַז עפּעס מוז געטאָן ווערען צו פאַרמיידען די גרויסע קאַטאַסטראָפע, וואָס וועט זיכער קומען.

אין זיין פאַנטאַזיע זעט ער, ווי גאָט זיצט אויף זיין הויכען טראָן און איז אַרומגערינגעלט מיט מלאכים, וואָס זאָגען קדושה פאַר אים, און ער שרייט אויס: „אוי לי כי נדמתי״ — ווי איז מיר, וואָס איך בין שטום. „האיך לי שדוממתי״ — וואָס איז מיר געשען וואָס איך שוויג? אפשר איז עס: „כי איש טמא שפתים אנכי ובתוך עם טמא שפתים אנכי יושב״ — ווייל איך בין אַ מענש

מיט אומריינע ליפען און צווישען א פאלק מיט אומריינע ליפען זיץ איך. אז דער אויבערשטער האט עס דערהערט, זאגט ער צו אים: „הגדשת הסאה" — דו האסט איבערגעכאפט די מאס. וואס דו זאגסט אויף זיך אליין, אז דו ביזט מיט אומריינע ליפען „שרא לך שאתה שליט בעצמך" — איז דיר דער־לויבט, ווייל דו ביזט דיין אייגענער באלעבאס, אבער דו ביזט א קנאפער באַ־לעבאס איבער מיין פאלק. און צו איינעם פון די מלאכים זאגט ער: „קח רצפה ורצץ פה שאמרה דילטוריא על בני" — נעם א ברענענדיגע קויל און צעשמעטער דאס מויל וואס רעדט לשון הרע אויף מיינע קינדער. מ'מעג מוסר'ן אידען, אויך שטראפען, אבער רעדען לשון הרע אויף זיי — דאס איז ניט דערלויבט (פסיקתא רבתי).

ב.

מקבל צו זיין א תורה מוז מען זיין גוט צוגעגרייט

וקדשתם היום ומחר, וכבסו שמלותם — והיו נכונים.

„יום אחד הוסיף משה מדעתו, והסכים הקב"ה עמו. מאי דריש? היום כמחר, מה למחר לילו עמו, אף היום לילו עמו" — כאטש דער אויבערשטער האט אים געהייסען צוגרייטען די אידען פאר קבלת התורה, אין דריי טעג, האט אבער משה צוגעלייגט איין טאג אויף זיין אייגענעם רעכענונג און גב"ה האט מיט אים איינגעשטימט. פונוואנען האט ער עס ארויסגעדרונגען? ער האט גע־לערנט: דער היינט איז ווי דער מארגען, אזוי ווי דער מארגען האט זיין נאכט מיט אים, אזוי אויך דער היינט דארף האבען זיין נאכט מיט אים (שבת פ"ז, ע"א).

בלויז דריי חדשים זיינען פאריבער זינט די אידען האבען פארלאזען מצרים, אבער דאס זיינען געווען די וויכטיגסטע דריי חדשים, וואס א פאלק האט ווען איבערגעלעבט — חדשים פון וואונדערליכע געשעעניששען, איינע גרעסער פון דער צווייטער. יציאת מצרים, קריעת ים־סוף, מן, דער זיג איבער עמלק — אזעלכע פאסירונגען זיינען איבערנאטירליכע. קאנטיג, אז אין דער קורצער צייט האט גב"ה געענדערט די גאנצע טבע, כדי צופרידענצושטעלען זיין פאלק ישראל.

אָבער אַט די אַלע וואונדערליכע ערשיינונגען זיינען גאָר קיין פאַרגלייך ניט מיט דעם, וואָס עס דאַרף נאָך ערשט געשעהן. די פריערדיגע נסים זיינען בלויז צייטווייליגע, וועלכע האָבען געדינט די אידען אויפ'ן אָרט. דער קומענ־דיגער נס וועט זיי דינען פאַר אייביג און וועט אויך אויסאיבען די גרעסטע השפעה אויף דעם געדאַנקען־גאַנג פון דער גאַנצער מענשהייט. צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער בריאה וועלען מענשען־קינדער פון פלייש און בלוט הערען די שטימע פון דעם באַשעפער פון דער וועלט און מקבל זיין אַ תורה, וועלכע איז דער קוואַל פון אייביגקייט פאַר אַלע, וואָס פאָלגען אויס אירע געזעצען און פאַרשריפטען.

ווי קליין און אומבאַדייטענד איז דער נס פון „קריעת ים־סוף", פון דער שפּאַלטונג פון אַ ים, צו מאַכען אַ וועג פאַר בלויז איין דור פון ששים רבוא, אין פאַרגלייך מיט דער שפּאַלטונג פון די אויבערשטע הימלען פונוואַנען עס וועט פאַר זיי אַרויסשיינען אַ געטליך ליכט, וואָס וועט באַלייכטען די וועגען פון דער גאַנצער מענשהייט פאַר אַלע דורות! און משה הערט דעם באַפעל פון גאָט „היו נכונים לשלשת ימים", ער זאָל צוגרייטען די אידען פאַר קבלת־התורה אין פאַרלויף פון דריי טעג, און וואונדערט זיך שטאַרק אויב זיי זיינען, אונטער די איצטיגע אומשטענדען, באמת ראוי פאַר אַזאַ גרויסען מאָמענט. זיי זיינען גע־ווען קערפּערליך אויסגעמאַטערט פון דער שווערער רייזע און אויך גייסטיג צע־טומעלט פון די איבעראַשענדיגע געשעענישען, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט. די עטישע געזעצען און אידעאַלע פּרינציפּען, וואָס די תורה אַנטהאַלט, פאָדערען אַ קלאָרען מוח און פולען באַוואוסטזיין. ווי קאָן ער זיי צוגרייטען אין אַזאַ קורצער צייט?

„הוסיף יום אחד מדעתו" — ער האָט צוגעלייגט נאָך אַ טאָג, אום זיי צו געבען מער צייט זיך אויסצורוען און זיך צו באַדענקען. אָנצונעמען אַ תורה, אַ קאָנסטיטוציע, איז ניט דאָס וויכטיגסטע אין דעם לעבען פון אַ פאָלק. צו קאָנען זי דורכפירען אין לעבען איז די הויפּט־זאַך, און אויף דעם מוז מען זיין גוט צוגעגרייט.

מיר וויסען, צום ביישפּיל, פון פילע פעלקער, וועלכע האָבען נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה באַקומען זייער פרייהייט און פלוצלונג פּראָקלאַמירט געוואָרען אַלס אומאָפּהענגיגע נאַציאָנען און זיי האָבען אָנגענומען העכסט־ליי־בעראַלע קאָנסטיטוציעס. אָט די שיינע קאָנסטיטוציעס זיינען אָבער פון זיי ניט דורכגעפירט געוואָרען אין לעבען. דער גרויסער עולם אין יעדען לאַנד איז,

ווי עס ווייזט אויס, ניט געווען דערוואַקסען און צוגעגרייט פאַר אַזאַ פּלוצימדיגע ענדערונג אין זייער געדאַנקען־גאַנג און אַרט לעבען. אין דעם פּראָצעס פון פאַרפעסטיגען זייערע פאָלקס־פּאָזיציעס זיינען זיי געוואָרען שאָוויניסטיש און ענג־האַרציג, וואָס האָט געפירט צו דער איצטיגער צווייטער און שרעקליכער וועלט־מלחמה.

משה אָבער האָט פאַרשטאַנען פון גב"ה'ס ווערטער, אַז ער וויל אויסדריקליך אַז די תורה זאָל פאַרבלייבען מיט די אידען אויף אייביג, אַז זיי זאָלען ניט נאָר איר מקבל זיין, נאָר אויך „וחי בהם", לעבען לויט אירע פאַרשריפטען און אויספירען אירע באַפעלען. ער זאָגט אים: „וקדשתם היום ומחר". דו זאָלסט זיי היילִיגען היינט און מאָרגען. אָנצונעמען אַזאַ תורה מוז מען זיין הייליג, מען מוז זיך אויף אַזויפיל אויסאיידלען, אַז דאָס גאַנצע לעבען פון פאָלק זאָל זיין אַ סינטעז פון הימעל און ערד, פון געטליכקייט און מענשליכקייט. „וכבסו שמלותם", זיי זאָלען אויסוואַשען זייערע קליידער. זיי מוזען אויך ענדערען זייער אויסערליכען אויסזען, זיי דאַרפען זיין אייגענאַרטיג אויך אין זייער טאָג־טעגליכען לעבען. „היו נכונים", זיי מוזען זיך צוגרייטען צו ווערען דער „עם סגולה", אַ זאָנדערבאַר פאָלק, וועמען גב"ה טרויט איצט אָן זיין „חמדה גנוזה", זיין וואונדערבאַרען אוצר, די תורה, זיי זאָלען אירע לערען פאַרשפּריי־טען איבער דער וועלט. אום דאָס צו קאָנען דערוויזען, וויל ער האָבען מער צייט, און „הסכים הקב"ה עמו", דער אויבערשטער שטימט איין מיט אים.

און ער דרשנ'ט פאַר די אידען: דער היינט איז דער טאַטע פון דעם מאָרגען. אַ פאָלק מוז בויען זיין צוקונפט אויף די יסודות פון זיין פאַרגאַנגענהייט. „מה מחר לילו עמו", פּונקט ווי ווען איר אַרבייט פאַר אַ בעסערען מאָרגען, זענט איר גרייט דורכצומאַכען אויך די נאַכט זיינע, די פינסטערע און שווערע מאָמענטען, וואָס די צייט קאָן ברייינגען, אַזוי איז „אף היום לילו עמו", אויך דער היינט מוז לערנען פון די דערפאַרונגען פון זיין פריערדיגער נאַכט. די קוואַלען, פון וואַנען אַ פאָלק האָט געשעפּט זיינע כוחות צו קאָנען ווידערשטיין די שרעק־ קעגישען פון זיין פינסטערען גלות, טאָרען ניט פאַרלאָזען ווערען און מוזען אים אויך דינען פאַר דעם היינט, אויב ער וויל דערגרייכען צו אַ גליקליכען מאָרגען.

הפטרה

דער איד איז אַ סינטעז פון הימעל און ערד

וריחק ה' את האדם ורבה העזובה בקרב הארץ.

„בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע באו מלאכי השרת וקשרו שני כתרים לכל אחד ואחד מישראל. כיון שחטאו ירדו ופרקום" — ווען די אידען האָבען מקדים געווען „נעשה" פאַר „נשמע", זיינען געקומען מלאכים און אָנגעבונדען צוויי קרוינען אויף יעדען פון די אידען. נאָכדעם אָבער, אַז זיי האָבען געזינדיגט מיט'ן עגל, זיינען די מלאכים אַרונטערגעקומען און פון זיי די קרוינען אויסגעטאָן (שבת פ"ח ע"ב).

אַ זעלבסטשטענדיגע נאַציע איז נאָר די יעניגע, וואָס איז גייסטיג און עקאָנאָמיש פריי. איהר תורה, איהר קאָנסטיטוציע מוז זיין באַגרינדעט אויף גערעכטע יסודות, וואָס זאָלען גאַראַנטירען פרייהייט און גלייכהייט צו אַלע איהרע בירגער. אום צו פאַרזיכערען איהר אייגענאַרטיג לעבען, מוזען אַלע איהרע מיטגלידער זיין גרייט מקיים צו זיין דעם „נשמע" — הערען און פאָלגען אַזוי גוט ווי דעם „נעשה" — טאָן און שאַפען. דער גייסטיגער „נשמע" און דער עקאָנאָמישער „נעשה" זיינען די הויפט מיטלען, וואָס גיבען אַ פריי פאָלק די פולע מעגליכקייט צו אַנטוויקלען זיינע פאָטענציעלע כחות און באַזאָרגען זיינע קומענדיגע דורות מיט אַ בעסערער צוקונפט.

הויבט אָבער אָן אַ פאָלק צו דינען דעם „עגל הזהב", דעם גאָלדענעם קאַלב, און אָקצענטירט מעהר זיינע עקאָנאָמישע באַדערפעניששען ווי זיינע גייסטיגע נויטען, וועט ער ביסלעכווייז אויך פאַרלירען זיין שאַפונגס־קראַפט. די עקאָנאָמישע און פאָליטישע דערגרייכונגען פון אַ פאָלק מוזען אויך זיין באַזירט אויף עטישע יסודות. קאַפיטאַל, וואָס ווערט דערוואָרבען דורך שווינדעל און באַטרוג, דורך צוואַנג און דרוק, וועט זיך ניט לאַנג האַלטען. די בלוט פון די אונטערדריקטע שרייט אַרויס פון דער ערד און מאַכט דאָס לאַנד אויפגעטרייסעלט צו ווערען און צוזאַמענצוברעכען.

פאַקטיש שעהן איז די שילדערונג פון דער גמרא, אַז ביים באַרג סיני, ביי קבלת התורה האָבען די אידען באַקומען צוויי קרוינען, איינס פאַר „נעשה", פאַר טאָן און שאַפען, און דעם צווייטען פאַר „נשמע", הערען, לערנען און פאָלגען.

מיט אָננעמען די תורה איז דער איד דער געוואָרען אַ סינטעז פון הימעל און ערד, אַ צוזאַמענוועב פון געטליכקייט און מענשליכקייט, וועלכע קענען איינע פון די אַנדערע ניט אָפּגעטיילט ווערען. טראָגט ער אויף זיך דיביידע קרוינען פון „נעשה" און „נשמע", איז דער איד דער „עם סגולה", דאָס אויסדערוויילטע פאָלק פון אַלע פעלקער. און מיט זיין ריינעם אידעאַלען לעבען, לויט די פאָר־שריפטען פון זיין תורה, דינט ער אַלס מוסטער פון דער גאַנצער מענשהייט.

דער מהרש"א דערקלערט, אַז די צוויי קרוינען, וועגען וועלכע די גמרא רעדט דאָ, זיינען דער „כתר מלכות" און דער „כתר כהונה", די רעגירונגס־קרוין און די קרוין פון פריסטהוד. ביי אונז אידען ווערט די רעליגיע ניט אָפּגעטיילט פון דעם שטאָט. ביידע זיינען געקניפּט און געבונדען צוזאַמען. אונזער תורה איז ניט נאָר דער געזעצבוך פון אונזער אמונה, זי איז אויך די קאָנסטיטוציע פון אונזער פאָלק, און דער „ביל אָוו רייטס", די געזעצען וועגען די פערזענליכע רעכטען און פריהייטען פון זיינע בירגער. אידישקייט מיינט ניט נאָר דינען גאָט מיט ברכות און תפילות, נאָר אויך מיט אויפפיהרען זיך עהרליך און יושר־דיג „בין אדם לחבירו", פון מענש צו מענש.

„כיון שחטאו בעגל", זינדיגט אָבער אונזער פאָלק מיט דינען דעם גאָל־דענעם קאַלב, און וויל באַגרינדען זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ בלויז אויף עקאָ־נאָמישע אָדער פּאָליטישע דערגרייכונגען, וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ דעם „כתר כהונה", די קרוין פון אמונה און געטליכקייט. דאַן קומען „מלאכי חבלה" און נעמען פון איהם אַרונטער אויך דעם „כתר מלכות", די קרוין פון רעגירונג. ער פאַרלירט זיין זעלבסטשטענדיגקייט און ווערט אונטעראָכט פון אַנדערע פעלקער.

אין דער היינטיגער הפטרה גיט איבער דער גרויסער ישעיה הנביא די וואונדערבאָרע וויזיע, וואָס ער האָט אין זיין פאַנטאַזיע געזעהן ביי זיין ערשטען אַרויסטריט אַלס נביא און וועג־ווייזער פון זיין פאָלק. ווי באַוואוסט, איז ישעיה דערשינען אין די צייטען פון די אידישע קעניגע, „עוזיהו", „יותם", „אחז" און „חזקיהו". די ערשטע דריי זיינען געווען שוואַכליגגע, וואָס האָבען זיך געלאָזט פירען פון די רייכע האָף־הערען, וועלכע האָבען זיך געריסען צו פאַרקערען מיט די קעניגליכע הויפען פון די אַרומיגע פעלקער, די השפעה, וואָס זיי האָבען אויסגעאיבט אויף דאָס פאָלק, איז געווען אַ צעשטערענדע. זיי האָבען אָפּגע־טיילט דעם שטאָט פון דער רעליגיע. די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע איינריכטונ־

גען אין לאַנד זיינען ניט געווען לויט די אידעאַלע לעהרען פון דער תורה. די אָרימע קלאַסען זיינען אונטערדריקט געוואָרען פון די רייכערע. די רעגירונגס־לייט האָבען ליב געהאַט שוחד און זיך געיאָגט נאָך געצאָלט.

אום אויך יוצא צו זיין פאַר דער רעליגיע פלעגען זיי ברענגען, פון צייט צו צייט, פעטע קרבנות אויף דעם מזבח פון בית־המקדש. ישעיה רופט זיי אָן „קציני סדום”, פירער פון סדום און זאָגט זיי, אַז דער אויבערשטער וויל ניט זייערע קרבנות, וועלכע זיינען אַן אומווירדיגקייט פאַר אים. ער טאַדעלט זיי אין נאָמען פון גאָט: „מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי” — ווער בעט דאָס פון אייך מיינע הויפען צו באַטרעטען? איר זייט פאַר מיר אַ לאַסט און איך קאָן אייך ניט פאַרטראָגען.

ער זעהט פאַראויס דעם קומענדיגען חורבן. קוים האָבען די אידען פון זיך אַראָפּגעוואָרפען די קרוין פון „נשמע”, פון הערען און אויספאָלגען גאָט'ס געבאָט, וועלען זיי מיט דער צייט פאַרלירען אויך די קרוין פון „נעשה”, פון טאָן און שאַפען. און ער זאָגט זיי אין דער היינטיגער הפטרה: „ורחק ה' את האדם” — אויב די גאָטהייט ווערט דערווייטערט פון דעם מענטשן, „ורבה העזובה בקרב הארץ” — וועט זיך פאַרמערען די פאַרלאָזענקייט איבער דעם גאַנצען לאַנד. אַז דער „כתר כהונה”, די קרוין פון אמונה ווערט פון די אידען פאַר־נאַכלעסיגט, וועט אויך זיין „כתר מלכות”, די קרוין פון זעלבסטהערשאַפט לאַנג ניט אָנהאַלטען. מיט פאַרלאָזען דעם גייסט וואַקסט אויך די פאַרלאָזענקייט אין לאַנד.

ווי דער שטייגער איז פון אונזערע נביאים, פאַרענדיגט ישעיה זיין מוסר זאָגען מיט די פאָלגענדע טרייסט ווערטער פון גרויסער היסטאָרישער באַדייטונג. „ועוד בה עשיריה ושבה והיתה לבער” — וועט אָבער פאַרבלייבען כאָטש אַ צענט־חלק פון איר, וועט עס ווידער אויסגעראָטט און אויסגערייניגט ווערען. דאָס אידישע פאָלק איז ווי די גרויסע אייכענבוימער, וואָס בלייבען ביים שטאַם אויך נאָכדעם, ווען זייערע בלעטער צעפאַלען. פאַר דער אידישער נאַציע איז „זרע קודש מצבתה”, די זאָמען פון הייליגקייט, וואָס איז פאַרזייט געוואָרען ביים באַרג סיני איר שטאַם און הויפט קיום.

ג.

וואָס די אידען האָבען געזען ביים באַרג סיני

וכל העם רואים את הקולות.

„רבי שמעון בן יהוצדק שאל לר' שמואל בר נחמן: שמעתי עליך שאתה בעל הגדה, מהיכן נבראת האורה? אמר לו: נתעטף בה הקב"ה כשלמה והבהיק זיו הדרו מסוף העולם ועד סופו" — רבי שמעון, דער זון פון יהוצדק האָט געפרעגט ביי רבי שמואל, דעם זון פון נחמן: איך האָב געהערט וועגען דיר, אַז דו ביזט אַ בעל אגדה, אַ גוטער דרשן. קענסטו מיר דערקלערען פון וואַנען איז באַשאַפען געוואָרען דאָס ליכט? האָט ער אים געענטפערט: דער אויבערשטער האָט זיך איינגעוויקעלט אין אַ ליכטיג קלייד און דער גלאַנץ פון זיין פראַכט האָט אויפגעשיינט פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען (ב"ר ג').

„בחודש השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים, באו מדבר סיני" — אין דעם דריטען מאָנאַט, זינט די אידען זיינען אַרויס פון מצרים, זיינען זיי אָנגעקומען צו דער וויסטע פון סיני, „ויחן שם ישראל נגד ההר" — און די אידען האָבען דאָרט גערוהט קעגען דעם באַרג. זיי זיינען געוועזען קערפערליך אויסגעמאַטערט פון דער לאַנגער און שווערער רייזע און אויך גייסטיג צעטומעלט פון די איבערראַשענדיגע געשעהענישען, וואָס האָבען מיט זיי פּאַסירט. כדי צו געבען זיי אַ געלעגענהייט זיך אויסצורוען און קומען צו זיך, האָט זיי משה געהייסען רוען ביים באַרג סיני, וואו עס דאַרף ערשט פאַרקומען די גרעסטע געשעהעניש ניט נאָר אין דעם לעבען פון די אידען אַליין, נאָר אויך אין דעם לעבען פון אַלע מענשען־קינדער אויף דער וועלט. „ומשה עלה אל האלקים" — און משה גייט אַרויף צו גאָט. ער אַליין רוט ניט. ער ווייסט, אַז די אַלע פּאַסירונגען ביז איצט זיינען בלויז געוועזען אַ „הקדמה", אַ פאָרבאַרייטונג צו דעם, וואָס דאַרף ערשט קומען. ער זוכט זיך צו דערקונדיגען, אויב דער אויבערשטער באַטראַכט זיינע אידען פּאַר פּאַסענדע איצט מקבל צו זיין די תורה, און וואָסערע הכנות עס מוזען געמאַכט ווערען פאַר דעם גרויסען מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענשהייט.

דאָרט הערט ער פון גאָט די פאָלגענדע ווערטער: אַזוי זאָלסטו רעדען צו דעם הויז פון יעקב און זאָגען צו די קינדער פון ישראל: „אתם ראיתם אשר

עשיתי למצרים״ — איר האָט געזעהן וואָס איך האָב געטאָן צו מצרים און ווי איך האָב אייך געטראָגען אויף אָדלער־פליגלען ביז איך האָב אייך געבראַכט צו מיר. הרב יצחק ניסענבוים ז״ל גיט אויף די דאָזיגע פסוקים אַ מערקווירדיג טיפע דערקלערונג. ער זאָגט: „צוויי וואונדערבאַרע דערשיינונגען האָבען זיך באַוויזען פאַר די אידען נאָכדעם ווי זיי זיינען אַריבער דעם ים־סוף. איינע איז געווען: „ויושע ה׳ ביום ההוא את ישראל״ — גאָט האָט אין יענעם טאָג געהאָלפען די אידען און פאַר זיי געשפּאָלטען דעם ים־סוף, כדי זיי זאָלען אים קאָנען דורכגיין אין דער טריקעניש. און אַ צווייטע דערשיינונג איז געווען: „מצרים מת על שפת הים״ — די פיינטליכע מצריים זיינען געלעגען טויטע ביים ברעג ים, וואָס האָט פאַרפלייצט פרעה׳ן מיט אַלע זיינע חיילות.

„וועלכע פון אָט די צוויי ערשיינונגען האָט געדאַרפט מאַכען אַ טיפערען רושם אויף די הערצער פון די אידען? וואָלטען זיי געווען נאַציאָנאַל געזאָנען און באַזעלט מיט דעם געפיל פון פרייהייט, וואָלט דער „ויושע ביום ההוא את ישראל״, די גרויסע און איבערנאַטירליכע ישועה, וואָס גאָט האָט געבראַכט דעם פאָלק, צו קענען דורכגיין אַ ים אין דער טריקעניש, אַבי וואָס גיכער צו קומען אין אַן אייגענער היים, געדאַרפט פאַרנעמען דעם ערשטען פלאַץ אין זייער באַוואונדערונג און גלויבען אין גאָט און אין משה׳ן זיין קנעכט. וואָס פאַר אַ ווערט האָט די מפלה פון פרעה׳ן מיט זיינע חיילות אין פאַרגלייך מיט׳ן גרויסען נס, וואָס האָט פאַר זיי געעפענט אַ פרייען וועג צו זייער אייגען לאַנד, וואו זיי וועלען קענען אויפגעבויט ווערען אַלס אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק און ניט דאַרפען מער אָפּגעבען זייערע כוחות פאַר פרעמדע?

זיינען אָבער די „יוצאי מצרים״, די ערשט־באַפרייטע שקלאַפען, ניט געווען דערוואַקסען צו אַזאַ הויכען אידעאַל. „וירא ישראל״, וואָס זעהען די אידען? „את היד הגדולה אשר עשה ה׳ במצרים״, בלויז די גרויסע און מעכטיגע האַנט, מיט וועלכער גאָט האָט געשלאָגען די מצריים. גלות־מענשען פאַרשטייען בלויז אָפּצושאַצען ברוטאַלע מאַכט. פאַר זיי איז די נקמה, וואָס זיי האָבען געזעהן אין זייערע שונאים, אַ פיל מער צוציענדיגע דערשיינונג ווי די גרויסע ישועה, וואָס זייער פאָלק האָט ערשט באַקומען. דאָס וויל גאָט, אַז משה זאָל אויפקלעהרען דאָס פאָלק. „אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים״ — איר האָט בלויז געזעהן וואָס איך האָב געטאָן די מצריים, די גרויסע נקמה, וואָס איך האָב גענומען פון אייערע שונאים. איר האָט אָבער פאַרפעלט צו זעהן ווי איך האָב אייך גע־

טראָגען, ווי אַן אָדלער זיינע קינדער, כדי צו באַשיצען פון די פיילען, וואָס יעגער קענען שיסען אויף זיי. דער אָדלער טראָגט זיינע קינדער איבער זיינע פליגלען, ווייל ער טראַכט ביי זיך: „יכנס החץ בי ולא בבני" — זאָל בעסער דער פייל טרעפען מיך איידער מיינע קינדער. אַזוי האָב איך דאָך געטאָן מיט אייך. איך האָב אַוועקגעשטעלט אַ וואָלקען צווישען אייך און אייערע שונאים און אַלע זייערע קוילען האָבען אייך ניט געטראָפען (שמו"ר).

דו ווילסט זיי וואָס גיכער געבען מיין תורה, זאָגט ווייטער גב"ה צו משה'ן, „לך וקדשתם" — גיי פריער און היילִיג זיי פאַר דער דאָזיגער גרויסער אויפגאַבע, „וכבסו שמלותם" זאָלען זיי צוערשט אויסוואַשען זייערע קליידער און זיך ריי־ניגען פון די מנהגים און די אויפפירונגען, וואָס זיי האָבען מיטגענומען פון מצרים. צו פאַרשטיין די עטישע געזעצען און אידעאַלע פּרינציפּען פון דער תורה, „והיו נכונים", מוז מען זיין גרייט. צו דעם פאָדערט זיך אַ קלאָרער מוח און אַ פולער באַוואוסטזיין, ביז איצט האָבען זיך די אידען אַרויסגעוויזען צו זיין קערפּערליכע און גייסטיגע קאַליקעס, ווי דער מדרש דערקלערט: „כשיצאו ישראל ממצרים היו בהם בעלי מומין מעבודת הפרך שהיו עושים" — ווען די אידען זיינען אַרויס פון מצרים, האָבען זיך צווישען זיי געפונען פיל קאַלי־קעס פון דער שווערער אַרבייט, וואָס זיי האָבען דאָרט געטאָן. מקבל צו זיין אַ תורה מוז מען זיין קערפּערליך שטאַרק. קריפּעלס קענען לאַגיש ניט טראַכטען און זיינען ניט פעהיג צו באַגרייפען טיפזיניגע מיינונגען און געדאַנקען (שמו"ר).

אויסער דעם האָבען זיך צווישען זיי געפונען גייסטיגע קריפּעלס, איבער־הויפּט צווישען די רייכערע פון זיי, וואָס זיינען פאַרבלענדט געוואָרען פון די גוטע געשעפטען, וואָס זיי האָבען צייטווייליג געטאָן. ווי אַן אַנדער מדרש באַמערקט: „שהיתה הקורה או הטיט נכנסים לעיניהם ונסמאו" — די באַלקענס אָדער די ליים זיינען אַריין אין זייערע אויגען און האָבען זיי בלינד געמאַכט. די גע־ביידען, וואָס זיי האָבען געבויט, אָדער, ווי מיר רופען עס אין אַמעריקע, די „ריעל עסטייט ביזנעס", וואָס זיי האָבען אָנגעפירט, האָט זיי גייסטיג בלינד געמאַכט, ניט צו זעהן די לאַגע, אין וועלכער דאָס פאָלק געפינט זיך, און ניט צו פאַרשטיין, אַז מיט אַזעלכע אויפפירונגען גראָבט מען אונטער די יסודות פון אַ פאָלק און זיין גאַנצע צוקונפט ווערט געשטעלט אין סכנה. אַזעלכע בעלי־מומין, זאָגט גאָט צו משה'ן, זיינען ניט ראוי מקבל צו זיין אַ תורה, וועלכע איז באַזירט אויף די משפטים פון צדק און יושר.

„והיו נכונים" — דו מוזט זיי פריער צוגרייטען. די בלינדע מוזען זעהעוודיג ווערען און די טויבע מוזען אנפאנגען צו הערען. זייערע מוחות מוזען גערייניגט ווערען צו קענען באגרייפען, און זייערע אויגען מוזען געוואשען ווערען צו קענען זעהן און פארשטיין דעם „וחי בהם". אז מיט דער תורה וועלען זיי תמיד בלייבען לעבען, אז מיט דורכפירען אירע פארשריפטען ווערען זיי „בני חורין מן הגליות" — פרייע מענשען פון אלע גלות'ן (שמו"ר מ"א). זייער געדאנק וועט תמיד פריי זיין און זיי וועלען איבעראל זיין דער „כח הדוחה" — די שטויסקראפט פאר דעמאקראטיע און גלייכבארעכטיגונג פאר אלע מענשען.

עס דארף זיין „וכל העם רואים את הקולות" — דאס גאנצע פאלק זאל זעהן די פארבארגענע שטימע פאר צדק און יושר, וואס שרייט אויס פון יעדען זאץ אין דער תורה. רבי שמעון פרעגט ביי רבי שמואל: פון וואנען נעמט זיך דאס ליכט אויף דער וועלט? און ער ענטפערט אים: גב"ה איז אין דעם איינגעוויקעלט ווי אין א קלייד, און פאר דעם, וואס האט אויגען צו זעהן, שיינט ארויס זיין פראכט „מסוף העולם ועד סופו" — פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך דא איבערגעבען א שיינעם געדאנק פון א גרויסען חסידישען רבי'ן איבער איינעם פון די פסוקים אין הייניגער סדרה. דער אויבערשטער פארשפרעכט משה'ן, אז אויב די אידען וועלען זיך צוהערען צו זיין שטים און וועלען אפהיטען זיין בונד, וועלען זיי ביי אים זיין „סגולה מכל העמים" — דאס געליבטסטע פון אלע פעלקער; „ממלכת כהנים וגוי קדוש" — א קעניגרייך פון פריסטער און א הייליג פאלק. צום קאזשעניצער מגיד ז"ל איז אמאל געקומען א אידענע און האט געקלאגט: „מיין מאן וויל מיך אפ'גט'ען, ווייל ער זאגט איך בין ניט שיין גענוג פאר אים. ווי איז מיר," האט זי געיאמערט. „בשעת ער האט מיך געפירט צו דער חופה, האט ער מיר געמאכט קאמפלימענטען און געהאלטען אין איין זאגען, אז איך בין די שענסטע מיידעל. איצט בין איך מיטאמאל פאר אים אזוי מיאוס געווארען..."

דערהערענדיג די דאזיגע ווערטער, האט דער קאזשעניצער אויפגעהויבען די הענט צום הימעל און אויסגעשריען: רבונו של עולם! די אידענע איז דאך גערעכט, און אויך מיר אידען האבען צו דיר דיזעלבע טענה: דעמאלט ווען מיר זענען מיט דיר ביים בארג סיני געשטאנען האסטו אונז קאמפלימענטען געמאכט און געזאגט, אז אונז האסטו אויסדערוויילט פון אלע אומות, איצט אבער, ווי איז אונז, זענען מיר דיר פלוצים מיאוס געווארען און דו ווילסט זיך שוין אויף אונז גאר ניט אומקוקען (עשר אורות).

הפטרה

ישעיה׳ס ערשטע נבואה

ועוד בה עשיריה ושבה והיתה לבער.

„אמר ר׳ זירא: אמר ר׳ ירמי׳ בר אבא, דור שבן דוד בא קטיגוריא בתלמידי חכמים. כי אמריתה קמיה דשמואל אמר: צירוף אחר צירוף. אמר ר׳ חייא אמר רב עתידין כל אילני סרק שבארץ ישראל שיטענו פירות״ — ר׳ זירא האט דערציילט, אז רבי ירמי׳, דער זון פון אבא האט געזאגט, אז אין דעם דור וואס משיח וועט קומען וועלען פארקומען גרויסע קריגערייען צווישען די גע־לערענטע פירער. אז איך האב עס געזאגט פאר רבי שמואל, האט ער צוגעלייגט, אז עס וועט פארקומען איין לייטערונג נאך דער צווייטער. רבי חייא אין נאמען פון רב האט געזאגט, אז אלע פוסטע ביימער אין ארץ־ישראל וועלען זיין אנ־געלאדען מיט פרוכט (כתובות קי״ג, מהרש״א).

דער גרויסער אידישער נביא ישעי׳ האט אנגעפאנגען צו זאגען זיינע נביאות אין די יארען ווען די קעניגע עזיהו און יותם האבען געהערשט איבער יהודה. ביידע קעניגע זענען געווען גרויסע סטראטעגיקער און האבען אנגעפירט זיג־רייכע מלחמות מיט די ארומיגע פעלקער, נייע טעריטאריעס זענען געוואונען געווארען, וואס האבען פיל פארגרעסערט דעם מסחר און די קאפיטאלען פון לאנד. דאס האט אבער פאראורזאכט א גרויסע גייסטיגע ירידה. די רייכערע פון פאלק האבען זיך אנגעפאנגען אסימילירען מיט די ארומיגע פעלקער און נאכמאכען אויך זייערע רעליגיעזע מנהגים.

ישעיה הערט די שטים פון גאט, וועלכער פרעגט: „את מי אשלח ומי ילך לנו?״ — וועמען זאל איך שיקען און ווער וועט גיין פאר אונז צו מוסר׳ן אוןווארענען דאס פאלק, אז מיט אזעלכע אויפפירונגען וועלען זיי דערפירען זייער לאנד צו א שרעקליכער קאטאסטראפע? „ואמר הנני שלחני״ — און ישעיה ענטפערט: איך בין גרייט, שיק מיך. און דער אויבערשטער באפעלט אים: „לך ואמרת לעם הזה״ — גיי און רעד אזוי צום פאלק: „שמעו שמוע — ואל תבינו, וראו ראו ואל תדעו״ — איר הערט און איר ווילט ניט פארשטיין, איר זעהט און ווילט ניט וויסען. „השמן לב העם הזה ואזניו הכבד ועיניו השע״ — דאס הארץ פון פאלק איז פארגאסען געווארען מיט פעטס, וואס האט זיינע

אויערען שווער געמאַכט און זיינע אויגען אויסגעקרימט. זיי ווילען מער ניט הער־רען און ניט זעהן די לאַגע פון דעם פאָלק, אַלץ וואָס זיי אינטערעסירט איז מער פעטקייט, מער רייכטום. ישעיה פרעגט: „עד מתי ד׳?״ — ביז ווי לאַנג וועט עס אָנהאַלטען? צו וואָס וועט עס דערפירען? און ער באַקומט דעם ענטפער: „עד אשר אם שאו ערים מאין יושב ובתים מאין אדם והאדמה תשאה שממה״ — ביז די שטעט וועלען בלייבען פוסט אָהן איינוואוינער, די הייזער אָהן מענ־שען און די ערד וועט ווערען וויסט און לער. ישעי׳ ווערט אַן אויפגעציטערטער. אין זיין פאַרצווייפלונג אָבער הערט ער אַ טרייסט פון ג׳, וועלכער זאָגט אים: „ועוד בה עשיריה ושבה והיתה לבער, כאלה וכאלון אשר בשלכת מצבת בם, זרע קודש מצבתה״ — וועט אָבער פאַרבלייבען כאָטש אַ צענט חלק פון איר, וועט עס ווידער אויסגעראָמט און אויסגערייניגט ווערן, ווייל ס׳אידישע פאָלק איז ווי די גרויסע איכענביימער, וואָס בלייבען ביים שטאַם אויך נאָכדעם ווי זייערע בלעטער צעפאַלען. די זאָמען פון הייליגקייט זענען איר שטאַם און הויפט קיום.

אונזערע חכמים ווילען האָבען, אַז דער לעצטער פסוק איז געזאָגט געוואָרען אויף די צייטען, ווען משיח וועט קומען. בלויז אַ קליינער טייל פון אידען וועט פאַרבלייבען. זייערע פירער וועלען זיך אַרומרייסען צווישען זיך און פאַרווירונג וועט הערשען אין זייערע רייען, וועט אָבער דאָס פאָלק אַליין געלייטערט ווערען און זיך מוטיג שטעלען קעגען זיינע פאַרפאָלגער. די פוסטע ביימער אין ארץ־ישראל, די וועלכע מיר רופען טעראַריסטען, וועלען מיט זייער מוט און ווידער־שטאַנד ברענגען פרוכט פאַר דער אידישער גאולה.

ד.

מיט דעם כוח פון אנכי

אנכי ה׳ אלקיך.

„בשעה שקרא יעקב לבניו ואמר להם האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים, אמר להם בני הזהרו בכבודו של הקב״ה, סימן זה אני נותן לכם: בלשון אנכי הסיח עם זקני, אנכי מגן לך; ובלשון אנכי הסיח עמי, אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך, ואנכי ארד עמך מצרימה; ואף אתם, אם בא

ואמר לכם בלשון הזה, דעו שהוא שלכם" — ווען יעקב האָט צוזאַמענגערופען זיינע קינדער און צו זיי געזאָגט: נעמט זיך צוזאַמען און איך וועל אייך פאַר־אויסזאָגען וואָס מיט אייך וועט פּאַסירען אין דער צוקונפט, האָט ער זיי אויך אָנ־געזאָגט, אַז זיי זאָלען זיין אָפּגעהיט אין דעם כבוד פאַר גאָט. דעם סימן גיב איך אייך: מיט'ן לשון „אנכי" האָט ער גערעדט צו מיין זיידען אברהם, ווען ער האָט אים פאַרשפּראָכען: „איך וועל דיך באַשיצען". מיט'ן זעלבען לשון „אנכי" האָט ער אויך גערעדט צו מיר, ווען ער האָט מיר געזאָגט: „איך וועל דיך היטען איבעראַל, וואו דו וועסט גיין", און אויך, אַז „איך וועל מיט דיר אַרונטערנידערען קיין מצרים." אויך איר, אויב ער וועט קומען צו אייך און רעדען צו אייך מיט דעם זעלבען לשון „אנכי", זאָלט איר וויסען, אַז ער איז אייערער (פסיקתא רבתי).

„ומשה עלה למרום" — משה גייט אַרויף צו גאָט. ער וויל פון אים דערגיין, אויב ער באַטראַכט זיינע אידען פאַר ראוי איצט צו נעמען די תורה און וואָסערע הכנות עס מוזען געמאַכט ווערען פאַר דעם גרויסען מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענשהייט. משה מוז אָבער אויך קעמפען אויפ'ן הימעל, אַזוי גוט ווי אויף דער ערד. קיין זאַך קומט אים ניט אָן גרינג. פון דעם מאָמענט אָן, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען די געטליכע אויפגאַבע צו באַפרייען די אידען און זיי מאַכען פאַר אַ פאָלק, האָט ער געהאַט אויסצושטיין איין שווערינקייט גרע־סער פאַר דער צווייטער. ער האָט געמוזט קעמפען מיט פרעה'ן, אַז ער זאָל די אידען אַרויסלאָזען פון מצרים; ער האָט אויך געמוזט קעמפען מיט די אידען, זיי זאָלען וועלען אַרויסגיין. און איצט, אַז ער קומט נעמען די תורה, מוז ער אויך קעמפען מיט די מלאכים אין הימעל, וועלכע ווילען ניט דערלאָזען, אַז די תורה זאָל געגעבען ווערען צו די מענשען אויף דער ערד.

„בשעה שעלה משה למרום לקבל את התורה פגעו בו מלאכים ואמרו לו: מה לך במקום קדושי עליון? נבהל מפניהם וזלגו עיניו דמעות" — בשעת משה איז אַרויף אויפ'ן הימעל מקבל צו זיין די תורה, האָבען אים באַגעגענט מלאכים און מיט צאָרן געפרעגט: וואָס טוסטו דאָ צווישען די הייליגע פון אויבען? האָט ער זיך פאַר זיי דערשראָקען און פון זיינע אויגען האָבען גערונען טרערען. „יצתה בת קול ואמרה" — איז אַרויס אַ בת־קול פון גאָט, וואָס האָט געזאָגט צו די מלאכים: „מימיכם אנשי מריבה אתם, כשביקשתי לבראות את האדם עשיתם לפני קטיגור, ועכשיו אתם עומדים במריבה ואין אתם מניחים אותי ליתן תורה לישראל" — פון שטענדיג אָן זענט איר גרויסע בעלי מחלוקת. ווען איך האָב געוואָלט באַשאַפען דעם מענשען, זענט איר געווען שטאַרק דאַגעגען.

איצט שטעלט איר זיך אין קריג און איר ווילט ניט דערלאָזען, אַז איך זאָל געבען די תורה צו די אידען. ווייסט איר דען ניט: „אילמלא אין ישראל מקבלין את התורה, אין דירה לא לי ולא לכם״ — אויב די אידען נעמען ניט אָן די תורה, איז ניטאָ קיין וואוין־אָרט ניט פאַר מיר און ניט פאַר אייך (פסיקתא רבתי).

דער הויפט ציל פון אמונה איז צו פאַראייניגען די ערד מיט׳ן הימעל, אויסצואיידלען די כאַראַקטערען פון די מענשען, אַז זיי זאָלען ווערען ריין פון זינד, כדי די גאָטהייט זאָל קאָנען וואוינען צווישען זיי. „לא בשמים היא״ — די תורה איז ניט געשאַפען געוואָרען פאַר די העכערע ברואים, וועלכע געפינען זיך אין די הימלען און זיינען ריין פון פעהלערען. אַזעלכע זיינען אָפּגעשיידט פון לעבען. די תורה איז אָבער אַ „תורת חיים״, אַ תורה פון לעבען, פון שאַפען און אויפטאָן. איבער אַ לעבעדיגער וועלט קאָנען אויך העגנען לעבעדיגע הימלען; ווערט חרוב די וועלט — פאַלען אויך די הימלען. די תורה איז דער הויפט־תכלית פון דער גאַנצער בריאה, פון גאָט׳ס אַלע שאַפונגען, און זי איז געגעבען געוואָרען צו די מענשען, כדי צו מאַכען דאָס לעבען פון אַלע באַשעפענישען וואָס שענער און בעסער.

אום צו באַרוהיגען די מלאכים, הייסט גאָט משה׳ן, אַז ער זאָל זיך אָנהאַלטען אָן זיין שטול און זיי געבען צו דערקלערען ווארום ער וויל, אַז די תורה זאָל געגעבען ווערען צו די אידען. און משה דערקלערט זיי: „כתוב בתורה אנכי ה׳ אלהיך, כלום אלקים אחרים יש לכם״ — עס שטייט געשריבען אין דער תורה: איך בין דער גאָט, אייער גאָט, זיינען דען דאָ ביי אייך אַנדערע געטער? איר זענט אָפּגעשלאָסען פון דער וועלט און איר וואוינט אין דעם ענגען קרייז פון דער גאָטהייט, איר זאָלט אפילו וועלען זינדיגען, קאָנט איר אויך ניט. וואָס פאַר אַ נוטס קאָן אייך די תורה ברענגען? מיט וואָס קאָנט איר גרויס־מאַכען דעם נאָמען פון גאָט, אויב אייך פעהלט דער „נסיון״ פון אָפּהיטען זיך צו דינען אַנדערע געטער? „כלום חלוקה יש לכם, כלום שתי רשויות יש לכם?״ — זענט איר דען צעשפּרייט אין פאַרשיידענע ערטער, אָדער זענט איר אונטערוואָרפען פאַרשיידענע הערשענדע קולטורען? אייער עקזיסטענץ איז געזיכערט און אייער לעבען איז אַ רוהיגער. אָבער מיר, וועלכע זיינען צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע לענדער און מוזען לעבען צווישען פעלקער פון אַנדערע גלויבענס און קולטורען — פאַר אונז איז דער פּראָצעס פון צופאַסונג זעהר אַ שווערער, און מיר דאַרפען האָבען די תורה כדי צו וויסען ווי זיך צו פירען, אַז מיר זאָלען ניט אונטערגיין (שם).

און מיט דעם כוח פון „אנכי", פון דעם אידישען גלויבען אין איין גאָט, וואָס איז אַלמעכטיג און קאָנטראָלירט דעם שיקזאַל פון אַלץ און אַלעמען, האָבען מיר אידען, זיך געהאַלטען אויף דער ערד אין די לאַנגע דורות פון אונזער עקזיס־טענץ. ווי יעקב דערקלערט זיינע קינדער: „בלשון אנכי הסיח עם זקני", מיט דעם לשון פון „אנכי", פון דעם אַלערהעכסטען „איך", האָט ער גערעדט מיט מיין זיידען אברהם און אים געמוטיגט אויף זיינע וואַנדערונגען צו זוכען דאָס לאַנד, וואו ער און זיינע קינדער זאָלען קאָנען לעבען לויט די געזעצען פון זיין תורה און דינען אַלס מוסטער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. שרעק זיך ניט אָפּ פאַר קיינע שוועריגקייטען אויף דייך וועג, האָט ער אים גע־זאָגט, „אנכי מגן לך", דער „אנכי" וועט די באַשיצען. דיין טיפער גלויבען אין מיר וועט דיר געבען אַ תכלית, אַן אינהאַלט אין לעבען און וועט דיך באַשיצען פון אונטערגאַנג. מיט דעם זעלבען כוח, זאָגט זיי ווייטער אונזער פאָטער יעקב, האָט ער צו מיר אַליין גערעדט. ווען איך בין געווען געדריקט צו פאַרלאָזען מיין פאָטער'ס היים און וואַנדערען אין מדבר פון חרן, האָב איך געהערט די שטים פון „אנכי עמך", איך בין מיט דיר, און אָט דער גלויבען דיינער אין דעם „אנכי" וועט דיך אויסהיטען „בכל אשר תלך", איבעראַל וואו דו וועסט גיין.

אויך אין מצרים, דורך דער גאַנצער צייט פון דעם שווערען און טרויעריגען גלות, זיינען מיר ניט אונטערגעגאַנגען, ווייל „אנכי ארד עמך", דער „אנכי", דער גלויבען אין דעם גאָט פון אונזערע אָבות, איז אויך מיט אונז מיטגעגאַנגען אין גלות. און דער זעלבער „אנכי" האָט דורכגעפירט דעם „אעלך גם עלה", און אונז אַרויסגענומען פון דעם שווערען שעבוד און אונז באַפרייט. אָט דעם סימן זאָלט איר האָבען, האָט יעקב פאַרענדיגט זיין נבואה, „אם כה יאמר לכם בלשון הזה", וואו ער וועט קומען און רעדען צו אייך מיט דעם לשון, אויב אייערע אויערען וועלען זיין געאיידעלט צו הערען דעם מיסטעריעזען רוף פון דעם גרויסען און אַלמעכטיגען „אנכי", „דעו שהוא שלכם" — זאָלט איר וויסען, אַז ער איז אייערער, און קיינער וועט אייך ניט קאָנען אונטערברענגען. מעגען אייערע שונאים אייך שטאַרק רודפ'ן, מעגען אַלע לענדער זיין געשלאָסען פאַר אייך, מיט דעם כוח פון „אנכי" וועט איר ענדליך זיין די זיגער, און דער „אחרית־הימים", די ווייטע צוקונפט, וועט זיכער זיין אייערע.

הפטרה

ווען הערען אידען די שטימע פון גאָט

וינועו אמות הספים מקול הקורא.

„הקול היה מתחלף לכמה מיני מדות, כקול להבת אש, כקול מים רבים, כקול שאגת אריה" — די שטימע האָט זיך געביטען אויף פאַרשיידענע פאָרמען: ווי די שטים פון אַ פלאַם־פייער, ווי די שטים פון אַ גוס־וואַסער, ווי די שטים פון אַ לייב (בית המדרש ח"ו).

מיין פאָטער ע"ה האָט מיר אַמאָל געזאָגט זעהר אַ שיינעם געדאַנק איבער דעם מאמר אין מדרש, וועלכער זאָגט: „בשלשה דברים נתנה התורה לישראל: באש, במים ובמדבר" — דורך דריי זאַכען איז די תורה געגעבען געוואָרען צו די אידען: דורך פייער, וואַסער און מדבר (במד"ר א'). אין אַ צייט פון פייער, אַז עס ברענען אויס גרויסע רדיפות אויף אידען, האַלטען זיי זיך שטאַרק ביי דער דער תורה. די געשיכטע וויסט אונז צו דערציילען, אַז „בעידנא דריתחא", אין אַ צייט פון פּאָגראָמען און שרעקליכע דיסקרימינאַציעס קעגען די אידען, לויפען זיי אין זייערע שוהלען און דאַווענען מיט כוונה. דער שרעק פאַר דעם שונא האַלט זיי געבונדען מיט זייער פאָלק און זיין אמונה."

„אויך אין אַ צייט פון וואַסער", אַז מען טרינקט זיך אין אַן עקאָנאָמישען ים, וועלכער וואַרפט זיך מיט זיינע ברויזענדע כוואַליעס, און דער קאַמף פון חיונה איז זעהר אַ שווערער, אויך אין אַזאַ צייט איז דער איד עלול זיך צו האַל־טען ביי זיין תורה. „הזהרו בבני העניים שמהם תצא תורה" — זייט פאָרזיכ־טיג מיט די אָרימע קינדער, ווייל פון זיי וועט אַרויסקומען תורה, זאָגען אונז די חז"ל. די שווערע אומשטענדען פון זייער עקאָנאָמישער לאַגע און די נויטען, וואָס זיי האָבען דורכצומאַכען, ברענגען זיי נעענטער צו גאָט און צו זיין רעליגיע. ווי דער דובנער מגיד ז"ל טייטשט דעם פסוק „תפלה לעני", די בעסטע תפלה פאַר דעם אָרימאַן איז: „כי יעטוף ולפני ה' ישפך שיחו" — אַז ער טוט זיך אָן מיט מוט און גיסט־אויס פאַר גאָט זיין ביטער האַרץ. ער נעמט זיך דעמאָלט אָן מיט האָפענונג, וואָס שטאַרקט אים פאַרטצוזעצען זיין קאַמף פאַר זיין עקזיס־טענץ."

די הויפט סכנה אָבער איז, ווען אידען לעבען אין אַ „מדבר", אין אַ פרייער מדינה, וואו זיי ווערען ניט געשטערט צו טאָן וואָס זיי ווילען. אין אַזעלכע לענ־

דער וועּרען אונזערע אידען, לײדער, אָפּגעשוואַכט אין זײער אמונה, און זוכען נאָכצומאַכען זײערע שכנים. דערפאַר האָט גאָט געגעבען די תורה אין דער מדבר, כדי אויפמערקזאַם צו מאַכען די אידען, אַז אויך ווען זײ זײנען פרײ, זאָלען זײ ניט איבערלאָזען די תורה אויף הפקר, ווײל זײ קאָנען נאָך דערמיט שטעלען אין סכנה די גאַנצע צוקונפט פון זײער פאָלק".

דער נביא ישעי', פון היינטיגער הפטרה, האָט געלעבט אין אַ צייט, וואָס יהודה איז געווען פרײ און די הויף הערען פון דער מלוכה האָבען זיך געריסען צו פאַרקערען מיט די קעניגליכע הויפען פון די אַרומיגע פעלקער. די השפּעה וואָס זײ האָבען אויסגעאיבט אויף דעם פאָלק, איז געווען אַ צעשטערענדע. זײ האָבען אָפּגעטיילט דעם שטאַט פון דער רעליגיע. די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע איינריכטונגען אין לאַנד זײנען ניט געווען לויט די אידעאַלע לערען פון דער תורה. די אָרימע קלאַסען זײנען אונטערדריקט געוואָרען פון די רייכערע. די רעגירונגס-לײט האָבען ליב געהאַט שוחד און זיך געיאָגט נאָך געצאָלט.

און דער נביא הערט אַ שטימע פון די הימלען, וואָס האָט געקלונגען „כקול שאגת אריה", ווי די שטים פון אַן אויפגערייצטען לייב, וואָס זאָגט אָן, אַז מלחמה קומט. „וינועו אמות הספים", די גרונטשטיינער, אויף וועלכע די עקזיסטענץ פון דעם פאָלק ווערט באַזירט, ווערען אויפגעטרייסעלט. „והבית ימלא עשן", און דאָס גאַנצע בית-ישראל ווערט פול מיט רויך. און די שטים וואָרענט: „השמן לב העם הזה ועיניו השע", דאָס האַרץ פון דעם פאָלק איז פאַרגאָסען געוואָרען מיט פעטס און זײנע אויגען זײנען אויסגעקרימט געוואָרען. אַלץ, וואָס אים אינטערעסירט, איז פעטקייט, רייכטום, און כדי דאָס צו באַקומען, וואַרפט ער זײנע אויגען אַהער און אַהין און זוכט נאָכצומאַכען זײנע ניט-אידישע שכנים אין אַלע זײערע מנהגים און אויפפירונגען.

ביים שלוס ווייל איך דאָ ברענגען אַ העכסט אינטערעסאַנטע באַמערקונג פון „זוהר הקדוש" איבער דעם, וואָס ביידע, אי אין דער סדרה פון דער היינטיגער וואָך און אי אין דער הפטרה, באַנוצט זיך דער פסוק מיט'ן אויסדרוק „וינועו", זײ האָבען זיך געשאָקעלט. אין דער סדרה ווערט געזאָגט, אַז ווי די אידען האָבען דערהערט די שטים פון גאָט, „וינועו ויעמדו מרחוק", האָבען זײ זיך געשאָקעלט און געשטאַנען פון דער ווייטענס. אין דער הפטרה, ווידער, ווערט געבראַכט, אַז פון דער שטים, וואָס האָט זיך געהערט אין די הימלען, „וינועו אמות הספים", האָבען זיך צעשאָקעלט די זײלען פון דעם יסוד. דער זוהר באַמערקט: „מאי

האי דכל עמין לא עבדין נענועא אלא ישראל, דבר לעיין באוריתא מתנענען הכא והכא?" — מיט וואס דערקלערט זיך עס, וואס ביי די אומות־העולם שאקעלט מען זיך ניט, נאר בלויז די אידען, בעת זיי לערנען, באוועגען זיי זיך אהין און אהער? דאס איז „משום שנשמותיהן דישראל אתגזרו מגו בוצינא קדישא ונהורא דשרגא כיון דאתאחדא גו פתילה לא שכיב אלא מתנענעא לכאן ולכאן" — ווייל די אידישע נשמה שטאמט פון געטליכען ליכט, און א ברענענדיגע ליכט רוט ניט, נאר עס שאקעלט זיך אהין און אהער (זוהר פנחס).

ה.

די עברה פון „לא תחמוד" ברעכט אלע צען געבאט

לא תחמוד.

„חתום בדבור לא תחמוד, שכולם תלוים בו. כל המקיים מצוה זו כאלו קיים כל התורה כולה, וכל העובר עליה כאלו עובר על כל התורה כולה" — ער פאר־ענדיגט מיט דעם געבאט: „דו זאלסט ניט גלוסטען", ווייל אלץ ווענדט זיך אן אים. דער וואס איז מקיים די דאזיגע מצוה איז גלייך ווי ער וואלט פאר־בראכען קעגען דער גאנצער תורה (בית המדרש ח"ו).

דער שפאלער זיידע ז"ל פלעגט זאגען: „תאוה" איז איינע פון די מערק־ווירדיגסטע מדות. זי איז כולל אין זיך אלערליי מעלות, אלערליי חסרונות. ס'ווענדט זיך ווי און צו וואס מ'נוצט איר אויס. אויב צו גוטען, טוט זי אויף גאר גרויסע זאכען; אויב אבער צו שלעכטען, חז"ש, איז זי עלול הרוב צו מאכען די וועלט. נעמט, צום ביישפיל, די תאוה, וואס אונזערע אבות האבען געהאט צו וועלען דינען גאט, אט די תאוה האט זיי געהאלפען צו בויען א אידיש פאלק און א אידיש לאנד. דאגעגען אבער, צוליב דער פינסטערער תאוה פון זייערע קינדער צו וועלען דינען פרעמדע אפגעטער און זוכען נאכצומאכען די גוים, ר"ל, זיינען מיר פארטריבען געווארען פון אונזער לאנד און וואלגערען זיך אין דעם שרעקליכען גלות. אלע מצוות פון דער תורה, אזוי גוט ווי די עבירות, ווערען נכלל אין דעם געבאט פון „לא תחמוד".

„די עבירה פון „לא תחמוד" — האט אמאל געזאגט ר' אהר'על'ע קאידאנאווער — איז דער טריפה'נער קוואל, פון וועלכען אלע אנדערע עבירות ציען זייער

פינסטערע גבורה. ווערט איינער פאַרכאַפּט פון דער לוסט צו וועלען האָבען זיין חבר׳ס הויז, זיין ווייב, זיין קנעכט, זיין דינסט, אָדער אַנדערע זאַכען וואָס ער פאַרמאָגט, וועט ער זיך ניט אָפּהאַלטען פון עובר זיין אויף אַזעלכע געבאָטען ווי „לא תרצח״, „לא תנאף״, „לא תגנוב״ און „לא תענה״. דער באַגער צו וועלען האָבען יענעמ׳ס וועט אים שוין פירען צו רויבען, מזנה צו זיין, גנב׳ענען און זאָגען פאַלש עדות קעגען זיין חבר״.

פאַר די, ביי וועמען דער „לא תחמוד״ איז אַ קנאַפּע עבירה, זיינען אויך די איבעריגע פון די „עשרת הדברות״ ניט וויכטיג. נעמט, צום ביישפּיל, אַזאַ געבאָט ווי „כבד את אביך ואת אמך״, רעספּעקטיר דיין טאַטען און מאַמען, וועלכער ווערט אַנערקענט פון אַלע רעכטדענקענדע מענשען אַלס דער יסוד פון מאָראַלישע באַציהונגען פון מענש צו מענש און אויף וועלכען די גאַנצע סטרוקטור פון דער מענשליכער געזעלשאַפט איז געבויט, אויך אָט דער עטישער געבאָט האָט אַ קליינעם ווערט ביי „בעלי־תאוה׳ניקעס״. צוליב דער גרויסער לוסט פון וועלען אַריינכאַפּען אַלע פאַרגעניגענס, פאַרלירט מען דעם רעספּעקט פאַר טאַטע און מאַמע, מען רעכענט זיך ווייניג מיט זייערע געפילען און מען טוט וואָס מען וויל. זיינען נאָך די עלטערען זעלבסטשטענדיג און דאַרפען ניט אָנקומען צו קינדערשער הילף, דולדעט מען זיי נאָך אויף וויפיל ניט איז. ווערען זיי אָבער געבראָכען און מוזען חו״ש אָנקומען צו קינדער׳ס הילף, דאַן פאַלען זיי צו לאַסט אויף די קינדער און אין מערסטע פאַלען, ווי ביי אונז אין אַמעריקע, שיקט מען זיי אויף דער עלטער אויסצולעבען זייערע לעצטע יאָרען אין אַ מושב זקנים, אַבי זיי זאָלען ניט שטיין אין וועג פון זייערע לוסטיגע קינדער, וועלכע ווילען לעבען אַ גוטען טאָג.

דערפאַר, זאָגען אונז די חז״ל, פאַרענדיגען זיך די „עשרת הדברות״ מיט דעם געבאָט פון „לא תחמוד״, „שכולם תלויים בו״, ווייל אַלץ ווענדט זיך אָן אים. האָט איינער אַ חמדה, אַ גלוסטיגקייט צו טאָן גוטס, וועט ער מקיים זיין די גאַנצע תורה, קריגט ער אָבער אַריין אַ לוסט אַריינצוכאַפּען פרעמד האָב־און־גוטס, וועט ער זיך ניט אָפּהאַלטען פון עובר זיין אויף דער גאַנצער תורה.

„לא תעשון אתי אלהי כסף ואלהי זהב״ — מאַכט מיט מיר ניט קיינע זילבערנע און גאָלדענע געטער „אלקי׳ הבא בשביל כסף ואלק׳ הבא בשביל זהב״ — אַ גאָט, וואָס קומט צוליב זילבער, אָדער אַ גאָט, וואָס קומט צוליב גאָלד (סנהדרין ז׳ ע״ב).

נאָך דעם ווי די אידען האָבען געהערט די עשרת הדברות פון גאָט אַליין, זאָגט גאָט צו משה׳ן „כה תאמר אל בני ישראל, אתם ראיתם כי מן השמים דברתי עמכם" — אַזוי זאָלסטו זאָגען צו די אידען: איר האָט געזעהן, אַז פון הימעל האָב איך גערעדט מיט אייך. „לא תעשון אתי, אלק׳ כסף ואלק׳ זהב לא תעשו לכם" — מאַכט מיט מיר ניט, זילבערנע געטער אָדער גאָלדענע געטער זאָלט איר ניט מאַכען פאַר אייך. אונזערע חז"ל וואונדערען זיך שטאַרק איבער דעם פסוק. ערשטענס, דער צווייטער געבאָט, וואָס די אידען האָבען געהערט, זאָגט דאָך בפירוש „לא יהיה לך אלקים אחרים על פני" — עס זאָל ביי דיר ניט זיין קיין אַנדערע געטער אויסער מיר — וואָרום האָט דער פסוק געפונען פאַר נויטיג נאָכאמאָל צו ווידערהאָלען דעם געבאָט ניט צו מאַכען אַנדערע געטער? צווייטענס, די ווערטער „לא תעשון אתי" — מאַכט מיט מיר ניט — זיינען אומפאַרשטענדליך, איבערהויפט, אַז גלייך נאָכדעם ווערט געזאָגט „לא תעשו לכם" — איר זאָלט ניט מאַכען פאַר אייך?

איבער דעם זיינען דאָ פאַרשיידענע דערקלערונגען: מאַנכע פון די חז"ל טייטשען דעם וואָרט „אתי", ווי עס וואָלט געשטאַנען „אותי", מיך. מאַכט מיך ניט פאַר אַ גאָט פון זילבער און גאָלד. „כדרך שאחרים מנהגין, כשהטובה באה אליהן הם מכבדין את אלקיהם וכשפורעניות באה אליהן הם מקללים" — ווי אַנדערע פירען זיך אויף, אויב גוטס קומט צו זיי, פאַרעהרען זיי זייערע געטער און אויב אומגליקען קומען אויף זיי, באַליידיגען זיי די געטער (מכילתא). דער אידישער גאָט איז ניט קיין מאַטעריאַליסטישער, וועלכער מוז באַזאָרגען די וועלט מיט גוטע עקאָנאָמישע אומשטענדען. אונזער גאָט איז דער גרויסער מאָראַלישער כח, וועלכער לערנט דעם מענשען ווי זיך אויפצופירען כדי די באַדינגונגען אין וועלכע ער לעבט זאָלען אים קאָנען באַזאָרגען מיט הצטרכות׳ן. „כשם שמברכין על הטובה כך מברכין על הרעה" — פונקט ווי מען דאַרף לויבען גאָט פאַר דאָס גוטע וואָס ער גיט אונז, אַזוי מוזען מיר אים אויך לויבען פאַר דאָס שלעכטע וואָס מיר האָבען. די מערסטע אומגליקען זיינען געמאַכטע פון מענשען. וואָלט מען זיך אויפגעפירט ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָלטען זיי ניט פאַרגעקומען. אויסערדעם זיינען שוועריגקייטען אַ פּרוביר־מיטעל פאַר דעם מענשען, צו מעסטען זיין געדולד און אויסדויער, און זיי העלפען אויך צו לייטערען זיך נשמה און קריסטאַליזירען זיין געוויסען.

אַנדערע פון די חז"ל ווידער טייטשען דעם וואָרט „אתי", ווי ס׳וואָלט געשטאַנען „מאתי", פון מיר. מאַכט פון מיר ניט אַ גאָט, וואָס קומט „בשביל

כסף וזהב", צוליב זילבער און גאָלד (סנהדרין ז' ע"ב). איך זוך ניט פון אייך רייך צו ווערן. איך פאַרלאַנג ניט פון אייך קאָסטבאַרע קרבנות און טייערע מנחות. „רחמנא ליבא בעי", וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך איז האַרציגקייט. דינט מיר מיט אייער מוח, מיט אייער האַרץ און ניט נאָר מיט אייערע קעשענעס.

אַ העכסט וויציגע דערקלערונג איבער דעם מאמר פון דער גמרא האָב איך אַמאָל געהערט פון הרב שחור ז"ל פון באָסטאָן: „אַ דאַנק דעם שטיקעל פרנסה — האָט ער געזאָגט — זיינען אונזערע שוהלען פול ראש השנה און יום־כיפור. די אידען שרעקען זיך, אויב זיי וועלען ניט באַזוכען די שוהל אין די ימים נוראים, וועט זיי גאָט באַשטראָפען אויפ׳ן נייעם יאָר מיט ווייניג פרנסה. זיי קומען ניט אין די שוהלען אַלס באַוואוסטזיניגע אידען, נאָר „בשביל כסף וזהב", צוליב זילבער און גאָלד, צוליב חיונה און רייכטום".

גאָר אַ טיפזיניגער געדאַנק איבער אָט דעם פסוק ווערט געבראַכט אין ילקוט: „לא תעשון אתי אלק' כסף ואלק' זהב, שלא תאמר אני עושה לבני כדרך שאחרים עושים במדינות" — מאַכט ניט מיט מיר אויך זילבערנע אָדער גאָלדענע געטער, מיט דעם אויסרייד, אַז איר טוט עס כדי מיך צו באַשיינען, אַזוי ווי עס ווערט געטאָן אין אַנדערע מדינות (ילקוט שמעוני רמז ש"ג). כלומר׳שט צו מאָדערניזירען זייערע שוהלען און זיי אויסגלייכען מיט די טעמפּלען פון זייערע שכנים זוכען מאַנכע אידען איינצופירען נייעסען, וועלכע באַשטייען פון פוסטען גלאַנץ און מיינען קיין זאַך ניט. זיי לידיגען אויס זייערע שוהלען פון יעדען אידישען תוכן, פון יעדען אידעאַלען אינהאַלט און פאַרוואַנדלען זיי אין צענטערען, וואו קערפּערליכע פאַרגעניגענס פאַרנעמען דעם אויבען־אָן. דער רעזולטאַט איז, אַז די נייע מאַטעריעלע איינריכטונגען וואָס זיי באַרגען פון די מדינות, פאַרדרענגען דעם פּלאַץ פון אמת׳ער אידישקייט, בלויז די גאָלדענע און זילבערנע באַפּוצונגען פאַרבלייבען, דער אידישער גייסט פאַרשווינדט און די יוגענט גייט פאַרלוירען פון זיי.

הפטרה

נעשה ונשמע — צוטרוי און צווייפעל

שמעו שמוע ואל תבינו.

„אמר לו ההוא צדוקי לרבא: עמא פזיזא דקדמיתו פומייכו לאודנייכו. ברישא איבעי׳ לכם למשמע, אי מציתו קבליתו ואי לא, לא קבליתו. אמר לו: אנן דסגינן בשלימותא כתיב בן „תומת ישרים תנחם״, הנך אינשי דסגן בעלילותא כתיב בהוא „וסלף בוגדים ישדם״ — אַ געוויסער צדוקי האָט אַמאָל געזאָגט צו רבא: איר זייט אַן איבערגעאיילט פאָלק, ווייל איר האָט מקדים געווען אייער מויל פאַר אייערע אויערן. צוערשט האָט איר געברויכט צו הערן: וועט זיך אייך לוינען — וועט איר אָננעמען, אויב ניט — וועט איר ניט אָננעמען. האָט אים רבא געענטפערט: מיר, וועלכע זוכען צו דערגרייכען שלימות, פולשטענדיגקייט, ווערט אויף אונז געשריבען „די גאַנצקייט פון די ערליכע וועט זיי פירען״, אָבער די מענשען, וואָס לערנען בלויז פון געשעהענישען, ווערט אויף זיי געזאָגט „די קרומקייט פון פאַלשע וועט זיי ברעכען (שבת פ״ח, ע״א).

„שמעו שמוע ואל תבינו״ — איר ווילט פריער הערן, כאָטש איר קאָנט ניט פאַרשטיין, זאָגט דער נביא צו די אידען אין דער היינטיגער הפטרה, ניט ווי אייערע עלטערן, וועלכע האָבען מקדים געווען „נעשה״ פאַר „נשמע״ און זיינען געווען גרייט אויסצופירען אַלע באַפעלען פון גאָט, איידער זיי האָבען נאָך געהערט, וואָס ער האָט זיי צו זאָגען. אין דעם באַשטייט דער אונטערשייד פון אַ פאָלק, וואָס וויל זיין זעלבסטשטענדיג און האָט אמונה, אַז זיין גאָט וועט אים ניט פאַרלאָזען, און אַ פאָלק, וואָס האָט פאַרלאָרען זיין אמונה און שרעקט זיך פאַר זיין אייגענעם שאָטען.

דריי מאָל, זאָגט אונז דער פסוק, האָבען די אידען אויסגערופען „נעשה״, מיר וועלען טאָן, איידער משה האָט פון זיי געהערט דאָס וואָרט „נשמע״, מיר וועלען הערן. „בשעה שאמר להם משה, תעבדון את האלקים על ההר הזה, אָמרו לו ישראל, משה רבנו, אימתי עבודה זו? אמר להם לסוף חמשים יום, והיו מונין כל אחד ואחד לעצמו״ — ווען משה האָט געזאָגט צו די אידען, איר וועט דינען גאָט אויף דעם באַרג, האָבען זיי געפרעגט, ווען וועט זיך דאָס אָנפאַנגען? האָט ער זיי געענטפערט: צום סוף פון פופציג טעג. דאָן האָט יעדער איד אָנגעפאַנגען ציילען טאָג פאַר טאָג (ר״ן סוף פסחים). זיי זיינען

געווען אַזוי בייגעריג מקבל צו זיין די תורה, אַז זיי האָבען זיך ניט געקאָנט דערוואַרטען אויף דער גרויסער געשעהעניש. און אַז משה האָט זיי איבערגע־געבען די ווערטער פון גאָט: „ועתה אם שמע תשמעו בקולי — והייתם לי סגולה" — און איצט, אויב איר וועט זיך גוט צוהערען צו מיין שטים, וועט איר ווערען מיין אויסדערווײלט פאָלק, „ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ה' נעשה" — האָט דאָס גאַנצע פאָלק פאַראייניגט געענטפערט, און זיי האָבען געזאָגט: אַלץ, וואָס גאָט האָט באַפוילען, וועלען מיר טאָן. כאָטש ער זאָגט זיי, אַז זיי זאָלען צוערשט הערען, האָבען זיי געהאַט אַזוי פיל אמונה אין אים, אַז זיי זיינען געווען גרייט אויסצופאָלגען אַלע זיינע באַפעלען נאָך איידער זיי הערען וואָס ער האָט זיי צו זאָגען.

אַ צווייטען מאָל האָט עס פאַסירט גלייך נאָך קבלת התורה, ווען משה איז אַרונטער פון באַרג. „ויספר לעם את כל דברי ה' ואת כל המשפטים" — און ער האָט איבערגעגעבען דעם פאָלק אַלע ווערטער פון גאָט און אויך אַלע משפטים, „ויען כל העם קול אחד ויאמרו כל הדברים אשר דבר ה' נעשה" — האָט דאַן דאָס גאַנצע פאָלק אויסגעשריען מיט איין קול און געזאָגט: אַלע ווערטער, וואָס גאָט האָט גערעדט, וועלען מיר טאָן. זיי זענען געווען אַזוי איבערראַשט און באַגייסטערט פון וואָס זיי האָבען געזעהען און געהערט ביים באַרג סיני, אַז זיי האָבען ניט געוואָלט הערען משה'ס דערקלערונגען, זיי זענען געווען גרייט אויסצופאָלגען אַלץ, וואָס ער וועט זיי הייסען. ערשט, אַז משה האָט פאַרשריבען אַלע ווערטער פון גאָט „ויקרא באזני העם" — און האָט עס פאַרגעלייענט פאַר די אויערען פון דעם פאָלק, „ויאמרו כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע", דאַן האָבען זיי געזאָגט: אַלץ, וואָס גאָט האָט גערעדט, וועלען מיר טאָן און הערען. אויף דעם באַמערקען מאַנכע פון די חז"ל „בתחילה אמרו נעשה ונשמע, חזרו ואמרו אלה אלקיך ישראל" — צוערשט האָבען זיי געזאָגט „מיר וועלען טאָן און הערען", און גלייך באַלד האָבען זיי חרטה געהאַט און געזאָגט אויף דעם עגל הזהב, אַז דאָס איז דיין גאָט ישראל (אבות דרבי נתן פ"כ). אַזוי גיך ווי מענשען ווילען שוין הערען, צי עס לוינט זיך פאַר זיי, איז אַ סימן, אַז זיי צווייפלען שוין אין זייער גלויבען און זוכען שוין אייגענוצען, וואָס פירט צו דינען דעם עגל־הזהב.

די קעניגע פון יהודה, איבערהויפט דער מלך אחז, האָט זיך געזוכט צו שמייכלען צו די אַרומיגע שכנים און ער האָט איינגעפירט אַ סך רעפאָרמען אין דער עבודה. די פירער פון פאָלק האָבען פאַרלאָרען זייער אמונה אין גאָט

און זיינען בלויז געקומען הערען די סערמאָנס פון די נביאים, אָבער ניט צו טאָן דאָס, וואָס די תורה הייסט זיי. און דער נביא באַקלאָגט זיך: „השמן לב העם הזה ועיניו השע" — דאָס האַרץ פון דעם פאָלק איז פאַרגאָסען געוואָרען מיט פעטס און זיינע אויגען זיינען אויסגעקרימט געוואָרען. אַלץ, וואָס אים אינטערעסירט, איז פעטקייט, רייכטום, און כדי דאָס צו באַקומען, וואַרפט ער זיינע אויגען אַהער און אַהין און זוכט נאָכצומאַכען זיינע ניט־אידישע שכנים אין אַלע זייערע מנהגים און אויפפירונגען.

זיי לאַכען אָפּ פון זייערע אַלטע טאַטעס, וועלכע האָבען אָנגענומען די תורה ווי זי איז. זיי זאָגען צו זיי: „ברישא איבעי' לכם למשמע, אי מציתו קבליתו ואי לא, לא קבליתו" — צוערשט האָט איר באַדאַרפט הערען, אויב עס לוינט זיך פאַר אייך — נעמט עס אָן, און אויב ניט — וואַרפט עס אָפּ. זיי טענה'ן, אַז די תורה איז ניט מן השמים און יעדע קהלה קאָן זיך פירען ווי זי וויל און ווי עס לוינט זיך פאַר איר. און רבא ענטפערט אָט די צדוקים: מיר, וועלכע גלויבען אין גאָט, זוכען צו דערגרייכען די שלימות, די גאַנצקייט פון זיינע אידעאַלען. דערפאַר ווערט אויף אונז געשריבען „תומת ישרים תנחם" — די גאַנצקייט פון די ערלעכע וועט זיי פירען. טויזענטער יאָרען האָבען מיר עקזיסטירט און זיינען ניט אונטערגעגאַנגען, ווייל אונזער גלויבען האָט אויפגעהאַלטען די גאַנצקייט פון אונזער פאָלק. איר אָבער, וועלכע זוכען „עלילותא", מאַטעריעלע דערגרייכונגען, אויף אייך ווערט מקוים דער „וסלף בוגדים ישדם", די קרומקייט פון די פאַלשע פאַררעטער וועט זיי ברעכען. אין אַלע וועלט־איבערקערענישען זיינען זיי די ערשטע צו ליידען און פאַרניכטעט צו ווערען.

משפטים

א.

אַלע דינים זיינען אונז געגעבען געוואָרען פון באַרג סיני

ואלה המשפטים.

„ר' ישמעאל אומר „ואלה" מוסיף על הראשונים, מה עליונים מסיני אף תחתונים מסיני" — רבי ישמעאל דערקלערט, אַז דאָס וואָרט „ואלה", וואָס מיינט „אויך די", איז אַ צולייג צו די ערשטע. פונקט אַזוי ווי די עשרת הדברות קומען פון סיני, אַזוי אויך די ווייטערדיגע דינים קומען פון סיני (מכילתא).

די עשרת הדברות, די צעהן געבאָט, וואָס די אידען האָבען געהערט ביים באַרג סיני, זיינען די גרונדלאַגען פון אַלע דינים און משפטים, וואָס שטעלען צוזאַמען די אידישע תורה. זיי אַנטהאַלטען דעם גאַנצען געדאַנקען־גאַנג פון אונזערע באַציהונגען „בין אדם למקום", פון מענש צו גאָט און אויך „בין אדם לחבירו", פון מענש צו מענש. ביי אונז אידען איז די אמונה ניט אָפּגעטיילט פון לעבען, אין געגענטייל, זי איז אונזער גאַנץ לעבען. אונזערע „עשה'ס" און „לא תעשה'ס", וואָס מיר זאָלען טאָן און וואָס מיר טאָרען ניט טאָן קומען ארויס פון איין גרונט־אידייע, ווי צו דערהויבען דעם מענשען צו אַ העכערער שטופע, אַז זיין לעבען זאָל זיין וואָס שענער און בעסער. ניט מיר האָבען צוגעלייגט און ניט מיר קאָנען עטוואָס צולייגען צו דער גרונט־אידייע. אַלץ וואָס אונזערע געזעצ־געבער פון משה רבנו און ווייטער האָבען אויפגעטאָן איז געווען בלויז צו אַנט־וויקלען, אויסברייטערען און מאַכען פאַרשטענדליך אָט די הויפּט־אידייע, וואָס איז דער „קווינט־עסענץ", דער שווער־פונקט פון די צעהן געבאָט, וואָס מיר האָבען געהערט ביים באַרג סיני.

אין דעם אונטערשיידעט זיך די אידישע אמונה פון אַלע אַנדערע אמונות אין דער וועלט. זי איז מעהר אַן ערדישע ווי אַ הימלישע. „דברה תורה בלשון

בני אָדם״ — די תורה רעדט אין אַ מענשליכען לשון. אונזער רעליגיע פאַר־לאַנגט פון אונז ניט צופרידענצושטעלען די גאָטהייט מיט אויפגעבען אַלע ערדישע ענינים און זיך אָפּגעבען בלויז מיט הימלישע זאַכען. „וחי בהם כתיב״, עס איז געשריבען אין דער תורה — זאָגען אונז די חז״ל — אַז מיר אידען זאָלען לעבען מיט אירע געזעצען „ולא שימות בהם״, און ניט שטאַרבען פון זיי. צו פייניגען דעם לעבען כדי צו געפינען חן אין די אויגען פון גאָט איז געגען דעם הויפט געדאַנק פון אונזער תורה.

אויך די אַלע דינים, וואָס האָבען צו טאָן מיט דעם „בין אָדם למקום״, מיט די פליכטען, וואָס דער מענש מוז אויספילען פאַר גאָט, זיינען מעהר עטיש ווי רעליגיעז. זיי האָבען מעהר צו טאָן מיט דער אויסאיידלונג און פאַרפיינערונג פון דעם מענשען׳ס כאַראַקטער, כדי אַז זיין פאַרקער מיט זיינע מיטמענשען זאָל זיין הומאַניש און יושר׳דיג. וואָס אונזער אמונה זוכט איז „הכנעה״, די אונטער־וואָרפענקייט צו דער גאָטהייט, וואָס מער דער איד אָנערקענט די אויי־בערהערשאַפט פון גאָט, אַלץ מעהר וועט ער זיך אײדעלער באַנעמען צו זיין חבר און וועט זיין פרייגיביגער צו זיין נויטבאַדערפטיגען שכן.

לויט נאָך די הערקלערונגען פון אונזערע חז״ל, זיינען אַלע תפילות און ברכות, וואָס אַ איד דאַרף מקיים זיין, מער געצילט פאַר דעם מענשען ווי פאַר גאָט. „תוספת״ אין „ברכות״ גיט אונז דעם טעם פון די „ברכות הנהנין״, די פאַרשיידענע ברכות, וואָס אַ איד דאַרף מאַכען איידער ער געהט הנאה האָבען אָדער געניסען פון אַ זאַך. זיי זאָגען, אַז מיט דער ברכה באַשטעטיגט דער איד און אָנ־ערקענט, אַז אַלץ וואָס ער באַזיצט איז אייגענטליך ניט אין גאַנצען זיינס; דאָס איז אים געגעבען געוואָרען פון גאָט. די דאָזיגע אָנערקענונג מאַכט אים מעהר מענש־ליך און לערנט אים צו זיין פרייגיביג און טיילען זיין פאַרמעגען מיט זיינע אָרימערע ברידער.

אונזערע חכמים האָבען אימער געלייגט גרויס געוויכט אויף די עבירות, וואָס אַ מענש באַגייט קעגען זיינע מיטמענשען. זיי זאָגען: „הביא אשמו עד שלא הביא גזילו לא יצא״ — אַז איינער באַ׳גזל׳ט זיין חבר, מוז ער אים אומקערען צוריק זיין גזילה און דערנאָך ברענגען אַ „קרבן אשם״ — אַ שולד־אָפּפער צו גאָט פאַר דער עבירה, וואָס ער איז באַגאַנגען. האָט ער אָבער פריהער געבראַכט זיין קרבן איידער ער האָט אומגעקערט די גזילה און גוט געמאַכט דעם שאָדען, איז ער ניט יוצא (ב״ק ק״י). זוכען צו דינען גאָט אויף דעם חשבון פון זיין חבר, פון זיין מיטמענש, איז קעגען דער עטיק פון אונזער גלויבען.

זיי זאָגען ווייטער: „עבירות שבין אדם למקום יה״כ מכפר, עבירות שבין אדם לחבירו אין יום הכיפורים מכפר עד שירצה את חברו״ — פאַר די זינד, וואָס אַ מענש באַגייט קעגען גאָט איז דער פאַסטען יום כיפור און בעטען מחילה פאַר זיינע זינד געננג צו קריגען פאַרגעבונג. אויף די עבירות אָבער, וואָס איינער באַגייט קעגען זיינע מיטמענשען איז יום כיפור ניט מכפר, ביז ער זאָל אים ניט איבערבעטען און אים באַפרידיגען. צו שאַדען טאָן אַ מענשען און אים שלעכט באַהאַנדלען אויף דעם סמך, אַז ער וועט נאָכדעם תפילה טאָן צו גאָט און בעטען פאַרגעבונג איז אַ פאַרברעכען. דער חטא פאַרבלייבט, ווייל דער עיקר פון די תפילות זיינען צו פאַרהיטען, אַז אַזעלכע עבירות זאָלען ניט באַגאַנגען ווערען.

„מה עליונים מסיני אף תחתונים מסיני״ — אַזוי גוט ווי די העכערע פליכטען, די מצוות, וואָס האָבען צו טאָן מיטן הימעל זיינען אונז געגעבען געוואָרען אויפ׳ן באַרג סיני, אַזוי אויך די מצוות, וואָס האָבען צו טאָן מיט דער ערד, די פליכטען פון מענש צו מענש, קומען צו אונז פון באַרג סיני. אונזערע געזעצען זיינען ניט קיין מענשען־געמאַכטע, זיי קומען פון גב״ה אַליין און מוזען אָפּגעהיט ווערען, אויב מיר ווילען לעבען לויט די פאָרשריפטען פון אונזער תורה. מיר טאָרען ניט צולייגען אָדער אָראָפּנעמען פון די ווערטער פון אונזער תורה. „מה שהנביאים עתידים להתנבאות בכל דור ודור קבלו מהר סיני״ — וואָס די נביאים וועלען פּראָפעצייען אין די שפּעטערדיגע דורות, האָבען זיי באַקומען פון באַרג סיני (תנחומא יתרו). אונזערע דינים און משפטים זיינען אייביגע קייט, וואָס ציהט זיך פון קבלת התורה ביז היינט צו טאָג. אויב אַ איד נעמט אָן אַ נייע אידייע, מוז זי זיין באַגרינדעט, אָדער אין איינקלאַנג, מיט די לערען פון באַרג סיני.

הפטרה

מען מוז אַמאָל גיין לפנים משורת הדין

לא שמעתם אלי לקרא דרור איש לאחיו.

„אמר ר׳ אלעזר מנין לדיין שלא יפסע על ראשי עם קדוש, תלמוד לומר ולא תעלה במעלות על מזבחי, וסמיך לו ואלה המשפטים״ — רבי אלעזר דער־קלערט, פון וואַנען איז געדרונגען, אַז אַ דיין זאָל ניט טרעטען איבער די קעפּ

פון דעם פאָלק? דאָס לערנען מיר אַרויס פון דעם, וואָס גלייך נאָך דעם פסוק, דו זאָלסט ניט אַרויפגעהן מיט טרעפּ אויף מיין מזבח, ווערט געזאָגט: „און די זיינען די געזעצן" (מכילתא).

די דינים פון דער תורה זיינען אין דעם תלמוד באַקאַנט מיט דעם נאָמען „הלכות". לויט דער מיינונג פון אונזערע חכמים זיינען די אידישע דינים ניט סתם טרוקענע געזעצן, נאָר זיינען דירעקטיווען ווי דער מענש זאָל זיך אויפפירען. „הלכה" מיינט גאַנג, אַזוי מוז אַ איד גיין, כדי צו דערגריי־כען דעם געדאַנק פון דער תורה. דערפאַר זיינען כמעט אַלע געזעצען „בין אדם לחברו", פון מענש צו מענש, איבערגעגעבען געוואָרען צו די רבנים פון יעדען דור מיט דאָס רעכט זיי צו דערקלערען און אויסטייטשען לויט דעם גאַנג פון אידישען לעבען אין זייער צייט. איך גלויב, אַז דאָס איז אייגענטליך דער טעם פון דעם דין אין דער גמרא, „אין מושיבין בסנהדרין זקן ומי שאין לו בנים", מען זאָל ניט אויפנעמען אין די סנהדרין אַ דיין, וואָס איז אַלט אָדער וואָס האָט קיינמאָל קיין קינדער ניט געהאַט (סנהדרין ל"ז ע"ב). אַזעלכע דיינים זיינען צו שטרענג, ווי רש"י דערקלערט, זיי געדענקען שוין ניט אָדער ווייסען ניט דעם צער פון האָדוען קינדער „ואיננו רחמני", און זיינען ניט באַרמהאַרציג. מען מוז דעם געזעץ אויסטייטשען לויט דער „הלכה", דעם לעבענס־גאַנג, און אויף דעם מוז דער דיין זיין גוט באַקאַנט מיט די אומשטענדען פון דעם פלאַץ און דער צייט.

ניט אַלע מאָל קאָן מען גיין מיט דעם „חומר הדין", די האַרבקייט פון דעם געזעץ. איבערהויפּט ווען די אומשטענדען זיינען אַזעלכע, וואָס מאַכען אוממעגליך פאַר דעם פאָלק נאָכצוקומען די בוכשטעבליכע מיינונג פון דעם דין אָדער משפט. אין אַזאַ צייט זאָל דער רב אָדער דיין ניט זיין אַ „פוסע על ראשי עם קדוש", טרעטען איבערן קאָפּ פון דעם פאָלק און אים נויטען דורכצו־פירען דעם געזעץ מיט זיין גאַנצער האַרבקייט. דאָן מוז מען גיין „לפנים משורת הדין", מיט איינזעהעניש פאַר דער לאַגע פון דעם פאָלק.

ירמיהו הנביא אין דער היינטיגער הפטרה גיט איבער אַ היסטאָרישען פאַקט, וואָס האָט געטראָפען אין זיין צייט. פאַר די צייטען פון די קעניגע יהואחז און יהויכין איז דאָס לאַנד יהודה שטאַרק פאַראָרימט געוואָרען. פריהער מצרים און נאָכדעם בבל האָבען געדריקט די קליינע יהודה און אויף אירע איינוואוינער אַרויפגעלייגט זעהר שווערע שטייערען. די באַפעלקערונג האָט געליטען נויט און דחקות. פיל פון די אָרימערע קלאַסען האָבען זיך פשוט פאַרקויפט אַלס קנעכט

צו די רייכערע, אום צו קאָנען באַצאָלען די שווערע צינזען, וואָס די רעגירונג האָט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען.

מיט דעם אויפקום פון צדקיהו אַלס קעניג פון יהודה, האָט פאַר אַ קורצער צייט אויסגעוויזען, אַז די לאַגע פון די אידען האַלט ביי לייכטער ווערען. ירמיהו הנביא האָט דאַן געווירקט אויף דעם נייעם קעניג, ער זאָל פּראָקלאַמירען איבער דעם לאַנד: „לשלח איש את עבדו ואיש את שפחתו העברי והעבריה חפשים״ — דאָס יעדער ביי וועמען עס דינט אַ אידישער מאַן אָדער פרוי, זאָל זיי פריילאָזען. די האַרען און די רייכערע פון דעם פאָלק האָבען צוערשט איינגעשטימט און טאַקע באַלד פרייגעלאָזען זייערע אידישע קנעכט און דינסטען. עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און זיי האָבען חרטה געהאַט אויף זייער נאָבעלען שריט. באַנוצענדיג זיך מיט דעם געזעץ, וואָס זאָגט, אַז זיי מעגען האַלטען זייערע דינער פאַר גאַנצע זעקס יאָר, האָבען זיי געצוואונגען די פריי־געלאָזענע צוריקצוקערען זיך צו זייער אַרבייט און זיי ווייטער דינען.

ירמיהו שטורעמט קעגען זיי אין דער היינטיגער הפטרה און גרייפט זיי שטאַרק אָן, ווארום זיי באַנוצען זיך מיטן „חומר הדין״, די האַרבקייט פון דעם געזעץ, און ווילען ניט טאָן לפנים משורת הדין, מיט איינזעהעניש, לויט די אומשטענדען פון דעם לאַנד. ער זאָגט זיי: איר האָט זיך אָנטזאָגט צו טאָן „את הישר בעיני״, וואָס איז רעכטפאַרטיג אין מיינע אויגען, און איר ווילט דווקא שטרענג דורכפירען דאָס וואָרט פון געזעץ. וועל איך אויך טאָן דאָס זעלבע מיט אייך. אויך איך וועל ניט האָבען קיין איינזעהעניש מיט אייך און וועל אייך באַשטראָפען לויט דער שטרענגקייט פון מיינע געזעצען פאַר די פאַרברעכענס וואָס איר זייט קעגען מיר באַגאַנגען. איר האָט זיך אָנטזאָגט פרייצולאָזען אייערע אידישע קנעכט. „הנני קורא לכם דרור — אל החרב, אל הדבר, ואל הרעב״ וועל איך דערפאַר פּראָקלאַמירען פרייהייט פאַר דעם שווערד, פאַר מגפות און פאַר הונגער אייך צו באַפאַלען און מאַכען „לזועה לכל ממלכות הארץ״, פאַר אַ שרעקליכקייט פאַר אַלע קעניגרייכען פון די אַרומיגע לענדער.

אויך די געזעצגעבער — זאָגט דער מכילתא — טאָרען ניט טרעטען איבער די קעפּ פון דעם פאָלק. פּונקט ווי מען קאָן ניט טרעטען איבער דעם מזבח אין זאָכען, וואָס האָבען צו טאָן מיט דער גאָטהייט, אַזוי איז אויך מיט די משפטים פון דער תורה פאַר די פליכטען פון מענש צו מענש. די תורה איז מאָסגעבענד און אויך באַרמהאַרציג. מען טאָר ניט אַרויפצווינגען אויף דעם פאָלק אַזעלכע גזירות, וואָס ער קאָן ניט פאַרטראָגען.

ב.

דער קוואַל פון אידישער אייביגקייט

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם.

„בשעה שיבא הקץ יאמר הקב"ה לישראל: „תמה אני, האיך המתנתם ככה זמן ארוך? ויאמרו ישראל לולא התורה שנתת לנו היו אומות העולם מאבדים אותנו" — ווען די ענטגילטיגע גאולה וועט קומען, וועט דער אויבערשטער זאָגען צו די אידען: מיך וואונדערט, ווי האָט איר געקאָנט וואַרטען אַזאַ לאַנגע צייט? און די אידען וועלען ענטפערען: ווען ניט די תורה, וואָס דו האָסט אונז געגעבען, וואָלטען די פעלקער פון דער וועלט אונז אומגעבראַכט (בית המדרש ח"ו).

ביים באַרג סיני האָט זיך אָנגעהויבען שמידען די קייט פון אידישער אייביג־קייט, וועלכע ציט זיך נאָך אַלץ, ביז מיר וועלען דערגרייכען דעם „אחרית־הימים" — די גלאָררייכע צוקונפט, וואָס איז אונז דאָרט פאַרשפּראָכען געוואָרען. צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער בריאה האָבען מענשען־קינ־דער פון פלייש און בלוט געהערט די שטים פון דעם באַשעפער פון דער וועלט און מקבל געווען אַ תורה, וועלכע איז דער קוואַל פון אייביגקייט פאַר אַלע, וועלכע פאָלגען אויס אירע געזעצען און פאַרשריפטען. גרויסע און וואונדערבאַרע נסים האָבען די אידען דורכגעלעבט זינט זיי האָבען פאַרלאָזען מצרים — דער גרעסטער נס פון וועלכע איז געווען „קריעת ים סוף", די שפּאַלטונג פון דעם רויטען ים, וואָס האָט זיי אויף אייביג באַפרייט פון די עגיפּטער. אָבער ווי קליין און אומבאַדייטענד איז די שפּאַלטונג פון א ים צו מאַכען אַ וועג פאַר בלויז איין דור פון ששים רבוא, אין פאַרגלייך מיט דער שפּאַלטונג פון די אויבערשטע הימלען, פון וואַנען עס האָט פאַר זיי אַרויסגעשיינט אַ געטליך ליכט, וואָס באַלייכט די וועגען פון דער גאַנצער מענשהייט פאַר אַלע דורות!

„שלשה דברים נתן משה נפשו עליהם ונקראו על שמו: ישראל, תורה והדינים" — פאַר דריי זאַכען האָט משה אַוועקגעגעבען זיין לעבען, און זיי אַלע וועלען זיך רופען אויף זיין נאָמען: די אידען, די תורה און די געזעצען (שמו"ר ל'). דאָס פאָלק ישראל, פאַר וועמען ער האָט זיך פיל מאָל מוסר נפש געווען אין מצרים און אין דער מדבר, ביז ער האָט פון אים געמאַכט אַן „עם סגולה",

אַז אויסדערוויילט פאָלק, וועט זיין באַקאַנט אין דער געשיכטע אַלס „עם משה", משה'ס פאָלק; די תורה, פאַר וועלכער ער האָט געשפּאָלטען די הימלען און געקעמפט מיט די מלאכים, כדי זי אַראָפּצוברענגען אויף דער ערד און זי איבערצוגעבען צו זיין פאָלק, וועט זיך רופען „תורת משה" משה'ס תורה; די דערהויבענע הומאַנישע דינים, וועלכע ער האָט זיך אונטערגענומען צו לערנען זיין פאָלק, ווערען אויך פאַררעכענט אויף זיין קרעדיט — „דת משה", משה'ס געזעצען.

„ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם" — און דאָס זיינען די געזעצען, וואָס דו זאָלסט פאַר זיי פאַרלייגען. ביים באַרג סיני, זאָגט גאָט צו משה'ן, האָבען זיי פון מיר געהערט בלויז די „עשרת הדברות", די צען געבאָט, וואָס זיינען דער „קווינטעסענץ", דער הויפּט־געדאַנק פון דער גאַנצער תורה. איצט גיי און דערקלער זיי די אַלע דינים, וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט דער דורכפירונג פון די „עשרת הדברות". אונזערע „עשה'ס" און „לא תעשה'ס", וואָס מיר זאָלען טאָן און וואָס מיר זאָלען נישט טאָן, קומען אַרויס פון איין גרונט־אידייע, ווי צו דערהויבען דעם מענשען צו אַ העכערער שטופע, אַז זיין לעבען זאָל זיין וואָס שענער און בעסער.

דאָס איז צוגעגליכען, זאָגט דער מדרש, צו אַ דאָקטאָר, וואָס האָט באַזוכט צוויי חולאים אין איין הויז. פאַר איינעם האָט ער דערלויבט זיינע בני־בית אים צו געבען עסען און טרינקען וויפיל און וואָס ער וויל; פאַר דעם צווייטען האָט ער אָבער באַפוילען, אַז זיי זאָלען זיך אָפּהיטען און ניט געבען אים עסען אָדער טרינקען דאָס אָדער יענעס. אַז די בני־בית האָבען אים געפרעגט וואָרום ער מאַכט אַזאַ גרויסען אונטערשייד פון איינעם ביז דעם צווייטען, האָט ער זיי געענטפערט: „החולה הראשון אינו של חיים" — דער ערשטער חולה וועט ניט לעבען, זיינע טעג זיינען געציילטע, זאָל ער הנאה האָבען פון וואָס ער וויל פאַר דער קורצער צייט וואָס ער לעבט. דער צווייטער איז אָבער „של חיים", ער האָט אַלע שאַנסען געזונט צו ווערען און לעבען פאַר אַ לאַנגער צייט — מוז ער זיך אָפּהיטען ניט צו עסען אָדער טרינקען אַזעלכע זאַכען, וואָס קאָנען אים שאַדען. אַזוי איז אויך מיט די אידען: דער אויבערשטער וויל, אַז זיי זאָלען לעבען אייביג, דערפאַר האָט ער זיי אָנגעזאָגט וואָס זיי זאָלען יאָ טאָן און וואָס זיי טאָרען ניט טאָן, כדי זיי זאָלען בלייבען ביי זייער געזונט (מדרש תנחומא).

די דינים און משפטים פון דער תורה ווערען פון אונזערע חז"ל אָנגע־

רופען „הלכות", גאַנגען, וואָס מיינט, אַז זיי ווייזען אונז דעם ריכטיגען דרך, אין וועלכען מיר זאָלען גיין, כדי צו קאָנען אָנהאַלטען די אייביגקייט, מיט וועלכער ער האָט אונז געבענטשט. זיי זיינען ניט קיין טרוקענע געזעצען אָדער דאָגמען, זיי זיינען ליכט, וואָס באַלייכטען אונזער וועג און וועלען אונז פירען צום אייבי־גען גליק. די „אגדה" און די „קבלה" צייגען אָן אויף פילע פאַרבאָרגענע כוונות אין די פשוט'ע דינים פון אונזער תורה. מאַנכע פון זייערע אויסטייטשונגען זיינען העכסט טיפזיניג און ווייזען אונז די אידעאַלע זייט פון אונזער טראַדיציאָ־נעלען גלויבען. מיר וועלען דאָ איבערגעבען אייניגע פון זייערע באַמערקונגען איבער מאַנכע פסוקים פון דער היינטיגער סדרה.

„כל אלמנה ויתום לא תענון" — קיין אַלמנה אָדער יתום זאָלט איר ניט פייניגען. „רבי יוסי אומר אוהב ה' יתומים ואלמנות מפני שאין עיניהם תלויות אלא בו" — רבי יוסי זאָגט: גאָט האָט ליב די יתומים און אַלמנות, ווייל זייערע אויגען זיינען געווענדט נאָר צו אים. ווייל זיי האָבען ניט ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען, און אַזוי ווי ער איז דאָך דער „אבי יתומים", דער טאַטע פון יתומים, נעמט ער זיי אונטער זיין שוץ (שמו"ר פ' ל'). די חסידים דערציילען אַז יעדעס מאָל ווען רבי לוי יצחק בערדיטשיווער פלעגט צוקומען צו דעם דאָזיגען פסוק, פלעגט ער זיך פאַנאַנדערוויינען און אויסשרייען: „רבונו של עולם! אַזוי פיל מאָל ביזטו מזהיר אין דער תורה, אַז מען טאָר קיין יתומים ניט פייניגען. אַלע דיינע אידען זיינען דאָך בלינדע יתומים אין דער וועלט — טאָ וואו איז דיין רחמנות אויף אונז און ווי אַזוי קאָנסטו דערלאָזען, אַז מיר זאָלען טויזענטער יאָרען אַזוי שרעקליך געפייניגט ווערען פון אַלע זייטען".

„אם כסף תלוה את עמי, את העני עמך" — אויב דו וועסט געלט לייען מיין פאָלק, דעם אָרימאַן ביי דיר, זאָלסטו אים ניט צו־שטאַרק מאָנען און ניט אָרויפלייגען קיין שווערע פּראָצענטען. עס האָט דאָך דער באמת געדאַרפט שטיין „אם כסף תלוה את העני עמך" — אויב דו וועסט געלט לייען דעם אָרימאַן ביי דיר. וואָרום האָט דער פסוק צוגעשטעלט די ווערטער „את עמי"? — זאָגט דער מדרש, אַז דאָס וואָרט עמי מיינט דאָ מיט מיר. אויב דו וועסט אָרויסהעלפען דיין אָרימען ברודער — וועסטו זיין מיט מיר. „מה אני איני מט לעולם אף אתה אינך מט לעולם" — פונקט ווי איך וועל קיינמאָל ניט פאַלען, אַזוי וועסטו אויך קיינמאָל ניט פאַלען. דער יעניגער, וועלכער העלפט אַנדערע, ווערט אַליין געהאָלפען אין צייט פון נויט (שמו"ר ר' ל').

עס ווערט דערציילט, אַז דער דובנער מגיד איז אַמאָל אַרומגעגאַנגען זאַמלען געלט פאַר גמילות חסדים אין שטאָט, כדי צו קאָנען העלפען קליינע געשעפטסלייט מיט הלוואות אָהן פּראָצענט. איז ער אויך אַריינגעקומען צום דאָקטאָר פון שטעטעל, וועלכער איז געווען אַ גרויסע גביר, אָבער נאָך אַ גרעסערער קמצן. אַז ער האָט זיך אָנטזאָגט אים צו געבען עפּעס, זאָגט צו אים דער דובנער: אַזוי ווי איר זענט דאָך אַ דאָקטאָר, וואָלט איך אייך וועלען פרעגען אַ מעדיצינישע פראַגע:

„די חז״ל אונזערע זאָגען, אַז אויב איינער איז קראַנק אויף קדחת, דאַרף ער זיך היטען און ניט עסען קיין פיש, מחמת פיש איז זעהר שעדליך צו דער דאָזיגער קרענק. היות ווי מיר פרומע אידען גלויבען דאָך, אַז אויף יענער וועלט וועט מען אונז געבען צו עסען פון לויתן, פרעגט זיך אַלזאָ: ווי איז, אַז איינער שטאַרבט פון קדחת, וועט ער מעגען דאָרט עסען פון לויתן אָדער ניט?

דער דאָקטאָר שמייכעלט פון דער דאָזיגער „מעדיצינישער פראַגע״ און אָנשטאָט אים, ענטפערט דער דובנער:

„לויט מיין מיינונג איז דאָ דער אויסוועג אַזוי: אויב דער פּאַציענט שטאַרבט צעטיילענדיג זיין פאַרמעגען אויף צדקה, וועט ער זיכער מעגען עסען פון לויתן, וואָרים ער האָט דאָך איבערגעלאָזט אויף דער וועלט אַ קדחת... דאַגעגען אָבער, אויב ער לאָזט זיין גאַנץ פאַרמעגען דאָ, וועט ער פון לויתן ניט טאָרען עסען, וואָרים ער וועט דאָך מיטנעמען מיט זיך אַ קדחת״... (ב. יאושזאָהן).

„מדבר שקר תרחק״ — פון אַ פאַלשער זאַך זאָלסטו זיך דערווייטערען. איר זאָלט ניט נושא פנים זיין די שטאַרקע. אָבער אויך פאַר דעם צד פון די שוואַכע זאָלט איר ניט איבערוועגען די וואָגשאָל פון גערעכטיגקייט. „ודל לא תהדר בריבו״ — אויך דעם אָרימאַן זאָלסטו ניט שאָנעווען אין זיין קריג. ניט שנאה אָדער קנאה, אויך ניט ליבע און רחמנות זאָלען ביי אייך זיין דער מאָסשטאָב פון אייער לעבען, ווייל יעדע פון זיי פירט אַרונטער פון וועג און פאַרקרימט די גלייכקייט. בלויז גערעכטיגקייט אין איר פולען זין זאָל זיין דער באַזיס פון אייער געזעלשאַפטליכען און פאָלקס־לעבען.

„אַ פאָלק וואָס האָט געהערט אַזעלכע דערהויבענע געזעצען״, זאָגט אחד העם, „אויב עס זאָל אפילו הונדערטער יאָרען זיין פאַרזונקען אין קנעכטשאַפט און דערנידעריגונגען, איז עס מעגליך, אַז עס זאָל זיך ווען ניט איז אויפהויבען

פון זיין נידעריגקייט און ניט פילען אין זיין טיפען הארץ דאס גרויסע ליכט, וואס שטראמט איבער אים און רייניגט אים פון אלע זיינע טומאות, פון אלע זיינע אומרייניגקייטען?" דער איבערשטער וועט זיך וואונדערען, ווי האבען אידען געקאנט אזוי לאנג אויסהאלטען און ווארטען פאר דער גאולה? אבער דער ענטפער איז „לולא התורה שנתת לנו היו אומות העולם מאבדים אותנו" — ווען ניט די תורה, וואלטען מיר שוין לאנג אונטערגעגאנגען. די תורה האט פאר אונז געשאפען דעם קוואל פון אייביגקייט.

הפטרה פרשה שקלים

דער שקל — א סימבאל פון אידישער פאראייניגונג

כל כסף הקדשים אשר יובא בית ה'.

„העכו"ם והכותי ששקלו אין מקבלים מהם" — אויב ניט-אידען שיקען אריין שקלים, זאל מען פון זיי ניט נעמען (ירושלמי, שקלים פ"א).

די חז"ל זאגען אונז: „משנכנס אדר מרבים בשמחה", ווען עס קומט אן דער חודש אדר, זאל מען פארגרעסערען די שמחה (תענית כ"ט), ווייל דער מאנאט אדר, אין דער אידישער געשיכטע, איז א העכסט פרייליכער. די גרויסע געשעהעניש פון „פורים", ווען דאס אידיש פאלק איז געראטעוועט געווארען פון פארניכטונג אונטער דער ממשלה פון אחשורוש און המן, איז פארגעקומען אין דעם חודש. אויך איז אין אדר געבוירען געווארען אונזער גרעסטער פירער און גרינדער, משה רבנו (קידושין ל"ו). ז' אדר, ד. ה. דעם זיבעטען טאג אין חודש, אין וועלכען משה איז געבוירען געווארען, ווערט פון די אידישע קהלות אין די אריענטאלישע לענדער נאך היינט געפייערט מיט א „הלולא", א גרויסע שמחה פאר דעם אנדענק פון דער דאזיגער העכסטער געשעהעניש.

און כדי די שמחה זאל זיין פול, האבען אונזערע חז"ל באשטימט דעם מאנאט אדר פאר דער אויפזאמלונג פון די שקלים-געלדער. „באחד באדר משמיעין על השקלים" — אין דעם ערשטען טאג פון מאנאט אדר הויבט מען אן אויסצורו־פען פאר שקלים (שקלים פ"א). פון די שקלים-געלדער פלעגט מען מקריב זיין דעם „קרבן תמיד", וועלכער הייסט אויך „קרבן צבור", דער טעגליכער פאלקס־

קרבן. מיט די געלדער האט מען אויך פאַרריכט די „בדקי הבית", די שפּאַלטען פון בית־המקדש, און אויך געצאַלט די שכירות צו די „חכמים המלמדים את הכהנים", די לערער, וועלכע האָבען אונטעררוכט די כהנים (ירושלמי שקלים פ"ד).

דעם שקל האָט געמוזט צאָלען יעדער איד; אויך די, וועלכע האָבען געוואוינט אין חוץ לארץ; אפילו כהנים, וועלכע זיינען געוויינליך פּטור פון אַלע שטייערען, האָבען געמוזט צאָלען דעם שקל. „כל כהן שאינו שוקל חוטא", דער כהן, וואָס באַצאָלט ניט זיין שקל, איז אַ זינדיגער (ירושלמי שקלים ח"א). פילע ווילען האָבען, אַז די מצוה פון שקלים איז איינע פון די העכסטע, ווייל ווען משה רבנו האָט געפרעגט דעם אויבערשטען: במה תרום קרן ישראל?" — מיט וואָס וועסטו דערהויבען דעם שטאָלץ פון די אידען? — האָט ער ער אים געענטפערט „בכי תשא", מיט דער מצוה פון שקלים (ב"ב י' ע"ב).

„דער שקל", זאָגט הרב יצחק ניסענבוים ע"ה, „איז דער סימבאָל פון אידישער פאַראייניגונג, אינערליך און אויסערליך. „זה יתנו כל העובר על הפקודים" — דעם שקל מוז געבען יעדער, וואָס וויל איינגעשלאָסען ווערען אין דער צאָל פון די אידען. „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט" — דער רייכער זאָל ניט געבען מער און דער אָרימער זאָל ניט געבען וויניגער. דאָס איז, כדי אָנצואווייזען, אַז פאַר גאָט זיינען אַלע גלייך. אויף דעם „קרבן תמיד", וואָס מען פלעגט ברענגען יעדען טאָג פון די שקלים־געלדער, ווערט גע'פסקנ'ט, אַז „אין יחיד מתנדב ומביא קרבן תמיד" — אַ יחיד קאָן ניט זיין מנדב צו ברענגען דעם „קרבן תמיד". דאָס איז אַ פאָלקס־קרבן, וועלכער פאַראייניגט אין זיך די בקשות פון דעם גאַנצען פאָלק, און אַ יחיד, ווי גרויס און רייך ער זאָל ניט זיין, קאָן דאָך ניט פאַרטרעטען דאָס גאַנצע פאָלק פאַר גאָט (מנחות ס"ה).

דער שקל האָט אויך געוויזען די אידישע אחדות פאַר דער אויסערליכער וועלט. „דער גרויזאַמער המן באַשולדיגט די אידען, אַז זיי זיינען אַן „עם מפוזר ומפורד" — אַ פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט צווישען אַלע פעלקער און אויך אָפּגעשיידט איינע פון די אַנדערע. זיי זיינען איינגעטיילט אין פאַרשיידענע לאַנדסמאַנשאַפטען און פאַרטייען, וועלכע רייסען זיך אָרום צווישען זיך, „ודתיהם שונות", אפילו זייערע רעליגיעזע מנהגים זיינען פאַרשיידען אין יעדען לאַנד. האָט אָבער דער אויבערשטער מקדים געווען די רפואה פאַר דער מכה און האָט איינגעפירט דעם שקל, וועלכער דינט זיי פאַר אַ סימבאָל פון פאַראייניגונג,

ווי די גמרא זאָגט: „גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל, לפיכך הקדים שקליהם לשקליו" — עס איז געווען אָפען און באַוואוסט פאַר דעם, וואָס האָט באַפוילען, און די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, אַז אין דער צוקונפט וועט המן צאָלען שקלים אויס'צו'הרג'ענען די אידען, האָט ער דערפאַר מקדים געווען זייערע שקלים פאַר זיינע (מגילה י"ג ע"ב).

„למה מחצית השקל" — וואָרום האָט גאָט אָנגעזאָגט צו געבען בלויז אַ האַלבען שקל און ניט אַ גאַנצען? — פרעגען די חז"ל. דאָס איז, זאָגט דער „בינה לעתים", אָנצודייטען, אַז יעדער איד פאַר זיך איז בלויז אַ האַלבער, און בלויז ווען ער פאַראייניגט זיך מיט זיין פאָלק און מיט זיין גאָט, ווערט ער אַ גאַנצער איד און באַקומט זיין „כופר נפש", די אויסלייזונג און רייניגונג פון זיין נשמה. דאָס אייגענטליך, זאָגט ווייטער דער „בינה לעתים", איז דער געדאַנק פון דעם באַוואוסטען מאמר פון הלל הזקן, וועלכער פלעגט זאָגען „אם אין אני לי מי לי וכשאני לעצמי מה אני, ואם לא עכשיו אימתי" — אויב איך טו קיין זאַך ניט פאַר זיך, ווער וועט עס פאַר מיר טאָן, און אויב ניט איצט — ווען? אַ מענש מוז אַרבייטען און ביישטייערען זיין חלק צו דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט; אויב ער פאַרלאָזט זיך אויף אַנדערע, האָט ער זיין חוב ניט דערפילט. אויב אָבער איינער אַרבייט בלויז פאַר זיין אייגענער טובה וועגען און האָט זיינע מיטמענשען ווייניג אין זינען, וואָס איז ער? ער וועט זיין אייגענס מיט אים ניט מיטנעמען און זיין גאַנצע מי וועט בלייבען פאַר פרעמדע. אויך זאָל קיינער זיינע פליכטען צו זיין פאָלק ניט אָפּלייגען אויף שפּע־טער, ווייל אויב ניט איצט — ווען? יעדער טאָג, וואָס גייט פאַרלאָרען, וועט זיך צוריק ניט אומקערען."

מיטן שקל פאַראייניגט זיך יעדער איד מיט זיין פאָלק און ווערט אַ גאַנ־צער מענש. אָט דערפאַר, זאָגען אונז די חז"ל, זיינען מיר ניט דערלויבט אָנ־צונעמען שקלים פון פרעמדע. כאָטש מען מעג אָננעמען פון ניט־אידען קרבנות און אויך נדבות פאַר דעם בית־המקדש אָדער פאַר אַנדערע הייליגטימער, אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט צום שקל, איז עס אַ שטרענג נאַציאָנאַלע אָנגעלעגענהייט, אין וועלכער קיין פרעמדע קאָנען זיך ניט באַטייליגען.

ג.

די גרונט־אידייען פון דער תורה

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם.

„זה שאמר החכם: „מלך במשפט יעמיד ארץ, ואיש תרומות יהרסנו". אם משים אדם עצמו כתרומה שמונחת בקרן זוית ואומר: מה לי בטורח הצבור? מה לי בדיניהם? מה לי לשמוע קולם? שלום עליך נפשי, הרי זה מחריב את העולם" — דאס איז, ווי דער חכם שלמה זאגט אין משלי (כ"ט): דער וואס הערשט מיט גערעכטיגקייט, בויט די וועלט. אבער דער, וואס האלט זיך גרויס און אפגעזונדערט, צעשטערט זי. אויב א מענש באטראכט זיך ווי תרומה, וואס ליגט אפגעזונדערט אין א ווינקעל, און זאגט: וואס קימערען מיך די אינטע־רעסען פון כלל? וואס האב איך צו טאן מיט זייערע געזעצען? וואס דארף איך הערען זייערע קולות? אבי איך לעב מיר רוהיג — אזעלכער צעשטערט די וועלט (מדרש תנחומא).

ביים בארג סיני האבען די אידען באקומען דעם אמת'ען באגריף פון דער גאטהייט. צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט האבען זיי געהערט פון גאט'ס מויל דעם הויפט געדאנק פון דער אידישער אמונה: „כי לי כל הארץ" — צו מיר באלאנגט די גאנצע וועלט. ניט ווי די אומות העולם דענקען, אז יעדע נאציע און מדינה האבען זיך זייערע אייגענע געטער, וועלכע הערשען אין זייערע גרעניצען און קעמפען איינער מיט דעם אנדערען און באַ־זיגען איינער דעם צווייטען. עס איז ניט אזוי. ניטא אין דער וועלט א גאט פון ישראל, א גאט פון מצרים און א גאט פון אנדערע אומות באזונדער. בלויז איין גאט איז דא, וואס איז אימער עקזיסטירענד. ער איז דער האר פון דער וועלט און ער באהערשט אלע פעלקער. אין זיינע הענט ליגט דער שיקזאל פון אלע באשעפענישען און קיין זאך ווערט ניט געטאן קעגען זיין ווילען.

אט דער גאט, אט דער רבונו של עולם, איז דער גאט פון אייערע עלטערען. די גאנצע וועלט איז זיין ארבייט און אלע מענשען זיינען באשאפען געווארען אין זיין פארם. אייך, די קינדער פון זיין ליבלינג אברהם, האט ער אויסגע־קליבען צו זיין פאר אים אן „עם סגולה", אן אויסדערוויילט און אויסגעצייכענט פאלק. איר זאלט הייליג מאכען זיין נאמען אין דער וועלט און איר זאלט דינען

אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער מענשהייט מיט אייערע דינים און משפטים, וועלכע זיינען באַגרינדעט אויף דעם גייסט פון אמת און יושר. „לא בשמים היא" — די תורה איז ניט געשאַפען געוואָרען פאַר די הימלען. איר הויפט תכלית איז דער מענש, איר ציל איז — אויסצואיידלען די כאַראַקטערען פון די מענשען, אַז זיי זאָלען אַלע גלייך געניסען פון דער וועלט. ווי דער גרויסער תנא הלל רעזומירט עס אין איינציגע ווערטער: „דעלך סני לחברך לא תעביד, זו היא כל התורה כולה, ואידך פירושה הוא, זיל גמור" — דאָס וואָס דו אַליין האַסט פיינט, זאָלסטו צו דיין חבר ניט טאָן, דאָס איז דער תמצית פון דער גאַנצער תורה. די איבעריגע דינים זיינען בלויז דערקלערונגען, וועלכע דו זאָלסט שטודירען, כדי צו קאָנען דערגרייכען דעם הויפט־ציל (שבת ל"א ע"א).

„ואלה המשפטים, אשר תשים לפניהם" — און דאָס זיינען די געזעצען, וואָס דו זאָלסט פאַר זיי פאַרלייגען. עס ווערט ניט געזאָגט „אשר תשים לפני בני ישראל" — וואָס דו זאָלסט פאַרלייגען פאַר די מענער פון ישראל, נאָר „לפניהם", פאַר זיי אַלעמען. „מכאן שהשוה הכתוב אשה לאיש לכל הדינים שבתורה" — פון דעם איז געדרונגען, אַז דער פסוק פאַרגלייכט די פרוי צום מאַן פאַר אַלע דינים אין דער תורה (קדושין ל"ה ע"א). ניט ווי די גריכישע פילאָזאָפיע, וואָס וויל האָבען, אַז בלויז די מענער זיינען דאָס פולקאָמסטע פון אַלע באַשעפענישען. די תורה לערנט אונז, אַז די פרוי איז אַ טייל פון דעם מאַן, און אַז דער מאַן אָהן דער פרוי איז בלויז אַ האַלבע שאַפונג. „בזמן ששניהם כאחד הם אדם, אין שניהם כאחד אינם קרויים אדם" — זיינען זיי ביידע צוזאַמען, זיינען זיי מענשען; זיינען זיי ניט ביידע צוזאַמען, קאָנען זיי זיך ניט רופען מענשען (קהלת רבה ט').

הרב זאב יעבץ, ע"ה, אין זיין „תולדות ישראל" (ח"א) זאָגט: אויב מיר טראַכטען זיך גוט אַריין אין די אַלע דינים פון דער סדרה משפטים, זעהען מיר, אַז זיי זיינען מערסטענס אַ דערקלערונג און אויסברייטונג צו די „עשרת הדברות", צו די צען געבאָט, וואָס די אידען האָבען געהערט פון גאָט אויפ'ן באַרג סיני. יעדער געבאָט ווערט באַגרינדעט אויף די פרינציפען פון צדק און יושר, וועלכע פירען דעם מענשען צו דער העכסטער שטופע פון פרייהייט און גליק. מיר וועלען דאָ איבערגעבען די „עשרת הדברות" און ווי זיי ווערען פיל אויסגעברייטערט אין דער סדרה:

ערשטער געבאָט: „איך בין דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגען פון לאַנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט" — דער געבאָט ווערט פיל אויס־

געברייטערט אין די דינים וועגען אידישע קנעכט, מיט וועלכע די סדרה פאַנגט זיך אָן. דער הויפּט וואונש פון דער אידישער אמונה איז צו פאַרזיכערען די פערזענליכע פרייהייט פון יעדען מענשען, וואָס איז דער יסוד פון אַלע תורה׳ס און מאגנא־קארטאס. די תורה פאַרבאָט, אין אַלגעמיין, דעם האַנדעל מיט אי־דישע קנעכט. אַ איד מעג פאַרדינגען בלויז זיין אַרבייטס־קראַפט, זיינע אַר־בייטס־שטונדען, אָבער ניט זיך אַליין. ער פערזענליך מוז בלייבען פריי. קויפען אַ אידישען קנעכט האָט מען נאָר געקאָנט פון בית־דין. אויב ער האָט גע׳גנבע׳ט און האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלען, האָבען בית־דין דאָס רעכט אים צו באַ־רויבען פון זיין פרייהייט דורך דעם, וואָס זיי פאַרדינגען זיין אַרבייטס־קראַפט פאַר אַ געוויסער צייט — ביז דער שאָדען ווערט באַצאָלט. „שש שנים יעבד״ — און אויך דאָן זאָל ער בלויז דינען זעקס יאָר, „ובשביעית יצא לחפשי״ — און אויפ׳ן זיבעטען יאָר זאָל ער אַרויס פריי. זיין פערזענליכע פרייהייט קאָן פון אים ניט אַוועקגערויבט ווערען פאַר אַ לאַנגער צייט.

צווייטער געבאָט: „עס זאָלען ביי דיר ניט זיין קיין אַנדערע געטער״ — דאָס ווערט אויסגעברייטערט אין דעם „לא תשתחוה לאלקיהם, ולא תעבדם״ — דו זאָלסט זיך ניט בוקען צו זייערע געטער און זיי ניט דינען, וויזט מען אַרויס צופיל כבוד פאַר פרעמדע קולטורען, ווערט מען זיי ענדליך דינען. טאַטעס און מאַמעס, וואָס ווערען שטאַרק נתפעל פון פרעמדע מנהגים און זוכען זיי נאָכצומאַכען אין זייערע הייזער און טעמפּלען, וועלען ענדליך פאַרלירען זייערע קינדער. „לא תכרות להם ולאלקיהם ברית״ — שניד ניט צו זיי און צו זייערע געטער קיין בונד. הויבט איר אָן צו שמייכלען צו זיי און זיי נאָכטאָן, וועלען אייערע קינדער, מיט דער צייט שליסען אַ בונד מיט זיי און פאַרלאָזען דעם אידישען לאַגער.

דריטער געבאָט: „דערמאָן ניט גאָט׳ס נאָמען אומזיסט״ — ניט נאָר זאָלסטו אַליין זיך ניט באַנוצען מיט גאָט׳ס נאָמען פאַר אַ פאַלשער זאַך, נאָר „לא תשא שמע שוא״ — דו זאָלסט אויך ניט פאַרטראָגען קיין פאַלשע נייעס, כאָטש יענער שווערט ביי גאָט, אַז עס איז אמת. „מדבר שקר תרחק״ — פון יעדער פאַלשקייט זאָלסטו זיך דערווייטערען. בלויז אמת און צדק זאָל זיין דער באַזיס פון אייער געזעלשאַפטליכען און פאָלקס לעבען.

פערטער געבאָט: געדענק דעם טאָג שבת, אים צו האַלטען הייליג. „**ששת** ימים תעשה מעשיך וביום השביעי תשבות״ — זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיין

אַרבייט און דעם זיבעטען טאָג זאָלסטו רוען, „למען ינוח שורך וחמורך, וינפש בן אמתך והגר״ — כדי עס זאָלען רוען אויך דיין אָקס, דיין אייזעל און עס זאָלען זיך אויסרוען דער זון פון דיין דינסט און דער פרעמדער. ניט נאָר דו זאָלסט האַלטען שבת, נאָר אויך אַלע, וועלכע אַרבייטען פאַר דיר. אויב דו ווילסט, אַז דיין פעלד זאָל פּראָדוצירען זיינע תבואות, גיב עס אויך אַ שבת, אַ רו־צייט. „שש שנים תזרע, והשביעית תשמטנה״ — זעקס יאָר זאָלסטו דאָס פעלד זייען און אויף דעם זיבעטען יאָר זאָלסטו עס לאָזען צורו. פאַר דעמדאָזיגען יאָר וועט עס קאָנען אָנקלייבען פרישע כוחות צו פּראָדוצירען וואָס מער די קומענדיגע זעקס יאָר.

פינפטער געבאָט: „רעספּעקטיר דיין טאַטען און דיין מאַמען״ — שלאָגען אָדער שילטען עלטערען איז אַ קאַרדינאַלער פאַרברעכען, פאַר וועלכען עס קומט טויט. אויך גייסטיגע עלטערען, דיינע רביים אָדער רבנים, זאָלסטו ניט באַליידיגען. „אלקים לא תקלל ונשיא בעמך לא תאור״ — דיינע גייסטיגע עלטערען זאָלסטו ניט גרינג־האַלטען און דעם פירער פון פאָלק זאָלסטו ניט שעל־טען.

זעקסטער געבאָט: „דו זאָלסט ניט מערדערען״ — דער געזעץ ווערט אויס־געברייטערט אויף פאַרשיידענע אופנים, ווי „מכה איש״, דער וואָס דער׳הרג׳עט אַליין אַ מענשען, אָדער זיינער אַן אָקס גיט אים אַ שטויס, אָדער ער פאַלט אַריין אין אַ גרוב, וואָס ער האָט געגראָבען, איז אויב די שולד פאַלט אויף אים, מוז ער באַצאָלען מיט זיין אייגענעם לעבען.

זיבעטער געבאָט: „דו זאָלסט ניט נואפ׳ן — דו זאָלסט האַלטען דיין פאַמיליען־לעבען ריין. „וכי יפתה איש בתולה״ — אַז איינער רעדט איין אַ מיידעל און זינדיגט מיט איר, „מהר ימהרנה לו לאשה״ — זאָל ער איר גלייך הייראַטען, און אויב איר פאָטער וויל ניט דעם שידוך, זאָל דער זינדיגער איר געבען נדן. אויך איז שטרענג פאַרבאָטען צו זינדיגען מיט בהמות און חיות.

אַכטער געבאָט: „דו זאָלסט ניט גנב׳ענען — דער געבאָט ווערט ברייט אַרומגערעדט אין דער סדרה און שליסט איין אַלע שאָדענס, וואָס איינער פאַר־אורזאַכט דעם צייטען פאַר אייגענע בענעפיטען.

ניינטער געבאָט: „דו זאָלסט ניט עדות זאָגען קעגען דיין פריינט פאַלשע עדות״ — דער דין ווערט אין דער סדרה ברייט אַרומגערעדט און שליסט אויך איין די שטראָפען, וואָס אַזאַ פאַרברעכער זאָל באַקומען.

צענטער געבאָט: „דו זאָלסט ניט גלוסטען אַוועקצונעמען פון דיין חבר, וואָס ער האָט" — דער געבאָט שליסט איין אַלע געזעלשאַפטליכע פאַרברעכענס, וועלכע ווערען אויסגערעכענט אין דער סדרה. „די עבירה „לא תחמוד", האָט אַמאָל געזאָגט ר' אהר'עלע קאַידאַנאָווער, „איז דער טריפ'ענער קוואַל, פון וועלכען אַלע אַנדערע עבירות ציען זייער פינסטערע גבורה. ווערט איינער פאַרכאַפּט פון דעם לוסט צו וועלען האָבען זיין חבר'ס הויז, זיין ווייב, זיין קנעכט, זיין דינסט, אָדער אַנדערע זאַכען, וואָס ער פאַרמאָגט, וועט ער זיך ניט אָפּהאַלטען פון עובר זיין אויף אַזעלכע געבאָטען ווי „לא תרצח", „לא תנאף", „לא תגנב" און לא „תענה". דער באַגער צו וועלען האָבען יענעמ'ס, וועט אים שוין פירען צו רויבען, מזנה צו זיין, גנב'ענען און זאָגען פאַלש עדות קעגען זיין חבר".

ווען משה האָט די אַלע משפטים פאַרגעלייגט פאַר די אידען, האָבען זיי אַלע אין איין קול אויסגעשריען: „כל הדברים אשר דבר ה' נעשה" — אַלע באַפעהלען, וואָס גאָט האָט גערעדט, וועלען מיר טאָן. אויף דעם באַמערקט דער אויבען ציטירטער מדרש, אַז אַלץ איז געווענדט אין דער דורכפירונג פון די געזעצען אין לעבען. לערנען די דינים אַליין איז ניט גענוג — מען מוז זיי טאָן. ווי שלמה המלך באַמערקט אין משלי: „מלך במשפט יעמיד ארץ ואיש תרומות יהרסנו" — דער וואָס הערשט מיט גערעכטיגקייט בויט די וועלט, אָבער דער, וואָס האַלט זיך העכער פאַר דער געזעלשאַפט און אַנטזאָגט זיך צו אַרבייטען פאַר דעם כלל, צעשטערט די וועלט. אויב איינער באַטראַכט זיך אַזוי גרויס און הייליג ווי תרומה, וואָס מוז זיין אָפּגעזונדערט פון אַנדערע תבואות, און וויל זיך ניט מישען אין די אינטערעסען פון פאָלק, ווייל אים שטייט ניט אָן צו פאַרקערען מיט דעם אַלגעמיינעם עולם, „הרי זה מחריב את העולם" — אָט אַזעלכער צעשטערט די וועלט.

איינער פון די גרויסע חסידישע רביים האָט אַמאָל געמאַכט די פאָלגענדע וויציגע באַמערקונג איבער דעם פסוק „וירא העם, וינועו, ויעמדו מרחוק" — דאָס פאָלק האָט געזעהן, זיך צעטרייסעלט און געשטאַנען פון דער ווייטענס. עס קאָן אַמאָל טרעפען, האָט דער רבי געזאָגט, אַז איינער זאָל זיין אַ „וירא", אַ מענש וואָס האָט געזעהן אַ סך און געלערענט אַ סך; ער קאָן אויך זיין אַ „וינועו", זעהר פרום, און זיך פיל שאָקלען ביים דאַווענען און לערנען, און דאָך זאָל ער זיין אַ „ויעמדו מרחוק", ווייט, ווייט אַוועק פון דעם באַרג סיני...

הפטרה

צוליב פאַרשקלאַפען אייגענע ברידער איז חרוב געוואָרען ירושלים

לבלתי עבד בם ביהודי אחיהו איש.

„אין לאדם בעולם דבר יותר קשה עליו מהיותו ברשות אדם כמוהו" — עס איז ניטאָ קיין ערגערע זאַך פאַר אַ מענשען אין דער וועלט, ווי צו זיין אונטערגעוואָרפען צו אַ צווייטען מענשען, זיין גלייכען (אבן עזרא).

די היינטיגע סדרה הויבט זיך אָן מיט דעם גרויסען פּרינציפּ פון פּערזענ־ליכער פרייהייט און לערנט אונז, אַז די תורה איז שטאַרק קעגען דעם האַנדעל מיט קנעכט, ווייל זי וויל, אַז אַלע אידען זאָלען זיין פרייע מענשען. אין דער הפטרה ווערט אונז איבערגעגעבען אַ היסטאָרישער פאַקט פון באַרויבען אידען פון זייער פּערזענליכער פרייהייט, וואָס האָט קעגען זיי אַרויסגערופען דעם צאָרן פון גאָט און דערנענטערט זייער חורבן.

פאַר די צייטען פון די קעניגען יהואחז און יהויכין איז דאָס לאַנד יהודה שטאַרק פאַראָרימט געוואָרען. פריער מצרים און נאָכדעם בבל האָבען געדריקט די קליינע יהודה, פאַרנומען גרויסע שטחים פון איר לאַנד און אַרויפגעלייגט אויף אירע איינוואוינער זעהר שווערע שטייערען. די באַפעלקערונג האָט געליטען גרויס נויט און דחקות. פיל פון די אָרימערע קלאַסען האָבען זיך פשוט פאַר־קויפט אַלס קנעכט צו די רייכערע, כדי צו קאָנען באַצאָלען די שווערע צינזען, וואָס די רעגירונג האָט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען. מיט דעם אויפקום פון צדקיהו אַלס קעניג פון יהודה האָט זיך די אידישע לאַגע פיל געבעסערט. בבל האָט זיך פאַרנומען קעגען מצרים און האָט די אידען פאַר אַ קורצער צייט געלאָזען צורו.

אויף דער אויפפאָדערונג פון ירמיהו הנביא האָט צדקיהו צוזאַמענגערופען אַלע רייכע אידען פון לאַנד און פון זיי פאַרלאַנגט: „לשלח איש את עבדו ואיש את שפחתו העברי והעבריה חפשים" — יעדער, ביי וועמען עס דינט אַ אידישער מאַן אָדער פרוי, זאָל זיי פריילאָזען. די אידישע האַרען און די אינדוסטריאַליסטען האָבען צוערשט איינגעשטימט און באַלד פריינעלאָזען זייערע אידישע קנעכט און דינסטען. דאָס האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. די רייכע באַלעבאַטים האָבען חרטה געהאַט אויף זייער גאָבעלען שריט און צוריק אָנגעהויבען דריקען

די פאַרשולדיגטע אָרימע מענשען, אַז זיי זאָלען זיי אָפּדינען פאַר די חובות, וואָס זיי קאָנען ניט באַצאָלען.

ירמיהו שטורעמט קעגען זיי פאַר ניט האַלטען זייער צוזאָג און וואָרענט זיי אין נאָמען פון גאָט, אַז דאָס וועט זיי פירען צו פאַרלירען זייער אייגענע פריי־הייט. ער זאָגט זיי: „לכן כה אמר ה׳: אתם לא שמעתם אלי לקרוא דרור איש לאחיו ואיש לרעהו" — דעריבער זאָגט גאָט אַזוי: איר האָט זיך ניט צוגעהערט צו מיר פריי־צולאָזען אייערע ברידער און אייערע פריינט, „הנני קורא לכם דרור אל החרב ואל הדבר ואל הרעב" — דערפאַר וועל איך פּראָקלאַמירען פרייהייט פאַר דעם שווערד, פאַר מגפות און פאַר הונגער אייך צו באַפאַלען און מאַכען „לזועה לכל ממלכות הארץ", פאַר אַ שרעקליכקייט פאַר אַלע קעניגרייכען פון די אַרומיגע לענדער.

ניטאָ קיין ערגערע זאַך פאַר דעם מענשען, זאָגט דער אבן עזרא, ווי צו זיין אונטערוואָרפען צו אַ צווייטען מענשען, זיין גלייכען. צו באַרויבען אַ מענשען פון זיין פערזענליכער פרייהייט, מיינט אויך אים צו באַרויבען פון זיין זעלבסטרעספּעקט און מענטשליכער ווירדע. איז איינער פאַרקנעכט, ווערט ער ביסלעכווייז פאַרוואַנדעלט אין אַ שטיק ליים, וואָס פרעמדע הענט קנעטען און מאַכען פון אים וואָס זיי ווילען. ער אַליין מוז אונטערדריקען זיינע אייגענע געפילען. אַ „תולה בדעת אחרים" — דער וואָס איז אָפּהענגיג פון דעם ווילען פון אַנדערע, איז בלויז אַן אַטאָמאַטישע מאַשין, וואָס פירט אויס באַפעהלען, אָבער שאַפט גאָרנישט פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער. דאָס איז די העכסטע שטופע פון שקלאַפעריי, קעגען וועלכער אונזער תורה און אונזער אמונה וואָר־נען אונז און פאַרבאָטען אונז צו טאָן.

ד.

פערזענליכע פרייהייט

כי תקנה עבד עברי.

„פתח במשפט עבד עברי, לפי שהיו עבדים במצרים, ופדאם הקב"ה, ונתן להם חירות, לפיכך צוה את ישראל בראשונה שלא לשעבד איש באחיו בפרך, ולא לשעבדו לדורות" — ער פאנגט אן מיט דעם משפט פון א אידישען קנעכט, ווייל זיי זיינען אליין געווען קנעכט אין מצרים און גאט האט זיי אויסגעלייזט און געגעבען פרייהייט, דערפאר האט ער זיי, די אידען, געזאגט צוערשט, אז א ברודער זאל ניט אונטעריאכען א צווייטען מיט שווערער ארבייט און אים ניט פארשקלאפען פאר א לענגערער צייט (פסיקתא).

עס איז אן אנגענומענער כלל אין אונזערע היילינע שריפטען, אז „דרך־ארץ קדמה לתורה", גרעסטע באציאונגען „בין אדם לחברו", פון מענש צו מענש, קומען פריער פאר די פון „בין אדם למקום", פון מענש צו גאט. אדער ווי רבי מענדעלע קאצקער, ז"ל, פלעגט זאגען: „דרך ארץ איז אן הקדמה צו דער תורה. פון דער הקדמה דערקענט מען, געוויינליך, דעם כאראקטער און איב־האלט פון ספר — און לויט'ן דרך ארץ, וואס דער מענש באזיצט, דערקענט מען וויפיל תורה ער האט געלערענט און ווי ער האט עס פארשטאנען". די משפטים פון דער תורה, וועלכע זיינען באגרינדעט אויף די פרינציפען פון צדק און יושר, וואס פירען דעם מענשען צו דער העכסטער שטופע פון פרייהייט און גליק, מוזען זיך דארום אנהויבען מיט די פארזיכערונגען פון פערזענליכער פרייהייט, וואס איז דער יסוד פון אלע תורות און מאגנא־קארטאס.

די תורה פארבאט, אין אלגעמיין, דעם האנדעל מיט אידישע קנעכט. א איד מעג פארדינגען בלויז זיין ארבייטס־קראפט, זיינע ארבייטס־שטונדען, אבער ניט זיך אליין — ער מוז בלייבען פערזענליך פריי. קויפען א אידישען קנעכט האט מען נאר געקענט פון בית־דין. אויב ער האט גע'גנב'עט און האט ניט מיט וואס צו באצאלען, האבען בית־דין דאס רעכט אים צו בארויבען פון זיין פרייהייט מיט דעם, וואס זיי פארדינגען זיין ארבייטס־קראפט פאר א געוויסער צייט, ביז דער שאדען ווערט באצאלט.

„כי תקנה עבד עברי", אז דו וועסט קויפען א אידישען קנעכט, באמערקט

אויף דעם ר' הירש לייב וואלאזשינער, ז"ל: „לא כתיב ישראל, דמסתמא הוא אדם זול ואין עליו אלא שם עברי" — עס ווערט ניט געזאָגט אַן „עבד ישראל", אַ איד מיט כאַראַקטער, נאָר „עבד עברי", סתם אַ איד, ווייל מסתמא איז ער אַ ביליגער מענש, וועלכער טראָגט אויף זיך בלויז דעם נאָמען איד (העמק דבר).

כאָטש ער איז אַ גנב, אַ פאַרברעכער, טאָר מען אָבער אים ניט באַהאַנדלען ווי אַ שקלאַף. „לא יעמידו אותו בסימטא או על אבן־המקח שהוא בפרהסיא, אלא נמכר בצנעא" — מען זאָל אים ניט שטעלען אויפ'ן שקלאַפען־מאַרק אָדער ליציטאַציע־קלאָץ, וואָס איז עפענטליך, ער קאָן נאָר פאַרקויפט ווערען אין דער שטיל, אַז מען זאָל אים ניט פאַרשעמען (תורת כהנים). בית־דין קאָן אים אויך ניט פאַרקויפען פאַר מער ווי זעקס יאָר, און אויב עס קומט אָן דער יובל־יאָר פאַר דער צייט, גייט ער אַרויס פריי. אויב זיין באַלעבאָס איז אין די זעקס יאָר געשטאָרבען, דאַרף ער די איבעריגע צייט אָפדינען זיין זון, אָבער ניט קיין אַנדער יורש. מען קאָן אים ניט פאַרשעמען און איבערגעבען אין דעם רשות פון אַן אַנדער פאַמיליע (קדושין י"ז).

עס איז דאָ נאָך אַ פאַל, ווי מען קאָן זיך פאַרשאַפען אַ אידישען קנעכט: „כי ימוך אחיך עמך ונמכר לך" — אַז דיין ברודער וועט אָרעם ווערען ביי דיר און וועט זיך פאַרקויפען צו דיר (ויקרא כ"ה, ל"ט). אַזאַ איינער אָבער — „אינו רשאי למכור את עצמו ולהצניע את דמיו באפונדתו וליקח לו כלים ובית, אלא אם אין לו לאכול" — ער טאָר זיך ניט פאַרקויפען און באַהאַלטען דאָס געלט אין זיין גאַרטעל, אָדער זיך איינקויפען דערמיט כלים, אָדער אַ הויז, בלויז אויב ער האָט ניט אויף עסען (תו"כ). פאַר אַזעלכע זאַכען, וואָס מען קאָן לעבען אָהן זיי, טאָר אַ איד ניט פאַרקויפען זיין פרייהייט.

דער יעניגער, וואָס קויפט אַזאַ אידישען קנעכט, מוז זיך מיט אים גאַנץ אַנדערש אויפפירען. „לא תעבוד בו עבודת עבד — אסור להעבידו בעבודה בזויה" — זאָלסט ניט אַרבייטען מיט אים אַזוי ווי מען אַרבייט מיט אַ קנעכט; דו טאָרסט אים ניט געבען קיין שמוציגע אַרבייט (ספרא). פון די ווערטער „כי ימוך אחיך", אַז דיין ברודער וועט אָרעם ווערען, לערנען אונז די חכמים: „נהוג בו אחוה", פיר זיך מיט אים אויף ברידערליך. „אסור לעבוד בו בפרך", מען טאָר מיט אים ניט אַרבייטען צו שווער (תו"כ בהר). אויף דעם וואָרט „עמך", וואָס מיינט אויך מיט דיר, דרש'ענען אונזערע חז"ל: „עמך במאכל, עמך במשתה, שלא תהא אתה אוכל פת נקיה והוא פת קיבר, אתה שותה יין ישן והוא יין

חדש, אתה ישן על גבי מוכין והוא על גבי תבן" — ער מוז זיין גלייך מיט דיר צום עסען און טרינקען, און ניט, אז דו זאלסט עסען ווייס־ברויט און ער גראבען ברויט, דו זאלסט שלאפען אויף פעדערען און ער אויף שטרוי (קדושין כ"ב ע"א). ער איז דאך אויך א איד, און אלס אזעלכער האט ער דיר בלויז פארקויפט זיין ארבייט, אבער ניט זיין פערזענליכען שטאלץ, און דו מוזט אים באהאנדלען ווי דיינס א גלייכען.

אויב נאך די זעקס יאר וועט דער אידישער קנעכט ניט וועלען ארויסגיין פריי, זאל ער געבראכט ווערען פאר'ן בית־דין און מען זאל אים שטעלען ביים טיר אדער ביישטידעל „ורצע אדוניו את אזנו במרצע", און זיין האר זאל דורכלעכערען זיין אויער מיט אן אל. און די חז"ל פרעגען: ווארום דוקא צום טיר, און פארוואס מיט אן אל? און זיי גיבען אויף דעם זעהר טיפע דערקלערונגען: „אמר הקב"ה דלת ומזוזה שהיו עדים במצרים בשעה שפסחתי על בתי ישראל, והוצאתים מעבדות לחרות והלך זה וקנה אדון לעצמו ירצע לפניהם" — ג' זאגט: די טיר און דאס ביישטידעל, וועלכע זיינען געווען עדות, אז איך האב איבערגעהיפט די אידישע הייזער און זיי ארויסגעפירט פון שקלאפעריי צו פרייהייט, און דער דאזיגער מענש איז אוועק און זיך געקויפט א האר פאר זיך, זאל ער צוגעשטעלט ווערען צו זיי. „אוזן ששמעה על הר סיני: כי לי בני ישראל, והלך זה וקנה אדון לעצמו ירצע" — דער דאזיגער אויער, וואס האט געהערט ביים בארג סיני, אז די אידען באלאנגען צו מיר, און ער איז אוועק און זיך געקויפט א האר פאר זיך, זאל געלעכערט ווערען (קדושין כ"ב ע"ב). און די אותיות פון „מרצע", זאגט דער בעל הטורים, טרעפען אן פיר הונדערט. א מענש, וואס האט פאר־געסען, אז די אידען האבען געשקלאפט פיר הונדערט יאר אין מצרים ביז גאט האט זיי באפרייט, און ער איז גרייט צו פארבלייבען ווייטער א שקלאף, זאלען זיינע אויערען געלעכערט ווערען מיט א מרצע (אל), וואס טרעפט אן פיר הונדערט.

אן אנדער דערקלערונג, ווארום מען דארף אים דורכלעכערען זיין אויער ווערט אנגעגעבען פון די חז"ל: „אוזן ששמעה על הר סיני לא תגנוב והלך וגנב תרצע" — דער אויער, וואס האט געהערט ביים בארג סיני דעם געבאט: דו זאלסט ניט גנב'ענען, און ער איז געגאנגען און האט גע'גנב'עט, זאל גע־לעכערט ווערען (קידושין כ"ב). פרעגט זיך: אויב דאס איז א שטראף פאר דער

גנבה, דאַרף מען דאָך אים בויערען דאָס אויער נאָך אידער מען פאַרקויפט אים, ניט ערשט אין זעקס יאָר אַרום, ווען ער וויל ניט פריי ווערען?

דער תירוץ איז, זאָגט דער „כלי יקר": מיר האָבען אַ כלל, אַז מיט צוויי זאַכען מיטאַמאָל באַשטראָפט מען ניט; באַנוגענט מען זיך דעריבער מיט דעם איינעם עונש, וואָס מען פאַרקויפט אים פאַר אַ קנעכט. שפּעטער אָבער, אַז ער וויל ניט אַרויס פריי, באַווייזט ער דאָך מיט דעם, אַז די ערשטע שטראָף מיינט פאַר אים גאָרנישט, פאַרקערט, ער איז נאָך דערפון העכסט צופרידען — מוז מען שוין דעריבער אויספירען אויף אים דעם צווייטען עונש און אים שטעמפּלען אַלס אַ שקלאַף, וואָס איז אַזוי נידעריג געפאַלען, אַז ער פאַרשטייט ניט דעם ווערט פון פרייהייט.

הפטרה פרשה שקלים

די באַדייטונג פון דעם אידישען שקל

וחזקו בו את בית ה'.

„בני העיר ששלחו את שקליהן ונגנבו או אבדו, שוקלין תחתיהן. נמצאו או שהחזירום הגנבים, אלו ואלו שקלים, ואין עולין להן לשנה הבאה" — די מענשען פון אַ שטאָט, וועלכע האָבען אַרויסגעשיקט זייערע שקלים און זיי זיינען גע'גנב'־עט געוואָרען, אָדער פאַרלאָרען געגאַנגען, מוזען זיי שיקען אַנדערע שקלים פאַר זיי. אויב זיי זיינען נאָכהער געפונען געוואָרען, אָדער די גנבים האָבען זיי אומגעקערט, בלייבען ביידע געלטער שקלים און זיי קאָנען ניט פאַררעכענט ווערען אויף דעם קומענדיגען יאָר. (שקלים פ"ב ה' א').

„באחד באדר משמיעין על השקלים" — אין דעם ערשטען טאָג פון מאָנאַט אדר הויבט מען אָן אויסצורופען פאַר שקלים, און אַזוי ווי היינטיגען שבת בענשט מען ראש חודש אדר, לייענט מען דערפאַר די הפטרה פון „פרשת שקלים" (מ"ב י"ב) וואו עס ווערט איבערגעגעבען ווי דער כהן גדול יהוידע האָט אויפגעפאָדערט די אידען צו ברענגען זייערע שקלים אין בית־המקדש.

דער שקל, וואָס משה רבנו האָט איינגעפירט אין דער מדבר, איז געווען אַ „כופר נפש", אויסלייז־געלט פאַר דער גרויסער עבירה, וואָס די אידען האָבען באַגאַנגען מיט דעם „עגל הזהב". אַזוי ווי ביים עגל האָבען אַלע אידען בייגעשטייערט זייערע גאָלדענע רינגען און אויררינגלעך, דערפאַר דאַרף יעדער

איד ביישטייערן אַ שקל. „כל העובר על הפקודים“, יעדער וואָס ווערט אַריינגענומען אין צאָל פון אידען, האָט דעם שקל געמוזט באַצאָלען. „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט“ — דער רייכער האָט ניט געקאָנט געבען מער און דער אָרימער האָט ניט געטאָרט געבען ווייניגער. מיט׳ן שקל, זאָגען אונז די חז״ל האָט משה צוריק אויפגעהויבען דעם כבוד פון די אידען. הושפלו „בזה משה האיש“, והוגבהו „בזה יתנו כל העובר על הפקודים“ — זיי האָבען זיך דערנידעריגט מיט דעם, וואָס זיי האָבען געזאָגט „אָט דער מענש משה“, ווייסען מיר ניט וואָס מיט אים איז געוואָרען, און זיי האָבען זיך ניט געקאָנט דערוואַרטען אויף זיין קומען, און האָבען געגוויט אהרונ׳ען צו מאַכען פאַר זיי אַן עגל, זיינען זיי צוריק דערהויבען געוואָרען מיט אָט דעם שקל, וואָס יעדער איד האָט געדאַרפט געבען (ילקוט שמעוני).

פון די שקלים האָט מען געקויפט דעם „קרבן תמיד“, דעם פאָלקס־קרבן, וואָס מען פלעגט מקריב זיין יעדען טאָג פאַר דעם וואוילזיין פון דאָס גאַנצע פאָלק. ווייל דער קרבן האָט געדאַרפט דערנענטערען אַלע אידען צו גאָט, האָט ער געמוזט געקויפט ווערען פון אַ פאָנד, וואָס אַלע אידען האָבען צו אים גלייך בייגעשטייערט. „אין יחיד מתנדב ומביא קרבן תמיד“ — אַ יחיד האָט ניט געקאָנט מנדב זיין דעם פרייז פון אַ „קרבן תמיד“ (מנחות ס״ח). ווי גרויס און רייך איינער זאָל ניט זיין, קאָן ער דאָך ניט פאַרטרעטען דאָס גאַנצע פאָלק אין דער עבודה פאַר גאָט. אַ „קרבן צבור“ הייסט ניט אַזאַ, וואָס אַ יחיד האָט בייגעשטייערט.

מיט די שקלים־געלטער האָט מען אויך פאַרריכט די „בדקי־הבית“, די שפאַלטען פון בית־המקדש, דאָס מיינט, אַז אויך אין דער אויפהאַלטונג פון די געביידען פון דעם בית־המקדש האָבען זיך אַלע גלייך געדאַרפט באַטייליגען. אַ גייסטיגער צענטער, וואָס פאַראייניגט דאָס גאַנצע פאָלק, מוז אויסגעהאַלטען ווערען פון אַלע זיינע קינדער. ניטאָ פאַר גאָט קיינע מיוחסים, אַלע אידען זיינען גלייך. דערפאַר האָבען אפילו די כהנים, וועלכע זיינען, זאָגסט, פטור פון אַלע שטייערען, אויך געמוזט צאָלען דעם שקל. „כל כהן שאינו שוקל חוטא“ — דער כהן, וואָס באַצאָלט ניט זיין שקל, איז אַ זינדיגער (ירושלמי שקלים ה״א).

אָט אַזוי האָט דער שקל געדינט צו פאַראייניגען דאָס גאַנצע פאָלק, גייסטיג און רעליגיעז. ווי שיין דריקט זיך אויס די גמרא: „גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם, שעתיד המן לשקל שקלים על ישראל, לפיכך הקדים

שקליהם לשקליו״ — עס איז געווען אפען און באוואוסט פאר דעם, וואס האט געזאגט און די וועלט איז באשאפען געווארען, אז אין דער צוקונפט וועט המן צאלען שקלים פאר אויס׳הרג׳ענען די אידען, האט ער דערפאר מקדים געווען זייערע שקלים פאר זיינע (מגילה י״ג ע״ב). די המנ׳ס, וועלכע ווילען אונטער־ברענגען דאס אידישע פאלק, זיינען אבער מאכטלאז קעגען די אידען, אויב זיי שטייען פאראייניגט פאר זייער אמונה און זייער תורה.

אויך נאכ׳ן חורבן האבען די אידען ניט אויפגעהערט בייצושטייערן יעדען יאר דעם שקל, וועלכער איז געגאנגען פאר אויסהאלטען די ישיבות, וואס האבען פארנומען דעם פלאץ פון דעם בית־המקדש, אלס די גייסטיגע צענטערען פון פאלק (גרעץ ח״ד). דער שקל איז אזוי הויך אפגעשאצט געווארען, אז די חז״ל האבען געפסק׳ענט, אז ער בלייבט הייליג. אויב שקלים זיינען פארלארען געגאנגען, מוז מען זיי נאכאמאל באצאלען. און אויב זיי האבען זיך אפגעזוכט, בלייבען זיי הייליג און קאנען ניט פארעכענט ווערען אויפ׳ן חשבון פון קומענדיגען יאר.

ה.

דער מלאך, וואס וואכט איבער דער אידישער יוגענט

כי שמי בקרבו.

„רבותינו אמרו זה מטטרון, ששמו כשם רבו. „מטטרון״ בגמטריה „שדי״ והוא ממונה על הנוער״ — אונזערע רבנן זאגען, אז דאס איז דער מלאך מטטרון וועמענס נאמען איז ענליך צו זיין האר׳ס. די אותיות פון „מטטרון״ טרעפען אן דריי הונדערט מיט פערצען, דיזעלבע ווי די פון „שדי״, און ער איז באשטימט געווארען צו וואכען איבער דער יוגענט (רש״י, הכתב והקבלה).

גלייך נאך קבלת התורה זאגט דער אויבערשטער צו משה׳ן: „ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם״ — און דאס זענען די געזעצען, וואס דו זאלסט פאר זיי פארלייגען. „כללות נאמרו בסיני״ — בלויז אלגעמיינע פרינציפען זיינען פון מיר אויסגעדריקט געווארען ביים בארג סיני. די „עשרת הדברות״, וואס זיי האבען פון מיר דארטען געהערט, אנטהאלטען בלויז דעם „קווינטעסענץ״ — די הויפט־אידייע פון מיין תורה. די פרטים אבער, די איינצעלהייטען, ווי זיי זאלען זיך אויפפירען, כדי צו קאנען לעבען לויט אירע פארשריפטען, זאלסטו

פאַר זיי איצט קלאָר מאַכען (חגיגה ו׳, זבחים קט״ו). דערקלער זיי די פאַר־שיידענע „עשה׳ס" און „לא תעשה׳ס", וואָס זיי זאָלען טאָן און וואָס זיי זאָלען ניט טאָן, כדי זיי זאָלען זיך קענען דערהויבען צו דער העכסטער שטופע פון זייער אמונה און לעבען גליקליך אויף דער וועלט.

רבי ישמעאל באַמערקט: וואָרום הויבט זיך אָן די סדרה משפטים מיט דעם וואָרט „ואלה", וואָס מיינט: „און אויך די"? דאָס איז צו ווייזען, אַז די אַלע דינים, וואָס ווערען דאָ אויסגערעכענט, זיינען אַ „הוספה", אַ צולייג און דערקלערונג אויף די ערשטע. „מה ראשונים מסיני אף תחתונים מסיני" — פונקט ווי די ערשטע, די „עשרת הדברות", קומען פון באַרג סיני, אַזוי אויך די וויטערדיגע דינים קומען פון באַרג סיני (מכילתא). אונזערע געזעצען זיינען ניט קיין מענשען־געמאַכטע, זיי קומען פון גב"ה אַליין און קענען ניט געענדערט ווערען. מיר טאָרען ניט צולייגען אָדער אַראָפּנעמען פון די ווערטער פון אונזער תורה. „ארבעים ושמונה נביאים ושבע נביאות נתנבאו להם לישראל, ולא פחתו ולא הותירו על מה שכתוב בתורה" — אַכט און פערציג מענער נביאים און זיבען פרויען נביאות האָט פון זיך אונזער פאָלק אַרויסגעגעבען, און קיינער פון זיי האָט ניט געוואָגט צו מינערען אָדער צוצולייגען צו דעם, וואָס איז געשריבען געוואָרען אין אונזער תורה (מדרש רבה). אונזערע דינים און משפטים זיינען איין לאַנגע קייט, וואָס ציט זיך פון באַרג סיני ביז היינטיגען טאָג.

„אין דעם באַשטייט דער אונטערשייד פון אונזער תורה מיט די געזעצ־ביכער פון אַלע אַנדערע פעלקער", זאָגט דער גרויסער געלערענטער „אחד העם". „די וועלטליכע געזעצגעבער האָבען זייערע תורות, אָדער קאָנסטיטוציעס, געשרי־בען פאַר זייער אייגענעם דור, לויט דער צופּאַסונג פון די לעבענס־פאַרהעלטע־נישען פון זייער צייט און זייער אָרט. אונזער תורה אָבער האָט געשאַפען געזעצען פאַר דער אייביגקייט — פאַר דורות, וואָס זיינען נאָך ניט געבוירען; פאַר אַ נאַציאָנאַלער היים, וואָס איז נאָך ניט געגרינדעט. אַט טאַקע דערפאַר, ווייל זיי זיינען ניט געווענדט אין צייט און אין אָרט, זיינען זיי אייביג־לעבענד, און דאָס פאָלק, וואָס האָט זיי מקבל געווען און פירט זיך לויט זייערע פרינציפּען, וועט קיינמאָל ניט שטאַרבען".

די דינים און משפטים פון דער תורה ווערען פון אונזערע חז"ל אָנגערופען „הלכות", וואָס מיינט גאַנגען, ווייל זיי ווייזען אונז דעם ריכטיגען דרך, אין

וועלכען מיר זאָלען גיין, כדי צו קענען אָנהאַלטען די אייביגקייט, מיט וועלכער ער האָט אונז געבענשט. זיי זיינען ניט קיין טרוקענע געזעצען אָדער דאָגמעס. זיי זיינען ליכט, וואָס באַלייכטען דעם וועג פאַר יעדער מענשען, וואָס פירט אים צו לעבען, צו גליק. אונזער תורה, זאָגט דער „כוזרי", אונטערשיידט זיך פון אַלע אַנדערע גלויבענס אויך מיט דעם, וואָס זי רעדט ניט וועגען אַ יענער־וועלט. זי פאַרשפּרעכט ניט אירע נאָכפאָלגער קיין גרויסע גליקען נאָכ'ן טויט. זי איז אַ „תורת חיים" — אַ לערע פון לעבען, פון שאַפען, און זי איז הויפּט־זעכליך געמיינט פאַר די לעבעדיגע.

אונזערע חכמים זאָגען: „כל דבור ודבור שיצא מפי הקב"ה נתמלא כל העולם כולו בשמים" — מיט יעדען וואָרט, וואָס איז אַרויס פון דעם אויבערשטען'ס מויל, איז די וועלט אָנגעפילט געוואָרען מיט געווירצען (מדרש חזית) און די וואָרהאַפטיגקייט פון זייערע רייד קען מען אַרויסזעהן ווען מען שטודירט די געשיכטע פון אַלע אַנדערע רעליגיעס פון דער וועלט. קיינע פון זיי איז ניט אָריגינעל, ווייל זיי זיינען ניט די שאַפונגען פון אַ גאָט. די מענשען, וואָס האָבען זיי געגרינדעט, האָבען פשוט גע'גנב'עט שטיקערווייז פון אונזער תורה און זיי פאַרקריפּעלט, כדי געפעלען צו ווערען זייערע אָנהענגער. דער הויפּט־פּרינציפּ פון „משפט", פון גערעכטיגקייט, האָבען זיי אַרויסגענומען פון דער אמונה. זיי האָבען אָפּגעטיילט די רעליגיע פון דעם שטאַט. יעדע מלוכה האָט אויסגע־טייטשט דעם „משפט" לויט ווי איר געפעלט — און דאָס האָט געפירט און פירט נאָך היינט צו וועלט־מלחמות און בלוט־פאַרגיסונגען. בלויז פון דער אידישער תורה דופטעט נאָך דער בשמים־ריח פון שלום און ברידערליכקייט.

נאָכדעם ווי משה איז פאַרטיג געוואָרען מיט איבערגעבען צו די אידען די משפטים, וואָס ער האָט געהערט אויפ'ן באַרג סיני, זאָגט צו אים גאָט: „הנה אנכי שולח מלאך לפניך לשמרך בדרך" — זעה, איך שיק פאָראויס אַ מלאך דיך צו היטען אויפ'ן וועג, „ולהביאך אל המקום אשר הכינותי" — און דיך צו ברענגען צו דעם אָרט, וואָס איך האָב אָנגעגרייט. „השמר מפניו ושמע בקולו, אל תמר בו" — היט דיך פאַר אים און הער צו זיין קול, זאָלסט ניט ווידערשפּעניגען קעגען אים, „כי לא ישא לפשעיכם, כי שמי בקרבו" — וואָרים ער וועט ניט פאַרגעבען אייער פאַרברעך, ווייל מיין נאָמען איז אין אים. איבער אַט דער אומפאַרשטענדליכער שטעלע אין דער תורה, וועלכע שיינט ניט צו זיין אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ, ווערט זעהר פיל גערעדט אין דער גמרא און אין

די מדרשים. פאַרשיידענע מיינונגען ווערען אויסגעדריקט פון אונזערע חכמים, און מיר וועלען דאָ פּרובירען איבערגעבען איינינע פון זיי, וועלכע וואַרפען אַ פאַרשיידען ליכט איבער די ווערטער און פירען צו העכסט מאָראַלישע שלוסען.

איינינע פון זיי זאָגען, אַז „כאן נתבשרו שעתידין לחטוא ושכינה אומרת להם, כי לא אעלה בקרבך" — דאָ זיינען די אידען אָנגעזאָגט געוואָרען די שרעקליכע בשורה, אַז מיט דער צייט וועלען זיי זיך פאַרזינדיגען און די שכינה וועט ניט וועלען גיין מיט זיי מער און ער וועט זיי איבערגעבען צו אַ מלאך, וואָס וועט זיי פירען צו זייער לאַנד. משה האָט אָבער געזאָגט צום רבונו של עולם: „איני מבקש שילך מלאך עמנו, אלא אתה" — איך וויל ניט, אַז אַ מלאך זאָל גיין מיט אונז, נאָר דו אַליין, „ואם אין אתה הולך אין אנו זזים ממקומנו" — און אויב דו גייסט ניט, וועלען מיר זיך ניט רירען פון אונזער אָרט (מדרש תנחומא). משה וויל ניט, אַז די אידען זאָלען געפירט ווערען דורך אַ פאַר־מיטלער — מעג ער זיין אַ מלאך, אַ שליח פון גאָט. מיר זיינען מוחל אַלע גליקען וואָס ער וועט אונז ברענגען, ווייל מיר ווילען דיך אַליין. אָהן דיר איז אונזער צוקונפט ניט געזיכערט. און משה פירט אויס. גב"ה ציט צוריק זיין באַשלוס און ענטפערט אים: „פני ילכו והניחותי לך" — מיין אָנגעזיכט וועט מיטגיין און איך וועל דיך פירען.

ווי טיפזינג איז די באַמערקונג פון דעם מדרש איבער די דאָזיגע געשע־הענישען. ער זאָגט: „ראה מה בין הראשונים לאחרונים" — זעה דעם אונ־טערשייד פון די ערשטע פירער אונזערע צו די נאָכקומענדיגע! ווען דער אויבער־שטער האָט אינפאָרמירט משה'ן, אַז ער שיקט אַ מלאך פאַר אים צו פירען די אידען נאָך זייער לאַנד, האָט ער מיט שטאָלץ אויסגערופען: „אם לפני אתה משלח, איני מבקש אלא לך" — אויב דו שיקסט אים פאַר מיר, וויל איך ניט, נאָר דיך אַליין. „יהושע בן נון ראה את המלאך, נפל על פניו ואמר: מה אדוני מדבר אל עבדו" — אַז יהושע בן נון האָט דערזעהן דעם מלאך, איז ער גלייך געפאַלען פאַר אים און הכנעה'דיג געפרעגט: וואָס באַפעלט מיין האַר זיין קנעכט? (תנחומא). משה האָט געפילט די זיכערקייט פון זיין אויפגאַבע און האָט געהאַט דעם מוט צו פאָדערען פון גאָט זיין פולע אָנערקענונג. יהושע אָבער איז שוין ניט געווען אַזוי שטאַרק ביי זיך ווי זיין רבי משה און האָט זיך געבויגען פאַר גאָט'ס שליח, פאַר דעם מלאך.

די בעלי הקבלה דערקלערען די דאָזיגע וואונדערבאַרע שטעלע אין דער

תורה אויף זייער מיסטישען דרך. זיי זאָגען: גב"ה וואָרנט די אידען, אַז זיי זאָלען זיך אויפפירען לויט די פאַרשריפטען פון דער תורה צוליב זייערע קינדער'ס וועגען. איך שיק מיט אייך מיין מלאך „מטטרון", וועמעס אויפגאַבע עס איז צו וואַכען איבער דער יוגענט. היט זיך פאַר אים און ברענגט אים ניט אַריין אין צאָרן. קינדער זיינען זעהר עמפינדליך און האָבען אַ נאַטור נאָכצוטאָן זייערע עלטערען. זיי באַמערקען שאַרף זייערע אויפפירונגען אין הויז און אין דער געזעלשאַפט. אויב די טאַטעס און מאַמעס וויכען־אָפּ פון אידישען וועג, וועלען זייערע קינדער גיין נאָך ווייטער און קיינמאָל ניט גרייכען „אל המקום אשר הכינותי", צו דעם פּלאַץ אין די הויכע הימלען, וואָס איך האָב צוגעגרייט פאַר מיין פאָלק ישראל.

און דער פּלאַץ אין די הויכע הימלען, וואָס גאָט האָט צוגעגרייט, איז אַ משכן, וואו די שכינה רוט תמיד, ווי דער מדרש גיט איבער: „בשעה שאמר הקב"ה לישראל להקים את המשכן רמז למלאכי השרת שיעשו גם הם משכן" — ווען גאָט האָט אָנגעזאָגט די אידען, אַז זיי זאָלען פאַר אים אויפשטעלען אַ משכן, האָט ער אָנגעוואונקען צו זיינע מלאכים, אַז זיי זאָלען אויך מאַכען פאַר אים אַ משכן אין הימעל. אַלס אויפזעהער איבער דעם משכן האָט ער באַשטימט הנער „מטטרון" — דעם יונגען מטטרון, וואָס זיין אויפגאַבע דאַרף זיין צו וואַכען איבער דער אידישער יוגענט. צו דעם משכן זיינען געריכטעט „נפשותיהם של צדיקים לכפר על ישראל בימי גלותם" — די נשמות פון די צדיקים מכפר צו זיין אויף די אידען אין די טעג פון זייערע גלות'ן (במד"ר י"ב).

דער פּראָצעס פון צופאַסונג אין די פרעמדע לענדער איז פאַר אידען תמיד געווען דער וויכטיגסטער פּראָבלעם אין זייער לעבען. צו קענען זיך איינאָר־דענען אין יעדען לאַנד, וואוהין דער שיקזאַל האָט זיי פאַרטריבען, און צו דער־זעלבער צייט אויך אָנהאַלטען זייער אידישקייט, איז געווען זייער גרעסטע זאָרג. די פרעמדע קולטורען לאָקען און ציען צו זיך די יוגענט. זיי הויבען אָן זיך צו פריינטלען מיט זייערע שכנים און זוכען זיי נאָכצומאַכען, אונטערגראָבענדיג דערמיט דעם אידישען אַרט לעבען, וואָס האָלט זיי אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע פעלקער אַלס אַן אייגנאַרטיג פאָלק.

אָט דאָס זאָגט גאָט צו די אידען: „אם שמע תשמע בקולי" — אויב איר וועט הערען די שטים פון דעם מלאך מטטרון, וואָס וואַכט איבער אייערע קינדער, „ועשית כל אשר אדבר" — דערמיט וואָס איר וועט מקיים זיין אַלץ, וואָס איך

האָב איך אַנגעזאָגט, „ואיבתי את אויבך״ — וועלען אייערע פיינט זיין פרעמד צו אייערע קינדער, זיי וועלען זיך ניט מישען מיט זיי און זיך האַלטען פון דער ווייטענס.

„מטטרון״ בגימטריא „שדי״ — די צאָל פון די אותיות פון דעם מלאך מטטרון איז דיזעלבע ווי די אותיות פון גאָט׳ס נאָמען „שדי״, ווייל די געט־ ליכקייט איז פאַרבונדען מיט דער יוגענט. דער נעכטען און דער היינט, די פאַרגאַנגענע דורות און די געגענווערטיגע, זיינען בלויז מאַטעריאַל, פון וועלכען עס ווערען געשפונען די צוקונפטיגע דורות, וואו דער אמת׳ער משכן פון גאָט געפינט זיך, און דער משכן ווערט פאַרוואַלטעט פון דעם מלאך מטטרון, וואס וואַכט איבער דער אידישער יוגענט.

הפטרה פרשה שקלים

אין דער צוקונפט וועט אונז גאָט אַליין ציילען

כסף עובר איש, כסף נפשות ערכו.

„אמר הקב״ה בעולם הזה היו בני אדם סופרים אתכם, אבל לעולם הבא אני אספור אתכם, ואין מי יספר אתכם, שנאמר והיה מספר בני ישראל כחול הים, אשר לא ימד ולא יספר״ — קב״ה זאָגט: אויף דער וועלט האָבען איך פרעמדע מענשען געהאַלטען אין איין ציילען, אין דער קומענדיגער וועלט וועל איך אייך ציילען, ווייל קיין אַנדערער וועט אייך ניט קענען ציילען, ווי עס ווערט געזאָגט: די צאָל פון די אידען וועט זיין ווי די זאַמד פון דעם ים, וואס קען ניט געמאָסטען אָדער געציילט ווערען (ילקוט שמעוני כי תשא).

דער שקל, וואס משה רבנו האָט איינגעפירט, אַז יעדער איד זאָל צאָלען, איז די הייליגסטע מטבע אין דעם אידישען נאַציאָנאַלען לעבען. דאָס איז געווען גלייך נאָכדעם ווי די אידען האָבען געזינדיגט מיט׳ן עגל הזהב און האָבען קעגען זיך אַרויסגערופען גאָט׳ס צאָרן און ער האָט זיי געוואָלט פאַרניכטען. משה האָט די גזרה אָפגעשריען און דער אויבערשטער האָט זיי דעם חטא מוחל געווען. ער האָט אָבער געוואָלט מער ווי דאָס. ער פרעגט ביי גאָט: „במה תרום קרן

ישראל" — מיט וואָס וועסטו דערהויבען דעם אידישען שטאָלץ, וואָס איז אַזוי נידעריג געפאַלען, אַז ביי זיי איז רעכט געווען צו דינען צו אַ גאָלדען קאַלב? ענטפערט אים גאָט: „בכי תשא" — מיט דער מצוה פון שקלים. מיט דעם וואָס „כל העובר על הפקודים" — יעדער וואָס רעכענט זיך אַלס איד, וועט איינצאָלען דעם הייליגען שקל, וועלען אידען דערגרייכען צו אַ הויכער שטופע. דער שקל וועט זיי דינען פאַר אַ סימבאָל פון נאַציאָנאַלער גאַנצקייט, וואָס וועט זיי פאַראייניגען מיט זייער פאָלק און זיין אמונה (ב"ב ע"א).

מיט די שקלים־געלטער האָט מען איין מדבר געבויט די שוועלען, אויף וועלכע דער משכן האָט זיך געהאַלטען. מען האָט פון דעם אויך באַצאָלט פאַר דעם „קרבן תמיד" — דער רעליגיעזער פאָלקס־קרבן, וואָס מען פלעגט מקריב זיין יעדען פרימאָרגען און אָווענט, כדי מכפר צו זיין אויף די עבירות פון דעם כלל. אויך האָט מען פון די געלטער פאַרריכט די „בדקי הבית" — די שפּאַלטען פון דעם בית־המקדש, און אויך געצאָלט די שכירות צו די „חכמים המלמדים את הכהנים" — די לערער, וואָס האָבען אונטערריכטעט די כהנים (ירושלמי שקלים פ"ד). דער שקל איז באַטראַכט געוואָרען פאַר אַזוי הייליג, אַז יעדער איד האָט אים געמוזטביישטייערען. אפילו כהנים, וועלכע זיינען געוויינליך פטור פון אַלע צינזען, האָבען געמוזט צאָלען דעם שקל. „כל כהן שאינו שוקל חוטא" — דער כהן, וואָס באַצאָלט ניט זיין שקל, איז אַ זינדיגער (שם).

ווייל דער שקל איז אַ נאַציאָנאַלע פליכט, איז דערפאַר ניט דערלויבט אָנצונעמען שקלים פון ניט־אידען. „העכו"ם והכותי ששקלו אין מקבלים מהם" — אַ קריסט אָדער סאַמאַריטאַנער, וואָס ברענגען שקלים, זאָל מען עס פון זיי ניט אָננעמען (שקלים פ"א ה'). כאָטש מען מעג נעמען פון ניט־אידען קרבנות און אויך נדבות פאַר דעם בית־המקדש אָדער פאַר אַנדערע הייליגטימער, אָבער וואָס אַנבאַלאַנגט דעם שקל, איז עס אַ שטרענג נאַציאָנאַלע אַנגעלעגענהייט, אין וועלכער אַ פרעמדער קען זיך ניט באַטייליגען.

דורך דעם שקל האָט מען אויך געוואוסט די צאָל פון אידען, ווייל יעדער האָט עס געמוזט צאָלען גלייך. „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט" — דער רייכער האָט ניט געטאָרט געבען מער און דער אָרימער וויניגער. דער שקל איז אַזוי פאַרהייליגט געוואָרען ביים פאָלק, אַז אויך נאָכ'ן חורבן האָבען אידען ניט אויפגעהערט בייצושטייערען יעדען יאָר דעם שקל, וואָס איז געגאַנגען פאַר אויס־האַלטען די ישיבות, וואָס האָבען פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דעם בית־המקדש אַלס די גייסטיגע צענטרען פון פאָלק (גרעץ ח"ד). פאַר דעם זכות פון דעם

שקל, זאָגען אונז די חז״ל, וועלען מיר איבערלעבען אונזערע שונאים. „בעולם הזה בני אדם סופרים אתכם״ — אין דער היינטיגער וועלט האַלט מען אין איין ציילען אידען, ווייל מיר זיינען גרויס אין די אויגען פון אונזערע שונאים. „בעולם הבא״, אין דער קומענדער וועלט, אין דער ווייטערער צוקונפט, וועט אונז גאָט אַליין ציילען. מיר וועלען זיך אַזוי צעוואַקסען און אונזער צאָל וועט זיין אַזוי גרויס ווי די זאַמד פון דעם ים, וואָס קיינער קען ניט מעסטען אָדער ציילען.

תרומה

א.

צו פאַרפעסטיגען די גייסטיגע יסודות פון פאָלק

ויקחו לי תרומה.

„שתי תרומות בחר בהן הקב״ה, אחת למשכן ואחת לכהנים. תרומת כהנים על מנת שיהיו בני תורה. אמר רבי ינאי: כל כהן שאינו בן תורה מתיר לאכל תרומה על קברות״ — צוויי תרומות האָט גאָט אויסגעקליבען, איינע פאַר׳ן משכן און איינע פאַר די כהנים. די תרומה פאַר כהנים איז, כדי זיי זאָלען קענען לערנען. רבי ינאי זאָגט, אַז אַ כהן, וואָס קען ניט לערנען, דערלויבט צו עסען תרומה אויף קברים (תנחומא, עץ יוסף).

נדבות,ביישטייערונגען פאַר וואוילטעטיגע צוועקען, ווערען אין אונזער תורה אָנגערופען מיט צוויי פאַרשיידענע נעמען: „צדקה״ און „תרומה״. אַלע נדבות, וואָס ווערען געגעבען פאַר געזעלשאַפטליכע אינטערעסען, ווי שטיצע פאַר אָרימעלייט, אויסהאַלטען וואוילטעטיגע אַנשטאַלטען, ווי האָספּיטאַלס, מושבי זקנים, בתי יתומים א. ד. גל., ווערען קלאַסיפיצירט אַלס „דברים שבצדקה״. ביישטייערונגען פאַר נאַציאָנאַלע צוועקען, ווי „מחצית השקל״, אויסהאַלטען שולען, תלמוד־תורה׳ס און ישיבות, ווערען באַצייכענט מיט דעם נאָמען „תרומה״.

„דער באַגריף פון וואוילטעטיגקייט״, זאָגט רבי ישראל סאַלאַנטער, ע״ה, „איז ביי אונז אידען אַנדערש ווי ביי די אומות העולם. ביי זיי הייסט עס „טשאַריטי״, גוטסקייט, וואָס איינער גיט צוליב מיטלייד. ביי אונז אָבער הייסט עס „צדקה״, וואָס מיינט גערעכטיגקייט, ווייל מיר באַטראַכטען עס פאַר אַ מאָראַלישען פליכט, וואָס דער פאַרמעגליכער איז מחויב צו באַצאָלען צו דעם נויטבאַדערפטיגען.״

דער דובנער מגיד, ז״ל, גיט אַ פּאַרטרעפליכע דערקלערונג איבער דעם פּסוק: „כי יהיה בך אביון מאחד אחיך — לא תאמץ לבבך ולא תקפוץ את ידך״ — אויב עס וועט זיך געפינען ביי דיר אַן אָרימאַן, איינער פון דיינע ברידער, זאָלסטו ניט האַרט מאַכן דיין האַרץ און ניט פאַרמאַכן דיין האַנט. ער זאָגט: „אין מדרש רבה פרשה משפטים ווערט געבראַכט, אַז דוד המלך האָט גע׳טענה׳ט פאַר גאָט: „תיישב עולמך בשוה, העניים והעשירים״ — טייל־אין דיין וועלט גלייך צווישען די רייכע און די אָרימע, אָרים און רייך זאָלען האָבען גלייך. על פּי יושר האָט טאַקע אַזוי געדאַרפט זיין, אָבער די פעהיגערע פון דער געזעלשאַפט האָבען גענומען אַריינכאַפּען מער ווי זייער חלק, און דער גביר ווערט רייך אויפ׳ן חשבון פון אָרימאַן... דעריבער זאָגט די תורה: „כי יהיה „בך״ אביון״ — דער אָרימאַן האָט דאָך אייגענטליך זיין פאַרמעגען ביי דיר — דו האָסט דאָך אויף פאַרשיידענע אופנים דאָס פאַרכאַפּט פון אים, טאָ גיב אים כאָטש אַ טייל פון דעם, וואָס אים קומט.״

די חז״ל באַטראַכטען צדקה פאַר אַ מאָראַלישע פליכט, ווייל מיט איר העלפט מען אָנהאַלטען דעם סאָציאַלען גלייכגעוויכט פון דער געזעלשאַפט. זיי זאָגען: „כל הגוזז מנכסיו ועושה מהם צדקה, ניצול מדינה של גיהנום״ — דער יעניגער, וואָס שערט־אָפּ פון זיינע גיטער פאַר צדקה־זאַכען, ווערט געראַ־טעוועט פון גיהנום. „משל לשתי רחילות שהיו עוברות בנהר, אחת גזוזה ואחת אינה גזוזה. גזוזה עוברת ושאינה גזוזה אינה עוברת״ — דאָס איז געגליכען צו צוויי שעפּסען, וואָס דאַרפען דורכגיין אַ טייך — איינע אַן אָפּגעשוירענע און איינע ניט קיין געשוירענע. די אָפּגעשוירענע גייט דורך און די ניט־אָפּגעשוירענע, צוליב די וואַסערען, וואָס זיינען אַריין אין איר וואָל, קאָן ניט דורכגיין (גיטין ז׳). דער וואָס האָט זיך ניט געלאָזט שערען אין גוטע צייטען, קאָן ניט דער־וואַרטען קיין הילף פון קיינעם אין צייט פון אַ קריזיס. אויך די הימלען פאַר־געסען אין אים, ווייל „כל המרחם על הבריות מרחמים עליו מן השמים״ — נאָר דער, וואָס האָט רחמנות אויף אַנדערע, קאָן דערוואַרטען רחמנות פון די הימלען פאַר זיך אין אַן עת צרה (שבת קנ״א ע״ב).

דער ראָפּשיצער צדיק, ע״ה, פלעגט זאָגען: „ביי געבען צדקה שטייט ניט „ויתנו לי״, זיי זאָלען מיר געבען, נאָר „ויקחו לי״, איר זאָלט מיר נעמען. אויף צדקה לייגט זיך ניט דאָס וואָרט געבען; אַז אַ איד גיט צדקה, נעמט ער מער וויפיל ער גיט. די מטבע איז קיילעכדיג, זי דרייט זיך אַרום: היינט איז זי

ביי דעם, מאָרגען ביי יענעם. קיינער קאָן ניט זיין זיכער מיט דעם ביסעל געלט, וואָס ער פאַרמאָגט. דאָס וואָס ער גיט אָבער פאַר צדקה, איז „צדקתו עומדת לעד״ — בלייבט ביי אים אויף שטענדיג, אויף דער וועלט, אַזוי גוט ווי אויף יענער וועלט.״

די נדבות, וואָס אַ איד גיט צושטייער אויף נאַציאָנאַלע צוועקען, וועלכע זיינען געצילט צו האַלטען דאָס פאָלק פאַראייניגט און שטאַרקען די יסודות פון אידישקייט, אַזעלכע נדבות הייסען שוין תרומה — אַ דערהויבענעביישטייערונג. צו בויען משכנות, צענטראַלע פונקטען, אַרום וועלכע עס זאָלען זיך קאָנצענט־רירען אַלע „דברים שבקדושה״ — זאַכען וואָס האָבען צו טאָן מיט דער אַנטוויק־לונג פון אונזער אמונה און גייסט; אָדער גרינדען אַזעלכע לער־אַנשטאַלטען, וואו עס זאָלען דערצויגען ווערען „כהנים בני תורה״, אידישע לערער און פירער פאַר אונזערע יונגע דורות — דאָס זיינען ביישטייערונגען, וואָס שטייען פיל העכער ווי צדקה. אויף דעם זאָגט גאָט: „ויקחו לי תרומה״ — נעמט מיר מיט אייערע דערהויבענע נדבות, ווייל אַז מען באַפעסטיגט די גייסטיגע יסודות פון אַ פאָלק נעמט מען מיט זיך דעם גאָט פון פאָלק און ער היט זיינע קינדער אויס פון אַלע צרות און זיכערט זייער עקזיסטענץ.

פון די פאַרשיידענע תרומות, וואָס ווערען אַרומגערעדט אין היינטיגער סדרה, זאָגט דער מדרש, אַז גאָט האָט אויסגעקליבען צוויי פאַר די וויכטיגסטע פון אַלע: „אחד למשכן ואחד לכהנים״ — די תרומה, וואָס אידען האָבען גע־געבען צו בויען דעם משכן, און די תרומה, וואָס באַלאַנגט צו די כהנים. דער משכן, וואָס משה האָט געבויט אין דער מדבר, אָדער דער בית־המקדש, וואָס די אידען וועלען דאַרפען אויפשטעלען אין ארץ־ישראל, זיינען ניט געמיינט צו שאַפען אַ געוויסען אָרט אָדער שטח, וואָס זאָל אַנטהאַלטען די גאָטהייט. דאָס איז אוממעגליך, ווייל דער באַגריף „מקום״, אָרט, איז אויך אַ טייל פון דער גאָטהייט, וואָס קאָן ניט געמאָסטען ווערען. ווי עס ווערט געבראַכט אין מדרש: „בשעה שאָמר הקב״ה, עשה לי משכן, היה מתמיה ואומר: כבודו של הקב״ה מלא עליונים ותחתונים והוא אומר עשה לי משכן!״ — בשעת גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן, מאַך פאַר מיר אַ משכן, האָט משה זיך געוואונדערט און געפרעגט: זיין כבוד פילט אָן די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטען, און ער הייסט מיר מאַכען פאַר אים אַ משכן, וואו ער זאָל קאָנען וואוינען — ווי איז עס מעגליך צו דערוויזען? (ילקוט שמעוני).

דער הויפּט געדאַנק פון דעם משכן איז ניט געווען צו בויען אַ דירה פאַר גאָט, נאָר אַ „משכן העדות" — אַ גייסטיגען צענטער, וואו די אידען זאָלען זיך קאָנען טרעפען מיט דער שכינה. דער משכן איז ניט נאָר אַ פּלאַץ פאַר דעם „ארון" און פאַר דעם „מזבח", ער איז אויך געווען אַן „אוהל מועד", אַ פאַר־זאַמלונגס־פּלאַץ, וואו די נשיאים, די ראשי הקהלה, און אויך „כל העדה", די גאַנצע געמיינדע, פלעגען זיך צוזאַמענקומען צו פאַרהאַנדלען די אינטערעסען פון דעם כלל און באַשטימען וועגען די פאַרשיידענע נסיעות (במדבר י'). אויך „התורה נשנית באוהל" — די תורה איז געלערענט און דערקלערט געוואָרען אין „אוהל מועד" (חגיגה ו'). אויף משה'ס פראַגע, ווי אַזוי איז עס מעגליך צו בויען אַ משכן פאַר אים, ענטפערט אים גאָט: „לא כשם שאתה סבור אני סבור, אלא שארד ואצמצם את שכינתי בתוכם" — ניט ווי דו דענקסט, דענק איך. איך האָב בדעה אַרונטערצונידערען און קאָנצענטרירען מיין שכינה צווישען אייך (ילקוט שמעוני).

די צווייטע תרומה, וואָס גאָט האָט אויסגעקליבן, איז די תרומה פאַר די כהנים. מיט דעם ווערט געמיינט דער „מחצית השקל", וואָס יעדער איד, יונג און אַלט, רייך און אָרים, האָט געמוזטביישטייערען איינמאָל אַ יאָר. פון די שקלים־געלדער פלעגט מען מקריב זיין דעם „קרבן תמיד", דעם טעגליכען פאָלקס־קרבן, וואָס האָט געדינט פאַר אַ פאַראייניגונגס־פונקט פאַר אַלע אידען, וואו זיי געפינען זיך. מיט די געלדער האָט מען אויך פאַרריכט די „בדקי הבית", די שפּאַלטען פון בית־המקדש, און אויך געצאָלט די שכירות צו די „חכמים המלמדים את הכהנים" — די לערער, וועלכע האָבען אונטערריכט די כהנים (ירושלמי שקלים פ"ד). אויף ווי ווייט די מצוה פון שקלים איז געאַכטעט קאָנען מיר זעהן פון דעם מאמר אין דער גמרא: ווען משה רבנו האָט געפרעגט דעם אויבערשטען: „במה תרום קרן ישראל?" — מיט וואָס וועסטו דערהויבען דעם שטאָלץ פון די אידען? — האָט ער אים געענטפערט: „בכי תשא" — מיט דער מצוה פון שקלים (ב"ב י' ע"ב).

דער טייל פון די שקלים, וואָס איז געגאַנגען פאַר דער דערציאונג פון די כהנים, ווערט פון אונזערע חכמים באַטראַכט פאַר העכסט וויכטיג. געלערנטע כהנים, רבנים און פירער וועלען העלפען צו דערציען דורות, וועלכע וועלען פאַרשטיין אָפּצושאַצען די גרויסקייט פון אונזער אמונה און די וויכטיגקייט אויפצוהאַלטען דעם אידישען אַרט לעבען, וואָס מאַכט אים פאַר אַן „עם סגולה",

פאַר אַן אויסדערוויילט פאָלק. כהנים און רבנים, וואָס זיינען ניט קיין בני תורה, וועלען ביליג מאַכען די „תרומות" און זיי שלעפּען אויף קברים. ווי מיר זעהען עס, ליידער, דאָ אין אַמעריקע. די הויפּט פונקציעס פון אַ ראַביי אין די היגע סינאַגאָגען און טעמפּלען זיינען צו גיין צו לויות, האַלטען הספדים אויף די קברים, אָדער ביי דער אויפדעקונג פון מצבות פון זייערע מעמבערס.

די אויפגאַבע פון אַ כהן, אַ רב אָדער פירער ביי אידען איז זיי צו לערנען און באַקאַנטמאַכען מיט די הויכע אידעאַלען און פּרינציפּען פון זייער תורה און אמונה. יעדער דור איז אַ רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון אידישע דער־גרייכונגען. עס איז דעריבער די פליכט פון די כהנים און רבנים צו זעהן, אַז די קינדער פון זייערע געמיינדעס זאָלען ביישטייערען זייער געהעריגען חלק צו דער אַנטוויקלונג פון דעם אידישען גייסט. די פליכטען פון דעם כהן זיי־נען דעריבער מער מיט די לעבעדיגע, ווי מיט די טויטע. „לא המתים יהללו" — די טויטע קאָנען ניט דערהויבען די גאָטהייט. זיי געהערען צום נעכטען, צו דער פאַרגאַנגענהייט. דער אידישער אידעאַל איז צו זאָרגען פאַר דעם מאָרגען, פאַר דער צוקונפט, און זיי באַלאַנגען צו די לעבעדיגע.

דער „בית־עלמין" האָט קיינמאָל ניט פאַרנומען דעם אויבענאָן אין אידיש־קייט. „קדיש" און „יזכור" זיינען ניט געווען פאַררעכענט פון די הייליגסטע תפילות. אונזערע שוהלען זיינען אימער געווען די „בתי אלקים חי" — די הייזער פון דעם תמיד־לעבעדיגען גאָט, און האָבען פאַר טויזענטער דורות גע־דינט אונזער פאָלק אַלס „בתי־מדרשים" פאַר זיין „תורת חיים", שטודיר־הייזער פאַר אונזער לעבעדיגער תורה. גיבען זיך אונזערע רבנים אָפּ מיט „קדיש" און „יזכור", מיט הספדים נאָך טויטע מעמבערס, און פאַר די לעבעדיגע קומען זיי אָפּ מיט פוסטע סערמאָנס, עסען זיי אונזער „תרומה", אונזערע הויכע אידעאַלען, „על הקברות", אויף קברים.

הפטרה

ער וויל זיך ניט שיידען מיט דער תורה

ושכנתי בתוך בני ישראל.

„אמר הקב"ה: חמדה גנוזה שהיתה אצלי נתתי לכם וקשה לי לפרש הימנה" — דער אויבערשטער האט געזאגט: די געליבטע תורה, וואס איז געווען באהאלטען ביי מיר, האב איך איך אוועקגעגעבען און עס איז מיר שווער זיך צו שיידען מיט איר (ילקוט שמעוני).

זיבען יאר האט גענומען שלמה המלך צו בויען דעם בית המקדש. צענד־ליגער טויזענדער ארבייטער האבען זיך באשעפטיגט מיט דער געבידע. אויסער אידען האבען אויך טויזענטער מאצעדאניער אנטייל גענומען אין דער בוי־ארבייט. חירם, דער קעניג פון צור, וועלכער איז געווען א גרויסער פריינט פון דוד המלך, האט אויף דעם פארלאנג פון שלמה אים צוגעשטעלט די פאסענדע מענשען, וועלכע האבען זיך גוט אויסגעטויגט צו דער מלאכה. אין זיין בריוו צו חירם בעט אים שלמה: „ועתה צוה ויכרתו לי ארזים מן הלבנון ועבדי יהיו עם עבדיך, ושכר עבדיך אתן לך ככל אשר תאמר, כי אתה ידעת כי אין בנו איש יודע לכרת עצים כצידונים" — און איצט באפעהל דיינע מענשען, אז זיי זאלען פאר מיר שנײדען טענענביימער פון דעם לבנון, און מיינע ארבייטער וועלען זיין מיט דיינע ארבייטער, און דעם געהאלט פאר דיינע ארבייטער וועל איך דיר געבען, וויפיל דו וועסט זאגען, ווייל דו ווייסט דאך, אז ביי אונז איז ניטא קיינער, וואס פארשטייט אזוי גוט צו שניידען ביימער, ווי די מאצעדאניער (מלכים א' ה' כ'). און חירם האט זיין בקשה דערפילט אויף א העכסט־פריינט־ליכען אופן.

ווען דער בית המקדש האט זיך געהאלטען אין מיטען בויען, האט גאט געזאגט צו שלמה: אט דאס הויז, וואס דו האסט, וועט ערשט זיין מיין וואוינונג, „אם תלך בחוקותי ואת משפטי תעשה" — אויב דו וועסט גיין אין מיינע געזעצען און מיינע משפטים וועסטו דורכפירען. פילע פון אונזערע חכמים ווילען האבען, אז דאס איז געווען א ווארנונג צו שלמה פאר זיין זוכען צו הייראטען פיל פרעמדע פרויען, וועלכע קאנען אים נאך אראפפירען פון דרך הישר. ווי עס איז געווען דער פאל מיט יארען שפעטער, אז זיינע פרעמדע פרויען האבען געבויט

אַלטאַרען צו זייערע אָפּגעטער און שלמה האָט זיי ניט געשטערט. ער וואָרנט אים אויך, אַז מיט אַזעלכע אויפפירונגען קאָן ער נאָך שטעלען די גאַנצע מלוכה אין סכנה. „ושמרת את כל מצותי ללכת בהם, והקימותי את דברי אתך, אשר דברתי אל דוד אביך" — בלויז ווען דו וועסט אָפּהיטען אַלע מיינע מצוות און זיך פירען נאָך זיי, וועל איך מקיים זיין מיין פאַרשפּרעכען וועגען דיר, וואָס איך האָב צוגעזאָגט דיין פאָטער דוד.

דאָס הויז, וואָס דו בויסט פאַר מיר, זאָגט אים ווייטער גאָט, איז ניט ווייל מיר פעהלט אַ פּלאַץ פאַר מיין שכינה. דאָס איז בלויז „ושכנתי בתוך בני ישראל" — ווייל איך וויל וואוינען צווישען די אידען. מיין בעסטען אוצר, די תורה, וואָס איז געווען באַהאַלטען ביי מיר נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, האָב איך איבערגעגעבען צו די אידען און עס איז מיר זעהר שווער זיך צו שיידען פון איר.

צווישען די חסידים פון דעם ראָפּשיצער צדיק, ע"ה, ווערט דערציילט, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין אינגעל, האָט אים איינער פון די חסידים גע־זאָגט: נאָ דיר אַ גילדען און זאָג מיר וואו וואוינט דער רבונו של עולם. דערויף האָט אים נפתלי גלייך געענטפערט:

איך וועל אייך געבען צוויי גילדען, אויב איר וועט מיר זאָגען וואו וואוינט ער ניט.

דאָס גלייכען ווערט אויך דערציילט פון די קאָצקער חסידים, אַז אויך זייער רבי'ן, רבי מענדעלע, ע"ה, האָט מען געשטעלט די זעלבע שאלה, ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגעל: וואו וואוינט דער רבונו של עולם?

און זיין ענפער איז געווען: וואו מען לאָזט אים נאָר אַריין... (ב. יאָרשזאָהן).

ב.

ווער עס פּאַסט זיך אויסטיילען תרומה

מאת כל איש אשר ידבנו לבו.

„חמשה לא יתרומו ואם תרמו אין תרומתן תרומה: החרש והשוטה והקטן והתורם את שאינו שלו ונכרי שתרם של ישראל אפילו ברשותו" — פינף זאָלען ניט אָפּשיידען תרומה, און אויב זיי האָבען יאָ אָפּגעשיידט, איז זייער תרומה קיין

תרומה ניט: אַ טויבער, אַ נאַר, אַ קליינער, דער וואָס גיט ניט זיינע און אַ פרעמדער, וואָס גיט פון אַ אידענ׳ס פאַרמעגען אפילו מיט זיין ערלויבעניש (ירושלמי, תרומות פ״א, ה״א).

תרומה מיינט אָפשיידונג, דאָס וואָס אַ מענש שיידט אָפּ פון זיין פאַרמעגען צו געבען פאַר נאָבעלע צוועקען. תרומה מיינט אָבער אויך אַ דערהויבונג, אַן ערהאָבענע נדבה, וואָס איינער גיט פאַר רעליגיעזע און גייסטיגע גוטטוּענדיגקייטען פונ׳ם פאָלק. אַזאַ מתנה שטייט העכער ווי אַלגעמיינע צדקה, ווייל זי דערהויבט דעם געבער צו אַ הויכער שטופע פון גיצליכקייט פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער גאַנצער אומה.

לויט נאָך אונזערע חז״ל ווערט אין דער פרשה גערעדט וועגען דריי פאַר־שיידענע תרומות, וואָס ווערען באַנוצט פאַר אויפשטעלען אַ מיטעלפּונקט אַרום וועלכען עס זאָלען זיך קאָנצענטרירען אַלע „דברים שבקדושה״, זאַכען, וואָס האָבען צו טאָן מיט דער אַנטוויקלונג פון אונזער אמונה און גייסט. „ג׳ תרומות נאמרו בפרשה זו: תרומת אדנים, תרומת שקלים ותרומות המשכן״ — וועגען דריי פאַרשידענע געבונגען ווערט גערעדט אין דער פרשה: איינע איבער דער תרומה פאַר די שוועלען פון דעם משכן, די צווייטע — פאַר דער געביידע פון דעם משכן און די דריטע — פאַר אויפהאַלטען דעם משכן (ירושלמי, שקלים פ״א).

די נדבות, וואָס אַ איד גיט צושטייער פאַר די שוהלען, די יסודות פון אידישקייט, אָדער פאַר בויען אַ משכן, אַ פּלאַץ צו דאַוונען און לערנען, אָדער פאַר אויסהאַלטען אַזעלכע גייסטיגע אַנשטאַלטען, ווערען באַצייכענט מיט דעם נאָ־מען „תרומה״, אַ דערהויבענע נדבה. אַזעלכע נדבות דערהויבען דעם געבער און פאַראייביגען זיין נאָמען. ווי שיין דער מדרש דריקט זיך אויס איבער דעם געדאַנק פון תרומה: „ויקחו לי תרומה — אמר הקב״ה לישראל: לי אתם לוקחים״ — מיט דעם, וואָס איר וועט געבען תרומה, נעמט איר מיך מיט זיך (שמות רבה, ל״ג). וויפיל איר וועט טאָן פאַר אייערע משכנות, פאַר אייערע גייסטיגע צענטערס, וועלען זיי פאַר אייך טאָן פיל מער. זיי וועלען אייך דינען פאַר ציטאַ־דעלען, וואָס וועלען אייך באַשיצען פון אַנגריף און פאַרהיטען פון אונטערגאַנג.

די אויסטיילונג פון תרומה קאָן אָבער ניט אָנפאַרטרויט ווערען אַבי וועמען. די וואָס פאַרשטייען ניט די באַדייטונג פון אַזעלכע נדבות, זאָלען מיט זיי ניט האָבען צו טאָן, און איבערהויפּט ניט שטיין אין דער פאַרוואַלטונג. דער ירושלמי

גיט אונז אַן פינף פערזאָן, וועמען מען קאָן ניט אָנפאַרטרויען די אויסטיילונג פון תרומה:

„חרש" — אַ טויבער, איינער וואָס איז טויב צו די נויטיגע הצטרכות'ן פון זיין פאָלק, זיין לאַנד, זיין שטאָט און זיין קהלה. אַזעלכער פאַרשטייט נאָר צו געבען פאַר זאַכען, וואָס ער זעהט — ווי קראַנקע, אַלטע און אָרימע. פאַר גייסטיגע ענינים, וואָס האָבען צו טאָן מיט דער צוקונפט פון פאָלק, האָט ער קיין באַגריף ניט. דאָס זעהט ער ניט און קיין דערהער האָט ער ניט, ווייל ער איז דאָך טויב.

„שוטה", אַ נאַר, אַן אומוויסענדער, פאַרשטייט אודאי ניט זיינע פליכטען צו דער נשמה פון דעם פאָלק, צו זיינע גייסטיגע נויטען. פאַר מאַנכע קלייניגקייטען גיט ער אַ סך און פאַר אמת'ע הצטרכות'ן גיט ער זעהר ווייניג, אָדער אַנטזאָגט זיך איינגאַנצען צו געבען. פאַר אַזעלכען איז אַ קראַנקע האַנט, אָדער אַ פוס פיל וויכטיגער ווי אַ קראַנקער קאָפּ. פאַר אַלטע לייט, וועמעס טעג זיינען געציילטע, וועט ער טאָן און אַרבייטען; פאַר דער דערציהונג פון יונגע קינדער, וואָס דאַרפען פאַרטזעצען דאָס לעבען פון דעם פאָלק, וויל ער אַ פינגער אין קאַלט וואַסער ניט אַריינשטעקען.

„קטן", אַ קליין מענשעלע, וואָס איז ניט דערוואַקסען צו דער געהעריגער הויך פון זיין אַ פאַסענדער פירער אין דער אידישער געזעלשאַפט. אויב אפילו ער גיט שוין, טוט ער דאָס איבערגוואַלד, און זיין נדבה איז קליין און קבצנות'דיג. אַזעלכער פאַרשטייט אפשר צו געבען פאַר קהל'שע געביידען. ווייל ער קאָן אָפּשאַצען די ווערט פון ווענט און שטיינער, אָבער פאַר אויסהאַלטען די געביי־דען און שטיצען די אַרבייט, וואָס ווערט אין זיי געטאָן האָט ער קיין באַגריף ניט.

„התורם את שאינו שלו" — דער וואָס טיילט אויס ניט זיינע. מענשען, וואָס שטייען ווייט פון אידישקייט, אָבער זיינען געוואָרען פאַרוואַלטער פון צדקה־פעדעראַציעס, אָדער אַלגעמיינע צדקה־קאַסעס. אַזעלכע רעכענען זיך ווייניג מיט דער דעה פון דעם געבער און פאַרטיילען די צדקה־געלטער פאַר צוועקען, וואָס זיינען נאָענט צו זייער אייגען האַרץ. דערפאַר זעהען מיר טאַקע, אַז גאַר גרויסע סומען ווערען געגעבען צו אַנשטאַלטען, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט דעם מאָמענט, מיט היילען קראַנקע אָדער שטיצען שוואַכע. פאַר לערן־אַנשטאַלטען אָבער, וואָס דאַרפען שמידען די קייט פון אידישער עקזיסטענץ, גיט מען גאָר־ניט, אָדער מען וואַרפט צו אַן אומבאַדייטענדע סומע, וואָס קלעקט אויף גאָרניט.

„ונכרי שתרם של ישראל אפילו ברשותו" — אַ גוי, אַ פרעמדער, וואָס גיט פון אַ אידענ'ס פאַרמעגען אפילו מיט זיין ערלויבעניש. צו אילוסטרירען דעם טי־פען געדאַנק פון דעם ירושלמי, וויל איך דאָ איבערגעבען אַ פאַקט, וואָס האָט פּאַסירט אין אַמעריקע מיט איבער אַ פאָר צענדליג יאָר צוריק:

אַ געוויסער אידישער מיליאָנער, וואָס איז אין זיין יוגענט געקומען אַהער פון ליטע און האָט דאָ געמאַכט אַ גוואַלדיג־גרויס פאַרמעגען, האָט איבערגעלאָזט אַ סומע פון אַכט מיליאָן דאָלאַר פאַר צדקה און בילדונגס־צוועקען. אין זיין צוואה זאָגט ער אָן, אַז דאָס געלט זאָל גלייך פאַרטיילט ווערען פאַר אידען, קאַ־טאָליקען און פּראָטעסטאַנטען. ער האָט אָבער באַשטימט עטליכע פּראָמינענטע קריסטען און איין אידישען אַסימילאַטאָר, זיי זאָלען זיין די אויסטיילער פון די געלטער. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די גוי'אישע לערן־אַנשטאַלטען האָבען באַקומען זייער פולען חלק. דעם אידישען חלק האָט מען אויסגעטיילט צו האָספּיטעלער, קינדער־היימען. בלויז איין לערן־אַנשטאַלט האָט באַקומען אַ קליינעם טייל פון דער חלוקה. כאָטש דער פאַרשטאָרבענער האָט געשטאַמט פון אַן אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע, האָבען אָבער אָרטאָדאָקסישע ישיבות, קאָלע־דזשעס, אָדער אַנדערע אַנשטאַלטען ניט באַקומען אַ סענט.

קאָנטיג, אונזערע חכמים האָבען פאָראויסגעזעהן אויך דאָס לעבען פון אונ־זערע אידען אין אַמעריקע.

הפטרה

אונזער בית־המקדש פאַרטראָגט ניט דעם קלאַנג פון וואָפען

כל כלי ברזל לא נשמע בבית בהבנותו.

„המזבח נברא להאריך שנותיו של אדם והברזל לקצר. רבי יוחנן בן זכאי אומר: אבנים שלמות תבנה, אבנים שמטילות שלום" — דער מזבח איז געשאַפען געוואָרען צו פאַרלענגערען די יאָרען פונ'ם מענשען און די וואָפען צו פאַרקירצען זיינע יאָרען. רבי יוחנן בן זכאי זאָגט: וועגען מזבח ווערט געשריבען, מען זאָל אים בויען פון גאַנצע שטיינער, וואָס מיינט, שטיינער, וועלכע ברענגען גאַנצקייט און פרידען (מכילתא).

ווען שלמה המלך האט פארענדיגט בויען דעם בית המקדש, ווערט גע־בראכט אין מלכים א׳, ח׳, אז ער האט מתפלל געווען צו גאט און אים געבעטען, אז ער זאל מאכען דאס הויז פאר זיין וואוין־פלאץ אויף דער ערד. ער האט אויך תפלה געטאן, אז „אויב א פרעמדער, ניט פונ׳ם פאלק ישראל, וועט קומען פון אן אנדער לאנד מתפלל צו זיין אין דעם הויז, זאל אים דער גאט, וואס וואוינט אין הימעל אויסהערען און דערפילען זיין פארלאנג, כדי אלע פעלקער פון דער וועלט זאלען, אזוי ווי די אידען, אנערקענען זיין גרויסקייט און זיך אויך איבער־צייגען, אז דער נאמען פון גאט ווערט גערופען אויף דעם הויז, וואס ער האט נאר וואס פארענדיגט.

לויט דעם באגריף פון דעם אידישען גלויבען, איז דער הויפט־צוועק פון בויען א משכן, אדער בית המקדש צו שאפען א מיטעלפונקט פאר דער שכינה אויף דער ערד, וואו מענש און גאט זאלען זיך קאנען באהעפטען און לעבען צוזאמען. „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״ — זאלען זיי פאר מיר מאכען א הייליג פלאץ — זאגט גאט — אום איך זאל קאנען וואוינען צווישען זיי.

אלע הייליגע כלים אין בית המקדש האבען אויף זיך געטראגען דעם כאראק־טער פון שלום און אחדות, פרידען און פאראייניגונג. די מנורה, מיט אלע אירע זיבען רערען, האבען געמוזט זיין אויסגעקלאפט פון איין שטיק. „אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות״ — צו דעם מיטעלפונקט פון דער מנורה זאלען לייכטען די זיבען ליכט. אלץ וואס איז שיין און ערהאבען אין אידישען לעבען מוזען זיך פאראייניגען צו איין פונקט, צו איין ציל, צו מאכן שלום מיטן הימעל און אויסשפרייטען גב״ה׳ס ממשלה אויף דער ערד.

די כרובים, וועלכע זיינען געווען אין דעם געשטאלט פון קינדער, א אינגעל און א מיידעל (חגיגה, י״ג), וואס האבען פארגעשטעלט די צוקונפטיגע דורות פון דעם גאנצען אידישען פאלק, האבען געמוזט זיין „פניהם איש אל אחיו״, זייערע געזיכטער געווענדט איינע צו די אנדערע. אום אז דאס אידישע פאלק זאל האבען א קיום אויף אימער, מוז די יוגענט ערצויגען ווערען מיט א געפיל פון אחדות, פון פאראייניגונג פאר אלע אידישע אינטערעסען.

אויך דער ארון אליין איז געווען א סימבאל פון אחדות צווישען גב״ה און די אידען. ער האט געדארפט געבויט ווערען „אמתים וחצי ארכו״, צוויי און א האלב איילען די לענג, „ואמה וחצי רחבו״ און אן אייל און א האלב די ברייט, „ואמה וחצי קומתו״ און אן אייל און א האלב די הויך. דער ש״ך הקדוש

פרעגט: וואָרום עפּעס אַלץ האַלבע איילען? און דערקלערט, ווייל דער אָרון איז ערשט דאַן גאַנץ, אויב די אידען שטעלען צו די אַנדערע העלפט. אָהן די אידען איז דער אָרון נישט מער ווי אַ „חצי דבר", אַ האַלבע זאַך, וואָס איז ניט פאַרענדיגט.

דער גאַנצער ענין פון קרבנות איז געצילט צו באַרוהיגען דעם מענשען'ס געוויסען מיט דעם, וואָס ער מאַכט שלום מיט דעם אויבערשטען און ברענגט אַ קרבן פאַר זיינע זינד. דערפאַר, זאָגט רבי יוחנן בן זכאי, האָט דער מזבח גע־מוזט געבויט ווערען פון „אבנים שלמות", גאַנצע שטיינער, נישט קיין געשפּאָל־טענע, ווייל גאַנצקייט ווייזט אויף שלום און אחדות. דער מזבח איז אויך געווען געצילט צו פאַרלענגערען די יאָרען פון דעם מענשען מיט דעם, וואָס ער באַרוהיגט זיינע נערווען און גיט אים בטחון פאַרטצוזעצען זיין לעבען. דער־פאַר האָט מען אויף זיינע שטיינער ניט געטאָרט האַקען מיט אייזערנע העק, ווייל פון אייזען ווערט אויך געמאַכט דאָס געווער מיט וועלכען מען איז מקצר די טעג פון פילע מענשען.

„ומקבות והגרזן, כל כלי ברזל לא נשמע בבית בהבנותו" — און קיין האַ־מערס און קיין האַק, קיין שום אייזענגעצייג, איז ניט געהערט געוואָרען אין דעם הויז, ווען עס איז געבויט געוואָרען. שלמה, וואָס איז געווען אַ פּרינץ פון פרידען, האָט ניט געוואָלט, אַז אין דעם געטליכען הויז, וואָס ער בויט, זאָל געהערט ווערען דער קלאַנג פון אַזעלכע געצייג, וואָס ווערען אויך באַנוצט צו מאַכען געווער פאַר מלחמות, וואָס ברענגען טויט און פאַרניכטונג.

וואָפען און געווער זיינען די געצייג פון דעם מלאך המות און דערפאַר טאָרען זיי זיך ניט געפינען אין בית המקדש, וואָס איז דער סימבאָל פון שלום און אייביגען לעבען. „אמר הקב"ה למלאך המות אין לך רשות על אומה זו, שהיא חלקי — כשם שאני חי וקיים כך בני קיימין" — גאָט האָט אָנגעזאָגט דעם מלאך המות: דו האָסט קיין רעכט ניט איבער דער אידישער אומה, ווייל זי איז מיין חלק — פונקט ווי איך לעב און עקזיסטיר פאַר אימער, אַזוי וועלען אויך מיינע קינדער אימער עקזיסטירען (שמו"ר, ל"ב). כל זמן דאָס אידישע פאָלק האַלט זיך פאַר דעם חלק אלקים, פאַר גאָט'ס טייל און שטרעבט צו שלום פאַר דער גאַנצער מענשהייט, וועט עס קיינמאָל ניט אונטערגיין. דער „מאַרס", דער מלאך המות פון קריג, וואָס האָט שוין אומגעבראַכט פיל פעלקער, האָט אָבער אויף די אידען קיין שליטה ניט.

ג.

אַ צענטראַלע פאַראייניגונג פון דער שכינה מיט די אידען

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.

„בשעה שאמר הקב"ה למשה על עסקי משכן, אמר לפניו: רבש"ע יכולים הם ישראל לעשותו? אמר לו הקב"ה: אפילו אחד מישראל יכול לעשותו, שנאמר: מאת כל איש אשר ידבנו לבו" — בשעת דער אויבערשטער האָט גערעדט מיט משה'ן וועגען בויען אַ משכן, האָט ער אים געפרעגט: האַר פון דער וועלט, וועלען עס די אידען קענען דערוויזען? האָט ער אים געענטפערט: אפילו איין איינציגער איד קען עס טאָן, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: פון יעדען מענשען, וואָס זיין האַרץ וועט באַווילליגען (שמו"ר ל"ג).

„די דירעקטע פאַרבינדונג פון די אידען מיט זייער אמונה", זאָגט רבי יהודה הלוי אין זיין פילאָזאָפיש ווערק „הכוזרי", „פאַנגט זיך אָן מיטן לעבען פון אונזערע אָבות אברהם, יצחק און יעקב. דער ערשטער טייל פון דער תורה, וואו עס ווערט איבערגעגעבען די געשיכטע פון דער „בריאה", אַז די וועלט איז צושטאַנד געקומען אויף דעם באַפעל פון גאָט, איז אוניווערסאַל און איז דער הויפּט מאָטיוו פון אַלע אמונות. אָבער דער גלויבען, אַז קב"ה איז דער איינציגער כוח, וואָס פירט די וועלט און קיין אַנדערע כוחות, וואָס זאָלען אים העלפען אין דער אַרבייט, זיינען ניט פאַראַן — צו דער אַנערקענונג איז געקומען אונזער פאָטער אַברהם. „אחדות הבורא" — די פאַראייניגונג פון אַלע כוחות אין דער גאָטהייט — איז דער אָריגינעלער געדאַנק, צו וועלכען עס האָבען זיך דער־טראַכט אונזערע אבות, און איז די גרונדלאַגע פון דער אידישער אמונה."

דער געדאַנק ווערט אויך אויסגעדריקט פון אונזערע חכמים. זיי זאָגען: די תורה, וועלכע איז דאָס אידישע געזעץ־בוך, האָט זיך אייגענטליך געדאַרפט אָנהויבען מיט דער ערשטער מצוה, וואָס די אידען זיינען אָנגעזאָגט געוואָרען. די אורזאַך אָבער וואָרום זי פאַנגט זיך אָן מיט דער בריאה, איז „משום כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים" — צו ווייזען זיין פאָלק דעם כוח פון זיינע אויפטואונגען און זיי אויך געבען דעם אוניווערסאַלען באַגריף פון דער גאָטהייט (רש"י בראשית). די וויטערדיגע אַנטוויקלונגען פון דער אידישער אמונה, לויט דעם באַגריף פון אונזערע אבות, פאַנגט זיך אָן מיט אָננעמען די

תורה ביים בארג סיני. פון דאן אן איז די תורה אַ ספּעציפיש אידישע אויפ־גאַבע און ווערט אַ תורת ישראל.

די עשרת הדברות, וואָס אַנטהאַלטען די הויפּט פּרינציפּען פון דער אידישער אמונה, זאָגט ווייטער דער כוזרי, הויבען זיך אָן מיט דער דערקלערונג: „אנכי ה׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים״ — איך בין דער גאָט, דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגענומען פון דעם לאַנד מצרים, און איך וועל פון היינט אָן און ווייטער דיר שענקען מיין הויפּט אויפמערקזאַמקייט. „לא יהיה לך אלקים אחרים על פני״ — עס זאָלען ביי דיר ניט זיין קיין אַנדערע געטער פאַר מיר. ניטאָ אין דער וועלט אַ גאָט פון ישראל, אַ גאָט פון מצרים און אַ גאָט פון אַנדערע אומות באַזונדער. בלויז איין גאָט איז דאָ, וועלכער איז אימער עקזיסטירענד און באַהערשט אַלע כוחות. איך, די קינדער פון מיין ליבלינג אברהם, האָב איך אויסגעקליבען אַלס מיין „עם סגולה״ — מיין אויסדערוויילט פאָלק. איר זאָלט דינען אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער מענשהייט מיט די הומאַנישע געזעצען פון מיין תורה, וועלכע זיינען באַגרינדעט אויף דעם גייסט פון אמת וצדק.

„לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה, אשר בשמים ואשר בארץ מתחת, ואשר במים מתחת לארץ״ — מאַך ניט פאַר דיר קיין געטליכע סטאַטוע אָדער בילד פון דעם, וואָס עס געפינט זיך אויפ׳ן הימעל פון אויבען, אָדער אויף דער ערד פון אונטען, אָדער אין די וואַסערען, וואָס פליסען אונטער דער ערד. באַגרעניצט ניט מיינע כוחות צו דער אָדער יענער דערשיינונג פון דער נאַטור. די נאַטור און אַלע אירע דערשיינונגען שטאַמען פון מיר און ווערען געשאַפען און פאַרוואַלטעט פון מיר. סטאַטוען און בילדער פון אַ געטליכען אויסזעהן זיינען פוסטע פאַנטאַזיעס און פאַרקלענערען מיין גרויסקייט. „לא תשתחוה להם ולא תעבדם״ — בוק זיך ניט צו זיי און דין זיי ניט. מענשען־געמאַכטע אָפּ־געטער זיינען ענגהאַרציג און פאַראורזאַכען אַ שטענדיגען גערלאַנגעל, וואָס פירט צו קריגערייען און בלוט־פאַרגיסונגען.

ניט די אידען און אויך ניט זייער גרויסער לערער משה האָבען ווען געזעהן די געשטאַלט פון גאָט. דאָס מענשליכע אויג קען נאָר זעהן און באַגרייפען זאַכען, וועלכע האָבען אַ ממשות׳דיגען אויסזעהן. די גאָטהייט אָבער „אינו גוף ולא ישגוהו משיגי הגוף״ — איז ניט קיין קערפּער און קען ניט פאַרשטאַנען ווערען אונטער דעם באַגריף פון אַ וועזען אָדער קערפּערשאַפט. „ואין לו שום דמיון כלל״ — ווייל ער האָט ניט קיין וועזענטליכען אויסזעהן. ווען די אידען

זיינען געשטאַנען ביים באַרג סיני, האָבען זיי בלויז געהערט „קול דברים" — אַ שטים, וואָס רעדט צו זיי, אָבער קיין תמונה, קיין געשטאַלט האָבען זיי ניט געזעהן.

אַז משה בעט זיך ביי גאָט: „הראני נא את כבודך" — וויז מיר, איך בעט דיך, דיין כבוד, לאָז מיר זעהן וואו דו ביזט און ווי דו זעהסט אויס, באַקומט ער דעם ענטפער: „הנה מקום אתי" — דאָס אָרט איז מיט מיר. דו ווילסט וויסען וואו איך געפין זיך — דאָס איז פאַר דיר אוממעגליך, ווייל דער באַגריף פון „אָרט" איז באַהאַלטען אין מיר. „הקב"ה מקומו של עולם ואין העולם מקומו" — די גאָטהייט איז דער אומענדליכער רוים, וואו די וועלט פאַרנעמט אַ געוויסען פלאַץ, אָבער די וועלט איז ניט זיין פלאַץ (שמו"ר פ"ב). די גאַנצע בריאה איז בלויז אַ פּינטעלע, אַ קליינער שטח אין דעם רוים פון דער אַל־אומפאַסענדער השגחה. „לית אתר פנוי מניה" — עס איז ניטאָ קיין פלאַץ, וואו ער געפינט זיך ניט. ווייל „כל העולם כבודו" — די גאַנצע וועלט איז באַדעקט מיט זיין כבוד (זוהר).

דו ווילסט מיך זעהן, זאָגט ער אים ווייטער, אויך דאָס איז אוממעגליך, „כי לא יראני האדם וחי" — אַ לעבעדיגער מענש קאָן מיך ניט זעהען, ווייל איך בין ניט אַ גוף — אַ וועזענטליכער „עפּעס" און האָב קיין געשטאַלט ניט. ווי מיר זעהען האָט אויך דער גרויסער משה בלויז געקאָנט זעהען די גאָטהייט אין זיין פאַנטאַזיע, אָבער ניט אין דערווירקליכקייט. ווי טיפזיניג איז די באַמער־קונג פון דער גמרא: „משה מן התורה מנין?" וואו געפינען מיר אַ ריכטיגע אָפּשאַצונג פון משה'ן אין דער תורה? און דער ענטפער קומט, אַז זי געפינט זיך אין די ווערטער פון פסוק: „בשגם הוא בשר" — ווייל אויך ער איז פלייש. און רש"י הקדוש באַמערקט: „בשגם" טרעפען אַן דריי הונדערט און פינף און פערציג, דיזעלבע ווי די אותיות פון „משה" (חולין קל"ט). אויך דער אומפאַרגלייכליכער משה איז ניט מער ווי אַ בשר ודם, און ניט אַלץ האָט ער גע־קאָנט זעהען און באַגרייפען (שבת ומועד, קוסובסקי).

ווי איבערראַשט איז דאַרום משה געוואָרען, ווען גלייך נאָכדעם, אַז ער האָט פאַרענדיגט איבערצוגעבען די משפטים צו די אידען, זאָגט אים גאָט, אַז ער זאָל זיי אויפפאָדערען צו ברענגען גאָלד, זילבער, קופער און פיל אַנדערע ווערטפולע מאַטעריאַלען. „ועשו לי מקדש" — און פון דעם אַלעם זאָלען זיי פאַר מיר מאַכען אַ הייליגע געביידע, „ושכנתי בתוכם" — כדי איך זאָל קאָנען

וואוינען צווישען זיי. „היה משה מתמיה" — האָט זיך משה געוואונדערט און ניט פאַרשטאַנען ווי איז עס מעגליך צו דערוויזען. „כבודו של הקב"ה מלא עליונים ותחתונים והוא אומר עשה לי משכן?" — זיין כבוד פילט אָן די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטען און ער הייסט מיר מאַכען פאַר אים אַ משכן, וואו ער זאָל קאָנען וואוינען. איז אַזאַ זאַך מעגליך דורכצופירען? ווי גרויס דאַרף אַזאַ געביידע זיין און וואו נעמט מען פלאַץ פאַר איר?

גאָט אָבער, ענטפערט אים: „לא כשם שאתה סבור אני סבור" — ניט ווי דו דענקסט, דענק איך. דו מיינסט דאָך אוודאי, אַז איך זוך אַ דירה פאַר מיין אוניווערסאַלער גרויסקייט, מאַכסטו אַ טעות, פאַר דעם איז קיין פלאַץ ניטאָ אין אַלע וועלטען, ווייל זיי אַלע זיינען דאָך בלויז אַ טייל פון מיין „מקום" — פון מיין אומענדליכען רוים. „אלא שארד ואצמצם את שכינתי אמה על אמה" — וואָס איך האָב בדעה איז, אַרונטערצונידערען און קאָנצענטרירען מיין שכינה, אָן אייל אויף אָן אייל, און פון דאָרט אַכטונג צו געבען אויף מיינע אידען. וואָס איך וויל איז, אַז דו זאָלסט פאַר מיר אויפשטעלען אַזאַ הייליגען צענטער, וואָס זאָל דינען דאָס פאָלק אַלס „שער השמים" — אַ טויער, וואָס פירט צו די הויכע הימלען, צו וועלכע עס זאָלען זיין געריכטעט אַלע זייערע מחשבות און האָפנונגען. דאָרט וועל איך זיך מיט זיי אָפט טרעפען און שטיין אין שטענדיגער פאַרבינדונג מיט אַלע זייערע דורות.

נאָך דער דערקלערונג איז משה געבליבען נאָך מעהר געפּלעפט און פאַרוואונדערט ווי פריהער. הייסט עס, אַז גב"ה וויל מצמצם זיין, קאָנצענטרירען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף די אידען, און ער הייסט אים בויען אַזאַ מקדש, אַזאַ הייליגען פלאַץ, וואו דער „כח הצמצום" — די קאָנצענטראַציע פון גאָט און איד זאָל קאָנען פאָרקומען! איז דען אַזאַ זאַך מעגליך דורכצופירען? „יכולים הם ישראל לעשות" — זיינען דען די אידען אימשטאַנד אַזאַ זאַך צו דערוויזען? דער אויבערשטער איז טאַקע אַ „כל יכול", פאַר אים איז קיין זאַך ניט שווער. אָבער, ווי קאָן מען ווירקען אויף דעם גאַנצען פאָלק צו פאַראייניגען אַלע זייערע שטרעבונגען און קאָנצענטרירען זייערע מחשבות צו דער גרויסער אידייע פון „צמצום" — פון אַ באַהעפטונג צווישען גאָט און מענש?

און קב"ה דערקלערט אים ווייטער: עס איז נישט אַזוי שווער ווי דו דענקסט. „אפילו אחד מישראל יכול לעשותו" — זאָגאָר איינער פון די אידען קאָן עס דערוויזען. די אידישע אמונה רעכענט זיך מיט דעם „פרט" אַזוי גוט

ווי מיט דעם „כלל". מעג דער כלל זיך דערווייטערען פון דעם אמת'ן אידישען גלויבען, און גאר א גרויסער טייל פון זיי זאלען זיך אסימילירען און נאכמאכען די מנהגים פון פרעמדע אמונות, קוים געפינט זיך איין איד, „אשר ידבנו לבו" — וואס זיין הארץ איז געטריי דער אידישער טראדיציע, וועט אידישקייט ניט אונטערגיין. בלויז די, וואס האלטען אן דעם אידישען ארט לעבען, לויט די פארשריפטען פון דער תורה, זיינען די אמת'ע אידען. מעגען זיי זיין אין דער מינאריטעט, שטעלען זיי אבער צוזאמען דעם „שאר ישוב" — דאס רעשטעל איבערגעבליבענע, וועלכע וועלען מיט דער צייט צוריקבויען די אידישע אומה.

הפטרה

ווען בליט אלץ אין בית המקדש ?

ויאחז את הבית בעצי ארזים.

„כשהכניס שלמה את הארון לבית המקדש הרטיבו כל העצים והארזים שהיו שם ועשו פירות, והיו הולכים ועושין פירות עד שעמד מנשה והכניס צלם בבית קודש הקדשים ונסתלקה השכינה ויבשו הפירות" — ווען שלמה האט אריינגעבראכט דעם ארון אין בית המקדש זיינען זאפטיג געווארען אלע העלצער און ביימער, וואס האבען זיך דארט געפונען און האבען פראדוצירט פרוכט, און אזוי האבען זיי אנגעהאלטען צו פראדוצירען פרוכט ביז עס איז געקומען דער קעניג מנשה און האט אריינגעבראכט א צלם אין דעם הייליגען ארט. דאן איז די שכינה אוועק און די פירות זיינען אויסגעטריקענט געווארען (מדרש תנחומא).

דער בית המקדש, וואס שלמה האט געבויט, אזוי גוט ווי דער משכן, וואס משה האט געבויט, איז ניט געווען געמיינט אלס א הויז פאר גאט, נאר צו גאט. ווי שלמה המלך זאגט אין זיין גרויסער רעדע, וואס ער האט געהאלטען נאכדעם, אז דער בית המקדש איז פארטיג געווארען: „כי האומנם יושב אלקים על הארץ" — מיינט איר דען ווירקליך, אז גאט גייט זיך באזעצען אויף דער ערד? „הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך, אף כי הבית הזה?" די הימלען און די אויבערשטע הימלען קאנען אים ניט אויסהאלטען, זיכער ניט דאס הויז, דאס איז בלויז „המקום אשר אמרת יהיה שמי שם" — דאס ארט, וואס דו האסט פארשפראכען, אז מיין נאמען וועט זיין דארט.

דער משכן אָדער דער בית המקדש זיינען געווען די הייליגע צענטערס, וואו די שכינה האָט זיך געטראָפּען מיט די אידען. אויב דעם הויפּט־פּלאַץ אין דער הייליגער געביידע פאַרנעמט דער ארון הקודש, און די גאַנצע עבודה דאָרט איז עפ"י „רוח התורה" — לויט דעם גייסט און די פאַרשריפטען פון דער תורה, „הרטיבו כל ארזים ועושין פירות" — דאַן ווערען זאַפטיג אַלע הייליגע כלים, וואס געפינען זיך דאָרט, און פראָדוצירען פרוכט. ניט נאָר די טאַטעס און די מאַמעס קומען אין מקדש, אין שוהל, נאָר אויך די קינדער, די יונגע דורות, האַלטען זיך ביי די הייליגטימער, און דאָס אידענטום וואַקסט און גדייעט.

שטעלט מען אָבער אַוועק אַ צלם אין קודש־הקדשים, פאַרוואַנדעלט מען די שוהלען און טעמפּלען, וועלכע זיינען געבויט לויט דעם מוסטער פון די ביט־אידישע געבעט־הייזער, און מען פירט דאָרט איין מנהגים, וועלכע זיינען פרעמד צו דער אידישער טראַדיציע, ווערט דאָרט אַלץ אויסגעטריקענט. די שכינה פאַרלאָזט זיי, און זיי ווערען אויסגעליידיגט פון יעדען אידישען תוכן אָדער אינהאַלט. קיין אידישע פרוכט פראָדוצירען זיי מעהר ניט, וויל זייערע קינדער וויכען פון אַזעלכע טעמפּלען און מיט די עלטערע דורות שטאַרבען אָפּ אַלע אידישע פּרינציפּען.

דער הויפּט געדאַנק פון דעם משכן אָדער מקדש איז, דער „ושכנתי בתוכם" — דאָס די גאָטהייט זאָל קאָנען וואוינען צווישען די אידען. דער וואָרט משכן אָבער מיינט אויך אַ משכון, אַ מאַרטגעדזש. „שאם יחטאו יהא הוא מתמשכן על ידיהם" — אויב אידען זינדיגען ווערט גאָט'ס הויז פאַרמאָרטגעדזשט ביי די גויים און זיי נעמען עס אַוועק (תנחומא נשא).

ד.

„בנין העם" קומט פאַר „בנין האָרץ"

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.

„כשהכניס שלמה את הארון לבית המקדש הרטיבו כל העצים והארזים שהיו שם ועשו פירות, והיו הולכין ועושין פירות עד שעמד מנשה והכניס הצלם בבית קודש הקדשים ונסתלקה השכינה ויבשו הפירות" — ווען שלמה האָט אַריינגע־בראַכט דעם אָרון אין בית המקדש זיינען אַלע העלצער, וואָס האָבען זיך דאָרט

געפונען, זאַפטיג געוואָרען און פּראָדוצירט פּרוכט. זיי האָבען געהאַלטען אין פּראָדוצירען פּרוכט ביז מנשה האָט אַריינגעבראַכט דעם צלם אין קדש הקדשים, דאַן איז די שכינה אַוועק און די פּירות זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען (מדרש תנחומא).

יאָרען לאַנג איידער די אידען האָבען געקראָגען דעם באַפעל „עלה רש את הארץ״, געהט און באַזעצט דאָס לאַנד, האָט גאָט געראָטען משה׳ן: „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״, זאָלען זיי פאַר מיר מאַכען אַ הייליג פּלאַץ, וואו איך זאָל קאָנען וואוינען צווישען זיי. אָהן אַ מקדש, אָהן אַ צענטראַלען, גייסטיגען צענטער, וואָס זאָל זיי צעמענטירען און פאַרוואַנדלען אין אַ פאָלק, קאָנען זיי דאָס לאַנד ניט דעראָבערען. „בנין העם״, בויען דאָס פאָלק קומט פאַר „בנין הארץ״, בויען דאָס לאַנד. מענשען, וועלכע זיינען צווישען זיך גייסטיג צעריסען, וועלען ניט שאַפען די שטאַרקע עטנישע גרופּע, וואָס זאָל זיך גערן מוסר נפש זיין פאַר דער גרינדונג און באַזעצונג פון אַ לאַנד, וואָס זאָל ווערען די נאַציאָנאַלע היים פאַר אַ באַזונדער פאָלק.

די הויפּט־אויפגאַבע פון משה און אהרן, פאַר די פערציג יאָר, וואָס די אידען האָבען געוואַנדערט אין דער מדבר, איז געווען זיי צו פאַראייניגען אין אַ נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט, און אין זיי איינצופלאַנצען דעם „אתה בחרתנו״-געפיהל, דעם נאַציאָנאַלען שטאָלץ, וואָס בויגט זיך ניט פאַר די „השפעות״ פון פרעמדע און פירט אָן זיין אייגענאַרטיג לעבען, טראָץ אַלע אויסערליכע דרוקען, וואָס ווילען לייגען שטערונגען אויף זיין וועג. איידער עס קאָן מקוים ווערען דער פאַרשפּרעכען „והבאתי אתכם אל הארץ״, איך וועל אייך ברענגען אין דעם לאַנד, מוז פריהער קומען דער „ולקחתי אתכם לי לעם״ — איך זאָל אייך נעמען צו מיר פאַר אַ פאָלק. דער פאַקט, אַז אידען זיינען פון אַ באַזונדער ראַסע און קאָנען זיך ניט אַריענטירען צווישען פרעמדע ראַסען און פעלקער, איז טאַקע אַ באַוויז, אַז זיי דאַרפען לעבען אָפּגעזונדערט און זעלבסטשטענדיג. אָבער דאָס אַליין איז ניט גענוג פאַר דעם באַזיץ פון אַ לאַנד. „והייתי לכם לאלקים״, איך דאַרף פאַר אייך זיין אייער גאָט. איר מוזט ווערען רעליגיעז און גייסטיג פאַראייניגט, אויב איר ווילט, אַז דאָס לאַנד וואָס איר געהט דער־ווערבען זאָל ווערען אַן „ארץ ישראל״, אַ אידיש לאַנד.

אָהן אַ „מרכז רוחני״, אָהן אַ גייסטיגען צענטער, וועלען די אידען זיין „נבוכים במדבר״ — בלאָנדזשענדע נפשות אין דעם מדבר פון זייערע גלות־לענ־

דער. זיי וועלען זיך ניט קאָנען צוזאַמענרעדען אויף אַן איינהייטליכען פּראָגראַם פון אַקטיוויטעטען. זיי וועלען זיין צעברעקעלט אין פאַרשיידענע פּאַרטייען און גרופּען, אָנגעפירט פון אַלטרואיסטישע מנהיגים און וואָרט־געבער, וועלכע וועלען פאַרשווענדען מעהר צייט און ענערגיע אויף צו ברעכען וואָס אַנדערע טוען, איידער אויף טאָן עטוואָס ממשות׳דיגס אַליין. דער משכן, וואָס די אידען האָבען געבויט אין דעם מדבר, איז ניט נאָר געווען אַ פּלאַץ פאַר דעם „אָרון״, און פאַר דעם „מזבח״, ער איז אויך געווען אַן „אוהל מועד״, אַ פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ, וואו די נשיאים, די ראשי הקהל און מאַנכעס מאָל אויך „כל העדה״, די גאַנצע געמיינדע פלעגען זיך צוזאַמענקומען צו פאַרהאַנדלען די אינטערעסען פון דעם כלל און באַשטימען וועגען די פאַרשיידענע נסיעות (במדבר י׳). אויך די תורה „נשנית באוהל״ איז געלערענט און דערקלערט געוואָרען אין אוהל מועד (חגיגה ו׳). שפּעטערצו, נאָכדעם אז די אידען האָבען זיך באַנאַרישט מיטן עגל, איז דער משכן געוואָרען אַ „משכן העדות״, „עדות לכל האומות שנתרצה הקב״ה לישראל על מעשה העגל ומעיד שהשכינה בישראל״ — אַן איבערצייגענדיגער צעגנטער, וועלכער האָט עדות געזאָגט פאַר אַלע אומות, אַז גאָט האָט זיך איבערגעבעטען מיט די אידען פאַר דער מעשה פונ׳ם עגל, און אַז די שכינה רוהט אויף די אידען (שם).

„דער צעגנטער, זאָגט הרב יצחק ניסענבוים ז״ל, האָט אויסער זיין גרויסען אינערליכען כח, מיט דעם וואָס ער האָט אויסגעאיבט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף די אידען און זיי דערהויבען צו אַ גייסטיגער הויך, וואָס איז צו באַוואונדערען, האָט אויך געדינט צו דערהויבען דעם אידישען ווערט אין די אויגען פון זייערע שכנים. די אומות העולם, וועלכע זעהען ווי דער איד טאַנצט אַרום דעם „עגל הזהב״, פאַלט פאַר אים און בוקט זיך צו אים, באַטראַכטען אים פאַר אַ „סחר־מכר״ פאַלק, ביי וועמען די מטבע איז זיין אָפּגאָט. אָבער אַז זיי זעהען, ווי די אידען פאַרזאַמלען זיך אין זייערע שוהלען, דאַוונען און לערנען און היטען אָפּ די געבאָט פון זייער תורה, זיינען זיי אויך מודה „שהשכינה בישראל״, אַז די שכינה רוהט אויף די אידען״.

אויף דעם משכן ווערט געזאָגט „ועשו״, זיי זאָלען אים מאַכען, „גדולה מלאכה, שאף הקב״ה לא השרה שכינתו על ישראל עד שעשו מלאכה״ — גרויס איז דער ווערט פון אַרבייט, אַז אויך גאָט ברוך הוא האָט ניט געלאָזט רוהען זיין שכינה אויף אידען ביז זיי האָבען געטאָן די אַרבייט (אדר״נ פי״א). פאַר

גייסטיגע צענטערס קאָן מען ניט אָפּקומען מיט נדבות, מיט ביישטייערונגען אַליין. מען מוז אויך צולייגען אַ האַנט צו דער אַרבייט. „בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, אז ועשו" — אַז די אידען ווילען טאָן דעם רצון פון דעם אויבערשטען מוזען זיי טאָן (יומא ג׳). צענטערס, וואָס האַלטען אויף דעם אידישען גייסט, זיינען געצילט פאַר דעם „נותן", אַזוי גוט ווי פאַר דעם „מקבל". אויב דער פאַרמעגליכער קומט אָפּ מיט זיין נדבה בלויז און נעמט ניט קיין פערזענליכען אינטערעס אין דעם אַנשטאַלט, ווערט ער אַליין פאַרגרעבט און אָפּגעזונדערט פון די אידישע גייסטיגע אַנטוויקלונגען.

ווי קלאָר און וויטזיכטיג איז געווען דער בליק פון אונזערע חז"ל איבער דער השפעה, וואָס אַ מקדש, אַ הייליגער צענטער, איבט אויס איבער דעם פאָלק. זיי זאָגען: אַז ווען שלמה האָט אַריינגעבראַכט דעם אָרון אין בית המקדש, זיינען אַלע העלצער, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, זאַפטיג געוואָרען און האָבען געהאַלטען אין פּראָדוצירען פירות. די השפעה, וואָס דער בית המקדש האָט געהאַט אויף דעם פאָלק, האָט פעסט געהאַלטען די אידישע קינדער אַרום זיך. די פירות פון יעדע אידישע טאַטע־מאַמע, האָבען זיך ניט פאַרקייקעלט ווייט פון זייער בוים. דאָס גאַנצע פאָלק, אַלט און יונג, זיינען געווען געבונדען אין איין גאַנצעס, וואָס האָט געבילדעט אַן אומצעברעכליכען כח, וואָס האָט דעם עם ישראל געמאַכט אומשטערבליך. „עד שעמד מנשה והכניס צלם בבית קודש הקדשים" — ביז מנשה האָט זיך אויפגעשטעלט און אַריינגעבראַכט אַ בילד פון פרעמדע גאָטעסדינסטען אין דער אַלערהייליגטום, „ונסתלקה השכינה ויבשו הפירות", דאַן איז די שכינה אַוועק און די יונגע פרוכטען זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען (מדרש תנחומא).

און די אידישע געשיכטע האָט אונז תמיד באַוויזען דעם אמת פון זייערע ווערטער. אַזוי גיך ווי מען הויבט אָן איינפירען נייע מנהגים אין אונזערע „בתי מקדש", מנהגים, וואָס זיינען אַ „צלם", אַ קאָפּירט בילד פון פרעמדע גלויבענס, פאַרשווינדט די שכינה פון זיי. די שוהלען און טעמפּלען ווערען אויסגעליידיגט פון אידישען תוכן. די ווענט און די זילבערנע און גאָלדענע כתרים און עמודים שרייען טאָקע „אלה אלקיך ישראל", דאָס איז דיין גאָט ישראל, אָבער זיי אָק־צענטירען און פּראָקלאַמירען מער דעם „עגל הזהב", דאָס גאָלדענע קאַלב, ווי דעם אידישען גלויבען.

און וואָס ערגער איז, אַז „יבשו הפירות", די פרוכט, די אידישע יוגענט ווערט אויסגעטריקענט. אויב, אַז אויסערליכער גלאַנץ בלויז איז די איינציגע צוציהונגס־קראַפט פאַר אונזערע קינדער, צו קומען אין זייערע טעמפלען אדער אידישע צענטערס, געפינען זיי מעהר פון דעם מין אין די טעאַטערס און מוּאווי הייזער. אויב די סערמאָנס פון די ראַביים, וואָס רעדען איבער אַלע טעגליכע נייעס און סענסאַציעס, אַנשטאַט איבער תורה און אידיש וויסען, זיינען די איינציגע גייסטיגע שפייז, וואָס זיי גיבען דער יוגענט, געפינט זי עס מער אין די קלובען און יאַנג מען'ס געביידעס, ווי אין די שוהלען.

הפטרה

די ליכט פון גלויבען

ויעש לבית חלוני שקופים אטומים.

„שקופים מבפנים ואטומים מבחוץ, לא לאורה אני צריך. ר' שמעון בן יהוצדק שאל לרבי שמואל בר נחמן: מהיכן אורה יצא לעולם? אמר לו נתעטף הקב"ה כשלמה והבהיק כל העולם כולו מזיו הדרו" — פאַרשטעלט פון אינעווייניג און אויסגעברייטערט פון אויסנווייניג, איך דאַרף ניט איר ליכט (מנחות פ"ו ע"ב). רבי שמעון, דער זוהן פון יהוצדק, האָט געפרעגט ביי רבי שמואל דער זוהן פון רבי נחמן: פון וואַנען קומט דאָס ליכט אויף דער וועלט? האָט ער אים געענטפערט: גאָט האָט זיך איינגעוויקלט אין אַ ליכטיג קלייד און די גאַנצע וועלט האָט אויפגעשיינט פון דעם גלאַנץ פון זיין פראַכט (ויק"ר פל"א).

כמעט אַלע בעלי אגדה שטימען איין, אַז דער גאַנצער געבוי פון דעם בית המקדש, אַזוי גוט ווי די כלים, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, זיינען סימבאָלען פאַר דעם אידישען לעבען, און צילען צו איין פונקט — צו האַלטען דאָס פאָלק פאַראייניגט און קאָנצענטרירט אַרום זיין אמונה. דער „ארון", אין וועלכען עס געפינען זיך די לוחות, סימבאָליזירט די „חכמה עליונה", די העכסטע שטופע פון פאַרשטאַנד און קלוגשאַפט. און אַזוי ווי ניט יעדער קאָן צו דעם דערגרייכען, מוזען דעריבער אירע חוקים און משפטים אויסגעפאָלגט ווערען, אפילו ווען דער פשוט'ער שכל פאַרשטעהט זיי ניט.

דער אָרון, וועלכער איז דער וויכטיגסטער פון אַלע כלים אין דעם משכן, מוז געשטעלט ווערען אין „קודש הקדשים", אין דעם הייליגסטען פון אַלע פלע־צער אין בית המקדש. ער דאַרף זיך אָפּשיידען פון „אוהל מועד" מיט אַ „פּרוכת". אַ פאַרהאַנג בלויז, ניט מיט אַ געבויטער וואַנט, ווייל עס טאָר ניט זיין קיין צו גרויסע מחיצה צווישען דער גאָטהייט און די אידען. „קודשא בריך הוא, ישראל ואורייתא חד", גאָט, די אידען און די תורה מוזען זיין געפלאָכטען, ערשט דאַן שטעלען זיי פאָר אַ גאַנצע און אויסדערוויילטע אומה. אויב מען טיילט אָפּ די אמונה פון דעם אַלגעמיינעם לעבען, ווערט פון דעם פאָלק אַ מין „שריפת נשמה וגוף קיים", די נשמה ווערט פאַרברענט און בלויז דער גוף עקזיסטירט פאַר אַ ווײלע, ביז ער ווערט צעפוילט פון די פאַרשיידענע ווינטען און צעפאַלט אין שטיקלאַך.

איבער דעם „כפורת" זיינען אָנגעשטעלט געוואָרען צוויי „כרובים", אין דער געשטאַלט פון קינדער, אַ אינגעל און אַ מיידעל (חגיגה י"ג). אויף די כרובים ווערט געזאָגט „סוככים בכנפיהם על הכפורת", זיי דאַרפען באַשיצען מיט זייערע פליגלען איבער דעם צודעק. דער „ארון התורה" קאָן זיך נאָר דאַן אויפהאַלטען ביי אידען, אויב ער ווערט באַשיצט מיט די פליגלען פון דער יוגענט. אויב די אידישע קינדער וועלען דערצויגען ווערען אין דעם גייסט פון דער תורה, וועט זי שטענדיג פאַרבלייבען מיט די אידען. וויסענדיג די תורה און פאַרשטעהענדיג אירע גייסטרייכע לערען, וועלען זיי זיך מוסר נפש זיין פאַר איר און איר אויפהאַלטען, אונטער אַלע אומשטענדען און אין אַלע צייטען.

די כרובים מוזען אָנגעשטעלט ווערען „פּניהם איש אל אחיו", זייערע געזיכטער געווענדעט איינע צו די אַנדערע. די אידישע יוגענט מוז געלערענט ווערען צו האַלטען זיך פאַראייניגט און געמיינשאַפטליך קעמפען פאַר דער עקזיס־טענץ פון זייער פאָלק און זיין אמונה. אין דעם בית המקדש, וואָס שלמה האָט געבויט, ווערט געזאָגט, אַז די כרובים זיינען אָנגעשטעלט געוואָרען „פּניהם אל הבית", מיט די געזיכטער צום הויז (דה"ב ג'), און די גמרא פרעגט „הא כיצד?" ווי קאָן עס זיין? אין דער תורה שטעהט דאָך, אַז זייערע געזיכטער מוזען זיין געווענדעט איינע צו די אַנדערע. און דער ענטפער איז: „כאן בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום" — דאָס פאַסירט נאָר, ווען אידען טוען ניט דעם ווילען פון גאָט (ב"ב צ"ט). אַז אידען האָבען גאָט אין זינען, איז „פּניהם

איש אל אחיו", זיינען זייערע געזיכטער געווענדט איינע צו די אנדערע, זיי ארבייטען אין אחדות און זוכען איינער דעם צווייטען ארויסצוהעלפען.... קוים אבער הויבען די פירער אן צו ריכטען זייערע אויגען „אל הבית", צו זייערע אייגענע „בתי מקדש", זיי פראקלאמירען, אז זייערע שוהלען, זייערע ישיבות זיינען די איינציגע הייליגע און אז די תורה אדער די שכינה רוהט נאר אין די פיר איילען פון זייערע אנשטאלטען, דאן איז א סימן, אז „אין עושין רצונו של מקום", זיי טוען ניט דעם ווילען פון גאט, זיי האבען גאט ווייניג אין זינען, אלץ וואס זיי זוכען, איז בלויז זיך גרויס צו מאכען.

די מנורה, לויט נאך דעם מלבי"ם ז"ל, סימבאליזירט די וועלטליכע השכלה, אלע חכמות און וויסענשאפטען, וואס א מענש קאן דערגרייכען מיט זיין אייגענעם שכל. די זיבען רערען פון דער מנורה זיינען קעגען די „שבע חכמות", די זיבען גרונד־אידייען פון דער וועלט. אויף דער מנורה אבער ווערט געזאגט: „אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות", צו דעם מיטעלפונקט פון דער מנורה זאלען לייכטען די זיבען ליכט. אלע חכמות, וואס אידען לערנען, זאלען זיין געריכטעט צו איין צענטער־פונקט, צו פארמערען און פארגרעסערען „חכמת ישראל", דעם וויסען און פארשטעהן פון דער אידישער תורה. די ליכט פון דער מנורה זיינען ניט דאס ליכט פון אנדערע וויסענשאפטען. זי איז דער מקור פון אלע חכמות און זיי ציהען זייער ליכט פון איר.

אויך די פענסטער פון בית המקדש זיינען געווען געבויט אנדערש ווי אין אנדערע הייזער: זיי זיינען געווען „שקופים מבפנים ואטומים מבחוץ", פאר־שטעלט פון אינווייניג און אויסגעברייטערט פון אויסנווייניג. דאס איז געווען אנצודייטען, אז דער אידישער בית המקדש נויטיגט זיך ניט אין אויסערליכע ליכט. פארקערט, די אויפגאבע פון דעם בית המקדש, דעם גייסטיגען אידישען צענטער, איז צו פארשפרייטען די אינערליכע ליכט פון זיין גלויבען צווישען אלע פעלקער פון דער וועלט.

און אויף דעם גיבען אונז די חז"ל א מערקווירדיגען טיפען געדאנק. „מהיכן אורה יצא לעולם", פון וואנען קומט דאס ליכט אויף דער וועלט? און דער ענטפער איז: גאט האט זיך איינגעוויקעלט אין א קלייד פון ליכט און די וועלט לייכט פון איר שיין. די אמונה איז דער מקור פון דעם אומענדליכען ליכט, וואס ווערט קיינמאל ניט אויסגעלאשען. עס טרעפט אמאל, אז וואלקענס, וואס זיי־נען געשאפען געווארען פון די מענשען אליין, פארשטעלען איר ליכט. דאן טאפען

זיי אין דער פינסטער ווי בלינדע און פארלארענע. אויב אבער זיי קערען זיך צוריק צו דער אמונה, ווערט זייער בטחון אין גאט „כשלמה של אור", ווי א קלייד פון ליכט, וואס שיינט פאר זיי ווידער אויף און וויזט זיי דעם ריכטיגען וועג.

ה.

דער צענטראלער פונקט פון אידישקייט

אל הכפורת יהיו פני הכרובים.

„כיצד הן עומדים? בזמן שישראל עושין רצונו של מקום פניהם איש אל אחיו, ובזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום פניהם לבית" — ווי שטייען זיי? אז אידען טוען דעם רצון פון גאט, זיינען זייערע געזיכטער געווענדט איינער צום אנדערען; אז זיי טוען אבער ניט דעם רצון פון גאט, זיינען זייערע געזיכטער געווענדט צום הויז (ב"ב צ"ט).

אין א פארטראג איבער דער טעמע „חכמה און תורה", וואס דער נאציאנאלער משורר חיים נחמן ביאליק ע"ה האט אמאל געהאלטען דא אין ניו־יארק, האט ער צווישען אנדערעס געזאגט: „חכמה, וויסענשאפט איז זעהר קלוג, האט פיל געלערענט פון דערפארונג און האט א ווייטען און דורכדרינגענדיגען בליק אין דער צוקונפט. זי איז אבער צו־קאלט, צו־עקזאקט און אויך צו־שטרענג. זי גייט ניט מיט דעם מענשען, זי שטייט פון דערווייטענס און גיט אירע באפעהלען: דאס טו, דאס טו נישט. האט איינער געמאכט א פעהלער און נישט אויסגעפאלגט איר עצה, ווארפט זי זיך אפ פון אים און לאזט אים ליידען. די תורה אבער, האט ער פארטגעזעצט, „איז פריינטליך, מער צוגענגעליך. זי גייט מיט דעם מענשען, רעדט מיט אים ווי מענשען רעדען, און אויב ער מאכט א פעהלער, טרייסט זי אים און לערנט אים ניט צו ווערען פארצווייפעלט. דערפאר האט ער אויסגעפירט, איז אונזער תורה א „חכמה עליונה", די העכסטע ווי־סענשאפט."

צו פארשטארקען זיינע ווערטער וויל איך דא ציטירען א ירושלמי, וועלכער גיט אונז א וואונדערבארע אפשאצונג, ווי חכמה, נבואה, תורה און אמונה קוקען אויף פארברעכער:

„שאלו לחכמה חוטא מהו עונשו?" — מען האָט געפרעגט ביי דער וויסענ־שאַפט: וואָס איז די שטראָף פון אַ זינדיגען? „אמרה להם: „חוטאים תרדוף רעה" — האָט די חכמה געזאָגט, אַז דאָס שלעכטס, וואָס איינער האָט געטאָן, וועט אים אימער פאַרפאָלגען. מען האָט די זעלבע פראַגע געשטעלט דער „נבואה", און זי האָט געענטפערט: „הנפש החוטאת היא תמות" — די זינדיגע נשמה מוז שטאַרבען. די תורה האָט אויף דער פראַגע געענטפערט: „יביא אשם ויתכפר לו" — זאָל ער ברענגען אַ קרבן און ער וועט פאַרגעבען ווערען. „שאלו להקב"ה חוטא מה יעשה?" — מען האָט געפרעגט גאָט אַליין: וואָס זאָל אַ זינדיגער טאָן, כדי געלייטערט צו ווערען? האָט ער געענטפערט: „יעשה תשובה ויתכפר לו" — זאָל ער תשובה טאָן און זיינע זינד וועלען אים פאַרגעבען ווערען (ירושלמי מכות פ"ב).

די שטרענגע „חכמה", די קאַלטע וויסענשאַפט, פאַראורטיילט אים אויף אימער. די „נבואה" וואָס רעכענט זיך מער מיט דעם מאָרגען איידער מיט דעם היינט, זאָגט אים אָפּ דאָס לעבען. די „תורה" אָבער איז מער פריינטליך, זי גיט אים אַן עצה ווי ער קאָן פון זיין שלעכטער לאַגע אַרויסקריכען. „אמונה" גייט נאָך וויטער און פאָדערט אפילו ניט קיין קרבנות. „תשובה", די רייניגונג פון דעם געוויסען, און אַ „קבלה להבא", אַ באַשלוס אין דער צוקונפט צו טאָן גוטס, איז גענוג אויפצוהויבען דעם מענשען אויף אַ העכערער שטופע און אים ברענגען נעענטער צו גאָט.

אין דעם באַשטייט דער אונטערשייד פון דער אידישער אמונה אין פאַר־גלייך צו אַלע אַנדערע אמונות. זי איז ניט קיין אַבסטראַקטע זאַך, וואָס שטייט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. זי איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם מענשען און זוכט צו זיין אין זיין געזעלשאַפט.

און די חז"ל זאָגען אונז טאַקע „מיום שברא הקב"ה את עולמו נתאוה שיהיה לו דירה בתחתונים" — פון דעם טאָג, וואָס דער אויבערשטער האָט באַ־שאַפען זיין וועלט, האָט זיך אים געגלוסט צו האָבען פאַר זיך אַ דירה אין דער אונטערשטער וועלט (ילקוט).

ביים באַרג סיני, זאָגען אונז די נביאים און נאָך זיי די חכמים, האָט די שכינה געהייראַט מיט דעם פאָלק ישראל און איר רצון איז צו וואוינען צוזאַמען מיט די אידען. די אידישע אמונה דאַרף ניט האָבען קיין פאַרמיטלער צווישען איר און די אידען. „קרוב אלי בקראי אליו" — ער איז נאָענט צו יעדען, וואָס

רופט צו אים. ווי שיין דריקט זיך אויס דער מדרש: „בשעה שאמר הקב״ה למשה, עשה לי משכן, היה מתמיה ואומר: כבודו של הקב״ה מלא עליונים ותחתונים והוא אומר עשה לי משכן״ — ווען גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן, מאַך פאַר מיר אַ משכן, האָט ער זיך געוואונדערט און געפרעגט: זיין כבוד פילט אָן די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטען און ער הייסט מיר מאַכען פאַר אים אַ משכן. ווי איז עס מעגליך צו דערגרייכען? „אמר לו הקב״ה: לא כשם שאתה סבור אני סבור, אלא שאלך ואצמצם את שכינתי אמה על אמה״ — האָט אים גאָט געענטפערט: ניט ווי דו דענקסט, דענק איך. איך האָב בדעה אַרונטער־צונידערען און קאָנצענטרירען מיין שכינה אין אַ פּלאַץ, וואָס איז בלויז אַן איל אויף אַן איל (שם).

דער באַגריף פון בויען אַ „משכן״ פאַר דער גאָטהייט מיינט ניט אַ באַשטימ־טען אָרט אָדער שטח גרויס גענוג איר צו אַנטהאַלטען. דאָס איז אוממעגליך, ווייל דער באַגריף אָרט איז אויך אַ טייל פון דער גאָטהייט, וואָס קאָן ניט געמאָסטען ווערען. דער געדאַנק איז בלויז צו בויען אַ פּלאַץ, אַרום וועלכען עס זאָלען זיך קאָנצענטרירען אַלע טיילען פון פאָלק און וואו עס זאָלען זיך פאַראייניגען אַלע זיינע מחשבות און האָפענונגען. דאָס וועט צעמענטירען אַלע שיכטען פון דער אידישער נאַציע און זיי פאַראייניגען מיט זייער אמונה. ווי די גמרא פסק׳ענט: דער וואָס דאַוונט אין חוץ לארץ, זאָל ער זיין האַרץ קערען נאָך ארץ ישראל; אין ארץ־ישראל, זאָל ער זיך קערען צו ירושלים; אין ירושלים — צום בית־המקדש; אין בית־המקדש — צום קדשי קדשים; אין דעם קדשי קדשים זאָל ער מכוון זיין דאָס האַרץ זיינס צום כפורת, וואָס דעקט־צו דעם אָרון. „נמצא כל ישראל מכוונין את לבם למקום אחד״ — דער רעזולטאַט וועט זיין, אַז אַלע אידען וועלען ריכטען זייערע הערצער צו איין־און־דעמזעלביגען פּלאַץ און דאָס וועט זיי האַלטען פאַראייניגט קערפּערליך און גייסטיג (ברכות ל׳ ע״א).

דער אָרון, אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען די שני לוחות הברית, די צוויי טאָוולען, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט פון גאָט׳ס האַנט אַליין די „עשרת הדברות״, די צען געבאָט, האָט געמוזט זיין אָפּגעשיידט פון דעם „אהל מועד״ מיט אַ „פרוכת״, אַ פאָרהאַנג, און איבער דעם כפורת זאָלען אויפגעשטעלט ווערען צוויי „כרובים״, אין דער געשטאַלט פון קינדער, אַ אינגעל און אַ מיידעל (חגיגה י״ג). די כרובים זיינען דער סימבאָל פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק, יונג און אַלט, מענער און פרויען, און זיי דאַרפען זיין

„סוככים בכנפיהם על הכפורת״, באַשיצען מיט זייערע פליגלען איבער דעם צו־דעק. דאָס איז אָנצודייטען, אַז דער „ארון התורה״ קאָן זיך נאָר דאַן אויפהאַלטען ביי אידען, אויב זיי באַשיצען אים מיט זייערע לעבענס, ווי דאָס איז אומצייליגע מאָל באַוויזען געוואָרען אין דער אידישער געשיכטע.

די צוויי „לוחות הברית״ זיינען געווען גלייך איינגעטיילט. אויף איינעם זיינען געווען אויסגעקריצט די פינף געבאָט, וואָס זיינען דער תמצית פון אַלע פליכטען „בין אָדם למקום״, פון מענש צו גאָט, און אויף דעם צווייטען זיינען געווען אויסגעקריצט די פינף געבאָט, וואָס זיינען דער קווינטעסענץ פון אַלע פליכטען „בין אָדם לחבירו״, פון מענש צו מענש.

מיין פאָטער ע״ה פלעגט זאָגען: „דער מענש איז צוזאַמענגעשטעלט פון מוח און פון האַרץ. אַלע מצוות, וואָס האָבען צו טאָן מיט דער גאָטהייט, זיינען אַ טייל פון דעם מוח, פון דעם פאַרשטאַנד, וואָס דאַרף דענקען און טראַכטען, דער ציל פון לעבען איז אַ העכערער ווי דער אַלגעמיינער פאַרלאַנג צופרידענ־צושטעלען דעם קערפערליכען גענוס. יעדער מענש איז אַ „חלק אלק׳ ממעל״, אַ טייל פון דער העכערער באַשאַפונג, און מוז דערפאַר זוכען צו באַגרייפען און פאַרשטיין, אַז אַלץ, וואָס ער האָט, קומט אים פון דער השגחה העליונה. דערפאַר איז ער פאַרפליכטעט מקיים צו זיין די מצוות פון מענש צו גאָט. די פליכטען פון „בין אָדם לחברו״ זיינען מער אַ טייל פון דעם האַרץ, פון גע־פיל, און אַ איד מוז דינען גאָט מיט ביידען, מיטן האַרץ אַזוי גוט ווי מיטן מוח״.

„מען קען זאָגען״, פירט אויס מיין פאָטער ע״ה, „אַז דאָס איז דער געדאַנק פון דעם פסוק, וואָס זאָגט אונז, אַז די כרובים איבער דעם אָרון האָבען באַדאַרפט זיין „פורשי כנפים למעלה, ופניהם איש אל אחיו״ — אויסגעשפּרייט זייערע פליגלען צו דער הויך און זייערע געזיכטער געווענדט איינער צום צווייטען. דעם מוח, דעם גייסט זאָל מען זוכען אויפצוהויבען צום הימעל, אָבער די הער־צער און די געזיכטער זאָלען זיין געווענדט פון איין ברודער צום צווייטען און זוכען אַרויסצוהעלפען איינער דעם אַנדערען.״

דער מלבי״ם ז״ל ברענגט אַרויס פון דעם פסוק זעהר אַ טיפען געדאַנק. ער זאָגט: אידען זיינען תמיד געשטאַנען אונטער צוויי פירערשאַפטען: די מלוכה, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבען מיט זאַכען, וואָס האָבען צו טאָן „בין אָדם לחבירו״, פון מענש צו מענש, און די „כהונה גדולה״, וואָס האָט געהאַט דעם אויפזיכט איבער די פליכטען „בין אָדם למקום״, פון מענש צו גאָט. די כרובים האָבען

אונז אַנגעדייט, אַז ביי אונז אידען טאָר מען ניט אָפּטיילען די רעגירונג פון דער רעליגיע. עס מוזען זיין „פניהם איש אל אחיו״ — זייערע געזיכטער זאָלען זיך קערען איינער צום צווייטען. זיי מוזען זיך העלפען איינע די אַנדערע צו קאָנען שאַפען די ריכטיגע גאַנצקייט, וואָס וועט אויפהאַלטען דאָס פאָלק פאַר אימער און אייביג.

וועגען דעם בית המקדש, וואָס שלמה האָט געבויט ווערט געזאָגט „ופניהם אל הבית״ — די געזיכטער פון די כרובים האָבען זיך געקערט צום הויז (דה״ב ג׳). און די גמרא פרעגט „הא כיצד?״ — ווי קאָן דאָס זיין? אין דער תורה שטייט דאָך בפירוש געשריבען, אַז זייערע געזיכטער מוזען זיין געווענדט איינע צו די אַנדערע? און זיי גיבען אויף דער פראַגע אַ טיפזיניגען ענטפער, וואָס איז היסטאָריש אויסגעהאַלטען. זיי זאָגען: „כאן בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום״ — דאָס פּאַסירט נאָר ווען אידען טוען ניט דעם ווילען פון גאָט, אַז אידען פירען זיך אויף ווי עס באַדאַרף צו זיין, דאַן איז „פניהם איש אל אחיו״, זיינען זייערע געזיכטער געווענדט איינע צו די אַנדערע, אַלע אַרבייטען פאַר דעם וואויל און בעסטען פון פאָלק און העלפען אים ווערען פּאָליטיש און גייסטיג שטאַרק. ווערען זיי אָבער פאַרפירט און קערען זיך אָפּ פון גאָט׳ס וועג, דאַן איז „ופניהם אל הבית״ — יעדער איד זאָרגט זיך פאַר זיין אייגען הויז און קימערט זיך ווייניג פאַר דעם צווייטען.

הפטרה

„איך וועל מיין פאָלק ניט פאַרלאָזען״

אם תלך בחוקותי ואת משפטי תעשה.

„שלשה דברים נתנו על תנאי: ארץ ישראל, בית המקדש ומלכות בית דוד, חוץ מספר תורה ובריתו של אהרן שלא נתנו על תנאי״ — דריי זאַכען זיינען די אידען געגעבען געוואָרען מיט אַ תנאי: ארץ ישראל, דער בית המקדש און די אידישע מלוכה. די תורה און אמונה אָבער, זיינען ניט געגעבען געוואָרען מיט אַ תנאי (מסילתא).

כמעט אַלע מאַטעריאַלען, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרען פאַר בויען דעם בית המקדש, האָט דוד המלך צוזאַמענגעקליבען און צוגעגרייט נאָך פאַר זיין

לעבען. אים איז אָבער ניט באַשערט געווען אַליין צו בויען דאָס הייליגע הויז, ווייל גאָט האָט אים געזאָגט: „דם לרוב שפכת ומלחמות גדולות עשית, לא תבנה בית לשמי" — צופיל בלוט האָסטו פאַרגאָסען און גרויסע מלחמות האָסטו אָנגעפירט, דו קאָנסט ניט בויען דאָס הויז פאַר מיר. „הנה בן נולד לך, הוא יהיה איש מנוחה" — ביי דיר וועט געבוירען ווערען אַ זוהן, ער וועט זיין אַ מענש פון רוה און פרידען, „הוא יבנה בית לשמי" — ער וועט בויען דאָס הויז פאַר מיר (דה"י א' כ"ב).

כאָטש אַלע מלחמות, וואָס דוד האָט אָנגעפירט, זיינען געווען נויטיג כדי צו פאַרשטאַרקען די אידישע מלוכה און אויסברייטערען און פאַרזיכערען די גרעניצען פון דעם לאַנד, איז אָבער די אמונה גלייכגילטיג צו אַזעלכע דערגריי־כונגען. רייכטום און גרויסקייט, וואָס אַ פאָלק דערווערבט דורך כח און דרוק, דורך באַזיגען אַנדערע פעלקער און זיי מאַכען אונטערטעניג, איז אַפּשטויסענד צו דער אמונה. „ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים" — מיין הויז איז באַ־שטימט צו זיין אַ געבעט־הויז פאַר אַלע פעלקער און קאָן ניט געבויט ווערען דורך צוואַנגס־אַרבייט אָדער פאַרנומענע מאַטעריאַלען פון פאַריאָכטע פעלקער. דער הויפּט ציל פון אמונה איז צו ברענגען צו שלום.

ווען שלמה האָט זיך געשטעלט בויען דעם בית המקדש, ווערט דערציילט אין דער היינטיגער הפטרה, אַז גאָט האָט צו אים געזאָגט: „הבית הזה אשר אתה בונה" — אָט דאָס הויז, וואָס דו בויעסט, „אם תלך בחוקותי ואת משפטי תעשה — ושכנתי בתוך בני ישראל" — אויב דו וועסט זיך פירען לויט מיינע געזעצען און מיינע משפטים וועסטו פאַרווירקליכען, דאַן וועל איך וואוינען צווישען די אידען.

ניט די שעהנע און טייערע טענענהאָלץ, אָדער די פיל גאָלד און זילבער, וואָס דו טוסט אַריין אין דעם בנין, וועלען אים מאַכען פאַר אַ בית המקדש, פאַר אַ הייליג הויז, וואו מיין שכינה זאָל זיך קאָנען פאַראייניגען מיט מיינע אידען. אויסערליכער גלאַנץ האָט קיין ווערט ניט, אויב עס פעלט דער גייסטיגער אינהאַלט, וואָס צייכענט אויס די אידען פון אַנדערע פעלקער. אויב מיינע „חוקים ומשפטים", וועלכע צילען צו דערהויבען דעם מענשען נעהנטער צום הימעל, וועלען ניט אָפּגעהיט ווערען, וועט דאָס הויז, וואָס דו בויסט איצט זיך לאַנג ניט האַלטען. עס וועט אָדער צעשטערט ווערען פון פרעמדע, אָדער פאַרלאָזען ווערען פון אייגענע. ווי מיר זעהען עס, לײדער, אין היינטיגע

צייטען, אַז גרויסע שוהלען און טעמפּלען, וואָס האָבען אָפּגעקאָסט אוצרות מיט גאָלד און זילבער, שטעהען ליידיג, ווייל עס פעהלט אין זיי דער אידישער תוכן, דער אידישער אינהאַלט.

דעמזעלבען תנאי האָט גאָט אויסגענומען מיט די אידען וועגען ארץ ישראל: „אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו" — אויב איר וועט זיך פירען נאָך מיינע געזעצען און מיינע באַפעהלען וועט איר אויספאָלגען וועט אייער עקזיסטענץ זיין געזיכערט. אויב אייער נאַציאָנאַלער לעבען וועט געפירט ווערען לויט די פאָרשריפטען פון מיין תורה, וועלען אייך דינען הימעל און ערד. „ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה" — די הימלען וועלען אייך געבען רעגענס אין צייט און די ערד וועט אייך צושטעלען איר פרוכט. איר וועט זיין עקאָנאָמיש און פּאָליטיש שטאַרק און זעלבסטשטענדיג, ווייל אַלץ וואָס איר וועט פאַר זיך דערווערבען, וועט פאַרבלייבען אייערס. „ואכלתם לחמכם לשבע וישבתם לבטח בארצכם" — איר וועט עסען אייער ברויט צו זאַט און איר וועט זיצען זיכער אויף אייער לאַנד.

און דער עקזיסטענץ פון דער אידישער מלוכה איז פאַרבונדען מיט דעם זעלבען תנאי, ווי גאָט האָט געזאָגט צו דוד המלך: „אם ישמרו בניך את דרכם ללכת לפני באמת — לא יכרת לך איש מעל כסא ישראל" — אויב דיינע קינדער וועלען היטען זייער וועג צו געהן פאַר מיר מיט אַן אמת — ערשט דאַן וועט קיינער פון דיינע נאָכפאָלגער ניט אָפּגעשניטען ווערען פון דעם אידישען טראָן (מלכים א׳ ב׳). ביי אידען טאָר ניט אָפּגעטיילט ווערען די מלוכה פון דער רע־ליגיע, זיי מוזען גיין צוזאַמען און העלפען איינע די אַנדערע צו מאַכען דאָס פאָלק, דאָס לאַנד און דעם בית המקדש פאַר אַן אויסנאַם צווישען די פעלקער פון דער וועלט.

אויב אָבער די אידען וועלען אָט דעם תנאי ניט אָפּהיטען, וועלען זיי מוזען דאָס לאַנד פאַרלאָזען, און אין דער פרעמד וועלען זיי די אַלע אויסגערעכענטע גליקען ניט קאָנען באַווייזען. ווי גוט עס זאָל זיי דאָרטען ניט גיין, ווי רייך זיי זאָלען דאָרט ניט ווערען, קוים וועלען זיי מוזען ציהען זייער חיונה פון פרעמדע טישען, וועט זיי דאָס עסען ניט איינגיין, זיי וועלען קיין אמת׳ע זאַטקייט ניט פי־לען. לעבען אין גלות האָט קיין שטאַנדהאַפטיגקייט ניט, ער איז צופיל אָפּהענ־גיג אַן דעם „חסד לאומים", אָהן דעם גוטען ווילען פון דער איבערוועגענדער מאַיאָריטעט, וואָס איז אימער צווייפעלהאַפט. ווען עס פעהלט אַ באָדען אונטער

די פיס איז די צוקונפט ניט קיין געזיכערטע. „בארצכם אתם יושבים לבטח ואין אתם יושבים לבטח חוצה לה" — בלויז אין אייער אייגען לאַנד זייט איר אימשטאַנד צו זיצען רוהיג; איר קאָנט אָבער ניט זיצען רוהיג אויסער איר, אין פערמדע לענדער (תו"כ).

די הפטרה פאַרענדיגט זיך מיט דעם פאַרשפרעכען: „ולא אעזב את עמי ישראל" — איך וועל אָבער מיין פאָלק ישראל ניט פאַרלאָזען. די תורה און אמונה זיינען אים געגעבען געוואָרען אָהן אַ תנאי, און זיי וועלען מיט אים מיט־גיין, וואו ער וועט זיך געפינען. זיי וועלען אים באַשיצען פון אונטערגאַנג און אים האַלטען ביים לעבען ביז די ענטגילטיגע גאולה וועט קומען.

תצוה

א.

ווארום אַלץ אָנזאָגען אידען?

ואתה תצוה את בני ישראל.

„אמר משה לפני הקב"ה: משבעים אומות שלך אי אתה מצוני אלא על ישראל בלבד: „אמור אל בני ישראל", „דבר אל בני ישראל", „צו את בני ישראל", „ואתה תצוה את בני ישראל". אמר לו: מפני שהם דבוקים בי" — משה זאָגט צום רבונו של עולם: פון אַלע דיינע זיבעציג אומות פאַרזאָגסטו מיר וועגען קיינעם ניט, נאָר וועגען די אידען: „זאָג צו די אידען", „רעד צו די אידען", „באַפעהל צו די אידען" — אַלץ די אידען און נאָר צו די אידען! האָט אים גאָט געענטפערט: דאָס טו איך אַלץ צוליב דעם, ווייל זיי זיינען באַהעפט אין מיר (פסיקתא).

ווי אונזערע חכמים דערקלערען, איז דער הויפּט געדאַנק פון בויען אַ משכן ניט געווען כדי צו שאַפען אַ וואוינונגס־אָרט פאַר דער גאָטהייט אויף דער ערד. אַזאַ געדאַנק איז קעגען אַלע באַגריפען פון אונזער אמונה, וועלכע לערנט אונז, אַז „מלא כל הארץ כבודו" — זיין הערליכקייט פילט אָן די גאַנצע וועלט, און „לית אתר פנוי מינו" — עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ, וואו ער געפינט זיך ניט. די הויפּט אידייע פון בויען אַ משכן אָדער בית המקדש איז געווען צו שאַפען פאַר די אידען אַ „מרכז רוחני" — אַ גייסטיגען צענטער, אַרום וועלכען דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיך קאָנען קאָנצענטרירען און זיך האַלטען פאַראייניגט מיט זיין תורה און אמונה. דער גאַנצער פּלאַן פון דער הייליגער געביידע אין אַלע אירע אָפּטיילונגען האָבען געמוזט געבויט ווערען אַזוי, אַז זיי זאָלען רעפלעקטירען און אָפּשפּיגלען דיזע גייסטיגע פאַראייניגונג. אויך די

הייליגע כלים וואָס האָבן זיך אין זיי געפונען, האָבן געדאַרפט געמאַכט ווערען און אָוועקגעשטעלט ווערען אַזוי, אַז זיי זאָלען קאָנען דינען פאַר סימ־באָלען, כדי צו ווייזען די אידען ווי צו לעבען און ווי זיך אויפצופירען, כדי צו קאָנען דערגרייכען דעם ענד־ציל פון „קודשא־בריך, אוריתא וישראל חד הוא" — אַ פאַרבינדונג פון גאָט, דער תורה און די אידען...

די הייליגסטע פון אַלע כלים אין משכן איז געווען דער „ארון", אין וועלכען עס זיינען געווען איינגעשלאָסען די „לוחות". ער איז דערפאַר געשטעלט גע־וואָרען אין „קדש הקדשים", אין דעם הייליגסטען פון אַלע הייליגסטע פלעצער, וואו נאָר דער כהן גדול האָט געמעגט אַריינקומען, און דאָס איז בלויז איין מאָל אַ יאָר, יום־כפור. דער מלבי"ם ז"ל, אין זיין „רמזי המשכן", באַמערקט, אַז די אורזאַך, וואָרום דער אָרון האָט געדאַרפט זיין אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע כלים איז, ווייל ער סימבאָליזירט די „חכמה עליונה", די העכסטע חכמה, צו וועלכער ניט אַלע קאָנען צוקומען. די תורה שטייט העכער פאַר דעם מענש־ליכען פאַרשטאַנד. דעם אמת'ען מיין פון אירע געזעצען קאָנען פאַרשטיין די כהנים־גדולים, די גרויסע געלערנטע, און אַזוי ווי ניט יעדער קאָן דאָס באַ־ווייזען, דעריבער מוזען אירע חוקים און משפטים אויסגעפאָלגט ווערען אפילו ווען דער פשוט'ער שכל פאַרשטייט זיי ניט.

ביי דער רעכטער זייט פון אָרון איז אָוועקגעשטעלט געוואָרען אַ מנורה פון זיבען רערען. יעדע רער איז געווען באַצירט מיט „גביעים, כפתורים ופרחים" — בעכערס, קנעפּ און בלומען. „מקשה תיעשה המנורה" — די גאַנצע מנורה, אירע רערען, בעכערס, בלומען און קנעפּ האָבן געמוזט אויסגעקלאַפּט ווערען פון איין שטיק גאָלד. אַלע זייטיגע רערען האָבן זיך געמוזט בויגען „אל מול פני המנורה" — צו דער מיטעלסטער רער. דאָס איז געטאָן געוואָרען, זאָגט דער מלבי"ם, ז"ל, ווייל די מנורה סימבאָליזירט די „חכמה חיצונית" — די וועלטליכע וויסענשאַפט. די זיבען רערען זיינען קעגען די „שבע חכמות" — די זיבען גרונט־אידייען פון דער וועלט. די בעכערס, בלומען און קנעפּ שטעלען־פאַר די דערגרייכונגען פון די דאָזיגע חכמות. כדי צו קאָנען פאַרשטיין די הויכע לערען פון דער תורה, מעג אַ איד זיך באַנוצען מיט'ן ליכט פון אַנדערע חכמות און וויסענשאַפטען. זיי מוזען אָבער אַלע זיין געריכט „אל מול פני המנורה" — צו איין צענטערפונקט, צו פאַרמערען און פאַרגרעסערען די ידיעות פון אונזער אייגענער תורה. וואָלטען די גרויסע אידישע גייסטער, וואָס אונזער פאָלק האָט

אַרויסגעגעבען אין זיין לאַנגער עקזיסטענץ, געווען געריכט „אל מול פני המנורה" — צו דעם מיטעלפונקט פון זייער אייגענעם פאָלקס־גייסט, וואָלט די אידישע קולטור געבליט איבעראַל און בייגעשטייערט צו דער שנעלער דער־לייזונג פון דעם ביטערען גלות.

פאַר אַזאַ וויכטיגער מנורה האָט מען געמוזט באַנוצען אַ דערהאָבענעם ברען־מאַטעריאַל, דערפאַר זאָגט אונז די תורה: „ויקחו אליך שמן זית, זך, כתית למאור" — זיי זאָלען נעמען פאַר דיר קלאָרען איילבירט־בוימל, גע־שטויסען צו לייכטען. אונזערע חז"ל דרש'ענען איבער יעדען וואָרט פון דעם פסוק און ברענגען אַרויס פיל טיפזיניגע געדאַנקען. זיי זאָגען:

„ויקחו אליך — ולא לי, לא לאורה אני צריך" — איר זאָלט עס נעמען פאַר זיך — און ניט פאַר מיר, איך דאַרף איר ליכט ניט האָבען (מנחות פ"ו). דער אָרון, אין וועלכען עס ליגען די לוחות פון דער תורה, אַנטהאַלט דאָס גאַנצע הימלישע ליכט. כדי אָבער, אַז אויך איר זאָלט קאָנען צוקומען צו דעם און עס פאַרשטיין און באַגרייפען, מעגט איר געברויכען אַ מנורה, וועלכע וועט אייך באַלייכטען דעם וועג צום אָרון און ווייזען דאָס ליכט פון דער תורה. ווידער וויל איך, אַז דאָס זאָל גענומען ווערען „משל צבור" — פון דער אַלגעמיינער פאָלקס־קאַסע. „אני רוצה יותר משלהם" — איך וויל בעסער זייער אַלעמענ'ס און ניט וואָס אַ יחיד וועט ביישטייערען (יומא ג'). צו באַלייכטען די וועגען פון דער תורה זיינען אַלע מחויב זיך צו באַטייליגען. די לער־אַנשטאַלטען, וואָס זיינען די גייסטיגע מנורות פון דעם פאָלק, מוזען אויסגעהאַלטען ווערען פון אַלעמען.

„שמן" — דאָס ברען־מאַטעריאַל מוז באַשטיין פון בוימל, ווייל „כל המשקים מתערבים זה בזה והשמן אינו מתערב" — אַלע געטראַנקען מישען זיך אויס איינס מיט די אַנדערע, אָבער בוימל מישט זיך ניט אויס איינס מיט די אַנדערע. אויב אידען ווילען אַנהאַלטען דאָס ליכט פון זייער גלויבען, מוזען זיי זיין אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע פעלקער (שמו"ר ל"ו). צוליב דעם, וואָס זיי שטייען אָפּגעטיילט און פאַר זיך, בלייבען טאַקע די אידען לעבען איביג. „אמר הקב"ה למלאך המות: אין לך רשות על אומה זו, שהוא חלקי, כשם שאני חי וקים, כן בני קיימין" — גאָט האָט אָנגעזאָגט דעם מלאך המות: דו האָסט ניט קיין רעכט איבער דער אידישער אומה, ווייל זי איז מיין חלק;

פונקט ווי איך לעב און עקזיסטיר פאַר אימער, אַזוי וועלען אויך מיינע קינדער אימער עקזיסטירען (שמו"ר ל"ב).

„זית" — דאָס בוימעל דאַרף זיין פון אוילבערטען, ווייל „מה הזית משחובטין אותו נותן את שמנו כך ישראל, באין אומות העולם וחובטין אותן וכופתין אותן בקולרין אחר כך עושין תשובה" — פונקט ווי דער אוילבירט, ערשט נאָכדעם ווי מען דריקט אים, גיט ער אַרויס זיין בוימל, אַזוי איז אויך מיט די אידען, נאָכדעם ווי די פעלקער דריקען זיי און שליסען זיי איין אין קייטען, דאַן טוען זיי תשובה און ווערען באַוואוסטזיניג אויף זייערע פליכטען צו זייער פאָלק און צו זייער אמונה (שמו"ר ל"ו).

„זך" — דאָס בוימל האָט געמוזט זיין קלאָר און ריין קריסטאַליזירט. „בנוהג שבעולם, אדם אם יש לו שמן רע מדליקו בנר, והיפה הוא נותן בתבשיליו, אבל בבית המקדש לא היו עושין כן, אלא שמן זית זך היו נותנין למאור, והשני היו נותנין למנחות" — דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז אַ מענש האָט פּראָסטען בוימל, באַנוצט ער עס פאַר אַ ליכט, דעם גוטען בוימל טוט ער אַריין אין זיינע געקעכצען. אָבער אין בית המקדש האָט מען אַזוי ניט געטאָן. די קלאָרע אוילבירט־בוימל האָט מען גענוצט פאַר דער מנורה און די פּראָסטערע בוימל פאַר די קרבנות (תנחומא). דאָס ליכט פון דער מנורה, וואָס באַלייכט דעם וועג צום „ארון התורה", שטייט העכער פאַר אַלע מנחות און קרבנות.

ווי וואייט מיר זיינען אַוועק פון אָט דעם הויכען אידעאַל, קאָנען אונז ווייזען די היגע שוהלען און טעמפּלען. פאַר די תפלות, וואָס זיינען אין פּלאַץ פון קרבנות, בויט מען אמת'ע פּאַלאַצען. פאַר זייערע תלמוד תורות אָבער, באַנוצט מען זיך מיט פינסטערע קעלערען. די קלאָרע אוילבערט בוימעל וואָס שיינט מיט אַ העלער ליכט, האַלט מען פאַר די מתפללים, איבערהויפּט פאַר די וואָס קומען בלויז שבת, און יום־טוב. די פּראָסטע בוימעל, וואָס גיבען אַרויס אַ שוואַכע ליכט, באַנוצט מען צו לערנען אונזערע קינדער. אָט טאָקע דערפאַר ווייסען זיי ווייניג פון אונזערע אידעאַלען און אַז זיי וואַקסען אויס, דערווייטערען זיי זיך פון דעם אידישען לאַגער.

די געזעצען, וואָס גאָט האָט געגעבען די אידען, זאָגט די תורה, זיינען „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם" — וואָס אַ מענש זאָל זיי דורכפירען, כדי צו קאָנען בלייבען לעבען. „למה הדבר דומה?" — צו וואָס איז דאָס גע־גליכען? צו אַ קראַנקען, וועלכען דער דאָקטאָר איז געקומען באַזוכען און אָנגע־

זאָגט זיינע בני בית, אַז זיי קאָנען אים געבען עסען וואָס ער וויל. צו אַ צווייטען חולה איז דערזעלבער דאָקטאָר געקומען און דאָרט אָנגעזאָגט, אַז מאַנכע מאכלים מעג ער עסען און מאַנכע ניט. „אמרו לו לזה אמרת לאכל ולזה לא" — האָט מען אים געפרעגט: וואָרום האָסטו יענעם געהייסען עסען וואָס ער וויל און דעם ניט? „אמר להם: החולה הראשון אינו של חיים, והשני של חיים" — האָט ער זיי געענטפערט: דער ערשטער חולה וועט ניט לעבען און ער קאָן דערי־בער עסען וואָס ער וויל, דער צווייטער אָבער קאָן בלייבען לעבען און דערפאַר מוז ער זיך אָפּהיטען. גאָט האָט אָנגעזאָגט די אידען וואָס זיי זאָלען טאָן און וואָס זיי זאָלען ניט טאָן, כדי זיי זאָלען בלייבען לעבען אייביג (מדרש תנחומא).

משה פרעגט ביי גאָט וואָרום האָלט ער אין איין אָנזאָגען די אידען וואָס צו טאָן, רק די אידען און נאָר די אידען. און דער ענטפער איז: „מפני שהם דבוקים בי" — ווייל זיי זיינען באַהעפט אין מיר. איך לעב מיט זיי און זיי לעבען מיט מיר. איך וויל דעריבער זיי אויסהיטען פון אַלע שטרויכלונגען, וואָס קאָנען שטערען זייער לאַנג לעבען.

הפטרה

לערנען וועגען בית המקדש איז ווי מען וואָלט אים געבויט

זאת תורת הבית.

„תלמידי חכמים העוסקין בהלכות עבודה מעלה עליהם הכתוב כאלו נבנה בית־המקדש בימיהם" — די לערנער, וואָס שטודירען די דינים פון דער עבודה וועלכע פאַררעכענט אין פסוק ווי דער בית המקדש וואָלט געבויט געוואָרען אין זייער צייט (מנחות ק"ו ע"א).

אין רעכטען מיטען פון גלות בבל ווערט יחזקאל הנביא אויפגעפאָדערט פון גאָט: „הגד את ישראל את הבית" — דערצייל די אידען וועגען מיין הויז, שילדער פאַר זיי זיין גאַנצען געמעל, זיין אינערליכען און אויסערליכען אויסזעהן, גיב זיי אויך גענוי איבער דעם פלאַן פון דער געביידע, די פאַרשיידענע אָפּטיי־לונגען און די הייליגע כלים, וואָס אין יעדען פון זיינע צימערען האָבען זיך געמוזט געפינען. „הודע אותם וכתוב לעיניהם" — לאָז זיי וויסען און צייכען

עס אויס פאר זייערע אויגען, כדי זיי זאלען אפהיטען זיין גאנצען געמעל און אלע זיינע געזעצען און זיי טאן. „זאת תורת הבית" — דאס איז די לערע פון דעם הויז, „כתורה הזאת צריכים להתנהג הרוצים שיבנה" — לויט דער אנווייזונג דארפען זיך פירען די, וועלכע ווילען, אז ער זאל געבויט ווערען (מלבי"ם).

דער בית־המקדש, וואס יחזקאל האט געזעהן אין זיין נבואה, אונטערשיידט זיך אין פיל פרטים פון דעם ערשטען בית־המקדש, וואס שלמה האט געבויט און אויך פון דעם צווייטען בית־המקדש, וואס איז געבויט געווארען נאך גלות בבל. די חז"ל ווילען האבען, אז אזוי וועט אויסזעהן דער דריטער בית־המקדש, וואס וועט געבויט ווערען אי"ה נאך דער ענדגילטיגער גאולה. אויסער דעם וואס ער וועט זיין אנדערש אין גרויס און אויסזעהן, וועט ער זיך אויך אויס־צייכענען מיט דעם, וואס ער וועט געבויט ווערען „על ראש ההר", אויף דעם שפיץ פון בארג מוריה, אין רעכטען מיטען, ניט ווי די פריערדיגע, וואס זיינען געבויט געווארען ביים ברעג פון בארג. אויך וועט ער זיך אונטערשיידען פון די ערשטע צוויי מיט דעם, וואס „כל גבולו סביב, סביב קודש קדשים", די גאנצע געגענט ארום אים וועט זיין העכסט הייליג און די שטאט וועט געבויט ווערען וועיט אוועק פון דער געגענט (שם).

יחזקאל וואונדערט זיך שטארק אויף דעם באפעהל. ווארום פארלאנגט פון אים גאט, ער זאל פאר די אידען שילדערען דעם אויסזעהן פון דעם שפעטערדיגען בית־המקדש, אין דער צייט וואס זיי זיינען אין גלות און דער צווייטער בית־המקדש איז נאך ניט געבויט. ער באקומט אבער א קלארען ענטפער פון גאט, אז אזוי איז זיין ווילען. כאטש זיי געפינען זיך איצט אין פרעמדע לענדער, צווישען פיינטליכע פעלקער, זאלען זיי לערנען און שטודירען די אלע איינצעלהייטען פון דעם הייליגען הויז און זיין באקאנט מיט אלע גע־זעצען, וואס זיינען פארבונדען מיט דעם „בנין הבית", כדי זיי זאלען וויסען ווי זיך צו באגיין ווען די געווינשטע צייט וועט קומען. ווען זיי וועלען זיך אפגע־בען מיט לערנען די אלע דינים פון דער עבודה, וועט ער זיי עס פאררעכענען ווי זיי וואלטען געבויט דעם בית־המקדש אין זייערע צייטען.

ווי מיר האבען באמערקט אין דער סדרה, אז די הויפט אידייע פון בויען א משכן אדער בית־המקדש איז געווען צו שאפען א גייסטיגען צענטער פאר די אידען, ארום וועלכען דאס גאנצע פאלק זאל זיין פאראייניגט. אויב מיר האבען אונזער לאנד פארלארען און דער בית־המקדש איז חרוב, זאלען מיר אבער

האלטען אין טראכטען וועגען אים, און דאס וועט פאראייניגען דאס פאלק און אים געבען מוט און האפנונג פאר דער קומענדיגער גאולה. ווי די גמרא לערנט אונז: „היה עומד בחוץ לארץ יכוין את לבו כנגד ארץ ישראל; היה עומד בארץ ישראל יכוין את לבו לירושלים; היה עומד בירושלים יכוין את לבו כנגד בית־המקדש. נמצאו כל ישראל מכוונים את לבם למקום אחד" — שטייט איינער און דאוועגט אין חוץ לארץ, זאל זיין הארץ זיין געריכטעט צו ארץ ישראל; שטייט ער אין ארץ ישראל, זאל זיין הארץ זיין געריכטעט צו ירושלים; שטייט ער אין ירושלים, זאל זיין הארץ זיין געריכטעט צום פלאץ פון בית המקדש. אזוי־ארום וועלען אלע אידען ריכטען זייערע הערצער צו איין פלאץ (ברכות ל"א ע"א). ווען די הערצער פון אלע אידען וועלען זיין קאנצענטרירט אויף איין מיטעלפונקט, צוריק אויפצובויען זיין אייגען היים און זיין בית־המקדש, וועט זיי קיין שטער ניט שטיין אין וועג.

ב.

דאס ליכט פון דער מנורה מוז אימער ברענען

ואתה תצוה את בני ישראל.

„כתב צוואה במנורה, וכן בתמיד: „צו את בני ישראל", לפי ששניהם נוהגים בכל יום, לפיכך צריך זירוז" — דער אנזאג וועגען דעם בוימל פון דער מנורה איז געשריבען אין דער פארמע פון א באפעל, און אויך ביים קרבן תמיד ווערט געזאגט: „באפעל די אידען". דאס איז דערפאר, ווייל בײדע זאכען האבען געמוזט דורכגעפירט ווערען יעדען טאג, און דערפאר מוז מען עס שטרענג פאדערען (בעל הטורים).

ווי מיר האבען עס שוין אייניגע מאל באמערקט, איז די אידייע פון בויען א משכן ניט געוועזען בלויז צו שאפען א „מקדש", א הייליג פלאץ, וואס זאל דינען די אידען פאר א „בית־תפלה", וואו צו קומען און אויסגיסען דאס הארץ פאר גאט. פאר דעם זיינען ניט נויטיג קיין טעמפלען אדער שוהלען. „מלא כל הארץ כבודו" — די גאנצע וועלט איז פול מיט זיין כבוד, און מען קען צו אים מתפלל זיין ווען און וואו מען געפינט זיך. מאכען פאר דער השגחה א באזונדער פלאץ און באגרעניצען זי צו א געוויסען ארט איז קעגען אלע

באַגריפֿען פֿון דעם אידישען גלויבען. „לא בשמים היא״ — אונזער אמונה איז ניט בלויז אַ הימלישע זאַך, וואָס האָט מיט דעם טאָג־טעגליכען לעבען גאָרניט צו טאָן. צו זיין אַ איד מיינט ניט נאָר צו דאַוונען ווי אַ איד, מען מוז אויך לעבען ווי אַ איד. די שכינה פֿאַרלאַנגט „ושכנתי בתוכם״ — צו קענען וואוינען מיט די אידען און מיטגיין מיט זיי וואו זיי וועלען זיך קערען און ווענדען. אידיש־קייט דאַרף זיין אַ סינטעז פֿון הימעל און ערד. אפילו אין זייער געוויינליכען לעבען מוזען אידען אָפּשפּיגלען אַ טייל פֿון דעם הימעל.

די „עשרת הדברות״ זיינען געווען אויסגעקריצט אויף צוויי לוחות, פֿינף אויף יעדען. די ערשטע פֿינף האָבען צו טאָן מיט „דברים שבין אדם למקום״ — מיט פֿליכטען, וואָס דער מענש האָט צו גאָט, און די צווייטע פֿינף האָבען צו טאָן מיט „דברים שבין אדם לחבירו״ — מיט פֿליכטען פֿון מענש צו מענש. איבער׳ן „כפורת״ איז אָוועקגעשטעלט געוואָרען צוויי „כרובים״, מיט אויסגע־שפּרייטע פֿליגלען אין דער הויך, „סוככים על הכפורת״, וועלכע האָבען באַ־דעקט און באַשיצט דעם כפּורת. „די דאָזיגע צוויי כרובים״, זאָגט דער מלבי״ם „האָבען סימבאָליזירט די רעליגיע און די נאַציאָנאַלע פֿירערשאַפֿט ביי אידען. די „כהונה גדולה״ דאַרף באַשיצען די מצוות, וואָס האָבען צו טאָן מיט הימ־לישע ענינים, און די רעגירונג דאַרף זעהן, אַז די מצוות בנוגע די געזעלשאַפֿט־ליכע און נאַציאָנאַלע פֿליכטען זאָלען דורכגעפֿירט ווערען לויט די פֿאַרשריפֿטען פֿון דער תורה.״

די פֿליגלען פֿוןביידע כרובים האָבען געדאַרפֿט זיין אויסגעשפּרייט „למעלה״, צום הימעל, כדי אָנצודייטען, אַז ביידע אָפּטיילונגען פֿון דער אידישער פֿירער־שאַפֿט, סיי די רעליגיעזע און סיי די נאַציאָנאַלע מוזען זייערע אויפֿגאַבען אָנפֿירען „לשם שמים״ — מיט גאָט אין זינען און לויט די אויפֿגאַבען פֿון אידישען גלויבען. „ופניהם איש אל אחיו״ — זייערע געזיכטער זאָלען זיין געווענדט איינע צו די אַנדערע. זיי זאָלען זיך איינע די אַנדערע אַרויסהעלפֿען, כדי צו האַלטען דאָס פֿאָלק פֿאַראייניגט. טיילט מען אָפּ דעם שטאַט פֿון דער רעליגיע, שאַפֿט מען דערמיט אַ שפּאַלטונג אין די רייען פֿון פֿאָלק, וואָס פֿירט צו רואינע. אויב די „כהונה גדולה״, די רעליגיעזע פֿירער גיבען זיך אָפּ בלויז מיט עניני אמונה, און די מלוכה טייטלט זיך אָפּ פֿון די רעליגיעזע פּרינציפּען און פֿירט אָן די פּאָ־ליטישע ענינים פֿון דער שטאַט, ניט לויט די פֿאַרשריפֿטען פֿון דער תורה, וועט זיך דאָס פֿאָלק לאַנג ניט האַלטען.

ביי דער רעכטער זייט פון דעם „כפורת" איז אויסגעשטעלט געוואָרען אַ מנורה פון זיבען רערען. די מנורה, זאָגען אונז די חכמים, שטעלט פאָר דעם „למוד התורה", דאָס לערנען און שטודירען די תורה. כדי צו קענען פאָרשטיין אירע הויכע אידעאַלען, מוזען זיי ווערען באַלויכטען מיט אַ שטענדיג ליכט פון אויפקלערונג און דערציאונג, וואָס זאָל קיינמאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען. די זיבען רערען שטעלען פאָר די אידען פון אַלע טיילען פון דער וועלט, וועלכע זיינען צעשפּרייט איבער די „שבעה ימים", די זיבען ים׳ען פון דער וועלט. די „גביעים, כפתורים ופרחים" — די בעכערס, קנעפּ און בלומען, מיט וועלכע יעדער רער איז געווען באַצירט, האָבען פאָרגעשטעלט די פאַרשיידענע שיכטען פון פאָלק. די „גביעים", די עלטערע, ביי וועמען דער בעכער פון לעבען איז שוין כמעט פאָרפולט; די „כפתורים", די דערוואַקסענע יוגענט, וואָס פאַרקניפּט זיך ערשט מיט דעם לעבען פון פאָלק, און די „פרחים", דאָס יונגוואָרג, וואָס פאַנגט ערשט אָן צו בליען. אָט די אַלע שיכטען מוזען גיין אין דעם ליכט פון דער מנורה, וואָס באַגלייט זייער וועג צו דעם אָרון, צו די „לוחות הברית".

„מקשה תיעשה המנורה" — די גאַנצע מנורה, אירע רערען, בעכערס, קנעפּ און בלומען האָבען געמוזט אויסגעקלאַפּט ווערען פון איין שטיק גאָלד. די דערציאונג פון דעם פאָלק דאַרף זיין אַן איינהייטליכע און קומען פון דעם אַלטען מקור. אויב די רערען און זייערע באַפּוצונגען ווערען גענומען פון אַנדערע שטיקער גאָלד, איז די מנורה אַ פסול׳ע. אַ אידישע דערציאונג, וואָס ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון פרעמדע מקורים, גיט פון זיך ניט אַרויס דעם „אור תורה" — דאָס ליכט, וואָס באַלייכט די אידעאַלען פון דער תורה. „אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות" — צו דעם מיטעלפּונקט פון דער מנורה זאָלען לייכטען די זיבען ליכט. אַלע חכמות, וואָס אידען לערנען, זאָלען זיין געריכט צו איין צענטער־פּונקט, צו פאַרמערען און פאַרגרעסערען זייער אייגענע קולטור.

דאָס אויל, וואָס מען געברויכט פאָר דער מנורה, דאַרף זיין פון ריינעם אוילבערט־בוימל. אַלע אַנדערע בוימלען „אין נמשכין אחר הפתילה" — ציען זיך ניט נאָך דעם קנויט און גיבען פון זיך ניט אַרויס קיין העלען שיין (שבת כ״א ע״א). די בוימלען, וואָס דאַרפען באַלייכטען די אידישע דערציאונג, דאַרפען זיין פון ריינעם ברען־מאַטעריאַל. אויב די „פתילות" — די לעבענס־קנויטען פון דעם אידישען פאָלק, זיינע יונגע דורות, ציען זייער

גייסטיגע יניקה פון אומריינע בוימלען, וועלען זיי האַלטען אין איין צאַנקען און מיט דער צייט אינגאַנצען אויסגעלאָשען ווערען. זוכט מען צו רוסיפיצירען, אַנגליזירען אָדער אַמעריקאַניזירען דעם אידישען חנוך, וועט ער ניט אַרויס־געבען קיין אמת׳ע געטרייע אידען, וועלכע זאָלען זיין גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין פאַר זייער פאָלק און אמונה. די פרעמדע בוימלען צינדען אָן ווילדע פייערען און זייערע יונגע מחות, וועלכע פאַרצערען די אידישע נשמה, דעם אידישען גייסט.

דער פייער פון דער מנורה האָט קיינמאָל ניט געטאָרט אויסגעלאָשען ווערען. „להעלות נר תמיד” — איר ליכט האָט געמוזט ברענען שטענדיג, ווערט די אידישע דערציאונג אָפּגעשוואַכט אין אַ לאַנד, דערווייטערען זיך פון אונז די יונגע דורות און די אידישע געמיינדע אין לאַנד הויבט אָן ליידען פון אויס־צערונג. העכסט פּאָעטיש איז די באַמערקונג פונ׳ם מדרש: „אמרה כנסת ישראל לפני הקב”ה: אתה מאיר לכל העולם, ואתה מצוה להעלות נר תמיד? אמר הקב”ה: חביבין עלי נרות שאהרן מדליק מן המאורות שקבעתי בשמים” — דאָס אידיש פאָלק פרעגט ביי גאָט: דו באַלייכטסט די גאַנצע וועלט, און אונז הייסטו פאַר דיר אָנצינדען אַ שטענדיג ליכט? און גאָט ענטפערט: מיר זיינען פיל ליבער די ליכט, וואָס אהרן צינדט אָן, ווי די גרויסע ליכטער, וואָס איך האָב אָנגעשטעלט אין די הימלען (מדרש תנחומא). די אוניווערסאַלע ליכט, וואָס שיינט פאַר אַלע פעלקער, שיינט ניט אַלעמאָל פאַר די אידען. אין דעספּאָטישע לענדער זיינען די ליכט פון די הימלען פאַרשטעלט פאַר די אידען מיט פינצטערע וואָלקענס, און אין די פרעמדע לענדער ווערען זיי פאַרבלענדט פון זייער ליכט און זעהען ניט דעם שיין פון זייער אייגענער תורה און קולטור. די ליכט פון אהרן אָבער, די ליכט פון דעם אידישען גלויבען שיינט פאַר די אידען אויף דער ערד און מאַכט אויך ליכטיג די געטליכע הימלען פאַר זייערע קינדער. אָט דערפאַר איז עס ביי גאָט פיל ליבער.

די ליכט פון דער מנורה די ליכט פון אידישער דערציאונג, טאָר קיינמאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען. דאַרום הייסט דער אויבערשטער, אַז משה זאָל וועגען דעם באַפעלען די אידען. אויף נייע משכנות, אויף נייע מנורות גיבען נאָך אידען געלט. קאַמפּיינס פאַר נייע געביידעס זיינען מער אָדער ווייניגער דערפאָלגרייך. פאַר שיינע ווענט, פאַר גראָמע האָלס און צימערען, פאַר עלעגאַנטען מעבל אין זייערע אַנשטאַלטען האָבען אידען אַ חוש און אַ געפיל פון שטאָלץ. ווען עס

קומט אָבער אויסצוהאַלטען די דאָזיגע אָנשטאַלטען, דאָן הויבען זיך אָן די גרויסע שוועריגקייטען. דער עולם ווערט קאַלט און נאַכלעסיג. איבערהויפּט איז עס דער פאַל מיט אונזערע אָרטאָדאָקסישע אידען. זיי בויען אָנשטאַלטען, אָבער צו־ליב זייער נאַכלעסיגקייט זיי אויסצוהאַלטען פאַלען זיי מיט דער צייט אַריין אין פרעמדע הענט, וועלכע פאַרוואַנדלען זיי פון כשר אויף טריף.

„ואתה תצוה את בני ישראל" — וועגען דעם בוימל, וועגען דעם אידישען חנוך, מוז מען באַפעלען די אידען. דאָס איז אַ נויטווענדיגקייט, וואָס איז „נוהג בכל יום", וואָס מוז אָנגעווענדט ווערען טאָג־איין און טאָג־אויס. „לפיכך צריך זירוז" — דערפאַר מוז מען זיי שטענדיג אויפמונטערען און פאָדערען. די בוימלען, וואָס אַסימילירטע אידען וועלען גיסען אין די אידישע „מנורות", אין די אידישע לער־אַנשטאַלטען, וועלען זיכער ניט זיין „זך", ריין און אייגענ־אַרטיג אידיש. זיי וועלען אין דעם אַריינמישען פרעמדע ברען־מאַטעריאַלען, וועלכע וועלען פון זיך אַרויסגעבען אַ שוואַכען פייער.

הפטרה פרשה זכור

אַ אידישע טראַגעדיע, וואָס ווידערהאַלט זיך

זכור את אשר עשה לך עמלק.

„חייב אדם לקרא את המגילה בלילה ולשנותה ביום" — יעדער איד איז מחויב צו לייענען די מגילה ביינאַכט און זי ווידערהאָלען בייטאָג (מגילה ד' ע"א).

צוליב דעם וואָס היינטיגער שבת געפאַלט פאַר פורים, לייענען מיר אין די שוהלען די הפטרה פון פרשה זכור, וואו מיר ווערען אָנגעזאָגט תמיד צו גע־דענקען דעם שטענדיגען קאַמף מיט עמלק, וואָס באַפאַלט אונז אומגעריכטער־הייט און זוכט אונז צו פאַרניכטען. די מגילה, וואָס מיר לייענען פורים, איז אַ טראַגישער קאַפּיטעל אידישע געשיכטע, וואָס האַלט זיך אין איין ווידערהאָלען דורך אַלע דורות פון אונזער לאַנגען גלות. די אומגליקען קומען פלוצלונג און טרעפען די אידען ניט צוגעגרייט. פאַר אַ געוויסער צייט, ווייזט עס אויס, אַז דער סוף פון דער אידישער אומה איז געקומען. אָבער אומגעריכטערהייט וואַקסט אויס אַ ישועה און די אידען ווערען געראַטעוועט.

המן, אַן אוראייניקעל פון אגג, קעניג פון עמלק אין די צייטען פון שמואל הנביא, קומט צו דער ממשלה אין שושן, די הויפּט־שטאָט פון קעניג אחשורש, און ווערט דער דעספּאָטישער הערשער איבער אַלע מדינות פון דער קעניגרייך. איידער ער איז געקומען צו זיין גדולה „היה ספר בכפר קרצום כ״ב שנה״ — איז ער געווען אַ באָבער אין דעם דאָרף „קרצום״ פאַר צוויי און צוואַנציג יאָר (מגילה ט״ז). זיין אַרבייט האָט אים ווייניג פּראָפיטען אַריינגעבראַכט, און גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך פאַרדינגען צו „מרדכי״ „בטלמי״ — פאַר אַ לעבעל ברויט (שם). אין אַ קורצער צייט אָבער נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען די ממשלה איז ער זעהר רייך געוואָרען. זיינע לאַנדסלייט פלעגען וועגען אים זאָגען: „מי חכם כבלעם ומי עשיר כהמן?״ ווער איז אַזוי קלוג ווי בלעם אָדער אַזוי רייך ווי המן? (ויק״ר פ״ה).

זיין אַמביציע איז געווען איבערצונעמען מיט דער צייט די גאַנצע מלוכה. די חז״ל זאָגען, אַז די אורזאַך וואָרום המן האָט געראָטען דעם קעניג אחשורש, ער זאָל אָפּראַמען פון וועג די קעניגין ושתי, וועלכע האָט זיך אַנטזאָגט אויסצו־פילען זיינעם אַ באַפעל און איבערגעבען איר שטעלע „לרעותה הטובה ממנה״ — צו אירער אַ פריינדין, וואָס איז פיל בעסער פאַר איר, איז געווען „מפני שהיתה לו בת והיה מבקש להשיאה למלכות״ — ווייל ער האָט געהאַט אַ טאָכ־טער, וועלכע ער האָט געוואָלט, אַז דער קעניג זאָל הייראַטען (אסתר רבה). ער האָט אָבער געמאַכט אַ טעות אין חשבון. אחשורש האָט אים טאַקע געפאָלגט און געטויט זיין קעניגין ושתי, אָבער זיין טאָכטער האָט ער ניט געהייראַט. אַנשטאָט איר איז גאָר געוואָרען קעניגין די שיינע אסתר, אַ פלימעניצע פון זיין אַלטען באַלעבאָס מרדכי.

דאָס האָט אָנגעצונדען אַ כעס אין זיין האַרצען קעגען מרדכי און ער האָט געזוכט מיטלען ווי אים אָפּצוראַמען פון וועג. מרדכי איז אָבער געווען אַ „יושב בשער המלך״ — איינער פון די ראַטגעבער אין דעם קעניגליכען הויף, און איז געווען שטאַרק געאַכטעט פון דעם קעניג. פאַלט ער אויף אַ טייוועלשען פּלאַן — צו פאַרניכטען „את עם מרדכי״, דאָס גאַנצע פאָלק פון מרדכי. ער העצט דעם קעניג אחשורוש קעגען די אידען און פאַר׳מסר׳ט זיי, אַז זיי זייבען ניט געטריי דער מלוכה. און דער נאַרישער קעניג לאָזט זיך פון אים איבעררעדען און גיט אים איבער די פולמאַכט „לעשות ביהודים כטוב בעיניך״ — צו טאָן מיט די אידען וואָס אים געפעלט. המן אָרגאַניזירט זיינע „אחשדרפנים״, זיינע געסטאַפּאָס,

און באַשטימט דעם פערצענטען טאָג אין אדר אַלס דעם דאַטום צו מאַכען דאָס קעניגרייך יודענריין.

זיין גרויזאַמער פּלאַן געלינגט אים אָבער ניט. מרדכי און אסתר דער־ וויסען זיך אין צייט פון זיינע שרעקליכע כוונות און צעשטערען אַלע זיינע פּלע־ נער. אַזאַ געשעהעניש ווערט גאַנץ אָפט איבערגע׳חזר׳ט אין דער אידישער גע־ שיכטע פון דעם לאַנגען גלות. דערפאַר זאָגען אונז די חכמים: „חייב אדם לקרא את המגילה בלילה״ — יעדער איד מוז לייענען די מגילה ביינאַכט, אין פינצטערע און שווערע צייטען, כדי צו שעפּען מוט און אויסדויער צו קענען פאַר־ טראָגען די צרות, „ולשנותה ביום״ — און זי אויך ווידערהאָלען בייטאָג, אין ליכטיגערע און גליקליכערע צייטען, צו פאַרמיידען אַ רעפּעטיציע פון דער שרעקליכער טראַגעדיע.

אין מדרש ווערט געבראַכט, אַז ווען מרדכי האָט זיך דערוואוסט פון המנ׳ס גזירה, איז ער אַרויס באַזוכען די אידישע חדרים און ישיבות. ער האָט אָנגעכאַפּט איין קינד און געפרעגט: וואָס האָסטו היינט געלערענט? האָט ער אים געענט־ פערט, אַז ער האָט געלערענט דעם פסוק: „אַל תירא מפחד פתאום ומשואת רשעים כי תבוא״ — זאָלסט ניט מורא האָבען פאַר אַן אומגעריכטען שרעק און פאַר דער פאַרוויסטונג פון רשעים, וואָס קען קומען (משלי ג׳). אַן אַנדער אינגעל האָט אים געזאָגט דעם פסוק: „עוצו עצה ותופר, דברו דבר ולא יקום כי עמנו אל״ — איר קענט אָפּהאַלטען באַראַטונגען, זיי וועלען אָבער צע־ שטערט ווערען, אייערע אָפּגערעדטע פּלענער וועלען ניט צושטאַנד קומען (ישעי׳ ה׳). אַ דריטער האָט אים געזאָגט דעם פסוק: „עד זקנה אני הוא ועד שיבה, אני אסבול, אני עשיתי ואני אשא ואני אסבול ואמלט״ — ביז עלטער בין איך דער אייגענער גאָט, און ביז גרויען עלטער וועל איך די אידען טראָגען. איך איך האָב זיי געמאַכט, איך וועל זיי טראָגען און וועל זיי ראַטעווען (ישע׳ מ״ו).

ווען מרדכי האָט אויסגעפונען, אַז די אידישע יוגענט ווערט דערצויגען אין אמת׳ען אידישען גייסט און ווערט באַזעלט מיט אידישען פּאַטריאָטיזם און רעליגיעזער איבערגעבענקייט, האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט. אַזאַ פאָלק וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין און וועט איבערלעבען זיינע שונאים (אסתר רבה).

ג.

דאָס ליכט פון דער אידישער מנורה

להעלות נר תמיד.

„תני רמי בר חמא: פתילות ושמנים שאמרו חכמים אין מדליקין בהם בשבת — אין מדליקין בהם במקדש, כדי שתהיה שלהבת עולה מאליה ולא ע״י דבר אחר״ — רמי בר חמא האָט געלערענט: די קנויטען און בוימלען, וואָס די חכמים האָבען אונז אָנגעזאָגט, אַז מען טאָר מיט זיי ניט אָנצינדען די שבת ליכט, טאָר מען מיט זיי ניט אָנצינדען אויך די ליכט אין בית המקדש, כדי דער פלאָם זאָל אויפשטייגען פון זיך אַליין און ניט דורך אַנדערע זאַכען (שבת כ״א, ע״א).

איבער דעם אויסדרוק אין פסוק „להעלות נר תמיד״ — אַרויפצובריינגען דאָס שטענדיגע ליכט פון דער מנורה — באַמערקט דער ילקוט: „להדליק לא נאמר״, עס ווערט ניט געזאָגט אָנצוצינדען, נאָר „להעלות״, אַרויפצובריינגען, ווייל ווען דו צינדסט אָן די ליכט פון דער מנורה — „אתה מעלה את עצמך״, דער־הויבסטו זיך אַליין. מיט דעם ליכט פון דער אידישער אמונה שטראַלט אויך אויף דער עקאָנאָמישער און גייסטיגער מצב פון פאָלק.

דאָס ליכט פון דער מנורה איז ניט געמיינט געוואָרען צו באַלייכטען דעם בית המקדש. „לא לאורה אני צריך״ — איך דאַרף איר ליכט ניט האָבען (מנחות פ״ו). די אמונה איז דער מקור פון ליכטיגקייט און דאַרף ניט האָבען קיין מענשען־געמאַכטע ליכט. דאָס ליכט פון דער אידישער מנורה איז געמיינט פאַר די אידען און זייערע קינדער, זיי זאָלען קאָנען זעהן און פאַרשטיין די הויכע אידעאַלען פון זייער תורה.

לויט די בעלי אגדה שטעלט די מנורה פאָר דאָס לעבען פון דער אידישער אומה. אירע זיבען רערען, דאָס זיינען אַלע טיילען פון פאָלק, וואָס זיינען צע־שפרייט איבער די זיבען ימ'ען פון דער וועלט. די קנויטען זיינען דער „פתיל החיים״, דער לעבענס־פאָדים, וואָס ציט זיך איבער אַלע דורות. און דאָס בוימל איז די „מעשים טובים״, די גוטע אויפטואונגען פון דאָס פאָלק, וועלכע גיבען די קנויטען, זיין לעבענס־פאָדים, דעם אמת'ען ברען־מאַטעריאַל צו קאָנען שיינען און באַלייכטען זיין וועג.

אָבער אום אַז די מנורה זאָל קאָנען דינען אַלס דער אמת'ער סימבאָל פון דעם אידישען רעליגיעזען לעבען, און זיין „נר תמיד״, זיין שטענדיג ליכט זאָל

אַנגעהאַלטען ווערען, מוז זי זיין אַנדערש געבויט און אירע ברען־שטאָפען מוזען זיין ריין און אָריגינעל, גענומען פון עכט־אידישע קוואַלען. „אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות", צו דעם מיטעלפונקט פון דער מנורה זאָלען לייכטען די זיבען ליכט. אַלע אידישע דערגרייכונגען, איבערהויפט אויף די געביטען פון תורה און קולטור, זאָלען זיין געריכטעט צו איין צענטער־פונקט, און מוזען געצילט ווערען צו פאַרמערען און פאַרגרעסערען זייער ווערט.

די גאַנצע מנורה און אַלע אירע רערען, בלומען און קנעפ מוזען אויסגע־קלאַפּט ווערען פון איין שטיק גאָלד. „חלוקי דעות", צעשפליטערונג פון גע־דאַנקען און שפּאַלטונגען אין די גייסטיגע צילען פון דעם פאָלק, וואָס קומען פון פאַרשיידענע שטיקער גאָלד, פון פאַרשיידענע פּאַרטייען, פירען צו פאַרווירונג און שטערען דעם וואוקס פון אידישקייט. אויך מוז דאָס גאָלד פאַר דער מנורה גענומען ווערען פון דאָס פאָלק אַליין, און ניט געליהען אָדער געבאָרגט ווערען פון אַנדערע פעלקער, פון פרעמדע קולטורען און תורות. אַזאַ מנורה גיט פון זיך ניט אַרויס די ליכט, וואָס זאָל פירען צו „תורה אור", צו דער ליכט פון דער אידישער תורה.

אויך די אויל, וואָס מען געברויכט פאַר דער מנורה, מוז געקויפט ווערען פאַר די געלדער, וואָס קומען פון „קופת הקהל", בייגעשטייערט פון'ם גאַנצען פאָלק. אויך מוז די אויל זיין „זך", ריין פון פרעמדע ברען־מאַטעריאַלען. זי מוז אויך קומען פון אַ „זית", אַן אוילבערט, ווייל די אידען אַליין זיינען צוגעגליכען צו אַן אוילבערט: „ישראל נמשלו לזית — כל המשקים מתערבים זה בזה והשמן אינו מתערב" — אַלע געטראַנקען מישען זיך אויס איינע אין די אַנדערע, בוימל אָבער מישט זיך קיינמאָל ניט אויס (שמו"ר ל"ו). אַזוי איז אויך מיט די אידען: אַלע פעלקער מישען זיך אויס איינע מיט די אַנדערע, דאָס אידישע פאָלק אָבער קאָן זיך ניט אויסמישען און בלייבען לעבען, עס מוז אימער שטיין אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע פעלקער און אָנהאַלטען זיין אייגענ־אַרטיגקייט.

און דאָס איז די כוונה פון „רמי בר חמא", וואָס האָט אונז געלערענט, אַז „די קנויטען און בוימלען, וואָס די חכמים האָבען אונז אָנגעזאָגט, אַז מען טאָר מיט זיי ניט אָנצינדען די שבת־ליכט, טאָר מען מיט זיי ניט אָנצינדען אויך דאָס ליכט אין בית המקדש". גראָבע אָדער האַרטע קנויטען, וואָס זיינען געמאַכט פון אַזעלכע מאַטעריאַלען, וואָס ציען אין זיך ניט אַריין דאָס בוימל,

טאָרען ניט באַנוצט ווערען פאַר דאָס ליכט פון שבת „מפני שהאור מסכסכת בהן" — ווייל זייער שיין שמערגעלט בלויז, און ווערענדיג האַבען מער ליכט וועט נאָך איינער זוכען עס צו פאַרריכטען און דערווייל מחלל שבת זיין. אויך אַזעלכע פעטס אָדער בוימלען, וואָס זיינען דיק און אומריין, טאָרען ניט גע־ברויכט ווערען „מפני שאין נמשכין אחר הפתילה" — ווייל זיי ציען זיך ניט נאָכן קנויט, און לאָזען זיך ניט פון אים צוגעצויגען ווערען. אַזאַ ליכט האַלט אין איין צאַנקען און גיט פון זיך ניט אַרויס אַ העלען שיין, דאָס קאָן אויך פירען צו חילול שבת (שבת, כ"א, ע"א).

דאָס זעלבע איז אויך מיט דאָס ליכט פון דער מנורה, וואָס סימבאָליזירט דאָס לעבען פון פאָלק. אויב אירע „פתילות", די לעבענספעדים פון זיינע קינ־דער, זיינען פאַרגרעבט אָדער פאַרהאַרטעוועט פון אַזאַ דערציאונג, וואָס דער־ווייטערט זיי פון דאָס אידיש בוימל, די גייסטיגע אידישע קוואַלען, וועלען זיי פון זיך ווייניג ליכט אַרויסגעבען. אויך אויב די בוימלען, וואָס מען באַנוצט פאַר זייער דערציאונג, קומען פון פרעמדע מקורים, וואָס זיינען דיק און אומריין, וועלען זיי זיך ניט ציען צו די קנויטען, און זייער פייער וועט האַלטען אין צאַנ־קען און אויסגעלאָשען ווערען.

דאָס ליכט פון דער אידישער מנורה מוז אַרויסגעבען אַ „שלהבת", אַ פלאַם, וואָס איז „עולה מאליה", וואָס קומט אַרויף פון זיך אַליין, פון אָריגינעלע קוואַלען, און ניט גענומען פון אַ „דבר אחר", פרעמדע קוואַלען, וואָס זיינען ווייט פון דעם אידישען געדאַנקען־גאַנג און די אידעאַלען פון זיין תורה. אייגענאַרטיג־קייט שאַפט דאָס אמת־אידישע ליכט און דאַן איז עס אַ „נר תמיד", אַ שטענדיג ליכט, וואָס ברענט און לייכט פאַר אימער.

הפטרה

דער בית־המקדש זאָל תמיד זיין פאַר די אויגען פון פאָלק

וישמרו את כל צורתו — ועשו אותם.

„א"ל יחזקאל, מרי, וכי עכשיו הם בונים, שאמרת וישמרו את כל צורתו, ועשו אותם? א"ל אע"פ שאינם עושים אותו עכשיו יהיו קורים בצורת הבית ואני מעלה עליהם כאלו בבנינו הם עסוקים" — יחזקאל הנביא פרעגט ביים

אויבערשטען: מיין האר, בויען זיי דען דעם בית־המקדש איצט, וואס דו זאגסט זיי אן, זיי זאלען אפהיטען זיין גאנצען געשטאלט און אזוי אים מאכען? ענטפערט אים גאט, כאטש זיי בויען טאקע ניט איצט, זאלען זיי אבער שטודירען די פלענער פון בית־המקדש, און איך וועל עס זיי פאררעכענען ווי זיי וואלטען זיך באשעפטיגען אין בויען אים (מדרש ילמדנו).

אין רעכטען מיטען פון גלות בבל ווערט יחזקאל הנביא אויפגעפאדערט פון גאט: „הגד את בית ישראל את הבית" — דערצייל די אידען וועגען מיין הויז. און יחזקאל וואונדערט זיך: דער בית־המקדש איז שוין לאנג חרוב געווארען, דאס לאנד איז באזעצט פון פרעמדע פעלקער און די אידען וואלגערען זיך אין דער פרעמד צווישען פיינטליכע שכנים, און מיטאמאל הייסט ער אים ריידען צו דאס פאלק איבער דעם בית־המקדש און נאך אויסמאלען פאר זיי גענוי און פרעציז אלע זיינע איינצעלהייטען?

און ער פרעגט ביים אויבערשטען: האלטען מיר דען איצט ביים בויען דעם בית־המקדש? וואלט דען ניט געווען בעסער איך זאל צו זיי ריידען וועגען די פראבלעמען פון גלות, זיי טרייסטען אין זייער שווערער לאגע, און זיי אויפמונטערען צו טאן זייער פליכט צו דאס לאנד, וואו זיי וואוינען, אום צו פארלייכטערען זייער שווער לעבען? און אויב שוין יא רעדען צו דאס פאלק וועגען ספעציפישע אידישע פראגעס, ווארום ניט פראפאגאנדירען דעם נאציאנאלען געדאנק, און זיי אויפקלערען די וויכטיגקייט פון „ישוב הארץ", פון ציוניזם, פון א „קרן קימת", א „מזרחי" אדער פאראייניגטע נאציאנאלע ארבייטער־פארבאנדען?

אן דער ענטפער צו זיין פראגע קומט: „כה אמר ה'" — אזוי באפעל איך דיר. כאטש זיי זיינען איצט ניט אימשטאנד צו בויען דעם בית המקדש, זאלען זיי אבער קלאר זיין אין אלע זיינע פלענער און שטודירען אלע איינצעלהייטען, וואס זיינען מיט אים פארבונדען, צו וויסען די געזעצען און זיי קאנען דורכפירען ווען די צייט וועט קומען.

אין דעם זאנדערבארען און פון אויבען־אויף אומפארשטענדליכען ענטפער, וואס יחזקאל האט באקומען פון גאט, ליגט דער סוד פון דער רעטזעלהאפטער אידישער עקזיסטענץ, וואס ווערט באוואונדערט פון אלע היסטארישע פארשער. וואס האט אויפגעהאלטען די גאנצקייט פון אונזער פאלק אין די טויזענטער יארען פון זיין לאנגען און פינסטערען גלות? צעשפרייט איבער אלע לענדער

און ימים פון דער וועלט, ווייט איינע פון די אַנדערע, און אונטערוואָרפען פאַרשיידענע השפעות, און דאָך איז די אידען געלונגען אויפצוהאַלטען זייער אינדיווידואַליטעט און זייער ספּעציעלע געשטאַלט און כאַראַקטער איבעראַל, און אַלע היסטאָריקער גיבען צו, אַז דער איינציגער כח, וואָס האָט דערוויזען אָט דעם גרויסען היסטאָרישען וואונדער, איז געווען זיין „כח הדמיון”, זיין גרויסע פאָרשטעלונגס־קראַפט.

זעהענדיג, אַז דער היינט איז ניט זיינער, אַז די געגענוואָרט באַלאַנגט צו זיינע שונאים און ניט צו אים, פאַרטיפט ער זיך אינגאַנצען אין זיין עבר, אין זיין פאַרגאַנגענהייט, און פון דעם אומפאַרלעסליכען קוואַל ציט זיין דמיון אַ ליכטיג בילד ווי זיין עתיד, זיין צוקונפט וועט אויסקוקען. אין זיין פאָרשטע־לונג זעהט ער זיין בית־המקדש אין פולען גלאַנץ און פּראַכט. פאַר אים איז ער ניט חרוב געוואָרען, ווייל קודם שנברא העולם נברא בית המקדש”, נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, איז זיין בית המקדש באַשאַפען געוואָרען (פסחים נ”ד, ע”א). בלויז זיין „תבנית”, זיין געשטאַלט, וואָס איז געווען געבויט אַמאָל אויף זיין ערד אין ירושלים, איז חרוב געוואָרען. דער אמת'ער בית המקדש אָבער, וועלכער געפינט זיך אין זיינע הימלען, עקזיס־טירט נאָך איצט און צו אים קאָנען זיינע שונאים ניט צוקומען.

ער וויל ניט פאַרצווייפלען און זיין מוט פאַרלירען. אויב דער איצטיגער לעבען איז אַ שווערער און אומדערטרעגליכער, איז בעסער אים צו פאַרגעסען און געדענקען בלויז זיין גלענצענדען נעכטען, שטודירען און זיך באַקענען מיט די גרויסע אויפטואונגען פון זיין היסטאָרישען אַמאָל, וואָס זאָלען אים דינען פאַר אַ מוסטער פאַר זיין קומענדיגען מאָרגען. דאָס האָט אים געגעבען מוט און אויסדויער צו קאָנען אויסהאַלטען די אוממענשליכע פאַרפאָלגונגען, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין אין די גרויזאַמע גלות־לענדער.

זיין גאָט לעבט אייביג און אויך ער וועט קיינמאָל ניט שטאַרבען. אויב ער וועט זיך האַלטען ביי דעם געמעל פון זיין בית המקדש און טאָן אַלע זיינע געזעצען, וועט ער נאָך זוכה זיין צו זעהן זיין „תבנית”, זיין געשטאַלט, צוריק־אויפגעבויט אויף זיין אייגען באָדען און זיין אייגען לאַנד.

אויך זיין מנורה איז פון אים ניט אַוועקגענומען געוואָרען. דער „זוהר הקדוש” זאָגט, אַז ווען די אידען זיינען פאַרטיג געוואָרען מיטן מאַכען די מנורה, האָט דער אויבערשטער אַ וואונק געטאָן צו די מלאכים, אַז זיי זאָלען אויך

מאַכען אַזאַ מנורה און איר אַוועקשטעלען אין הימעל, פונקט קעגענאיבער דער מנורה אין משכן. „בשעתא דכהנא אתכוון לאדלקא בוצינין לתתא, כדין בוצינין עלאין נהירין" — ווען דער כהן צינדט־אָן די ליכט פון אונטען, ווערען אויך די אויבערשטע ליכט אָנגעצונדען. די הימלישע מנורה איז נאָך געבליבען ביי די אידען, איר האָט קיינער ניט געקאָנט פון אים אַוועקנעמען. און אַז זיינע קינדער אין אַלע לענדער צינדען אָן די ליכט פון זייער מנורה און פאָלגען נאָך דעם שיין פון זייער „נר תמיד", דאָס שטענדיגע ליכט פון זייער אמונה, דאַן ווערט ליכטיג אויך אין זיינע הימלען, און די ערד הערט אויף זיך צו טרייסלען אונטער זיינע פיס.

ד.

אורים ותומים — ליכט און גאַנצקייט

ונשא אהרן את משפט בני ישראל על לבו לפני ה' תמיד.

„למה נקרא שמן אורים ותומים? אורים, שהם מאירין לישראל, תומים, שהם מתימין ומכוונין לפניהם את הדרך" — וואָרום ווערען זיי אָנגערופען „אורים ותומים"? אורים הייסען זיי, ווייל זיי באַלייכטען די אידען; תומים, ווייל זיי מאַכען גאַנץ און גלייכען אויס דעם וועג פאַר זיי (ירושלמי יומא, פ"ז, ה"ג).

די עבודה אין משכן אָדער אין בית המקדש איז ניט געווען סתם אַ גאָט־טעס־דינסט, ווי ביי אַנדערע פעלקער און גלויבענס. די אידישע אמונה באַשטייט ניט פון בלויז תפילה־טאָן און גאָט־בעטען. „כי היא חייך", זי איז דעם אידענ'ס אַרט לעבען און גייט מיט אים מיט וואו ער קערט זיך און ווענדט זיך. אַלס אַזעלכע ברויכט זי ניט צו האָבען אַ באַזונדערען פלאַץ פאַר דינען גאָט. דאָס מוז און דאַרף יעדער איד טאָן אויך אין זיינע טאָג־טעגליכע באַשעפטיגונגען. דער „משכן" אָדער „בית־המקדש" איז געווען מער ווי אַ בית־תפילה. זיי האָבען אונזער פאָלק געדינט אַלס גייסטיגע צענטערען, וואָס דאַרפען צעמענטירען און צוזאַמענפלעכטען דעם אידען מיט זיין אמונה.

אויך די קרבנות, וואָס מען פלעגט אין זיי מקריב זיין, זיינען ניט געווען געמיינט פאַר גאָט אַליין. דאָס איז גראָד דער היפוך פון זיין ווילען. „קרבן" מיינט

דערנענטערונג, און דער אמת'ער זין איז „לקרב את האדם במחשבותיו אל ה'" — צו דערנענטערען דעם מענשען אין זיינע געדאַנקען צו גאָט. קרבנות דאַרפען געבראַכט ווערען פרייוויליג. פון דעם פסוק „אדם כי יקריב מכם קרבן לה'" — אַז אַ מענש פון אייך וועט ברענגען אַ קרבן פאַר גאָט, לערנען אונזערע חכמים אַרויס, אַז „הא אינו אלא רשות", עס איז בלויז אַ פרייוויליגע זאַך (תו"כ). גאָט וויל ניט סתם אַ קרבן, ער באַפעלט ניט דעם מענשען, אַז ער מוז ברענגען קרבנות. „קרבן דליכא תשובה הוא זבח רשעים תועבה" — אַ קרבן, וואָס ברענגט ניט דעם מענשען צו באַזינונג, איז פאַר אים אומווירדיג (זבחים ז', ע"ב). אויב אַ מענש פאַרשטייט ניט דעם ריכטיגען זין פון דעם, אויב מיטן קרבן זוכט ער ניט צו דערנענטערען זיך צום געדאַנק פון דער גאָטהייט, וויל גאָט זיין קרבן ניט.

די גאַנצע עבודה אין משכן האָט געמוזט טראָגען דעם סימבאָלישען כאַראַקטער פון „ישראל וקודשא בריך הוא חד" — אַ פאַראייניגונג פון גאָט מיט די אידען. אפילו די „בגדי שרד", די באַדינונג־קליידער, וואָס די כהנים האָבען געטראָגען ביי דער עבודה, האָבען געמוזט סימבאָליזירען אחדות און תמימות, פאַראייניגונג און גאַנצקייט. „בגדי כהונה אין עושין אותם מעשה מחט, אלא מעשה אורג" — די כהונה־קליידער טאָרען ניט גענייט ווערען מיט אַ נאָדעל, זיי מוזען געוועבט ווערען פון איין שטיק און ניט צוזאַמענגענייט פון פאַרשיידענע שטיקער (יומא ע"ב, ע"ב).

צווישען די „בגדי שרד", וואָס דער כהן האָט געדאַרפט טראָגען ביי דער עבודה, האָבען זיך אויך געפונען דער „חושן ואפוד". כאָטש זיי זיינען געווען צוויי באַזונדערע בגדים, האָבען זיי אָבער געמוזט זיין צוזאַמענגעוועבט ווי זיי וואָלטען געווען איין קלייד. דער אפוד איז געווען אַ מין וועסטעל, אָדער קאַמיזעלקע, וועלכע איז געהאַנגען אויף צוויי אָקסעלבענדער פוןביידע זייטען. אויף ביידע אָקסעלבענדער זיינען געווען איינגעפאַסט צוויי דימענט־שטיינער, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון די צוועלף אידישע שבטים, לויט זייער געבורט, זעקס נעמען אויף איין דימענט און זעקס אויפ'ן צווייטען.

דער „חושן" איז געווען אין דער פאָרמע פון אַ ברוסט־גאַרטעל, אָנגעוועבט פון אונטען צום „אפוד", און פלעגט אַרומגעבונדען ווערען אַרום דער ברוסט פון „כהן גדול". אין דעם אָפענעם טייל פון חושן, פון אויבען, זיינען איינגע־

פאַסט געוואָרען פיר שורות פון פאַרשיידענע אַניקס־שטיינער, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון די שבטים. יעדער שטיין האָט אויף זיך געהאַט איין נאָמען און איז איינגעפאַסט געוואָרען אין די שורות, לויט דעם געבורט פון דעם שבט, וועמענס נאָמען ער האָט אויף זיך געטראָגען.

אַט די צוועלף אַניקס־שטיינער מיט די נעמען פון די שבטים האָבען אויך געטראָגען דעם נאָמען „אורים ותומים". ביי אַלע געשעהענישען, ווי פאַר אַ מלחמה אָדער אַ נייער ווענדונג אין דעם פּראָצעס פון דער אידישער אַנטוויק־לונג, פלעגט דער כהן גדול שטעלען די פראַגע פאַר די „אורים ותומים", און איבער זיי פלעגט זיך ווייזען דער ענטפער פון גאָט. גלייך נאָכ'ן חורבן „בית ראשון" האָבען די „אורים ותומים", אויפגעהערט אַרויסצואווייזען די מיסטע־ריעזע ענטפערס אויף די פראַגען פון דעם כהן גדול. זייער קראַפט איז אָבער באַהאַלטען געוואָרען פאַר דער צוקונפט, ווי די גמרא דריקט זיך אויס: דענקט ניט, אַז „אבד סברן ובטל סכויין, שעומדים לעולם ולעולמים", עס איז שוין פאַרלאָרען געגאַנגען זייער זין און בטל געוואָרען זייערע אויסזיכטען, ניין, — זיי פאַרבלייבען פאַר דער וויטער אייביגקייט (יומא ע"ב).

וועגען דעם „חושן" ווערט געזאָגט אין דער תורה: „לא יזח החושן מעל האפוד, דער ברוסט־גאַרטעל זאָל קיינמאָל ניט אָפּגערוקט ווערען פון דעם „אפוד", און די חז"ל פסק'ענען: „המזיח חושן מעל האפוד לוקה" — דער, וואָס רוקט אָוועק דעם חושן פון דעם אפוד, זאָל קריגען מלקות. דאָסזעלבע ווערט אויך גע־זאָגט וועגען די שטאַנגען, מיט וועלכע מען האָט געטראָגען דעם אָרון. די תורה הייסט „בטבעות הארון יהיו הבדים לא יסורו ממנו" — אין די רינגען פון דעם אָרון זאָלען אימער זיין די שטאַנגען, זיי טאָרען פון דאָרטען ניט אַרויסגענומען ווערען, און די חז"ל פסק'ענען ווידער: „המסיר בדי ארון לוקה" — דער וואָס נעמט אַרויס די שטאַנגען פון דעם אָרון, זאָל געשלאָגען ווערען (יומא ע"ב, ע"ב). מיין פאָטער ע"ה באַמערקט אויף דעם: „דאַגעגען, ביי די בדי השולחן, די שטאַנגען, מיט וועלכע דער טיש ווערט געטראָגען, שטייט ניט „לא יסורו ממנו", אַז מען טאָר זיי ניט אַרויסנעמען.

„דער טעם איז: דער „חושן ואפוד", אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען די „אורים ותומים", שטעלען פאָר דעם הויפּט־געדאַנק פון דער „עבודה", וועלכע סימבאָליזירט די אַחדות, די פאַראייניגונג פון גאָט מיט די אידען. דאָס טאָר קיינמאָל ניט געענדערט ווערען. די הויפט רעליגיעזע מנהגים מוזען אי־

בערך זיין גלייך. „המזיח חושן מעל האפוד", די יעניגע, וואָס רוקען אָפּ דעם חושן פון דעם אפוד און פירען איין רעפאָרמען אין זייערע שוהלען און טעמפּלען, כדי געפעלען צו ווערען זייערע ניט־אידישע שכנים, „לוקה", אַזאַ קהלה ווערט געשלאָגען. זייערע שוהלען הויבען אָן צו פוסטעווען, ווייל זייערע קינדער פאַר־לאָזען זיי. נעמט מען אַוועק דעם אידישען תוכן, דעם גרויסען רעליגיעזען אינהאַלט פון אונזערע בתי־מקדש, ווערען זיי בלויז צענטערען פאַר געזעלשאַפט־ליכקייט, אָבער ניט פון אידישקייט, און אַזעלכע צענטערן געפינען זיך ביי די גויים פיל גרעסערע און שענערע.

„דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם אָרון, וואָס שליסט איין די תורה, אויך ער מוז בלייבען אומבאַרירט איבעראַל. די שטאַנגען, מיט וועלכע די אידען טראָ־גען דעם אָרון, דאַרפען זיין אין אַלע לענדער גלייך. אַזוי גיך ווי די אידען פון אַ לאַנד נעמען אַרויס די „בדים" און טראָגען דאָרט דעם „ארון" לויט דעם מנהג פון דער מדינה, ווערט די אידישע קהלה דאָרטען געשלאָגען. גיבען אידען אויף דעם באַזונדערען אָרט לעבען, ווי די תורה האָט אונז אָנגעצייכענט, הויבען אָן אונזערע קינדער זיך צו דערווייטערען פון אונז, און מיר בלייבען אָפּגעשוואַכט.

„דאַגעגען דעם „שולחן", וואָס סימבאָליזירט דעם עקאָנאָמישען לעבען פון פאָלק, דעם טיש, זיינע געשעפטען, קאָן אַ איד טראָגען ווי ער וויל. אין יעדען לאַנד דאַרף ער זיך אויפפירען „כמנהג המדינה". דער אידישער טיש, זיין עקאָנאָמישער לעבען, דאַרף בלויז האָבען אַ „מסגרת סביב", אַ לייסט אָרום, וועלכע זאָלען אים אָביסעל אָפּזונדערען פון די טישען פון זיינע שכנים. אַ אידי־שער טיש דאַרף זיין „כשר", לויט דעם אידישען דין. די „בדים" אָבער, די שטאַנגען, וואָס טראָגען דעם טיש און האַלטען אים אויס, קאָנען געענדערט ווערען אין יעדען לאַנד".

די חז"ל פרעגען „למה נקרא שמן אורים ותומים?" — וואָרום האָט דער מיסטעריעזער שריפט, וואָס פלעגט זיך ווייזען איבער די נעמען פון די שבטים, וואָס האָבען זיך געפונען אין חושן, גערופען אורים ותומים? און זיי גיבען אַ מערקווירדיגען ענטפער אויף דער פראַגע. „אורים שהם מאירין לישראל, תומים, שהם מתימין ומכוונין לפניהם את הדרך" — אורים הייסען זיי, ווייל זיי באַלייכטען די אידען. תומים, ווייל זיי מאַכען גאַנץ און גלייכען אויס דעם וועג פאַר זיי (ירושלמי יומא פ"ז, ה"ג). דער איינציגער כח, וואָס האָט די אידען

אויפגעהאַלטען דורך די לאַנגע יאָרען פון גלות, איז באַשטאַנען אין זיינע רעליגיעזע מנהגים און אייגענאַרטיגען לעבען, וואָס זיינען געווען גלייך אין אַלע לענדער, וואו זיי האָבען זיך געפונען. די „אורים ותומים", די שוהלען און רעליגיעזע צענטערן, האָבען איבעראַל געטראָגען דעם זעלבען כאַראַקטער. דער אָרון, די דינים פון דער תורה זיינען איבעראַל געטראָגען און אויסגעפירט געוואָרען אויף דעם זעלבען אופן. עס איז ניט געווען אַ רוסישע, אַ פוילישע, ענגלישע אידישקייט, נאָר איבעראַל אַ אידישע אידישקייט. די שבתים און ימים טובים זיינען אָפּגעהיט געוואָרען גלייך אין אַלע אידישע קהלות. כשרות, טהרת המשפחה א. ד. גל. זיינען פון אַלעמען באַטראַכט געוואָרען פאַר די הויפּט פּרינ־צכיפּען פון אידישקייט און זיינען דורכגעפירט געוואָרען איבעראַל.

„ונשא אהרן את משפט בני ישראל על לבו לפני ה' תמיד" — אהרן זאָל טראָגען די רעכטען פון די אידען אויף זיין האַרצען פאַר גאָט שטענדיג. אָט די שטאַנדהאַפטיגקייט, אָט די עהנליכקייט פון דורכפירען די משפטים אין אַלע אידישע שכונות האָבען באַלויכטען, גאַנץ און גלייך געמאַכט דעם אידישען וועג.

הפטרה פרשה זכור

אונזער קאַמף מיט עמלק

פקדתי את אשר עשה עמלק לישראל, אשר שם לו בדרך.

„מהו עמלק? עם שבא ללוק דמן של ישראל ככלב" — וואָס איז עמלק? אַ פאָלק, וואָס קומט זויגען אידיש בלוט ווי אַ הונט (תנחומא כי תצא).

אין דער היינטיגער הפטרה, וואָס מיר לייענען צוליב „פורים", ווערט דער־ציילט, אַז שמואל הנביא האָט באַפוילען שאול המלך: איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס עמלק האָט געטאָן צו די אידען אויפ'ן וועג פון מצרים, און איצט וויל איך, אַז דו זאָלסט געהן און שלאָגען עמלק'ן „והחרמתם את כל אשר לו ולא תחמול עליו" — איהר זאָלט פאַרוויסטען אַלץ וואָס ער האָט און זאָלט אויף אים קיין רחמנות ניט האָבען. דו זאָלסט טויטען אַלע מענער און פרויען, קינדער און זויג־קינדער, אָקסען און שעפסען, קעמלען און אייזלען. און אַז ער דערוויסט זיך, אַז שאול האָט געלאָזט לעבען זייער קעניג „אגג" און אויך אַ טייל פון די

בעסטע שעפסען און רינדער, לויפט ער גלייך צום מיליטערישען לאַגער אין „גלגל" און זאָגט צו שאול׳ן מיט כעס: דו ביזט געשיקט געוואָרען צו פאַרניכטען די זינדיגע עמלקים, און קעמפפען מיט זיי ביז דו וועסט זיי אַלעמען אומברענגען, „למה לא שמעת בקול ה׳ ותעט אל השלל?" — וואָרום האָסטו ניט אויסגעפירט גאָט׳ס באַפעל און זיך אַ לאָז געטאָן צום רויב?

מערקווירדיג פיל מלחמות האָבען מיר אידען געהאַט צו קעמפפען מיט אונזערע שכנים פון נאָהענט און פון ווייט, זינט מיר זיינען געוואָרען אַ פאָלק ביז׳ן היינטיגען טאָג, און אויף קיינעם פון זיי טראָגען מיר ניט אַזאַ שנאה ווי אויף עמלק. די מצריים, וועלכע האָבען אונז געהאַלטען פאַרשקלאַפט פאַר גאַנצע פיר הונדערט יאָר; די רוימער, וועלכע האָבען אונז פאַרטריבען פון אונזער לאַנד און געמאַכט פאַר פרעמדע איבעראַל; אויך אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבען זיך געבאָדען אין אונזער בלוט, אויף קיינעם פון זיי האָבען מיר ניט געהאַט אַזאַ האַס, ווי אויף עמלק. „תמחה את זכר עמלק מתחת השמים, לא תשכח" — דו זאָלסט אָפּמעקען דעם אָנדענק פון עמלק פון אונטער די הימלען, זאָלסט נישט פאַרגעסען. אַזאַ נקמה באַפעל האָבען מיר ניט באַקומען פון דער השגחה וועגען אַלע אַנדערע שונאים אונזערע, בלויז איבער עמלק.

הרב עמיאל אין זיין „דרשות אל עמי", גיט איבער דעם אַ שעהנע דערקלערונג, וועלכע איז קרוב לאמת. ער זאָגט: „דער אונטערשייד פון די אַלע אַנדערע פעלקער, מיט וועלכע מיר האָבען געהאַט צו קעמפפען, און דעם בלוט־דורשטיגען עמלק, איז באַשטאַנען אין דעם: יענע האָבען אונז באַטראַכט פאַר זייער גלייכען און האָבען זיך מיט אונז געשלאָגען אין אָפּענעם שלאַכט. עמלק אָבער האָט אונז פאַראַכטעט אַלס אַ נידעריגע ראַסע „ויזנב את הנחשלים", און האָט זיך פאַרנומען צו פאַרניכטען די שוואַכע, די הינטערשטעליגע. פרעה האָט אונז געהאַסט און געוואָלט אומברענגען. ער באַציט זיך אָבער צו אונז בדרך כבוד: „הנה עם בני ישראל רב ועצום", דאָס אידיש פאָלק איז גרויס און שטאַרק, און ווייל ער האָט פאַר אונז מורא געהאַט, האָט ער אונז געזוכט צו באַקעמפפען."

„די גריכען און נאָכדעם די רוימער האָבען אויך אָפּגעשאַצט דעם אידישען ווערט אַלס אַ פאָלק, וואָס איז גרייט מלחמה צו האַלטען פאַר זיין עקזיסטענץ. זיי האָבען באַלאַגערט ארץ־ישראל מיט גרויסע, מעכטיגע אַרמייען, און ווען זיי האָבען אונז ענדליך באַזיגט, זיינען זיי געווען שטאָלץ אויף דעם און זיי האָבען

אין זייער הויפטשטאָט, אין רוים, אויפגעשטעלט אַ פּרעכטיגען „טריאומף־טויער", וואָס דערציילט וועגען זייער גרויסען נצחון. עמלק אָבער איז מיט אונז קיינמאָל ניט אַרויסגעקומען אין אָפענעם קאַמף. „אשר שם לו בדרך", וואָס ער האָט געטאָן צו אונז, איז געווען אויפ'ן וועג, ווען מיר האָבען ניט געהאַט וואוהין זיך אַהינצוטאָן. ווי דער מדרש באַמערקט: „אתר לית לן למערק אף לא מדינתא דנשתזיב תמן" — מיר האָבען ניט קיין אָרט ניט וואו צו אַנטלויפען און אויך ניט קיין מדינה וואו מען זאָל אונז לאָזען צורו (תרגום שני).

„מהו עמלק?" — וואָס איז עמלק, פרעגען די חז"ל, וואָסער פאָלק באַ־צייכענען מיר מיט דעם נאָמען, און זיי זאָגען אונז: „עם שבא ללוק דמן של ישראל ככלב" — אַ פאָלק, וואָס קומט זויגען אידיש בלוט ווי אַ הונט; אַ פאָלק, וואָס באַטראַכט אונז פאַר טויטע נבלות און זויגט אונזער בלוט ניט אויף די שלאַכטפעלדער, נאָר אין הוילען און קאָנצענטראַציע־לאַגערען. פונקט ווי דער עמלק „המן" אַמאָל, שרייען זיי „ולמלך אין שוה להניחם" — פאַר דער מלוכה זיינען זיי גאָרנישט ווערט, אַז מען זאָל זיי האַלטען אין לאַנד. אָט קעגען אַזאַ דערנידעריגונג האָבען מיר אידען דערקלערט „מלחמה לה' בעמלק מדור דור" — אַז מיר האָבען אַ געטליכען קאַמף מיט עמלק פאַר אַלע דורות. אויף אַזעלכע בלוט־דורשטיגע חיות טאָר מען קיין רחמנות ניט האָבען. אויב מען לאָזט זיי צורו, וועלען זיי חרוב מאַכען די וועלט.

אַ וואונדערבאַרע דערקלערונג, פאַרוואָס שמואל הנביא איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט אויף שאול'ן פאַר איבערלאָזען די בעסטע פון די שעפּסען און ריג־דער, גיט אונז אַ געוויסער „בר חמא", וועלכער זאָגט: „די עמלקים זיינען געווען גרויסע מכשפים. אַזוי גיך ווי זיי האָבען איינגעזעהן, אַז די מלחמה מיט שאול המלך איז פאַרלאָרען, האָבען זיי זיך פאַרשטעלט פאַר שעפּסען און רינדער" (ילקוט ספורים). אויף דעם הייגטיגען מאָדערנעם לשון קאָן מען דאָס דערקלע־רען, אַז די אינדוסטריאַליסטען פון די עמלקים האָבען זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט מאַנכע פון די אידישע קאַפּיטאַליסטען און זיי געוואָלט איינ־ריידען, אַז צוליב ראַטעווען זייער עקאָנאָמישען סיסטעם זאָלען זיי וואָס גיכער מאַכען שלום. און מאַנכע פון די אידישע פירער האָבען זיך געלאָזט איינריידען. „ויחמול שאול והעם על אגג ועל מיטב הצאן, מאי מיטב? דמי מיטב", ווייל דאָס פאָלק האָט זיך דערבאַרימט אויף אַגג'ן און אויף די גוטע פון די שעפּסען. מיינט מען מיט דעם וואָרט „גוטע"? גוטעס געלט (ילקוט שמעוני ח"ב, רמז

קכ"ג). זיי האָבען ניט געוואָלט אויפגעבען די געשעפטליכע פאַרבינדונג מיט דער מלוכה פון אגג.

און שמואל הנביא פרעגט שאול'ן: „מה קול הצאן הזה באזני?" וואָס איז די שטים פון די שעפּסען אין מיינע אויערען? „וקול הבקר אשר אנכי שומע", און די שטים פון די רינדער, וואָס איך הער? ווייסט איר דען ניט, אַז דאָס זיינען דיזעלבע וועלף, וואָס האָבען אייך געזוכט צו צערייסען? זיי האָבען זיך איצט אָנגעטאָן אין דער פעל פון לעמעלעך, ווייל זיי ווילען געווינען דעם שלום נאָך זייער פאַרלאָרענעם קריג. אויב איר וועט זיי איצט נאָכגעבען, זייט איר מיט זיי ניט פאַרטיג. אין עטליכע יאָר שפּעטער וועלען זיי אייך ווידער באַפאַלען.

ה.

דער רויך פון קטרת האָט געצייגט ווי עס האַלט מיט די אידען

לא תעלה עליו קטרת זרה.

„כשהיה ענן הקטרת מתמר ועולה ונעשה כאשכל, היה יודע שנתכפרו עונותיהם וכל ישראל היו שמחין" — אַז דער וואָלקען פון דעם ווייררויך איז געשטיגען אין דער הויך און געוואָרען ווי אַ הענגעל ווייַנטרויבען, האָט דער כהן גדול, געוואוסט, אַז זייערע זינד זיינען פאַרגעבען געוואָרען און אַלע אידען האָבען זיך דאָן געפרייט (מדרש תנחומא)

נאָכדעם ווי דער אויבערשטער האָט געוויזען משה'ן „את תבנית המשכן", דעם געשטאַלט פון דעם משכן, ווי ער זאָל אויסקוקען און ווי ער זאָל געבויט ווערען, און האָט אים איבערגעגעבען אַ לאַנגען צעטעל פון די הייליגע כלים, וואָס דאַרפען זיך דאָרט געפינען, האָט ער אים אָנגעזאָגט צו מאַכען אַ מזבח פאַר דער רויכערונג פון ווייררויך, וואָס זאָל אָוועקגעשטעלט ווערען פאַר דעם פרוכת, וואָס איז געהאַנגען פאַר דעם אָרון. צוויי מאָל אַ טאָג זאָל אהרן רויכערען אויף אים ווייררויך פון שמעקענדיגע געווירצען, יעדען פרימאָרגען און יעדען אָוונט, ווען ער מאַכט צורעכט אָדער צינדט אָן די רערען פון דער מנורה. קיין אַנדער זאַך אויסער ווייררויך האָט אויף דעם מזבח ניט גע־

טאָרט געבראַכט ווערען. בלויז איין מאָל אַ יאָר, אום יום־כיפור, האָט דער כהן גדול אַרויפגעשפריצט אויף זיינע ברעגען אַביסעלע פון דעם בלוט פון דעם קרבן חטאת, מכפר צו זיין אויף די זינד פון די אידען.

דער גרויסער מזבח, אויף וועלכען מען פלעגט מקריב זיין די קרבנות, האָט זיך געפונען אין דער „עזרה", אין דעם פאַרזאַמלונגס־הויף, און האָט געהייסען „מזבח החיצון", דער אויסערליכער מזבח, ווייל ער איז געשטאַנען אויסערהאַלב דעם אהל מועד. דאָס איז געטאָן געוואָרען מיט דער אַבזיכט צו דערווייטערען די עבודה פון קרבנות, פון דעם אַלערהעכסטען הייליג אָרט, כדי די אידען זאָלען ניט דענקען, אַז גאָט וויל טאַקע מען זאָל פאַר אים מקריב זיין קרבנות, ווייל ער האָט הנאה פון דעם, און דאָס איז גראָד דער היפוך פון גאָט'ס ווילען.

די נביאים, וועלכע האָבען שפּעטער אויסגעברייטערט דעם געדאַנק פון דער תורה, רעדען מיט דערביטערונג קעגען די, וועלכע פאַרהייליגען דעם מאַטעריעלען וין פון קרבנות. זיי פאַראַכטען די יעניגע, וועלכע דענקען, אַז גאָט וויל טאַקע קרבנות, און דערפאַר זיינען זיי מכפר אויף אַלע זינד. שמואל הנביא שרייט אויס: „החפץ לה' בעולות וזבחים?" — וויל דען גאָט קרבנות פון „עולות" און „שלמים"? „הנה שמע מזבח טוב, להקשיב מחלב אלים" — פאַר גאָט איז בעסער, אַז מען פאָלגט אים איידער מען ברענגט אים אַ גוטען קרבן. אַז מען הערט זיך צו צו זיינע געבאָטען, איז אים מער ליב, ווי די פעטס פון באַראַנען (ש"א ט"ו).

ישעי' הנביא רעדט מיט וואוטה און צאָרן קעגען די אידישע מלוכה־לייט, וועלכע ער רופט אָן „קציני סדום", די האַרען פון סדום, פאַרוואָס זיי דריקען די אָרימעלייט און טוען אַל־דאָס־בייז, און נאָכדעם ברענגען זיי אַ סך קרבנות, דענקענדיג, אַז צוליב דעם וועט זיי גאָט פאַרגעבען זייערע זינד. ער זאָגט: „למה לי רוב זבחיכם יאמר ה'" — וואָס דאַרף איך אייערע פיל קרבנות, זאָגט גאָט, „קטרת תועבה היא לי" — אייערע דעמפּפונגען זיינען פאַר מיר אומווירדיג, זיי פאַרשמוצען מיין מזבח און מיין בית־המקדש. וואָס איך וויל, איז „רחצו, הזכו" — וואַשט אָפּ די שמוץ פון אייערע מעשים, רייניגט איך פון אייערע זינד, „הסירו רוע מעלליכם מנגד עיני" — נעמט בעסער אַוועק אייערע שלעכטע מעשים פון פאַר מיינע אויגען (ישעי' א').

ירמי' הנביא, שפּעטערצו, רעדט אויך אין דעמזעלבען זין: „עולותיכם לא

לרצון וזבחיכם לא ערבו לי" — אייערע קרבן־עולות זיינען קעגען מיין ווילען און די קרבנות שלמים זיינען מיר ניט זיס (ירמי' ו'). דער תהלים זאגט אין נאמען פון גאט: „האוכל בשר אבירים ודם עתודים אשתה" — עס איך דען דאס פלייש פון פעטע אקסען, טרינק איך דען דאס בלוט פון די פעטע בעק?

דער הויפט זין פון קרבנות איז ניט דער קרבן גופא, ווי דער מדרש דריקט זיך אויס: „אמר הקב"ה מכל קרבנותיהם איני רוצה אלא הריח" — פון אלע אייערע קרבנות, זאגט גאט, וויל איך מער ניט ווי דעם ריח (תנחומא). דער הויפט געדאנק פון קרבנות איז צו דערנענטערען דעם מענשען אין זיינע געדאנקען צו גאט. אויב דער ריח, וואס שלאגט ארויס פון דעם קרבן, איז א „ריח ניחוח", א געשמאקער ריח, וואס ווייזט אויף א גייסטיגער דערהויבונג, ערשט דאן איז עס אנגעלייגט פאר גאט. אויב אבער פון קרבן שלאגט ארויס א גראבער ריח פון פלייש אדער פעטס, וואס דער מענש איז מקריב, ווייל ער דענקט, אז מיט דעם וועט ער זיך קאנען איינקויפען אין זיין גוטען ווילען, אז ער זאל פארקוקען אויף אלע זינד, איז עס אפשטויסענד צו דער גאטהייט. דערפאר זאגען טאקע אונזערע חכמים, אז „קרבן דליכא תשובה הוא זבח רשעים תועבה" — אויב ביים ברענגען דעם קרבן טוט דער מענש ניט קיין תשובה אויף זיינע זינד און רייניגט ניט זיין געוויסען, כדי זיך צו דערנענטערען צו דער שכינה, ווערט עס באטראכט פון גאט אלס א „זבח רשעים", וואס איז פאר אים אומווירדיג (זבחים ז' ע"ב).

ר' מאיר'קע פרעמישליאנער האט אמאל געזאגט צו איינעם פון זיינע רייכע חסידים, וועלכער איז געווען א גרויסער קמצן, נאר פלעגט פראווען „סגופים" און פאסטען אלע מאנטאג און דאנערשטאג: „דו דענקסט אוודאי, אז מיט דעם וואס דו פייניגסט דיין גוף ברענגסטו קרבנות צו גאט און דו ביזט ביי אים א חשוב'ער בן־בית, מאכסטו א גרויסען טעות. ביי אים איז ליבער דער ריח איידער דאס פלייש. דיינע „סגופים", דיינע פייניגונגען קומען ניט פון דער נשמה, נאר פון דיין גוף. צוליב דיינע שלעכטע מעשים שלאגט פון אים ארויס א ריח פון ווילד־פלייש, וואס איז אפשיילך פאר קב"ה."

דער „מזבח הקטרת" ווערט אבער אנגערופען „מזבח הפנימי", דער אינערליכער מזבח, און ער האט זיך געפונען לעבען דעם ארון־קודש, ווייל „אמר הקב"ה מכל הקרבנות אין חביב עלי כקטרת" — גאט זאגט: „פון אלע קרבנות איז מיר קיינער ניט אזוי ליב ווי דער ווייראוך". „כל הקרבנות באים לצרכיהן

של ישראל״ — אַלע אַנדערע קרבנות קומען צוליב פּערזענליכע נוצען פון די אידען: „החטאת והאשם על החטא, העולה על הרהור הלב, השלמים לכפרה״ — די זינד־קרבנות און די שולד־קרבנות ווערען געבראַכט צוליב זינד, דער גאַנץ־אָפּפער צוליב געדאַנקען פון האַרצען; די קרבנות שלמים, ווייל זיי זוכען אַ כפרה, אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען צו טאָן מיט זייערע אייגענע אינטע־רעסען, „אבל הקטרת אינה באה אלא על השמחה״ — דער ווירויך אָבער ווערט געבראַכט אַלס אַ צייכען פון פרייד, פון שמחה, און זיי באַהעפטען זיך מיט גאָט און ער וואוינט צוזאַמען מיט זיי (מדרש תנחומא).

די בעלי הקבלה זאָגען, אַז אין דעם וואָרט „קטרת״ ליגט אַ באַהאַלטענע כוונה. דאָס איז אַ ראשי תיבות. דער „קוף״ מיינט „קדושה״, היילינקייט; דער „ט״ — „טהרה״, ריינליכקייט; דער „רי״ש״ — „רחמנות״, גענאָד; דער „ת״ — תקוה״, האָפענונג (הכתב והקבלה). אין דעם רויך פון דעם ווירויך פאַראייניגען זיך די אידען מיט דער שכינה. דאָס מאַכט זיי הייליג און ריין און רופט פאַר זיי אַרויס זיין רחמנות, וואָס גיט זיי האָפענונג פאַר אַ בעסערען עתיד. דערפאַר פסקנ׳ט די גמרא, אַז דער ווירויך האָט געמוזט געקויפט ווערען פון „קופת הקהל״, פון דער קהל׳שער קאַסע, אין וועלכער אַלע אידען האָבען זיך באַטייליגט. „יכל יהא יחיד מתנדב קטרת ת״ל לא תעלה עליו קטרת זרה״ — מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז אַ יחיד קאָן מנדב זיין די קטרת. דערפאַר ווערט געזאָגט: דו זאָלסט אויף אים ניט אויפברענגען קיין פרעמדען ווירויך. די נדבה פון אַ יחיד קאָן ניט דעקען פאַר דעם כלל, אין דעם מוזען אַלע גלייך נעמען אַנטייל (מנחות נ׳ ע״ב).

יום־כפור, ווען דער כהן־גדול פלעגט אַריינגיין אין קדש־הקדשים צו פאַרווען די עבודה, דערציילט דער מדרש, אַז אַלע אידען „היו מרתיחים״, פלעג־גען שטיין אין ציטערניש און זעהן אויב ער וועט אַרויס אַ לעבעדיגער. זייערע אויגען זיינען געווען געריכט צו דעם רויך פון די „קטרת״. אַז זיי האָבען באַמערקט ווי דער רויך שטייגט אַלץ העכער און העכער און ווערט ווי אַן „אשכל ענבים״, אַ הענגל ווייטרויבען, זיינען זיי אַלע געוואָרען פריילייך, ווייל דאָס איז געווען אַ סימן, אַז גאָט האָט זייערע זינד מוחל געווען און האָט פאַר זיי באַשטימט אַ גוט יאָר (תנחומא).

וואָרום האָט דער רויך פון די קטרת געדאַרפט ווערען ווי אַ הענגעל ווייטרויבען? — אויף דעם האָט דער פאַרשטאָרבענער ציון־פירער וולאַדימיר

זשאַבאָטינסקי ע"ה געגעבען אַ מערקווירדיג לאַגישען ענטפער. אין אַ רעדע איבער אידישער פאַראייניגונג, וואָס ער האָט געהאַלטען אין ניו־יאָרק אַ קורצע צייט פאַר זיין פטירה, האָט ער געזאָגט: „אחדות" מיינט ניט, אַז אַלע מוזען איינשטימען אין זייערע אידייען, אָדער אויפצוגעבען זייער אינדיווידואַליטעט; אין געגענטייל, „דעספאָטיזם" און אונטערדריקונגען פון אַ זעלבסטגעקרוינטען הער־שער קאָן נאָר דאַן פאַסירען, אויב דאָס פאָלק הערט־אויף צו טראַכטען און פאַר־לאָזט זיך בלינד אויף זיינע פירער; „דעמאָקראַטיע" און פאָלקס־הערשאַפט מוז זיין צוזאַמענגעשטעלט פון די אידייען און מיינונגען פון אַלעמען. די פרייהייט און גערעכטיגקייט צו יעדער פערזאָן מוז גענומען ווערען אין אַנבאַטראַכט און די מיינונגען פון אַלע קלאַסען מענשען זאָלען קאָנען קומען צום אויסדרוק; ערשט דאַן ווערט געשאַפען דער ריכטיגער אחדות, וואָס האַלט אַ פאָלק פאַראייניגט און צוזאַמענגעבונדען אין איין נאַציע. דער בעסטער אויסדרוק פון אחדות, — האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט, — איז יום־כפור. דוכט זיך, אַז יעדער איד בעט פאַר זיך און פאַר זיינע אייגענע, דאָך זיינען זיי אַלע פאַראייניגט צו איין ציל, צו איין מיטעלפונקט, צו דער „השגחה עליונה", וואָס בינדט זיי אַלעמען צוזאַמען".

די פאַראייניגונג פון אַ פאָלק דאַרף זיין ווי אַ הענגעל וויינטרויבען. דוכט זיך, אַז יעדע ווייטרויב איז אַ פרי פאַר זיך אַליין און איז אָפגעשיידט פון דאָס צווייטע, דאָך זיינען זיי אנגעהאנגען אויף דעם זעלבען צווייגעל. אַז דער וואָלקען פון די „קטרת" פלעגט ווערען אין דער פאָרמע פון אַ הענגעל ווייטרויבען, איז עס געווען אַ סימן, אַז אַלע אידען זיינען צווישען זיך פאַרקניפט און פאַרבונדען דורך איין שנור, וואָס האַלט זיי פאַראייניגט מיט זייער גאָטהייט און מיט זייער פאָלק.

הפטרה פרשה זכור

דער אייביגער אידישער קאמף מיט עמלק

אשר שם לו בדרך בעלותו ממצרים.

„חייב אדם לקרא את המגילה בלילה ולשנותה ביום", יעדער איד איז מחויב צו לייענען די מגילה ביינאכט און איר ווידערהאלען בייטאג (מגילה ד' ע"א).

דער שבת, וואס געפאלט פאר פורים, וואס מיר פייערען אויף דער מפלה פון המן, אן אייניקעל פון אגג, קעניג פון עמלק, ווערט אין דער אידישער ליטורגיע באצייכענט מיט דעם נאמען „פרשה זכור". אויסער די סדרה פון דער וואך מוזען מיר אין שוהל אויך לייענען די פרשה, אין וועלכער מיר ווערען אנגעזאגט תמיד צו געדענקען דעם שטענדיגען קאמף, וואס מיר האבען אנצופירען מיט עמלק פון זינט מיר זיינען געווארען א פאלק. די מגילה פון פורים, וואס איז א פארזעצונג פון אונזער אלטען קאמף מיט עמלק, פארענדיגט זיך מיט די ווערטער: „וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מתוך זרעם", — און די פורים־טעג וועלען קיינמאל ניט אוועק פון די אידען און זייער אנדענק וועט ניט פארשווינדען פון זייערע קינדער. אויף דעם באמערקען אונזערע חז"ל: „אסתר ברוח הקודש נאמרה", — די מגילה פון אסתר איז געזאגט געווארען אין א פראפעטישען גייסט (מגילה ז'), ווייל אין איר ווערט איבערגעגעבען א טראגישער קאפיטעל אידישע געשיכטע, וואס האלט זיך אין איין ווידערהאלען דורך אלע דורות פון אונזער לאנגען גלות.

געדענקט, זאגט אונז די תורה, וואס עמלק האט געטאן צו דיר אויף דיין וועג פון מצרים. איבערהויפט, „אשר קרך בדרך", ווי ער האט דיך געטראפען אונטערוועגענס, „ויזנב בך", און האט דיך געשלאגען פון הינטען און אויסגע'הרג'עט „כל הנחשלים אחריך", אלע אפגעשלאפטע הינטער דיר, „ואתה עיף ויגע", בעת דו ביזט געווען פארשמאכט און מיד. דער אידענפרעסער „בלעם" פראקלאמירט עמלק אלס „ראשית גוים", דער הויפט פון אלע פעלקער, און ביז היינטיגען טאג שרייען די עמלקים, אז זיי זיינען די „מאסטער־ראסע",

דאָס „הערען־פאָלק״; און ווי זייערע זיידעס פון אַמאָל, באַפאַלען זיי די אידען „בדרך״, אויפ׳ן מיטען וועג, ווייט פון זייער היים, פאַרמאַטערט און אָפּגע־שוואַכט פון דעם לאַנגען אַרומוואַנדערען. אויך היינט ווייזען זיי זייער הויפּט־גבורה קעגען די „נחשלים״, די שוואַכע און קראַנקע, פרויען און קליינע קינדער, וועלכע זיי מאָרדען אויס אומדערבאַרימליך.

און אַלע מאָל באַפאַלען זיי די אידען אומגעריכטערהייט. „ויבא עמלק וילחם עם ישראל״, און עמלק איז געקומען און האָט פאַרפירט אַ מלחמה קעגען די אידען. אָהן אַ פאַרוואָס און אָהן אַ וואָרנונג באַפאַלט עמלק די אידען אין דער מדבר. צוליב דעם, וואָס אַ אידישער נאַבעלמאַן מיט׳ן נאָמען מרדכי גיט אים ניט געבוג כבוד, ווערט דער עמלק „המן״ מלא רציחה קעגען „עם מרדכי״, דאָס גאַנצע פאָלק פון מרדכי, און וויל אים אויסראָטען פון דער וועלט. ער פועל׳ט ביי דעם נאַרישען אחשורוש, ער זאָל אים געבען די דערלויבעניש „להשמיד, להרג ולאבד את כל היהודים, מנער ועד זקן, טף ונשים ביום אחד ושללם לבוז״, — צו פאַרטיליגען, אויס׳הרג׳ענען און פאַרניכטען אַלע אידען, פון יונג ביז אַלט, קינדער און פרויען אין איין טאָג, און זייער האָב און גוטס צו ראַבירען.

אַט אַזוי האָט זיך אויפגעפיהרט דער „עמלק ראשית גוים״, דער הערען־פאָלק עמלק פון אַמאָל, און אַזוי פירט ער זיך אויף ביז היינטיגען טאָג. „מלחמה לה׳ בעמלק מדור דור״ — אַ שטענדיגע מלחמה ווערט אָנגעפירט פון גאָט׳ס פאָלק מיט עמלק דורך אַלע דורות.

אונזערע חכמים, וועלכע זיינען געווען גרויסע מאָראַליסטען, וואונדערען זיך: אויב די שנאה פון גאָט צו עמלק איז אַזוי גרויס, וואָרום האָט ער זיי ביז איצט ניט פאַרניכטעט? — און זיי גיבען אויף דעם אַ העכסט מאָראַלישען תירוץ. זיי זאָגען: „הסיף והספר נתנו כרוכים מן השמים״, — דער שווערד און די תורה זיינען געגעבען געוואָרען צוזאַמענגעוויקעלט פון הימעל. עמלק האָט גענומען דעם שווערד און די אידען האָבען גענומען די תורה. האַלטען זיך די אידען ביי דער תורה, האָט דער שווערד פון עמלק אויף זיי קיין שליטה ניט. גיבען זיי אָבער אויף די תורה, ווערען זיי באַפאַלען פון דעם שווערד פון עמלק.

זיי לערנען עס אַרויס פון די פסוקים, וואו עס ווערט איבערגעגעבען דער ערשטער אָנפאַל פון עמלק אויף די אידען. דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם

פלאַץ רפידים, וואו די אידען האָבען פאַרפירט אַ קריג קעגען גאָט און קעגען משה, ווייל זיי האָט געפעלט וואַסער פאַר זייערע שאָף און רינדער. משה רופט אָן דעם פלאַץ „מסה ומריבה" — פּרואוו און קריג, „על ריב בני ישראל ועל נסותם את ה' לאמר: היש ה' בקרבנו אם אין", — צוליב דעם קריג, וואָס די אידען האָבען פאַרפירט קעגען אים, און צוליב דעם, וואָס זיי האָבען געוואָלט אויספּרובירען גאָט, זאָגענדיג: איז דאָ אַ גאָט צווישען אונז, אָדער ניט? — „אָמר הקב"ה לישראל", האָט דערפאַר גאָט געזאָגט צו די אידען: „אני נשאתי אתכם על ענני כבוד ואתם אומרים היש ה' בקרבנו, לפיכך יבא השונא וישלט בכם" — איך האָב אייך געטראָגען אויף וואָלקענס פון כבוד און איר צוויי־פעלט, אויב עס איז דאָ אַ גאָט צווישען אונז, דערפאַר וועט קומען דער שונא און וועט הערשען איבער אייך (שמו"ר פ' כ"ו).

אויך די שרעקליכע טראַגעדיע פון פורים איז געווען דער רעזולטאַט פון פאַרגעסען גאָט און זיך דערווייטערען פון זייער פאָלק. די גמרא קריטיקירט דעם גאַנצען אידישען דור פון יענער צייט און זאָגט: „גדולה הסרת טבעת יותר מארבעים ושמונה נביאים", — דאָס וואָס אחשורוש האָט אַרונטערגענומען זיין רינג און איהם איבערגעגעבען צו המנ'ען, האָט געהאַט אַ פיעל גרעסערע ווירקונג אויף די אידען ווי די אַכט און פערציג נביאים, וואָס האָבען זיי גע'מוסר'ט און אויפגעפאָדערט צו זיין געטריי זייער פאָלק און זייער גאָט (מגילה י"ד ע"א).

די גמרא אין חולין פרעגט: „אסתר מן התורה מנין?" — וואו געפינט זיך אסתר אין דער תורה? — און ענטפערט: „שנאמר, הסתר אַסתיר את פני", — עס ווערט געזאָגט: באַהאַלטען און פאַרבאָרגען וועל איך מיין פנים. זאָגט אויף דעם ר' יהונתן אייבשיץ אין זיין ספר „יערת הדבש": איר אמת'ער נאָמען איז געווען „הדסה", זי האָט עס אָבער פאַרביטען אויף „אסתר", וואָס איז דער נאָמען פון אַ פערסישער געטין, ווייל די אַסימילאַציע ברענגט צו „הסתרת פנים", צו וועלען באַהאַלטען דאָס אידישע געשטאַלט און דעם אידישען אָפּשטאַם. בלויז אין אַן עת־צרה, אַז עס ברעכען אויס גרויסע גזרות אויפ'ן פאָלק, וואָס דראָהען אויך זייער אייגען לעבען, ווערען זיי באַזאָרגט וועגען דער אידישער לאַגע און גיבען זיך אַרויס אַלס אידען.

עמלק איז דער „שבט אפו", דער רוט פון גאָט'ס צאָרן קעגען אידען,

דערפאַר איז „חייב אָדם לקרוא את המגילה בלילה", — מוז יעדער איד לייענען די מגילה ביינאַכט, אין פינסטערע און שווערע צייטען, כדי צו שעפּען מוט און אויסדויער צו קאָנען פאַרטראָגען די צרות, „ולשנותה ביום", — און איר ווידערהאָלען ביטאָג, אין ליכטיגערע און גליקליכערע צייטען, צו פאַרמיידען אַ רעפּיטיציע פון דער שרעקליכער טראַגעדיע.

כי תשא

א.

יעדער שבט האָט געוואָלט זיין אייגענעם עגל

אלה אלקיך.

„תניא, ר' שמעון בן יוחאי אומר י"ג עגלים עשו ישראל, אחד לכל שבט ואחד דמוסיא לכולן" — מיר האָבען געלערענט: ר' שמעון בן יוחאי זאָגט, דרייצען קעלבער האָבען דאָן די אידען געמאַכט, איינעם פאַר יעדען שבט, און איינעם אַ שותפות'דיגען פאַר אַלעמען (ירושלמי סנהדרין פ"ו ב').

די מעשה מיט'ן עגל איז פון אונזערע חכמים באַטראַכט געוואָרען אַלס די אַבשייליכסטע געשעהעניש אין דעם אידישען לעבען. יעדע מיאוס'ע און אָפּ־שטויסענדע פּאַסירונג ביי אידען ווערט געמאָסטען מיט דער מעשה פון עגל. „קשה לישראל כיום שנעשה בו העגל" — די פּאַסירונג איז אַזאַ שווערע פאַר אידען ווי דער טאָג וואָס אין איהם איז געמאַכט געוואָרען דער עגל (שבת י"ז). אָט די פראַזע ווערט אָפט איבערגע'חזר'ט אין אונזער גמרא און מדרש.

מיט'ן מאַכען דעם עגל האָבען די אידען אונטערגעגראָבען דעם יסוד פון זייער אמונה און דעם גלויבען אין „אחדות הבורא", אין דער אַלערהערשאַפט פון אָן איינציגען גאָט. זיי האָבען אַרויסגעוויזען אַ גרינגשעצונג צו די אַלע אידעאַלען וואָס ווערען אויסגעדריקט אין די „עשרת הדברות", אין די צעהן געבאָט, וואָס זיי האָבען באַקומען אויפ'ן באַרג סיני. „קודם שחטאו ישראל היתה שכינה שורה עם כל אחד ואחד, כיון שחטאו נסתלקה שכינה מהם" — איידער די אידען האָבען געזינדיגט איז די שכינה אַוועק פון זיי (סוטה ג' ע"ב). די געטליכקייט וואָס האָט באַצירט דאָס גאַנצע פאָלק האָט שוין מעהר ניט געקאָנט וואוינען מיט אַזעלכע וואָס האָבען פון זיך אַראָפּגעוואָרפען אַלע הויכע אידעאַלען, וואָס די תורה האָט זיי געלערענט.

וואָס האָט אייגענטליך געטריבען די אידען צו באַגעהן אַזאַ נאַרישען טאַט? אונזערע חז"ל זוכען עס צו דערקלערען אויף פאַרשיידענע אופנים. מאַנכע פון זיי באַהויפּטען, אַז די הויפּט אַנפירער פון דער באַוועגונג זיינען געווען דער „ערב רב", דער גרויסער צאָל עגיפּטער וואָס האָבען זיך אַנגעשלאָסען אַן דעם אידישען פאָלק. פאַר זיי איז די אידייע פון „אחדות הבורא", פון איין גאָט, געווען אַן אומפאַרשטענדליכע זאַך. אין מצרים זיינען זיי געווען געוויינט צו דינען פילע געטער. יעדער כח פון דער נאַטור איז ביי זיי געווען אַן אנדער גאָט. זיי האָבען ניט געקאָנט באַגרייפען, אַז אַלע כחות נעמען זיך פון איין מקור, פון איין אַלערהעכסטען כח, וואָס שאַפט, בויט, צעשטערט און הערשט איבער אַלעס. „אוו לאלוקות הרבה" — זיי האָט זיך געגלוסט צו האָבען פיל געטער (סנהדרין ס"ג ע"ב), און אַזעלכע וואָס זיי קאָנען זעהען און פאַרשטיין.

אַנדערע פון אונזערע חכמים אָבער, ווילען האָבען, אַז די אויפפאָדערונג צו מאַכען אַן עגל איז געקומען פון די רייכערע קלאַסען אידען. זיי זאָגען טאַקע, אַז משה רבנו אַליין האָט נאָכדעם גע'טענה'ט צו גאָט: „בשביל כסף וזהב שהשפעת להם לישראל גרם להם לעשות אלקי זהב" — צוליב די פיל זילבער און גאָלד וואָס דו האָסט זיי מיט'ן פולען האַנט געגעבען, האָט עס גורם געווען, אַז זיי זאָלען פאַר זיך מאַכען גאָלדערנע געטער (ע"ז ד' ע"ב). די רייכערע קלאַסען האָבען תמיד געזוכט זיך צו אַסימילירען צווישען זייערע שכנים און זיי נאָכטאָן. אַלע רעפאָרם באַוועגונגען קומען פון זיי. צוליב זייער רייכטום געפינען זיי זיך געדרענגט פון די „עשה'ס" און „לא תעשה'ס" — וואָס מען דאַרף און וואָס מען טאָר ניט טאָן, וואָס די תורה האָט אונז באַפוילען. ניט אַלץ וואָס זיי ווילען קאָנען זיי עסען, ניט איבעראַל קאָנען זיי געהן, און איבערהויפּט מוזען זיי באַהאַנדלען אַלעמען גלייך און באַטראַכטען די אָרימערע קלאַסען אַזוי גוט ווי זיך אַליין. ווידער, זיינען זיי באַהערשט פון אַ מין מינדערוויכטיגקייט־געפיל, וואָס שרעקט זיי, אַז די ניט־אידען באַטראַכטען זיי פאַר נידעריגער פון זיך, און דערפאַר ווילען זיי וואָס ווייטער אַוועק פון זייער מקור און באַהאַלטען זייער אָפּשטאַם.

„וירא העם כי בושש משה" — די רייכערע פון פאָלק האָבען זיך אַרומגעזעהן, אַז משה האָט פאַרזאַמט, ער איז צוריקגעשטאַנען און איז ניט גענוג פּראָגרעסיוו פאַר דער צייט. זיי זיינען צוגעשטאַנען צו אהרן מיט דער פאָדערונג: „קום עשה לנו אלקים אשר ילכו לפנינו" — שטעה אויף און מאַך פאַר אונז

געטער וואָס זאָלען אונז פיהרען פאַראויס, אין אַנקלאַנג מיט דער מאָדערנער צייט. וואָס טויג אונז אַ גאָטהייט וואָס איז אַלט־מאָדיש און ווי מען זאָגט אין אַמעריקע, ניט „אַפּ־טו־דייט״, ניט היינט־וועלטליך. אָט דער מענש משה, וואָס האָט אונז טאַקע באַפרייט פון מצרים „לא ידענו מה היה לו״ — ווייסען מיר ניט וואָס איז מיט איהם געשעהן. זעט ער דען ניט, אַז מיר לעבען אין אַנדערע צייטען און אונטער אַנדערע אומשטענדען?

און אַזוי ווי יעדער שבט האָט געהאַט זיינע באַזונדערע אינטערעסען, האָבען זיי געדאַרפט „עגל לכל שבט״, אַן אָפּגאָט פאַר יעדען שבט באַזונדער, וועלכער זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר דעם אַרט לעבען וואָס יעדער פון זיי וויל אָנפיהרען. זיי האָבען געפאָדערט צו רעקאָנסטרואירען דעם אידישען גלויבען און איהם איבערבויען אַזוי, אַז ער זאָל זיך קאָנען איינפּאַסען מיט דעם אידישען לעבען אין די לענדער אָדער געגענטען וואו זיי וואוינען.

און די געשעהעניש מיט׳ן עגל ווערט איבערגע׳חזר׳ט אין אַלע לענדער און אַלע דורות. „בשביל כסף וזהב״, צוליב זילבער און גאָלד, ברעכט מען די איינינקייט פון פאָלק און מען דינט צו פאַרשיידענע אָפּגעטער. יעדער שבט, יעדע פּאַרטיי אָדער גרופּע, אויך יעדע קלייזעל זוכט צו מאַכען אַן „עגל לכל שבט״, אַ באַזונדער קעלבעל פאַר זיך, אַרום וועלכען זיי טאַנצען און שרייען „אלה אלקיך ישראל״ — אָט דאָס איז דיין גאָט ישראל. אין מדרש רבה ווערט געבראַכט, אַז ווען משה איז אַרונטער פון הימעל, האָט ער געהערט אַ „קול ענות״, אַ שטימע פון אויסגעשריי, „קול חרפות וגדופים״, אַ שטימע פון זידלעריי און שימפּווערטער. אויב אַז מען מאַכט זיך פאַרשיידענע געטער, מוז מען באַשימפּפען און באַקעמפען דעם גאָט פון די אַנדערע, כדי צוציהען דעם עולם פאַר זייער אייגענעם גאָט.

מיט אַזעלכע האַנדלונגען צעברעכט מען די גאַנצקייט פון דאָס פאָלק. „ראה משה שאין עמידה לישראל. שבר את הלוחות ואמר מחני נא מספרך אשר כתבת״ — משה האָט איינגעזעהן, אַז די אידען האָבען פאַרלאָרען זייער שטאַנדהאַפטיגקייט, האָט ער צעבראָכען די לוחות און געזאָגט צו גאָט: מעק מיך אָפּ פון דיין הייליג בוך וואָס דו האָסט געשריבען (שמו״ר מ״ה). ווען יעדער שבט, יעדע פּאַרטיי אָדער גרופּע אידען מאַכען פאַר זיך זייערע אייגענע עגל הזהב׳ס, גאָלדערנע קעלבער צו ווען זיי דינען, מוזען די אַלטע לוחות צעבראָכען ווערען און משה ווערט אויסגעמעקט פון דער תורה.

הפטרה

דער אידישער קאַמף מיט די עובדי הבעלים

ה' הוא האלקים.

„בעולם הזה שאלילים מצויים אמרו ה' הוא האלקים, אבל לעולם הבא כשימלוך הקב"ה עלינו אומרים ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד" — אויף דער וועלט, וואו עס געפינען זיך פילע אָפּגעטער, האָבען זיי געזאָגט גאָט איז דער גאָט, אָבער אין דער קומענדער וועלט, ווען קב"ה וועט איבער אונז קעניגען, וועלען זיי זאָגען: אין יענעם טאָג וועט זיין גאָט איינער און זיין נאָמען איינער (ילקוט שמעוני רמז רי"ד).

די צוויי און צוואַנציג יאָהר וואָס אַחאָב האָט געהערשט איבער די עשרת השבטים אין שומרון זיינען געווען די גליקליכסטע אין דער קורצער געשיכטע פון דער מלוכה. איהם איז געלונגען צו באַזיגען די אַרומיגע פעלקער, וואָס האָבען פאַר יאָהרען אַנגעפירט מלחמה קעגען זיין לאַנד. אויך האָט ער גע־שלאָסען פרידענס־אָפּמאַכען מיט די גרעסערע פעלקער. זאָגאַר מיט דער ממלכת יהודה האָט ער געלעבט בשלום און דער קעניג יהושפט פון ירושלים פלעגט איהם אָפט באַזוכען. לויט מאַנכע פון די חז"ל איז אַחאָב געווען איינער פון די פינף קעניגע וואָס האָבען באַהערשט די דעמאָלסטדיגע וועלט. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידען האָט זיך אויך פיל פאַרבעסערט און אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען היפש רייך.

עס איז אָבער אַ טרויעריגער פאַקט, אַז „בשביל כסף וזהב שהשפעת להם", מיט דער פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע ביי אידען הויבט אָן צו פאַלען דער גייסטיגער מצב פון פאָלק. ווערט איינער רייך, געפעלען איהם שוין ניט די אַלטע דינים און מנהגים און ער פאַנגט אָן צו זוכען נייעסען, רעפאָר־מען, וואָס דערווייטערען איהם פון דעם אַלטען אידישען מקור. די אַלטע שוהל איז ניט שעהן גענוג, דער אַלטער רב איז צו אַלט־מאָדיש, די אידישע דינים פאַסען זיך מעהר ניט פאַר דער פאַרגעשריטענער צייט און מען מוז מאַכען שינויים, ענדערונגען.

קעניג אַחאָב הייראַט מיט דער פרינצעסין איזבל, די טאָכטער פון אתבעל, דער קעניג פון צידון, וועלכע איז געווען אַ באַגייסטערטע נאָכפאָלגערין פון

איהר פּאַטערס עבודה זרה „בעל“, און זי בויט פאַר איהם טעמפּלען איבער דאַס גאַנצע לאַנד. זי קריגט אַ סך אַנהענגער פאַר איהר גלויבען, צווערשט צווישען די מלוכה־מענשען, און נאָכדעם צווישען די רייכערע קלאַסען, וואָס זוכען זיך צו שמייכלען צו די באַאַמטע. ווי דער שטייגער איז, זיינען די רייכע דער מוסטער פון דערפאָלג און אַריסטאָקראַטיע אויך פאַר די מיטעל־קלאַסען. דער דרך־ארץ וואָס אַ קליינער געשעפטסמאַן האָט פאַר דעם גרויסען אינדוסטרי־אַליסט צווינגט איהם צו זוכען איהם נאָכצומאַכען. איבערהויפּט ווערען זייערע פרויען מיטגעריסען מיט דעם גלאַנץ פון די העכערע קלאַסען און שטרעבען אַריינגענומען צו ווערען אין זייערע געזעלשאַפטען. פילע פון די אָרטאָדאָקסישע אידען, וואָס האָבען פאַרלאָזען זייערע שוהלען און זיך אָנגעשלאָסען אָן די רעפאָרם־טעמפּלען, האָבען עס געטאָן כדי צופרידענצושטעלען זייערע פרויען אָדער טעכטער, וועלכע זוכען צו שטייגען אויף דעם לייטער פון דער רייכערער געזעלשאַפט.

די ענערגישע איזבל האָט אויסגעטויט און פאַריאָגט די נביאים פון דער אידישער אמונה, און האָט אויף זייער פּלאַץ אָנגעשטעלט די נביאים פון איהר אָפּגאָט „בעל“. אַזוי האָט זיך די פאַלשע אמונה פאַרשפּרייט צווישען אַלע צען שבטים פון דער מלוכה. לויט אַלע קוועלען פון אונזער תנ״ך ווייזט אויס, אַז דער אָפּגאָט בעל האָט ניט פאָרגעשטעלט אַ באַשטימטען באַגריף פון אַן איינ־הייטליכען גלויבען. ער איז געווען באַקאַנט אונטער פאַרשידענע נעמען, ווי „בעל ברית“, „בעל זבוב“, „בעל פעור“ און „בעל צפון“. קאָנטיג, אַז יעדער שבט האָט געהאַט זיין אייגענעם אָפּגאָט, וועלכער האָט געטראָגען דעם נאָמען און אויסזעהן לויט דעם כאַראַקטער און אָרט־לעבען פון זיינע גלויבער.

פילע פאָרשער ווילען האָבען, אַז דער וואָרט „בעל“ מיינט מאַכט, הער־שאַפט, דאָס מיינט צו זאָגען, אַז די אידען האָבען געדינט די געטער און קולטורען פון דער מאַכט, פון די הערשענדע קלאַסען, אין די פאַרשיידענע פּלעצער וואו זיי האָבען זיך געפונען. זיי האָבען ניט אין גאַנצען אויפגעגעבען דעם גלויבען אין זייער גאָט, זיי האָבען אָבער געגעבען דעם פאָרצוג צו די מנהגים און אויפפיהרונגען פון דאָס לאַנד, און זיי איינגעפיהרט אין זייערע טעמפּלען. אַזוי איז ביי אונז אידען געשאַפען געוואָרען די עלעמענטען וואָס האָבען זיך באַטראַכט אָדער פּראָקלאַמירט אַלס פּאָליאַקען, רוסען, פראַנצויזען, ענגלענדער אָדער אַמעריקאַנער פון אידישען גלויבען.

און דער אָפּגאָט „בעל״, וואָס מיינט נאָכצומאָכען די מאָכט־האָבער, פאַדערט זיינע קרבנות, וועלכע באַשטעהען פון די יונגע אידישע דורות. ווי דער נביא ירמיה באַקלאָגט זיך: „ובנו את במות הבעל לשרוף את בניהם, אשר לא צויתי ולא דברתי ולא עלתה על לבי״ — זיי בויען אַלטאַרען פאַר דעם „בעל״ אויף וועלכע זיי פאַרברענען זייערע קינדער מיט דעם וואָס זיי לערנען זיי אַזעלכע זאַכען, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט באַפוילען אָדער אָנגעזאָגט און אויך וועלכע זיינען גאָר קיינמאָל אויף מיין געדאַנקען ניט געקומען (ירמיה י״ט ה׳).

אליהו הנביא פרעגט די אידען אין היינטיגער הפטרה: „עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים״... ביז ווי לאַנג וועט איהר שפּרינגען איבער די צוויי באַגריפען „גאָט״ און „בעל״? צו זיין אידען בלויז אין טעמפּעל און דינען די מאָכט מיט נאָכטאָן דעם גוי אין גאַס אָדער אין געזעלשאַפט, דער־נידעריגט אונזער פאָלק אויך אין די אויגען פון די ניט־אידען. די גוי׳אישע מאַסקעס וואָס די אַסימילאַטאָרען טראָגען אויף זיך רופען אַרויס אַן עקעל קעגען זייער ריכטיגען פּנים, וועלכע זיי זוכען צו פאַרשטעלען.

כל־זמן דעם אידען איז גוט וויל ער זיך ניט צוהערען צו זיינע אמת׳ע נביאים און פאָלגט בעסער נאָך די רעפאָרמירטע פּריידיגער, וועלכע מאַכען איהם גרינגער צו טאָן וואָס ער וויל. ברעכט אָבער אויס אַן איבערקערעניש אין דער וועלט אָדער אין לאַנד, און ווי געוויינליך איז דאָך דער איד די ערשטע כפּרה־הינדעל, דאַן הויבט מען זיך אָן צוהערען צו די אידישע נביאים און מען שרייט „ה׳ הוא האלקים״, אַז דער אידישער גאָט איז דער גאָט, ווי עס איז געוועזען נאָך דעם גרויסען הונגער וואָס האָט אויסגעבראָכען אין לאַנד אין אליהו׳ס צייטען. אויף דעם באַמערקען אונזערע חז״ל, אין אַ צייט וואָס „אלילים מצויים״, און די אידען האָבען געדינט פאַרשיידענע אָפּגעטער, פאַסט זיך אַזאַ אויסדרוק. אַז עס וועט אָבער קומען די צייט „כשימלוך הקב״ה עלינו״, אַז מיר וועלען פון זיך אַראָפּטרייסלען די שטויב פון גלות און ווערען זעלבסטשטענדיג, וועלען מיר זיך דאַן איבערצייגען, אַז „ה׳ אחד ושמו אחד״, גב״ה איז איינער און זיין נאָמען איז איינער.

ב.

וואָרום זיינען די עשרת הדברות איינגעטיילט אין צוויי לוחות?

וירד משה מן ההר ושני לוחות בידו.

„שני לוחות — כנגד שמים וארץ, כנגד חתן וכלה, כנגד שני שושבינין, כנגד העולם הזה והעולם הבא" — צוויי לוחות — קעגען הימעל און ערד, קעגען חתן און כלה, קעגען די צוויי אונטערפירער, קעגען דער־וועלט און יענער־וועלט (מדרש תנחומא).

צוויי מאָל האָט דער אויבערשטער איבערגעגעבען משה'ן די לוחות, אויף וועלכע ער האָט אויסגעקריצט די עשרת הדברות, די צען געבאָט, וואָס די אידען האָבען פון אים געהערט ביי דעם באַרג סיני. די ערשטע לוחות האָט גאָט אַליין אויסגעהאַקט פון אַניקס־שטיינער און מיט זיין אייגענער האַנט אויסגעקריצט די אותיות, וועלכע זיינען געווען דורכזיכטיג פוןביידע זייטען. די לוחות האָט אָבער משה צעבראָכען: ווען ער איז אַרונטער פון הימעל און געזעהן ווי די אידען טאַנצען אַרום דעם עגל־הזהב, „נסתכל בלוחות וראה שפרח הכתב מעליהם והשליכם מידיו" — ער האָט זיך איינגעקוקט אין די לוחות און האָט באַמערקט, אַז דער שריפט אויף זיי איז פאַרשוואונדען, האָט ער זיי אַוועקגע־וואָרפען פון זיינע הענט (ילקוט שמעוני, שצ"א). דרייען זיך אידען אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב און באַטראַכטען זייער גאָלד און זילבער פאַר דאָס וויכטיגסטע אין לעבען, ווערען זייערע לוחות אויסגעליידיגט פון זייער געטליכען אינהאַלט, און די געבאָטען, וואָס זיינען אויסגעקריצט אויף זיי, בלייבען טויטע בוכשטאַבען.

די צווייטע לוחות האָט משה באַקומען פון גאָט נאָכדעם ווי ער האָט זיך געלאָזט איבערבעטען פון אים פאַר דעם מיאוס'ן חטא, וואָס די אידען זיינען באַגאַנגען. די לוחות האָט משה שוין אַליין געמוזט אויסהאַקען, ווייל גאָט האָט אים געזאָגט: „פסל לך שני לוחות אבנים כראשונים" — האַק פאַר דיר אויס צוויי שטיינערנע לוחות, ווי די ערשטע. האָבען אידען ניט פאַרשטאַנען ווי אָפּ־צושאַצען דעם ווערט פון זייער תורה ווי זי איז געגעבען געוואָרען פון גאָט, דאַן מוזען זיי עס טאָן אויף אַ שווערען אופן. „באותה שעה נגזרה גזרה על ישראל, שילמדו אותה מתוך הצער ומתוך השעבוד, מתוך הטלטול, ומתוך הדחק" — אין יענער שעה איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ גזרה אויף די

אידען, אַז זיי זאָלען לערנען די תורה דורך צער און פאַרשקלאַפונג, דורך וואַנדערונג און דרוק (שם). אין גוטע צייטען פאַרגעסען זיי זי, אין שלעכטע צייטען קערען זיי זיך צו איר.

ביידע מאָל זיינען די עשרת הדברות אויסגעקריצט געוואָרען אויף צוויי באַזונדערע „לוחות", „ה׳ על לוח זה וה׳ על לוח זה" — פינף אויף איין טאַבעלע און פינף אויף דער צווייטער. די ערשטע פינף האָבען צו טאָן מיט „דברים שבין אָדם למקום", פליכטען פון מענש צו גאָט, און די אַנדערע פינף מיט „דברים שבין אָדם לחברו", פליכטען פון מענש צו מענש. ביידע לוחות אָבער זיינען געווען באַהעפט צוזאַמען און די געבאָטען זיינען געשטעלט געוואָרען פּאַראַלעל איינע צו די אַנדערע, ווייל זיי זיינען שטאַרק אָפּהענגיג איינע אין די אַנדערע. היט איינער ניט די ערשטע, וועט ער אויך עובר זיין אויף די צווייטע, ווי די חכמים דערקלערען:

דאָס ערשטע געבאָט אויף איין זייט פון די לוחות איז „אנכי ה׳ אלקיך" — איך בין גאָט דיין גאָט. דאָס ערשטע געבאָט אויף דער צווייטער זייט איז „לא תרצח" — דו זאָלסט ניט מאָרדען. ביידע געבאָטען האָבען אַ שטאַרקען צוזאַמענהאַנג: „מי ששופך דם ממעט בדמות המלך" — ווער עס פאַרגיסט בלוט, פאַרקלענערט דאָס געשטאַלט פון דעם קעניג. יעדער מענש איז באַשאַפען געוואָרען „בצלם אלקים", אין דער געשטאַלט פון גאָט, און זיין לעבען איז אַ טייל פון דער גאָטהייט.

דאָס צווייטע געבאָט אויפ׳ן ערשטען לוח איז: „לא יהיה לך אלקים אחרים" — עס זאָלען ביי דיר ניט זיין קיין אַנדערע געטער. דאָס צווייטע געבאָט אויפ׳ן צווייטען לוח איז: „לא תנאף" — דו זאָלסט ניט מזנה זיין מיט פרעמדע פרויען. „מי שעובד עבודה זרה מנאף אחר המקום" — ווער עס דינט פרעמדע געטער, איז מזנה קעגען דער גאָטהייט. דער נואף אַכטעט ניט זיין אייגענע פרוי און לויפט נאָך פרעמדע, און אויך דער אַכטעט ניט זיין אמונה און לויפט נאָך פרעמדע אמונות.

דאָס דריטע געבאָט אויפ׳ן ערשטען לוח איז: „לא תשא שם ה׳ לשוא" — דו זאָלסט ניט שווערען פאַלש אין נאָמען פון גאָט. דאָס דריטע געבאָט אויפ׳ן צווייטען לוח איז: „לא תגנוב", דו זאָלסט ניט גנב׳ענען. ביידע גייען צוזאַמען. „מי שהוא גונב לסוף בא לידי שבועת שוא" — דער וואָס זוכט צו גנב׳ענען, וועט אויך שווערען פאַלש.

דאָס פערטע געבאָט אויפ'ן ערשטען לוח איז: „זכור את יום השבת לקדשו" — געדענק דעם טאָג שבת אים צו האַלטען היילִיג. דאָס פערטע געבאָט אויפ'ן צווייטען לוח איז: „לא תענה עד שקר" — זאָג ניט קיין פאַלשע עדות. די צווי געבאָטען פאַראייניגען זיך, ווייל „מי שמחלל את השבת מעיד שלא ברא את עולמו" — ווער עס פאַרשוועכט דעם שבת, זאָגט פאַלש עדות, אַז דער אויבערשטער האָט די וועלט ניט באַשאַפען.

דאָס לעצטע געבאָט אויפ'ן ערשטען לוח איז: „כבד את אביך ואת אמך" — דו זאָלסט ערליך האַלטען דיין טאַטען און מאַמען. דאָס לעצטע געבאָט אויפ'ן צווייטען לוח איז: „לא תחמוד כל אשר לרעך" — דיר זאָל זיך ניט גלוסטען וואָס דיין פריינט האָט. די ביידע זיינען אויך זעהר שטאַרק פאַרבונדען, ווייל „מי שהוא חומד סוף מוליד בן שמקלל אביו ואמו" — ווער עס גלוסט צו האָבען אַלץ, וואָס יענער האָט, וועט סוף־כל־סוף האָבען אַזעלכע קינדער, וואָס וועלען שענדען זייער טאַטען און מאַמען (מכילתא יתרו).

אַ טיפזיניגע דערקלערונג, אין וועלכער עס שפּיגעלט זיך אָפּ דער פילאָ־זאָפישער געדאַנקענגאַנג פון דער אידישער אמונה, ווערט אונז געגעבען אין דעם אויבען־ציטירטען מדרש, וואָרום די עשרת הדברות זיינען אונז געגעבען געוואָרען אויף צווי לוחות:

ערשטענס, „כנגד שמים וארץ", קעגען הימעל און ערד. דער הויפּט־ציל פון דער אידישער תורה איז צו פאַרבינדען דעם הימעל מיט דער ערד, צו ברענגען די הימלען נעענטער צו דעם מענשען און צו דערהויבען דעם מענ־שען נעענטער צום הימעל. ווי פּאָעטיש שיין איז די באַמערקונג פון די חז"ל: „עד שלא נתנה תורה, השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם, ומשנתנה תורה, עלה משה אל האלקים, וירד ה' על הר סיני" — אידער די תורה איז געגעבען געוואָרען זיינען די הימלען געווען פאַר גאָט און די ערד איז איבערגעגעבען געוואָרען צום מענשען. אָבער ווען די תורה איז געגעבען געוואָרען, גייט שוין משה אַרויף צו גאָט און גאָט נידערט אַרונטער אויפ'ן באַרג סיני (ילקוט שמעוני רע"ג). עס שאַפט זיך אַ גייסטיגע פאַרבינדונג, אַ סינטעז, פון הימעל און ערד, פון גאָט און מענש.

צווייטענס, „כנגד חתן וכלה", די צווי לוחות זיינען געמיינט פאַר דעם „חתן", וועלכער איז גב"ה אַליין, און דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז זיין כלה. מיט דעם וואָס אידען האָבען מקבל געווען די תורה, האָבען זיי זיך פאַרהייראַט

צו דער גאָטהייט. גאָט האָט מיט דער תורה מקדש געווען דאָס אידיש פאָלק פאַר זיין כלה, ווי אונזערע חכמים דערקלערען עס: „קדש הקב"ה לישראל בסיני, שכך כתוב: לך אל העם וקדשתם" — דער אויבערשטער האָט מקדש געווען די אידען ביים באַרג סיני, ווייל אַזוי שטייט געשריבען אין פסוק: גאָט זאָגט צו משה'ן: גיי צום פאָלק און זיי זיי מקדש פאַר מיר (דברים רבה). די בעלי־הקבלה ברייטערען אויס דעם געדאַנק און זאָגען: דאָס אידיש פאָלק האָט ביים באַרג סיני החתונה געהאַט מיט זיין אמונה און זיי מוזען לעבען צוזאַמען, ווי מאַן און פרוי. די אידישע רעליגיע איז אַ טייל פון דעם אידישען לעבען. צו זיין אַ איד, מיינט ניט בלויז צו דאַוונען ווי אַ איד, מען מוז אויך לעבען ווי אַ איד. אַלצדינג וואָס אַ איד טוט, זאָל זיין לויט די פאַרשריפטען פון זיין תורה. אין דעם באַשטייט די אייגענאַרטיגקייט פון דעם אידישען פאָלק, וואָס אונטער־שיידט אים פון אַנדערע פעלקער.

אַ דריטער טעם, וואָרום די עשרת הדברות זיינען געגעבען אויף צווי לוחות, איז: „כנגד שני שושבינין", קעגען די צוויי אונטערפירער, וואָס באַ־גלייטען דעם מענשען פון זיין געבורט ביז צום סוף פון זיין לעבען. „מיכאל וגבריאל היו שושבינין של אדם הראשון" — די מלאכים מיכאל און גבריאל זיינען געווען די אונטערפירער פון אדם הראשון. אויך ווען גאָט האָט אַרונטער־געגעידערט אויפ'ן באַרג סיני צו געבען די תורה צו די אידען, האָט ער מיט זיך גענומען די צוויי מלאכים (מדרש רבה, בראשית, יתרו). דער מלאך מיכאל ווערט פון די חז"ל באַצייכענט אַלס דער „שר הפנים", דער באַאַמטער איבער די גייסטיגע אוצרות פון די הימלען. דער מלאך גבריאל שטעלט פאַר מוט און פיזישע גבורה.

דער מענש צייכענט זיך אויס פון אַלע אַנדערע ברואים מיט דעם, וואָס ער איז „מתחלת בריאותו", פון זיין אָנפאַנג אָן באַשטימט געוואָרען צו זיין אַ צוזאַמענהאַנג פון הימעל און ערד, פון גייסט און קראַפט. איין אונטערפירער אין זיין לעבען דאַרף זיין דער מלאך מיכאל, דער גייסטיגער מאָטיוו. ער דאַרף אימער שטרעבען צו ראַפינירען זיין נשמה, צו רעפלעקטירען אין זיין ערדיש לעבען די אידעאַלען פון זיין הימלישער תורה. דער צווייטער אונטערפירער זאָל זיין דער מלאך גבריאל. ער זאָל אויך באַזיצען מוט און זעלבסטווירדע, ניט צו לאָזען זיך באַהערשען פון אַנדערע און זיין אונטערטעניג צו די וואונשען פון אַנדערע. דאָס וועט אים מאַכען פריי און זעלבסטשטענדיג. די עשרת הדברות

זיינען דערפאַר געגעבען געוואָרען אויף צוויי לוחות, פאַר אַט דיביידע „שושבינין" — וועלען אידען נעמען די מלאכים מיכאל און גבריאל פאַר זייערע אונטערפירער, ווען זייער עקזיסטענץ זיין אַ געזיכערטער.

אַ פערטער טעם, וואָרום צוויי לוחות, איז: „כנגד העולם הזה והעולם הבא" — קעגען דער־וועלט און יענער־וועלט. אייביגקייט איז דער גרונט־געדאַנק פון דער אידישער אמונה. גב"ה איז אייביג, זיין תורה בלייבט אייביג, און עס איז זיין ווילען, אַז אויך זיין פאָלק זאָל לעבען אייביג. די תורה איז ניט אַ פאָלקס־קאָנסטיטוציע, וואָס איז געגעבען געוואָרען פאַר אַ באַשטימטער צייט און אונטער געוויסע אומשטענדען. „לא תהא מוחלפת" — זי קאָן ניט געביטען ווערען אָדער אפילו אַמענדירט ווערען, ווייל זי נעמט אַרום אַלע דורות און אַלע צייטען. זי איז אַ געזעץ־בוך פאַר דער אייביגקייט, אין וועלכען מענשען זאָלען אַריינקוקען און קאָנען מאָדולירען זייער לעבען און זייערע אויפפירונגען לויט זיינע פאַרשריפטען, כדי צו פאַראייביגען זייער עקזיסטענץ. די לוחות זיינען אַ פאַרבינדונג פון עולם־הזה און עולם־הבא.

הפטרה

גלויבען אין אַפגעטער שטעלט אין סכנה דעם אידישען קיום

עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעפים.

„אתה מוצא שמשה ואליהו שוין זה לזה: משה כינס את ישראל להר סיני ואליהו כינסם להר הכרמל; משה ביער עובדי עבודה זרה ואליהו ביער עובדי עבודה זרה" — דו געפינסט, אַז משה און אליהו גלייכען זיך אויס: משה האָט פאַרזאַמעלט די אידען ביים באַרג סיני און אליהו האָט זיי פאַרזאַמעלט ביים באַרג כרמל; משה האָט אויסגעראָמט אַלע געצענדינער און אַזוי האָט אויך געטאָן אליהו (פיסקא ויקח אליהו).

די מערקווירדיגע מעשה מיט דעם עגל, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ שרעק־ליכען רושם אויף די וויטערדיגע אַנטוויקלונגען פון אידישען פאָלק, ווערט פון אונזערע הכמים באַטראַכט פאַר אַ רעטזעל, פאַר אַן אומדערקלערבאַרער געשעהעניש. „עס איז נאַריש צו דענקען", זאָגט דער רמב"ן, ז"ל, „אַז די אידען וואָס האָבען נאָר וואָס געהערט די עשרת הדברות פון גאָט אַליין ביים באַרג

סיני, זאָלען פּלוצלונג אָנפאַנגען גלויבען אין אַן אָפּגאָט, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון זייערע גאָלדענע רינגען און אויריגלאָך. די איינציגע דערקלערונג, וואָס ליגט זיך אויפ'ן שכל," זאָגט ווייטער דער רמב"ן, „איז, אַז די אידען האָבען געזוכט משתף צו זיין, צולייגען אַ געשטאַלט פאַר זייער גלויבען, ווייל זיי זיינען נאָך ניט געווען דערוואַקסען צו פאַרשטיין אַ גאָטהייט, וואָס האָט קיין „דמות", קיין אויסזעהן ניט."

אַ קליינע צאָל אידען האָבען זיך באַטייליגט אין דער געצענדינסט, בלויז דריי טויזענט, און אויך זיי זיינען מערסטענס באַשטאַנען פון דעם „ערב רב", פון די צוגעשטאַנענע אַסימילאַטאָרען, וועלכע זיינען געווען רייך, און „אוו לאלקות הרבה", זיי האָט זיך געגלוסט צו האָבען פיל געטער (רש"י). רייכע אידען באַנוגענען זיך ניט מיט איין גלויבען, זיי זוכען אַלץ נאָכצומאַכען אַנדערע פעל־קער, און כדי צו געפעלען ווערען אין זייערע אויגען, בוקען זיי זיך צו זייערע אָפּגעטער און פירען־איין פרעמדע מנהגים אין זייערע שוהלען און טעמפּלען. ווי שיין דריקט זיך אויס די גמרא איבער דעם ענין: „וירא העם כי בושש משה — בא השטן וערבב את העולם ואמר להם, משה רבכם, היכן הוא" — דאָס פאָלק האָט געזעהן, אַז משה האָט זיך פאַרזאַמט, איז געקומען דער שטן און האָט צעמישט די וועלט און זיי געפרעגט: אייער רבי משה, וואו איז ער? (שבת פ"ט ע"ב).

דער „בינה לעתים" גיט אויף דעם מאמר אַ טיפזיניגע דערקלערונג. ער זאָגט: די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידען אין דער מדבר איז געווען זעהר אַ גוטע. פּרנסה האָבען זיי ניט געדאַרפט, ווייל זיי האָבען באַקומען „מן" פון הימעל. פיל גאָלד און זילבער האָבען זיי געהאַט מיטגעבראַכט פון מצרים. אין אַזאַ צייט קומט אימער דער שטן און זוכט די אידען אַראָפּצופירען פון גליי־כען וועג. די אַלטע מנהגים געפעלען זיי שוין ניט, מען זוכט שוין נייע, און די טענה איז: מען דאַרף זיין מאָדערן, פּראָגרעסיוו. דער שטן רעדט זיי איין, אַז „בושש משה" — משה האָט זיך פאַרשפּעטיגט, ער איז אַלטמאָדיש, זיינע דינים פּאַסען זיך ניט פאַר די נייע צייטען. און ווי דער שטייגער איז, זייגען די אַסי־מילאַטאָרען די פירער פון דער אידישער געזעלשאַפט און איבען־אויס אַ גרוי־סען איינפלוס איבער די מאַסען.

אַן ענליכע געשיכטע פון געצענדינעריי ווערט געשילדערט אין דער היינ־טיגער הפטרה: די אידישע לאַגע אונטער דעם קעניג אחאב איז געווען די בעסטע,

וואס דאס קעניגרייך פון די „עשרת השבטים" האט ווען געהאט. אחאב איז געווען א גרויסער קריגס־העלד און האט אונטערטעניגט פיל פון די ארומיגע פעלקער און שטארק פארגרעסערט די עקאנאמישע רעסורסען פון זיין מלוכה. זיין פרוי „איזבל", וועלכע איז געווען א פערסישע פרינצעסין און א שטארקע נאכפאלגערין פון דעם אפגאט „בעל", האט געזוכט צו פארשפרייטען איר אמונה צווישען די אידען. די רייכערע קלאסען, וועלכע האבען זיך געשמייכעלט צום קעניגליכען הויף און צו די ארומיגע פעלקער, האבען איר נאכגעפאלגט, ביז עס האט אויסגעבראכען א הונגער אין לאנד צוליב מאנגעל אין רעגען און דער קעניג האט געשיקט נאך אליהו הנביא, ער זאל תפילה טאן פאר רעגען.

אליהו האט צוזאמענגערופען די אידען צום בארג כרמל און האט אויך איינגעלאדען די פאלשע נביאים פון דער עבודה זרה בעל. אין זיין רעדע צום פאלק האט ער געפרעגט: „עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעפים" — ביז ווי לאנג וועט איר שפרינגען איבער די צווי באגריפען? אויב „בעל" איז א גאט, דינט אים; אויב ניט, ווארום זאלט איר פארלאזען אייער אייגענע אמונה? ער האט פארלאנגט פון די „נביאי הבעל", אז זיי זאלען תפילה טאן צו זייער אפגאט פאר רעגען, אבער זייערע תפילות האבען ניט געהאלפען. ביז ער האט תפילה געטאן צו גאט און רעגען איז געקומען. דאן האבען זיך די אידען איבערצייגט, אז זייער עבודה זרה האט קיין האפט ניט און זיי האבען אין איין קול אויסגעשריען: „ה' הוא אלקים" — דער אידישער גאט איז דער איינציגער גאט.

משה האט אויסגעראמט אלע, וואס האבען געדינט צום עגל, ארום דריי טויזענט מענשען זיינען אויסגע'הרג'עט געווארען. און אליהו האט אויך געטאן אזוי. ער האט געלאזט אויסשעכטען די פיר הונדערט פאלשע נביאים, ווייל ער האט, ווי משה, געפילט, אז אויב דראסטישע שריט וועלען ניט גענומען ווערען קעגען די, וואס זוכען איינצופירען פרעמדע גאטעסדינסטען, וועט דער קיום פון דעם אידישען פאלק געשטעלט ווערען אין גרויס סכנה.

ג.

אידען טאַנצען אַרום דעם עגל הזהב

וירא את העגל ומחולות.

„אָמר ר' יצחק: אין לך כל פורענות שבאה לעולם, שאין בה אחד מעשרים וארבעה בהכרע ליטרא של עגל הראשון" — רב יצחק האָט געזאָגט: עס איז ניטאָ קיין אומגליק, וואָס איז געקומען אויף דער אידישער וועלט, אין וועלכען עס זאָל זיך ניט געפינען כאָטש אַ פיר־און־צוואַנציגסטער חלק געוויכט פון דעם ערשטען עגל (סנהדרין ק"ב).

מיט דער העכסטער אומפאַרשטענדליכער געשעהעניש פון דעם „עגל" זיי־נען די אידען אין דער מדבר געפאַלען „מאיגרא רמה לבירא עמיקתא" — פון דער העכסטער אידעאַלער הויך צו דעם טיפסטען אָפּגרונט פון נידעריגע אינסטינקטען. „אין אתה יכול לעמוד על אופי של אומה זו" — דו קענסט ניט פעסטשטעלען דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיגער אומה, זאָגען אונז די חז"ל (ירושלמי שקלים פ"א). ערשט ניט לאַנג האָבען זיי זיך דערהויבען „על כנפי נשרים", אויף אָדלער־פליגלען, צו דעם „אנכי", צו דעם העכסטען באַגריף פון דער גאָטהייט, און פּלוצלינג גיבען זיי אַ שפּרונג צו דעם „עשה לנו אלקים", אַ מענשען־געמאַכטען אָפּגאָט, וואָס האָט קיין זין און קיין האָפּט ניט. גלייך נאָך קבלת־התורה האָבען זיי מיט איין קול אויסגערופען: „נעשה ונשמע" — מיר וועלען טאָן און מיר וועלען פאָלגען — אַ גרייטקייט, וואָס האָט זיי אָוועקגעשטעלט אין די רייען פון „מלאכי השרת", פון הימלישע גייסטער (מדרש רבה), און אין פערציג טעג שפּעטער מאַכען זיי פאַר זיך אַן „עגל מסכה", אַ מעטאַלענעם גאָט, וואָס שליידערט זיי צום אָפּגרונט פון נידעריגע ברואים, ביי וועמען דער מאַטעריאַליזם איז דער העכסטער ציל פון אַלע זייערע שטרעבונגען.

דער דאָזיגער אומגעלומפּערטער שפּרונג האָט פאַרלענגערט דעם אידישען גלות: „אלו זכו ישראל לשלשה ימים היו נכנסין לארץ" — ווען די אידען וואָלטען ווערט געווען, וואָלטען זיי אין דריי טעג נאָך משה'ס אַרונטערקומען פון הימעל מיט דער תורה גלייך אַריין אין ארץ ישראל (ספרי בהעלותך). האָבען זיי זיך אָבער פאַרדרייט מיט'ן עגל און די גאולה איז אָפּגעשטעלט געוואָרען.

דער גרויסער ריס, וואָס אַט די טאַט האָט פאַראורזאַכט אין פאָלק, האָט געפירט צו פיל אַנדערע שפּאַלטונגען, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די אידען האָבען געמוזט פאַרבלייבען אין דער גרויסער וויסטעניש פאַר גאַנצע פערציג יאָר. פערציג טעג פון באַוואוסטלאָזיגקייט האָבען געפירט צו פערציג יאָר פון נע־ונד׳קייט, צו זיין „נבוכים במדבר", אַפּגעשלאָסען אין אַ פוסטער מדבר, ווייט פון זייער נאַציאָנאַלער היים...

אויף דעם זיבעטען טאָג נאָך „מתן תורה" האָט דער אויבערשטער גערופען צו זיך משה׳ן, „ויעל אל ההר, ויהי שם משה ארבעים יום וארבעים לילה" — און משה איז אַרויף אויפ׳ן באַרג און איז דאָרטען געווען פערציג טעג און פערציג נעכט. וואָס האָט ער דאָרט געטאָן די גאַנצע צייט? זאָגען אונז די חכמים, אַז אין הימעל איז דאָן פאָרגעקומען אַ גרויסע מחלוקה צווישען משה׳ן און די מלאכים, וועלכע האָבען ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז די תורה זאָל געגעבען ווערען צו די מענשען אויף דער ערד. זיי האָבען גע׳טענה׳עט פאַר גאָט: „חמדה גנוזה שיש לך אתה מבקש ליתנה לבשר ודם" — אַט דעם טייערסטען אוצר, וואָס דו האָסט, ווילסטו איבערגעבען צו מענשען פון פלייש און בלוט? וועלען זיי דען פאַרשטיין ווי אָפּצושאַצען איר ווערט? וועלען זיי זיך ווען עס איז קענען דער־הויבען צו דער הויכער מדרגה, וואָס די תורה פאַרנעמט אין דער גאַנצער בריאה פון דער וועלט? (שבת פ"ח).

און דער קאַמף איז געווען זעהר אַ שווערער, ווי משה אַליין האָט עס נאָכדעם איבערגעגעבען: „ארבעים יום וארבעים לילה" — פערציג טעג און פערציג נעכט איז דער קאַמף אָנגעגאַנגען. „לחם לא אכלתי ומים לא שתיתי" — ברויט האָב איך ניט געגעסען און וואַסער האָב איך ניט געטרונקען ביז איך האָב אויסגעקעמפט די תורה פאַר דעם אידישען פאָלק. איך האָב אַרגומענטירט מיט די מלאכי השרת, אַז די תורה איז ניט געמיינט פאַר זיי. אַט טאַקע צוליב דעם, וואָס זי איז אַ „חמדה גנוזה", אַן אומשעצבאַרער אוצר, און איז דער תכלית פון דער גאַנצער בריאה, פון גאָט׳ס אַלע שאַפונגען, איז זי ניט גע־מיינט פאַר מלאכים, וועלכע זיינען ריין פון פעלערען און האָבען וויניג וואָס צו לערנען. איר ציל איז צו פאַראייניגען די ערד מיט׳ן הימעל, אויסצואיידלען די כאַראַקטערען פון מענשען, אַז אויך זיי זאָלען ווערען „מעט מאלקים", פראַטאָטיפען פון דער גאָטהייט, און אַז אין זייערע מעשים אויף דער ערד זאָל זיך אָפּשפּיגלען די ריינליכקייט פון די הימלען.

און מיט דער הילף פון דעם רבונו של עולם, זאָגט זיי ווייטער משה, האָב איך זיי מנצח געווען. איך באַקום די לוחות און הויב־אָן אַרונטערצונידערן אויף דער ערד, העכסט צופרידען מיט דעם, וואָס מיר איז געלונגען אַריינצוקריגען דעמדאָזיגען ווערטפולען אוצר פאַר מיין פאָלק ישראל. איך האָב אָבער באַמערקט, אַז „נעשו כבדים על ידי", אַז זיי ווערען שווער אויף מיין האַנט, „ואתפש בשני הלוחות" — איך האָב די לוחות געמוזט פעסטהאַלטען, ווייל „היו מבקשים לפרוח" — זיי האָבען זיך געריסען אַוועקצופליען פון מיר (ירושלמי תענית פ"ד). איך בין געבליבען שטיין אַ געפּלעפטער און ניט פאַרשטאַנען וואָס די אורזאַך איז. פּלוצים דערהער איך אַן אויסגעשריי פון גאָט: „קום רד מהר מזה כי שחת עמך" — שטעל זיך אויף און נידער שנעל אַרונטער פון דאַנען, ווייל דאָס פאָלק האָט פאַרדאָרבען. איך בין געוואָרען אַ פאַרציטערטער און פרעג ביי גאָט: צוזאַמען מיט דער תורה הייסטו מיר אַרונטערנידערען? „אתמול אמרת לי עלה" — נעכטען האָסטו מיר געזאָגט: גיי אַרויף, אַז מיט דער תורה שטייגט מען אַלץ העכער, „ועתה הנך אומר לי רד" — און איצט הייסטו מיר אַרונטערנידערען צוזאַמען מיט דער תורה. לייגט זיך דען דער לשון ירידה, פאַלען, אויך אויף דער תורה? (מדרש רבה).

און דער אויבערשטער ענטפערט אים: דיין זיידע יעקב האָט אַמאָל געזעהן אין חלום אַ לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ גרייכט אין הימעל און געטליכע מלאכים גייען אויף אים אַרויף און אַרונטער. האָב איך אים דאַן דערקלערט, אַז דער לייטער, וואָס ער זעהט, איז ער עס אַליין. ער מיט זיינע קינדער באַהעפטען דעם הימעל מיט דער ערד. שטייגען זיי אין זייערע גייסטיגע אַנטוויקלונגען, שטייגען אויך די הימלישע מלאכים מיט זיי. פאַלען זיי אָבער און דערנידעריגען דעם אידישען נאָמען, פאַלען אויך די מלאכים מיט זיי. „כלום נתתי לך גדולה אלא בשביל ישראל" — די גרויסקייט, וואָס איך האָב דיר געגעבען, איז דאָך געווען צוליב די אידען, „עכשיו שחטאו אתה למה לי" — איצט, אַז זיי האָבען געזינדיגט, דאַרף איך דיך אויך ניט (ילקוט שמעוני).

אַלע מפרשים פון דער תורה זוכען צו דערגיין די הויפּט סיבה, וואָס האָט געטריבען די אידען צו באַגיין אַזאַ נאַרישע טאַט. קיינעם פון זיי גלויבט זיך ניט, אַז די אידען, וועלכע האָבען נאָרוואָס געהערט אַזעלכע גרויסע אידעאַלען אַרויסקומענדיג פון גאָט'ס מויל אַליין, זאָלען פּלוצלינג ווערען אַזוי

נאריש און ווילד צו מאכען פאר זיך אן אפגאט, און נאך אין דער געשטאלט פון א קאלב. פילע פון די חז"ל זוכען צו פארענטפערען דאס אידיש פאלק, אז ניט די אידען האבען דעם עגל הזהב געמאכט, נאר דער "ערב־רב", וואס איז באשטאנען פון א דריי טויזענט עגיפטער, וועלכע, זעהענדיג די נסים, וואס האבען פאסירט מיט די אידען, האבען זיך אנגעשלאסען אן דעם אידישען פאלק און זיינען צוזאמען מיט אים ארויס פון מצרים פאר זיי איז די אידייע פון אחדות הבורא, פון איין גאט, געווען אן אומפארשטענדליכע זאך. אין מצרים האבען זיי געדינט פיל געטער. יעדער כוח פון דער נאטור איז ביי זיי געווען אן אנדער גאט. זיי האבען ניט געקענט באגרייפען, אז אלע כוחות נעמען זיך פון איין מקור, וואס שאפט, בויט, צעשטערט און הערשט איבער אלץ. "און לאלקות הרבה" — זיי האבען געגלוסט צו פיל געטער (סנהדרין ס"ג ע"ב).

מאנכע מדרשים זיינען אויך מיט דערזעלבער מיינונג, ווי מיר געפינען: בשעת דער אויבערשטער האט אים געזאגט: "שחת עמך", דיין פאלק האט פאר־דארבען, האט משה אויסגעשריען "מנין הם עמי" — פון ווען אן זיינען זיי עס געווארען מיין פאלק? דו ווארפסט זיך עפעס ארום מיט די אידען און רופסט זיי שוין "עמך" דיין פאלק, ווי דו וואלסט זיי שוין ניט געוואלט קענען? ענטפערט אים גאט: "בשעה שהוצאתי אותם ממצרים לא אמרתי לך לערב בהם ערב רב" — ווען איך האב זיי ארויסגענומען פון מצרים, האב איך דיר ניט געהייסען אז דו זאלסט צווישען זיי אריינמישען א גרויסע צאל פרעמדע מענשען. אט די צוגעשטאנענע, דיינע נייע מיטגלידער, האבען אויף זיי געבראכט דעם אומגליק. הער נאר ווי זיי שרייען: "אלה אלקיך ישראל" — דאס איז דיין גאט ישראל. "אלקינו לא נאמר אלא אלקיך, הם עשו את העגל" — זיי זאגען ניט אונזער גאט, נאר אייער גאט — זיי, אט דער ערב־רב, האבען עס געמאכט דעם עגל (שמו"ר מ"ב).

רבי הירש ליב וואלאזשינער, ע"ה אין זיין "העמק דבר" אויף חומש, גיט א העכסט לאגישע דערקלערונג איבער דעם גאנצען ענין. ער זאגט: "וירא העם כי בושש משה" — אז דאס פאלק האט געזעהן, אז משה זאמט זיך, האבען זיי אנגעפאנגען מורא האבען טאמער וועט ער שוין מער ניט קומען — און וואס וועט איצט זיין? ווער וועט זיי פירען ווייטער? כל זמן משה האט געלעבט, זיינען זיי געווען זיכער, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז גאט איז מיט אים און טוט זיין פארלאנג. האבען זיי דאך געזעהן די אלע נסים, וואס מיט זיי

איז געשעהן דורך אים, און זיי האָבען געגלויבט, אַז ער איז אַ געטליכער מענש און קען אַלץ דערווייזען. משה איז אָבער פאַר זיי געווען אַ מיסטעריעזע דער־שיינונג, וואָס זיי האָבען קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך געהאַלטען ווייט פון דעם פאָלק, ווי דער פסוק זאָגט: „ומשה יקח את האוהל ונטה לו מחוץ למחנה, הרחק מן המחנה" — משה האָט גענומען זיין געצעלט און האָט אים אַוועקגעשטעלט אויסערן לאַגער, ווייט פון דער אידישער מחנה.

איצט, אַז ער איז שוין מער ניטאָ, זיינען זיי געקומען צו אהרנ'ען און פאַרלאַנגט פון אים „עשה לנו אלקים אשר ילכו לפנינו" — באַשטים פאַר אונז פירער, וועלכע זאָלען גיין פאַר אונז — אַזעלכע, וואָס זאָלען אונזע פירען „בדרך הטבע" און וועלכע מיר זאָלען קענען פאַרשטיין, „כי זה משה האיש לא ידענו מה היה לו" — ווייל אַט דעם מענש משה האָבען מיר קיינמאָל ניט געוואוסט וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען און מיר האָבען אים ניט פאַרשטאַנען. די חכמים לערנען אַרויס פון די ווערטער „עשה לנו אלקים" — פיל פירער, „אחד לכל שבט", איינעם פון יעדען שבט (סנהדרין פ"ו ב') — אַ סאָרט „פרעזידיום" פון פאַרשטייער פון יעדען שבט, צו פאַרוואַלטען די אינטערעסען פון פאָלק, ווייל זיי האָבען ווייניג צוטרוי געהאַט איינע צו די אַנדערע און האָבען געוואָלט, אַז אין דער פירערשאַפט זאָלען זיין פאַרטראַטען אַלע פאַרטייען.

אַז אהרן האָט ענדליך איינגעשטימט אויסצופילען זייער פאַרלאַנג, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע רייכע לייט, די וואָס האָבען פאַרמאָגט „נזמי זהב", גאָלדענע אויררינגלעך, און האָבען אויסגעקליבען „עגלי זהב", גאָלדענע קעלבער, רייכע אַסימילאַטאָרען, פאַר זייערע פירער. ווען משה איז אַרונטער און האָט גע־זעהן „את העגל ומחולות", די קעלבערנע מנהיגים, און ווי דער עולם טאַנצט אַרום זיי, „נעשו הלוחות כבדים על ידו", זיינען די לוחות געוואָרען שווער אויף זיינע הענט, ווייל „פרח הכתב מעליהם" — די געטליכע שריפט איז אַוועקגע־פלויגען פון זיי (תנחומא). קוים טאַנצען אידען אַרום דעם „עגל הזהב" און באַטראַכטען קאַפּיטאַל פאַר דאָס וויכטיגסטע אין לעבען, פאַרלירען די לוחות זייער געטליכען אינהאַלט און פאַלען שווער אויפ'ן פאָלק. „וישלך מידיו את הלוחות וישבר אותם" — האָט ער אַראָפּגעוואָרפען פון זיינע הענט די לוחות און זיי צעבראָכען.

גייט דאָס פאָלק נאָך די רייכע אַסימילאַטאָרען און טאַנצט נאָך אַרום זיי, האָבען די לוחות און די תורה אַ קנאַפּען ווערט. מיין פאָטער, ע"ה, באַמערקט:

„די ניי־אויסגעקליבענע געלד־זעק האָבען געשריען: „אלה אלקיך ישראל", דאָס זיינען דיינע געטער, ישראל, ניט זייערע, ווייל אַזוי איז שוין דער שטייגער ביי די אידען. מען לאַדט איין אַ רעפאָרמערישען פילאַנטראָפּ צו ווערען דער פירער פון אַ אידישער אונטערנעמונג, מען טאַנצט אַרום אים, און אַז ער שטעלט זיך רעדען, האַלט ער אין איין זאָגען: „אייער שוהל", „אייער ישיבה", „אייער אַנשטאַלט", ווייל פאַר אים אַליין דאַרף ער זיי ניט האָבען, ער איז פריי און אויסגעטאָן פון אַלץ. אַזעלכע פירער פאַרפירען ענדליך דאָס פאָלק און אַלע זיינע שאַפונגען גייען לאיבוד." אָט דאָס מיינט „רבי יצחק" מיט זיין באַהויפּטונג, אַז אין יעדער „פורענות", אין יעדען אומגליק, וואָס טרעפט די אידען, געפינט זיך אַ טייל פון דעם „עגל הזהב", ווייל זיי האָבען צופיל געטאַנצט אַרום די אַסימילאַטאָרישע געלד־זעק.

הפטרה

מען מוז אויסאָרטען די פאַלשע אָפּגעטער

היום יודע כי אתה אלקים בישראל.

„משה ביער עובדי עבודה זרה ואליהו ביער עובדי עבודה זרה" — משה האָט אויסגעראָמט די געצענדינער פון צווישען די אידען, און אַזוי האָט אויך געטאָן אליהו (פיסקא ויקח אליהו).

אַז אידען ווערען עקאָנאָמיש רייך, זוכען זיי זיך נייע געטער. די אַלטע אידישע מנהיגים געפעלען זיי שוין ניט און מען הייבט אָן זוכען נייעסען, רע־פאָרמען, וועלכע דערוויטערען זיי פון דעם אַלטען אידישען מקור. די אַלטע שוהל איז ניט מאָדערן גענוג, דער אַלטער רב איז צו־פאַנאַטיש. „נהיה ככל הגוים בית ישראל" — לאָמיר זיין ווי אַלע אַנדערע פעלקער ישראל און זיך ניט אָפּזונדערען און דערווייטערען פון זיי. דער סוף איז, אַז מען הויבט אָן צו דינען דעם „עגל הזהב" און רייכטום, קאַפּיטאַל, ווערט די הערשענדע מאַכט אין פאָלק.

אין דער הפטרה ווערט געשילדערט אַזאַ פאַקט. די אידען אונטער דעם קעניג אַחאב זיינען רייך געוואָרען. לויט דער געשיכטע איז אַחאב געווען איינער פון די דערפאָלגרייכסטע קעניגען, וואָס האָט באַזיגט פילע פון די אַרומיגע

לענדער און האָט אַריינגעפירט אַ סך נייע אינדוסטריעס אין לאַנד, וועלכע האָבען די אידען רייך געמאַכט. כל־זמן עס איז גוט געגאַנגען, האָבען זיי געדינט צו פרעמדע עבודה־זרה׳ס. איזבל, אַחאָב׳ס פרוי, איז געווען אַ הייסע נאָכפאָלגערין פון דעם אָפּגאָט „בעל". און די רייכערע קלאַסען, וועלכע האָבען זיך געזוכט צו שמייכלען צום קעניגליכען הויף, האָבען איר נאָכגעפאָלגט, און די כהני־הבעל זיינען געוואָרען די פריידיגער פון זייערע רעפאָרמירטע טעמפּלען.

האָט אָבער אויסגעבראָכען אַ גרויסער הונגער אין לאַנד, און אין אַן עת־צרה, ווייסט מען דאָך, אַז אידען הויבען אָן זיך אומקערען צוריק. איז מען אַוועק זוכען דעם געטליכען נביא אליהו, ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיי פאַר׳ן אמת׳ען גאָט, ער זאָל שיקען רעגען אויף זייער לאַנד. פרעגט זיי אָבער אליהו, וואָרום זיי גייען ניט צו די פאַלשע נביאים פון זייער אָפּגאָט בעל. ער פרעגט זיי ווייטער: „עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעפים?" — ביז ווי לאַנג נאָך וועט איר שפּרינגען איבער צוויי באַגריפען — גאָט און להבדיל „בעל". אויב איר אָנערקענט אייער אמונה אין שלעכטע צייטען, וואָרום זאָלט איר זי פאַרלאָזען ווען אייך איז גוט?

משה האָט אויסגעראָטעט אַלע, וועלכע האָבען געדינט דעם עגל, און אויך אליהו האָט אויסגעראָטעט די נביאי־הבעל, ווייל ער האָט, ווי משה, געפילט, אַז אויב קיין דראַסטישע שריט וועלען ניט גענומען ווערען קעגען די, וועלכע זוכען איינצופירען פרעמדע גאָטעסדיענסטען, וועט דער קיום פון אידישען פאָלק לאַנג ניט אָנהאַלטען.

ד.

דער כוח פון זכות אָבות

זכר לאברהם, ליצחק ולישראל עבדיך.

„בשעה שאָמר הקב"ה למשה: לך רד כי שחת עמך, יצאו חמשה מלאכי־חבלה וחפצו להזיק למשה, ואלו הן: אף, חמה, קצף, משחית ומכלה. כיון שהזכיר להם זכותן של אבות ברחו קצף, משחית ומכלה, ונשתיירו אף וחמה" — ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה, גיי, נידער אַרונטער, ווייל דיין פאָלק האָט פאַרדאָרבען, זיינען אַרויס פינף שלעכטע מלאכים און האָבען

געוואַלט שעדיגען משה׳ן און דאָס זיינען „אף״, „חמה״, „קצף״, „משחית״ און „מכלה״. אַזוי גיך אָבער ווי ער האָט פאַר זיי דערמאָנט דעם זכות פון די אבות, זיינען די דריי מלאכי־חבלה קצף, משחית און מכלה אַוועק, און עס זענען פאַרבליבען בלויז אף און חמה (מדרש תנחומא).

פערציג טעג און פערציג נעכט האָט משה געוואַרט אין הימעל ביז ער האָט באַקומען די לוחות. פאַר דער צייט, זאָגען אונז די חז״ל, האָט אים גאָט איבערגעגעבען אַלע דינים ומשפטים, וועלכע ער האָט נאָכדעם אַרונטערגעשריבען אין דער תורה. אַז ער איז פאַרטיג געוואָרען, נעמט משה די לוחות אונטער׳ן אָרעם און פאַנגט אָן אַרונטערצונידערען אויף דער ערד, צופרידען מיט די גרויסע דערגרייכונגען, וואָס ער האָט פאַר זיין פאָלק דערוואָרבען אין הימעל. פלוצלינג דערהערט ער אַן אויסגעשריי פון גאָט: זיי ניט אַזוי שטאָלץ ביי זיך. „לך רד — מגדולתך״ — גיי נידער אַרונטער פון דיין גדולה. „שחת עמך אשר העלית מארץ מצרים״ — פאַרדאָרבען האָט דיין פאָלק, וואָס דו האָסט אַרויסגעבראַכט פון מצרים, „כלום נתתי לך גדולה, אלא בשביל ישראל, עכשיו שחטאו אתה למה לי״ — די גרויסקייט, וואָס איך האָב דיר געגעבען, איז דאָך געווען צוליב די אידען, אָבער איצט, אַז זיי האָבען געזינדיגט — וואָס דאַרף איך דיך? (ברכות ל״ב).

משה איז געבליבען שטיין אַ פאַרציטערטער און פון דער ווייטענס זעהט ער ווי אַ צאָל מלאַכי־חבלה גייען קעגען אים און ווילען אים שלעכטס טאָן. לויפט ער צוריק צו גאָט און פרעגט אים: וואָס איז געשעהן? „מנין הם עמי?״ — פון ווען אָן זיינען זיי געוואָרען מיין פאָלק? דו וואַרפסט זיך עפּעס אַרום מיט די אידען און דו רופסט זיי שוין „עמך״, דיין פאָלק, ווי דו וואָלסט זיי שוין ניט געוואָלט קענען. „מה חטאו״ — אין וואָס באַשטייט זייער זינד? און גאָט זאָגט צו אים: „סרו מהר מן הדרך אשר צויתים, עשו להם עגל מסכה, וישתחוו לו״ — דיינע אידען האָבען זיך גיך אָפּגעקערט פון דעם וועג, וואָס איך האָב זיי געלערענט. זיי האָבען זיך געמאַכט אַ גאָלדענעם קאַלב און בוקען זיך צו אים.

„עמד משה ומתחבט״ — משה איז געבליבען שטיין פאַרגאַפט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. הערט ער אָבער ווייטער די שטים פון גאָט, וואָס זאָגט אים: „ועתה הניחה לי ויחר אפי בהם ואכלם, ואעשה אותך לגוי גדול״ — איצט לאָז מיך אָפּ און זאָל מיין צאָרן ברענען אין זיי, און לאָז מיך זיי פאַרניכטען, און איך וועל דיך מאַכען פאַר אַ גרויס פאָלק. ווי משה האָט עס דער־

הערט, איז ער געוואָרען אָן אויפגעלעבטער. גאָט זאָגט צו אים: „הניחה לי", לאָז מיך אָפּ; הייסט עס „הדבר תלוי בי", אַז די זאַך ווענדט זיך אָן מיר, און אַז איך וועל ניט דערלאָזען, וועט ער די גזרה צוריקרופען. האָט ער זיך אָנ־גענומען מיט מוט און גע'טענה'ט:

„למה יחרה אפך בעמך, אשר הוצאת מארץ מצרים בכח גדול וביד חזקה" — וואָס ברענט אַזוי דיין צאָרן קעגען דיין פאָלק, וואָס דו האָסט אַרויסגע־נומען פון דעם לאַנד מצרים מיט גרויס כוח און מיט אַ שטאַרקער האַנט? „הוצאתם ממקום עובדי עבודה זרה ועכשיו נערים הם" — דו האָסט זיי מיט גוואַלד אַרויסגענומען פון אַן אָרט, וואו אַלע האָבען זיי געדינט פרעמדע געטער. זיי זיינען דאָך נאָך יונג. „המתן מעט להם, לך עמהם ועושים לפניך מעשים טובים" — וואַרט צו אַביסעל, גיי מיט זיי און זיי וועלען נאָך פאַר דיר טאָן גוטע מעשים; האָב געדולד און גיב זיי אַ געלעגענהייט און זיי וועלען ווערען דאָס „עם סגולה", דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, וואָס דו ווילסט (שמו"ר מ"ג).

ווידער טענה'ט משה: האָסטו אַמאָל ניט געזאָגט צו אונזער פאָטער אברהם, אַז אויב עס וועלען זיך געפינען צען צדיקים אין סדום, וועסטו איר ניט פאַר־ניכטען? געפינען זיך דען ניט צווישען דעם גאַנצען פאָלק ישראל צען צדיקים, וואָס צוליב זייער זכות זאָלסטו דאָס פאָלק ראַטעווען און שענקען אים דאָס לעבען? זאָגט צו אים גאָט: אויב דו וועסט מיר אויסרעכענען די נעמען פון די צען צדיקים, וועל איך טאָן דיין פאַרלאַנג. האָט משה אָנגעפאַנגען ציילען: „הלא יש אני", עס איז דאָ איך, אהרן, אלעזר, איתמר, פינחס, יהושע, כלב און... דאָ איז ער געבליבען שטיין. מער ווי זיבען האָט ער ניט געקאָנט אויסרעכענען. פּלוצלינג פאַלט אים איין צו פרעגען ביי גאָט: „חיים הם המתים" — די פאַר־שטאָרבענע צדיקים לעבען? ענטפערט אים גאָט: יאָ, זיי לעבען אימער. דאַן רופט אויס משה מיט טריאומף: זכור לאברהם יצחק ויעקב — הלא יש עשרה — דערמאָן זיך אָן די אָבות אברהם יצחק און יעקב — אָט האָסטו צען צדיקים, וואָס זייער זכות דאַרף מגין זיין אויף דיין פאָלק (שמו"ר פ' מ"ד).

משה באַמערקט, אַז דער אויבערשטער ווערט ווייכער און ער זעצט פאָר זיינע טענות: דו ווילסט די אידען אומברענגען און דו פאַרשפּרעכסט צו מאַכען פון מיר און מיינע קינדער אַ גרויס פאָלק. דו האָסט דאָך געשוואָרען צו אונזערע אָבות, אַז דו וועסט מאַכען זייערע קינדער ווי די שטערען אין הימעל און דו וועסט זיי געבען דאָס לאַנד, „ונחלו לעולם", וועלכע זיי וועלען ערבען פאַר אייביג.

„הדבר שנשבעת לשלשה אין אתה מקיים, של אחד האיך אתה מקיים" — אַ זאַך וואָס דו האָסט געשוואָרען צו דריי, ווילסטו ניט האַלטען, און צו איינעם — וועסטו יאָ האַלטען? (שם). „וינחם ה' על הרעה אשר דבר לעשות לעמו" — און גאָט האָט חרטה געקראָגען אויף דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט געוואָלט טאָן צו זיין פאָלק. ער האָט איינגעזעהן, אַז משה האָט רעכט, און אין דעם זכות פון די אָבות האָט ער צוריקגעצויגען די גזירה.

פון די פינף מלאכי־חבלה, וואָס האָבען געוואָלט משה'ן שלעכטס טאָן, אַזוי גיך ווי ער האָט דערמאָנט דעם זכות פון די אָבות, זיינען דריי גלייך אַוועק, בלויז צוויי זיינען פאַרבליבען — „אף" און „חמה". און משה גיט זיך אַ קער צו גאָט און זאָגט אים: „יגורתי מפני האף והחמה" — איך האָב מורא פאַר די צוויי מלאכי־חבלה. און דער אויבערשטער ענטפערט אים: דו נעם זיך צו איינעם און לאָז איבער דעם צווייטען פאַר מיר און צוזאַמען וועלען מיר ברענגען שלום אויף די אידען (שם).

צו פאַרשטיין די טיפע כוונה פון דעם מדרש, מוזען מיר צוערשט וויסען די באַדייטונג פון די פאַרשיידענע נעמען פון די מלאכי־חבלה און זייערע שלעכטע אויפגאַבען. לויט דער דערקלערונג פון דעם מלבי"ם ז"ל אין זיין "שמות הנרדפים", מיינט „אף" — אַ פערזענליכער ברוגז. צוליב פוסטער גאוה אָדער אַנדערע אַלטרואיסטישע מאָטיווען ווערט איינער אָנגעשטויסען אויף זיינע חברים און ציט זיך צוריק פון זייער געזעלשאַפט. „חמה" מיינט צאָרן, זיך קריגען און זיך שלאָגען מיט'ן צווייטען. „קצף" מיינט אַ פאַרשפרייטער כעס, אַ מחלוקת, וואָס פירט צו שפּאַלטונגען און איינטיילונג אין פאַרשיידענע גרופּען און פּאַרטייען, וואָס רייסען זיך אַרום און שטערען דעם שלום פון דער געזעלשאַפט. „משחית" מיינט אַ צעשטערונג, וואָס קומט פון אויסערליכע קוועלען; אַז די געזעלשאַפט איז צעריסען צווישען זיך און האַלט זיך אין איין אַרומקריגען, ווערט זי באַפאַלען פון אויסערליכע שונאים, וועלכע גרייפען איר אָן און זוכען איר אומצוברענגען. „מכלה" מיינט אַן אינערליכע צעשטערונג; צוליב די פאַרשיידענע ברוגז'ן און קריגערייען הויבט די געזעלשאַפט אָן צו פוילען אינערליך, אירע קינדער פאַרלאָזען איר און זי שטאַרבט פון אויסצערונג.

איצט פאַרשטייען מיר דעם געדאַנק פון דעם אויבען־ציטירטען מדרש: אַזוי גיך ווי אידען הויבען אָן צו טאַנצען אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב און זוכען בלויז מאַטעריעלע דערגרייכונגען, ווערען זיי באַפאַלען פון די פינף מלאכי־חבלה. דער

מלאך „אף" נאָגט יעדען רייכען מאַן אָדער פירענדע פּערזענליכקייט, ער זאָל זוכען אַלץ מער כבוד און אָנערקענונג. קריגט ער עס ניט אין דער פולער מאָס, ווערט ער ברוגז און וויל גאָר ניט טאָן פאַר דעם כלל. האָט דער דאָזיגער מלאך חבלה אָפּגעטאָן זיין שטיקעל אַרבייט, קומט זיין חבר „חמה" אים צוהילף. ער רעדט אָן זיין קרבן ניט צו פאַרשווייגען די איינגערעדטע באַליידיגונג און נאָגט אים, אַז ער זאָל פאַרפירען אַ מחלוקת. אויב די אַרבייט פון די ערשטע צוויי מלאכי־חבלה געלינגט זיי, קומט דער דריטער, „קצף", און רעדט זיי איין אויס־צוברייטען די מחלוקות און זיך איינטיילען אין קריגערישע פּאַרטייען, וואָס זאָלען צעברעכען די גאַנצקייט פון אידען.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען געפינען די אַנדערע צוויי מלאכי־חבלה אַ ברייט פעלד פאַר זיך צו טאָן זייער פאַרניכטונגס־אַרבייט. צוערשט קומט „משחית", דער אויסערליכער שונא. אַז די אינערליכע רייען ווערען אָפּגעשוואַכט צוליב מחלוקות און פירוד־לבבות, גיבען זיי דערמיט אַ געלעגענהייט צו זייערע אויסערליכע שונאים זיי צו באַפאַלען און אונטערדריקען. דאַן קומט דער לעצטער מלאך־חבלה, „מכלה", אינערליכע צעפוילטקייט, און פאַרענדיגט דעם טייפעל־שען שפּיל. די רעליגיע ווערט צעריסען אויף שטיקלאַך. דער עולם טיילט זיך אין רעפאָרמער, קאָנסערוואַטיוון, אָרטאָדאָקסען א. ד. גל. די יוגענט גייט אַוועק פון אונז און דערווייטערט זיך פון אַלע אידישע אינטערעסען און דאָס פאָלק זינקט טיפער און טיפער צום אָפּגרונט פון חורבן און אונטערגאַנג.

האַלט מען זיך אָבער אָן זכות־אָבות, לערענט מען אונזערע קינדער צו וויסען די גרויסע אידישע פאַרגאַנגענהייט האָבען די דריי מלאכי־חבלה — קצף, משחית און מכלה — אַ קנאַפּע ווירקונג. די מאַסען האַלטען זיך מער אָדער ווייניגער אָן זייערע טראַדיציעס און דאָס פאָלק בלייבט גאַנץ. און אַז עס הויבט אָן צו הערשען אחדות ביי אידען, איז דאָ אַ האָפענונג, אַז גאָט און די תורה זאָלען צוזאַמען העלפען צו פאַרטרייבען אויך די מלאכי־חבלה „אף" און „חמה". אידען וועלען דאַן אָנהויבען צו פאַרשטיין איינע די אַנדערע און אויפגעבען זייערע פּערזענליכע אַמביציעס פאַר דעם וואויל און בעסטען פון פאָלק.

הפטרה פרשת פרה

אַ פאַרגלייך פון פרה־אדומה מיט דעם אידישען פאָלק

ואסף איש טהור את אפר הפרה והניח מחוץ למחנה במקום טהור.

„טהור — זה הקב"ה; את אפר הפרה — אלו גליותיהם של ישראל; במקום טהור — זה ירושלים" — מיט דעם וואָרט טהור ווערט געמיינט דער אויבערשטער; די אַשעס פון דער בהמה — דאָס זיינען די פאַרשיידענע גלותן פון די אידען; אין אַ ריינעם פלאַץ — דאָס איז ירושלים (פסיקתא רבתי).

וועגען דער פרה־אדומה ווערט געזאָגט אין דער תורה: „זאת חוקת" — דאָס איז אַן אומדערקלערבאַרער געזעץ. „גזרה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה" — דאָס איז איינע פון מיינע גזירות, איבער וועלכע דו האָסט קיין רעכט ניט איבערצוטראַכטען (רש"י). „הגם עס זיינען פאַראַן נאָך פיל אַנדערע דינים, וועלכע זיינען אומפאַרשטענדליך, וועגען וועלכע עס ווערט אין דער תורה קיין שום טעם ניט אַנגעוויזען, ווי דער איסור פון אכילת־חזיר, שעטנז א. א. וו., דאָך ווערט דאָס וואָרט „חוקת" געזאָגט בלויז ביי פרה אדומה, ווייל די דאָזיגע מצוה איז ניט נאָר אומפאַרשטענדליך, נאָר זי איז אויך קעגען שכל, קעגען דער לאָגיק, ווייל זי איז „מטהר טמאים און מטמא טהורים" — זי רייניגט אומריינע און פאַראומרייניגט ריינע (יבין שמועה).

אין מדרש ווערט אויך איבערגעגעבען, אַז ווען משה איז צום צווייטען מאָל אַרויף אויפ'ן הימעל צו נעמען די נייע לוחות, האָט ער געפונען גב"ה, ווי ער עוסק'ט זיך מיט דער פרשה פון פרה־אדומה, און אַז ער האָט געוואָלט וויסען דעם זין דערפון, האָט צו אים גאָט געזאָגט: „לך אני מגלה טעמה, אבל לאחרים חוקה" — דיר וועל איך דערקלערען איר טעם, אָבער פאַר אַנדערע וועט עס פאַרבלייבען אַן אומפאַרשטענדליכער געזעץ. און זיין אומפאַרשטענדליכקייט באַשטייט אין דעם, וואָס „כל העוסקים בפרה מטמאין והיא עצמה מטהרת אחרים" — אַלע, וואָס באַשעפטיגען זיך מיט דער פרה־אדומה, ווערען אַליין אומריין, אָבער אירע אַשעס רייניגען אַנדערע (מדרש תנחומא).

אונזער „הלכה", וועלכע גיט זיך מערסטענס אָפּ מיט דעם „פשט", מיט דעם עפענטליכען מיין פון פסוק, נעמט טאַקע אויף דעם געזעץ פון פרה־אדומה אַלס אַ „גזרה שאין להרהר אחריה" — אַ באַפעהל, איבער וועלכען מען טאָר ניט

נאָכטראַכטען, און זוכט ניט צו געבען קיינע דערקלערונגען איבער אים. די „אגדה" אָבער, וועלכע פאַרטיפט זיך אָפט צווישען די שורות און וויל אויך דערגיין די „כוונה", דעם באַהאַלטענעם געדאַנק, גיט איבער דעם דאָזיגען אומפאַרשטענדליכען דין אַ מערקווירדיג־פּאָעטישע דערקלערונג, וועלכע אפעלירט אפשר ניט צום מוח, צום שכל, אָבער דערפאַר רירט זי אָן דאָס האַרץ, דאָס געפיל.

„פרה־אדומה — זו ישראל" — דאָס אידיש פאָלק קאָן פאַרגליכען ווערען צו דער פרה־אדומה. איר דין איז אַ מיסטעריעזע געהיימניש, וואָס קיינער ווייסט ניט זיין טעם, אַזוי איז אויך דאָס לעבען פון דעם אידישען פאָלק אַ מיסטעריעזע דערשיינונג, וואָס איז שווער צו פאַרשטיין און צו דערקלערען. די פרה־אדומה האָט געמוזט זיין „תמימה", גאַנץ, און פון איין קאָליר. אַזוי מוז אויך דאָס אידיש לעבען זיין גאַנץ און אייגענאַרטיג. דער דין פאָדערט, אַז די פרה־אדומה זאָל זיין אַזאַ: „אשר לא עלה עליה עול" — וואָס האָט אויף זיך קיינמאָל קיין יאָך ניט געהאַט, וואָס איז אַ סימבאָל פון אמת'ער פרייהייט. אַזוי מוז אויך דאָס אידיש פאָלק בלייבען פריי און זיך קיינמאָל ניט אונטערוואַרפען דעם יאָך פון פרעמדע גייסטער. און פונקט ווי די פרה־אדומה רייניגט אַנדערע און אירע אייגענע בלייבען אומריין, אַזוי איז אויך, ליידער, דער שיקזאַל פון דעם אידישען פאָלק. עס רייניגט דעם גייסטיגען שמוץ פון אַלע אַנדערע פעלקער, אָבער אַליין, זיינע אייגענע קינדער, ווערען אומריין פון די השפעות פון אַנדערע קולטורען. די שווערע גלות־באַדינגונגען דערפירען אָפט צו אַ גייסטיגער ירידה, צו דע־מאָראַליזאַציע און פאַרדאַרבענקייט, צו אַסימילאַציע און זעלבסט־פאַרלייקענונג (רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָן).

צווישען „פורים" און „פסח" ווערט געלייענט די פרשה פון פרה־אדומה, ווייל צווישען דער מגילה פון גלות און דער סדרה פון גאולה ציט זיך אַ פרשה פון רעטזעלהאַפטע געשעהענישען און אומדערקלערבאַרע פּאַסירונגען, וואָס ניט אַלע קענען פאַרשטיין און באַגרייפען. די גרעסטע היסטאָריקער קאָנען זיך ניט אָפּוואונדערען פון דער רעטזעלהאַפטער דערשיינונג פון אַ פאָלק צו קאָנען עק־זיסטירען אַזוי לאַנג און אונטער אַזעלכע אומשטענדען, ווי די אידען האָבען אי־בערגעלעבט אין זייער לאַנגען און טרויעריגען גלות. פון וואַנען האָבען זיי גע־געצויגען די קרעפטען צו קאָנען ווידערשטיין די בייזוויליגע אָפטע אָנפאַלען פון זייערע שונאים, וועלכע האָבען געזוכט זיי צו פאַרטיליגן און אָפּמעקען זייער נאָמען פון אונטער די הימלען?

„פרה־אדומה — זו גלות אדום" — דער דין פון פרה־אדומה רעפלעקטירט אויף דעם שרעקליכען גלות (פסיקתא רבתי). דאָס אידיש פאָלק, וואָס איז גע־גליכען צו דער פרה־אדומה, ווערט געברענט איבעראַל און מיט זיינע אַשעס רייניגען זיך אַלע פעלקער. עס בלייבט אָבער „תמימה", גאַנץ און אייגענאַרטיג, ווייל עס איז זיכער, אַז „ואסף איש טהור את אפר הפרה" — דער ריינער גאָט וועט נאָך צוזאַמענקלייבען די אַשעס פון זיין פאָלק פון אַלע זיינע גלות־לענדער, „והניח מחוץ למחנה במקום טהור" — און וועט זיי אָוועקלייגען אויסער דער מחנה פון פיינטליכע מדינות, אין דעם ריינעם אָרט ירושלים (שם). נאָך דער „מגילת פורים", נאָך די שרעקליכע גלות'ן, וועט קומען דער „פסח לעתיד", דער אידישער באַפרייאונגס־יום־טוב און ער וועט צוריק ווערען אַ זעלבסט־שטענדיג פאָלק.

ה.

די פאַרבאָרגענע וועגען פון דער השגחה

הראני נא את כבודך.

„אמר משה, רבש"ע, הודיעני נא באיזו מדה אתה נוהג את עולמך? א"ל אני מראה לך, לא שאני חייב לכל בריה כלום, אלא חנם אני נותן להם" — משה בעט זיך ביים רבונו של עולם: וויז מיר די מאָס מיט וועלכער דו פירסט דיין וועלט. ענטפערט אים גאָט: איך וועל דיר ווייזען, אַז איך בין קיינעם גאָרניט שולדיג, וואָס זיי קריגען פון מיר איז בחנם (תנחומא, ואתחנן ג').

בלויז פערציג טעג, נאָך קבלת־התורה, איז משה פאַרבליבען מיט גאָט, כדי פון אים צו דערלערנען די דינים ומשפטים פון דער תורה, און אין דער קורצער צייט איז פאָרגעקומען אַ שרעקליכע פאַסירונג אין דער אידישער געמיינדע — אַ געשעהעניש, וואָס האָט איבערגעלאָזען אַ שעדליכען איינפלוס אויף זיינע ווייטערדיגע אַנטוויקלונגען. איידער זיי האָבען פאַרלאָזען דעם באַרג סיני, וואו זיי האָבען מיט זייערע אייגענע אויערען געהערט די שטים פון גאָט, פּראָקלאַמי־רענדיג די צען געבאָט, וועלכע זיינען מיט דער צייט געוואָרען דער יסוד פון אַלע רעליגיעס און סאָציאַלע קאָנסטיטוציעס פון דער וועלט, האָבען זיי מיט גרויס באַגייסטערונג אויסגערופען אין איין שטים: „אַלץ וואָס גאָט האָט אונז

באפוילען וועלען מיר טאָן". אַזוי גיך אָבער ווי משה האָט זיי פאַרלאָזען פאַר בלויז עטליכע טעג האָבען זיי זיך גלייך אָפּגעטרייסעלט פון די הויפּט אידעאַלען, וואָס ווערען אויסגעדריקט אין די „עשרת הדברות", און זיינען געזונקען צו אַ נידעריגער שטופע פון געצענדינסט.

און משה בלייבט פאַרגאַפט. איז דאָס דער „פּתרון", די באַשיידונג פון זיין גרויסען חלום, וואָס ער האָט געטרוימט זיין גאַנצען לעבען לאַנג? נאָך פון זיין יוגענט אָן האָט ער גע'חלומ'ט פון גרינדען אַן „עם סגולה", אַן אייגענאַרטיג פאָלק, וועלכער זאָל זיין אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש", אַ פּריסטער־ליכע קעניגרייך און אַ הייליג פאָלק, אין וועלכען הימעל און ערד, געטליכקייט און מענשליכקייט זאָלען זיין פאַראייניגט. ער האָט געגלויבט, אַז זיינע אידען וועלען זיך דערהויבען צו אַזאַ אידעאַלען הויך, אַז זיי זאָלען קאָנען דינען אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער מענשהייט. פאַר זיינע אויגען פליען פאַרביי די אַלע גרויסע נסים און וואונדערבאַרע געשעהענישען, וואָס זיי האָבען איבער־געלעבט זינט ער האָט אויף זיך גענומען די שווערע מיסיע זיי צו באַפרייען. ער געדענקט אויך גוט אַלע קאַמפען און שטרייטיגקייטען, וואָס ער אַליין האָט געדאַרפט דורכמאַכען ביז ער האָט זיי געבראַכט אַהער. און איצט, נאָך אַלע גרויסע וואונדערס, זיינען זיי אַזוי נידעריג געפאַלען. איז דאָס דער תכלית פון זיין אונטערנעמונג? וואָס וועט פון זיי ווערען נאָכדעם, אַז ער וועט פון זיי אַוועק.

אים מאַטערט אויך דער געדאַנק, וואָרום האָט עס די השגחה דערלאָזען? דער שיקזאַל פון אַלע מענשען ליגט דאָך אין די הענט פון גאָט, און אויב ער האָט געפונען פאַר גויטיג צו געבען די אידען זיין תורה מיט אירע הויכע אידע־אַלען, וואָרום האָט ער זיי ניט אָפּגעהאַלטען פון דער מיאוס'ער מעשה מיטן עגל? און ער בעט זיך ביי אים: „הראני נא את כבודך", וויז מיר דעם „סוף הכבוד", דעם הויפּט תכלית פון אַלע דיינע שאַפונגען. „הודיעני נא באיזו מדה אתה נוהג את עולמך?", לאָז מיר וויסען דעם מאַסשטאַב, מיט וועלכען דו פירסט דיין וועלט. ווי אַזוי דענקסטו צו דערגרייכען דעם ענדציל פון דער גאַנצער בריאה, וואָס דו האָסט באַשאַפען? (תנחומא שם).

ער האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז די הויפּט אָנפירער פון דער באַוועגונג פאַר נייע געטער זיינען געווען די רייכערע קלאַסען, ווי ער אַליין טענה'ט נאָכדעם צו גאָט: „בשביל כסף וזהב שהשפעת להם, גרם להם לעשות אלקי

זהב" — צוליב די פיל זילבער און גאָלד, וואָס דו האָסט זיי מיט דער פולער האַנט געגעבען, האָט עס גורם געווען, אַז זיי זאָלען פאַר זיך מאַכען גאָלדענע געטער (ע"ז ד' ע"ב). די רייכע האָבען תמיד געזוכט איינצופירען רעפאָרמען אין דער אידישער רעליגיע, ווייל זיי ווילען פאַרלייכטערונגען. די „עשה'ס" און „לא תעשה'ס", וואָס די תורה באַפעלט צו טאָן, אָדער ניט צו טאָן, שטייען זיי אין וועג צו קאָנען געניסען אַלץ, וואָס זייער געלט קאָן זיי פאַרשאַפען. און משה פאַרשטייט ווייטער ניט די וועגען פון גאָט. „נתאווה לעמוד על מתן שכרן של צדיקים ושלותן של רשעים" — אים האָט זיך געגלוסט, אַז דער אויבערשטער זאָל פאַר אים פעסטשטעלען דעם אופן, ווי ער צאָלט זיין שכר צו די צדיקים און פאַרוואָס ער באַזאָרגט די רשעים מיט שלוה און צופרידענ־קייט (שמו"ר מ"ה). „הראני נא את כבודך" — וויז מיר, איך בעט דיך, וואו ליגט דיין כבוד? ווערסטו טאַקע געהערליכט מיט דעם, וואָס דו לאָזט דיינע אייגענע מענשען שמאַכטען, און די, וועלכע ווילען דיך ניט קענען, באַזאָרגסטו מיט כל־טוב?

אויף אַלע זיינע פראַגען און צווייפלונגען באַקומט ער פון גאָט אַ מערקוויר־דיגען ענטפער. ער זאָגט אים: „הנה מקום אתי, הקב"ה מקומו של עולם ואין עולמו מקומו, הסוס טפל לרוכב ואין הרוכב טפל לסוס" — דער פונקט וועלכען דו ווילסט דערגרייכען, איז באַהאַלטען אין מיר אַליין. דער אויבער־שטער איז דער רוים פון דער וועלט, און ניט די וועלט איז זיין רוים. דער פערד איז אַ צוגאָב צום רייטער און ניט דער רייטער צום פערד (שמו"ר פ"ב). מיט דיין קליינעם מענשליכען שכל ווילסטו דערגרייכען דעם מיטעלפונקט, פון וואַנען עס ציט זיך די השגחת הבורא. דאָס איז אוממעגליך. „לא יראני האדם וחי" — אַ לעבעדיגער מענש קאָן דאָס ניט זעהן אָדער באַגרייפען, ווייל עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ „מקום", אַ מיטעלפונקט, פאַר דער השגחה. „הנה מקום אתי" — די גאַנצע בריאה איז בלויז אַ פינטעלע און פאַרנעמט אַ קליינעם שטח פון מיין אַל־אומפאַסענדען איך. די וועלט, וואָס דו זעהסט, איז ניט דער עיקר, פונקט ווי דער רייטער איז דער הויפט פירער און דער פערד איז בלויז אַ טפל, אַ צוגאָב צו אים. דער מענשליכער באַגריף זעהט בלויז דעם פערד און דענקט, אַז ער מאַכט דעם מענשען פאַר זיין רייטער. דער אמת אָבער איז, אַז דער רייטער איז דער עיקר און דער פערד מוז גיין אין דער ריכטונג וואו־הין ער טרייבט אים.

אום צו קאָנען באַגרייפען די פון־איבענאויפיגע אומפאַרשטענדליכע דרכים פון דער השגחה, מוז אַ מענש דורכמאַכען פאַרשיידענע דערפאַרונגען און דורכ־גיין אַ פּראָצעדור פון אַנטוויקלונגען, וואָס זאָל לייטערען זיין פאַרשטאַנד און עפענען זיינע אויגען צו קאָנען זעהן. „ונצבת על הצור", שטייענדיג אויף אַ פעסטען מאַטעריעלען באָדען, קאָן מען די גאָטהייט ניט באַגרייפען. רייכע און גליקליכע לערנען ווייניג און פאַרשטייען ווייניג. „והיה בעבור כבודי", פאַר די, וועלכע געפינען זיך אין גאָר גוטע אומשטענדען, גייט מיין כבוד פאַראיבער אומ־באַמערקט. פאַר אַזעלכע איז דער היינט דער עיקר, דעם נעכטען פאַרגעסען זיי און דעם מאָרגען ווילען זיי ניט וויסען.

ערשט, אַז „ושמתיך בנקרת הצור", אַז דו וועסט זיך מוזען באַהאַלטען אין שפּאַלט פון פעלז, ווען דער באָדען אונטער דיינע פיס וועט זיך ברעכען און דו וועסט דורכמאַכען שווערע קריזיסען, „ושמתי כפי עליך", אַז איך וועל אַרויפלייגען מיין האַנט אויף דיר און פאַרשטעלען דיין ליכט, וועסטו ערשט וועלען לערנען און פאַרשטיין די גאָטהייט. „והסירותי את כפי", אַז איך וועל ענדליך מיין האַנט אַוועקנעמען, „וראית את אחורי", וועסטו אָנפאַנגען זעהן מיין פאַרגאַנגענהייט. דו וועסט זיך דאַן איבערצייגען ווי גרויס עס איז די וואונדער פון דער השגחה און ווי גוט זי איז געווען צו דיר. דו וועסט זעהן, אַז איך בין קיינעם גאָרניט שולדיג, איך האָב זיי געגעבען מער ווי זיי האָבען פאַרדינט.

זעהר אַ הויכען געדאַנק איבער דעם פּסוק געפינען מיר אין דער גמרא: „והסירותי את כפי וראית את אחורי, מלמד שהראה הקב"ה למשה קשר של תפילין" — איך וועל אַרונטערנעמען מיין האַנט און דו וועסט זעהן הינטער מיר. פון דעם איז געדרונגען, אַז גאָט האָט געוויזען משה'ן דעם „קשר", דעם הינטערשטען בונד פון די תפילין „של ראש" (ברכות ז' ע"ב). דער „של ראש", אין וועלכען עס געפינען זיך די פיר פרשיות, וואָס רעדען איבער אחדות הבורא, און זאָגען אויף פאַראויס די ענטגילטיגע גאולה פון די אידען, האַלט זיך אויף דעם קשר, דעם בונד פון די תפילין, פון הינטער'ן קאָפּ. אונזער צוקונפט מוז זיין געקניפט מיט אונזער פאַרגאַנגענהייט.

הפטרה

דער מזבח מוז ווערען געבויט פון אַלע אידישע שבטים

ויקח אליהו שתים עשרה אבנים כמספר שבטי בני יעקב.

„כיון שבא אליהו לקרב את ישראל תחת כנפי השכינה נטל שתים עשרה אבנים למספר השבטים ובנה אותן מזבח" — ויבאַלד אליהו האָט זיך גענומען מקרב צו זיין די אידען אונטער די פליגלען פון דער שכינה, האָט ער גענומען צוועלף שטיינער, לויט דער צאָל שבטים, און פון זיי געבויט דעם מזבח (פסיקתא רבתי).

לויט דער אידישער טראַדיציע, וועט אליהו זיין דער יעניגער, וואָס וועט ברענגען די אידען די פרייליכע בשורה, אַז משיח קומט. קיין אַנדער אידישער נביא ווי אליהו האָט ניט געקאָנט באַשטימט ווערען פאַר דיזער שליחות. אָנצוזאָגען די אידען וועגען זייער גאולה און זיי פאַראייניגען פאַר דעם צוועק, מוז מען האָבען אַ מאַן, וואָס זאָל באַזיצען אויסערגעוויינליכע פעהיגקייטען. ר' אהרעלע קאַרלינער ז"ל האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס די אידען האָבען אַלץ מקדים געווען „נעשה" פאַר „נשמע", ווייל עס איז שוין אין זייער נאַטור ניט צו הערען זייערע פירער". איבער־הויפּט ווען מען רעדט צו זיי מכוח זייער גאולה, באַקומען זיי גלייך אַ „קוצר־רוח", אַ קורצען געמיט, און האָבען קיין געדולד ניט אויסצוהערען די פאַרגע־שלאָגענע פּלענער. אַ שליח פאַר דער אידישער באַפרייאונג מוז האָבען אַ שטאַר־קען כאַראַקטער און באַזיצען איבערנאַטירליכען מוט און אויסדויער, כדי צו קאָ־נען צווינגען די אידען אים אויסצוהערען.

אויסער זייער ספּעציעלער פעהיגקייט דאַרפען די שליחים פאַר דער אי־דישער באַפרייאונג אויך האָבען דורכגעמאַכט אַזעלכע דערפאַרונגען אין זייער לעבען, וועלכע זאָלען זיי באַקאַנט מאַכען מיט אַלע שטריכען פון דעם אידישען כאַראַקטער און זיין געדאַנקען־גאַנג, כדי זיי זאָל מעגליך זיין אויסצו־איבען די נויטיגע השפעה אויפן פאָלק און אים האַלטען פאַראייניגט. אַזאַ שליח איז געווען משה רבנו ביי דער ערשטער גאולה, און אַזאַ איז אויך אליהו הנביא, וואָס וועט אונז ברענגען די בשורה פון דער לעצטער און ענטגילטיגער גאולה. „אתה מוצא שמשה ואליהו שוין זה לזה בכל דבר" —

דו געפינסט, אַז משה און אליהו זיינען געווען ענליך איינער צום צווייטען אין אַלע זאַכען (פיסקא ויקח אליהו).

„משה נקרא איש אלקים ואליהו נקרא איש אלקים" — משה איז גערופען געוואָרען אַ געטליכער מענש און אַזוי איז אויך גערופען געוואָרען אליהו.ביידע האָבען געקעמפט פאַר דער אָנערקענונג פון דער גאָטהייט און זיי האָבען זיך פיל מוסר נפש געווען פאַר דער אידישער תורה און אמונה. „משה ברח מפני פרעה ואליהו ברח מפני איזבל" — משה איז אַנטלאָפען צוליב פרעה און אליהו צוליב איזבל. ביידע האָבען שטאַרק געליטען פאַר זייערע איבערצייגונגען. דער גרויזאַמער פרעה האָט געזוכט צו טויטען משה'ן, ווייל ער האָט זיך אַנגענומען פאַר זיינע ברידער, און די געצענדינערין איזבל, די פרוי פון קעניג אחאב, האָט געוואָלט אַפּראַמען אליהו הנביא פון איר וועג, אויסצוראָטען אַלע אמת'ע נביאים. „משה כינס את ישראל להר סיני ואליהו כינסם להר כרמל" — משה האָט פאַרזאַמעלט די אידען ביים באַרג סיני, זיי צו געבען די תורה, וואָס האָט זיי פאַר אַ פאָלק געמאַכט, און אליהו האָט זיי פאַרזאַמעלט אַרום באַרג כרמל, וואו ער האָט זיי צוריק באַקערט צו זייער אמונה.

„משה ביער עובדי עבודה זרה ואליהו ביער עובדי עבודה זרה" — משה האָט אויסגעראָמט די געצענדינער פון צווישען די אידען און אַזוי האָט אויך געטאָן אליהו. נאָך דער מיאוס'ער מעשה מיטן עגל האָט משה געלאָזט אויס־הרג'ענען אַלע, וואָס זיינען געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער נידערטרעכטיג־קייט. ביי דריי טויזענט מענשען האָבען זייער לעבען פאַרלאָרען צוליב דער שרעקליכער זינד, ווייל משה האָט געפילט, אַז אַנדערש קאָן עס ניט זיין; אויב דראַסטישע שריט וועלען ניט גענומען ווערען קעגען די, וואָס זוכען איינצופירען פרעמדע גאָטעסדינסטען, ווערט די איינציגקייט פון פאָלק צעבראָכען. אַזוי האָט אויך געטאָן אליהו. די „נביאי הבעל", איבער 400 אין צאָל, האָבען אונטער דער פּראָטעקציע פון דער קעניגין איזבל איינגעפירט די געצענדינעריי פון אָפּגאָט „בעל". זיי איז אויף אַ געווויסער צייט געלונגען צו ברענגען די אידען צו דעם, אַז זיי זאָלען ווערען „פוסחים על שתי הסעיפים", שפּרינגען אי־בער די צוויי באַגריפען, גאָט און „בעל". זיי האָבען טאַקע ניט אויפגעגעבען צו דינען גאָט. אין טעמפּעל, אין שוהל זיינען זיי געווען אידען. אין דער היים און אין גאַס אָבער האָבען זיי געדינט דעם „בעל" און נאָכגעטאָן זייערע

ניט־אידישע שכנים. אזא „ריסוק גשמות", אַ זעלען־צערייסונג, איז שעדליך פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פאָלק און שטעלט אין סכנה זיין גייסטיגע אַנטוויקלונג. אליהו האָט אויסגעשאָכטען אַט־די פאַלשע נביאים און געבראַכט דאָס פאָלק צו אַנערקענען, אַז „ה׳ הוא אלקים", גאָט איז דער איינציגער.

„משה בנה את המזבח של שתים עשרה אבנים למספר שבטי ישראל ואליהו בנה אותו למספר שבטי ישראל" — משה האָט געבויט דעם מזבח אין משכן פון 12 שטיינער, לויט דער צאָל פון די אידישע שבטים, און אַזוי האָט אויך אליהו געבויט זיין מזבח. אויב מען וויל מקרב זיין דאָס אידיש פאָלק „תחת כנפי השכינה", אונטער די פליגלען פון דער שכינה, מוז עס געטאָן ווערען פון אַלע טיילען פון פאָלק. אידישע מזבחות, וואָס ווערען געבויט פון יעדען שבט באַזונדער, פאַרטרייבען פון זיך די שכינה. גאָט זאָגט: „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" — זאָלען זיי פאַר מיר מאַכען אַ הייליגען צענטער און איך וועל וואוינען צווישען זיי. איין צענטער וויל גאָט, ניט פאַרשיידענע צענטערן. פאַרטייאישקייט ברעכט די נאַציאָנאַלע און גייסטיגע גאַנצקייט פון אַ פאָלק.

ויקהל־פקודי

א.

שבת זיכערט די אידישע עקזיסטענץ

וביום השביעי יהיה לכם קודש, שבת שבתון לד'.

„אלמלא משמרים ישראל שתי שבתות כהלכתן מיד נגאלים" — ווען אידען זאָלען אָפּהיטען צוויי שבתים, ווי זייער דין פאָדערט, וואָלטען זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרען (שבת קי"ח).

משה רופט צוזאַמען די גאַנצע אידישע געמיינדע, כדי איבערצוגעבען די פּלענער פאַר דעם משכן מיט זיינע כלים, ווי ער האָט עס געהערט פון גאָט, אויך וויל ער זיך מיט דער געמיינדע מיישב זיין וועמען צו באַשטימען פאַר דעם אויפזעהער און פאַרוואַלטער פון דער גאַנצער אַרבייט.

כאָטש גאָט אַליין האָט אים אָנגעזאָגט דאָס איבערצוגעבען צו זיין פּלימעניק „בצלאל", וועלכער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער אויף די זאַכען, האָט ער אים אָבער אויך געראָטען, אַז ער זאָל עס טאָן מיט דער צושטימונג פון דער געמיינדע, כדי זיי זאָלען אים נאָכדעם ניט באַריידען, אַז אַלע כבודים נעמט ער פאַר זיך און זיין פאַמיליע (ילקוט שמעוני). ער האָט אויך געוואָלט זיי אויפפאָדערען, אַז זיי זאָלען אַריינשיקען זייערע נדבות פאַר דעם הייליגען צוועק. אויב זיי האָבען געהאַט גענוג גאָלד צו מאַכען זיך אַן עגל, וואָס האָט קענען זיי אַרויסגערופען דעם צאָרן פון גאָט, דאַרפען זיי ביישטייערען מער ווי גענוג פאַר אַ משכן, וואו גאָט זאָל דאָרט קאָנען לאָזען רוען זיין „שכינה" און וואוינען צווישען זיי.

אָבער אָנשטאָט גלייך צוצוטרעטען צו דעם הויפּט צוועק פון דער פאַרזאַמלונג, פאַנגט ער גאָר אָן זיין רעדע מיט דעם באַפעהל: „ששת ימים תעשה

מלאכה וביום השביעי יהיה לכם קודש, שבת שבתון לד׳״ — זעקס טעג זאל געטאן ווערען ארבייט, אבער אויף דעם זיבעטען טאג זאל ביי אייך זיין א הייליגקייט, א שבת פון רואונג צו גאט. משה טוט אזוי, ווייל גאט האט צו אים געזאגט: „דרוש לפניהם ברבים הלכות שבת, כדי שילמדו ממך דורות הבאים להקהיל קהילות בכל שבת ושבת, ללמוד ולהורות לבני תורה״ — דרש׳ע פאר זיי אין מאסען איבער די דינים פון שבת, כדי עס זאלען זיך לערנען פון דיר די קומענדיגע דורות צו פארזאמלען זיך אין קהילות יעדען שבת און לערנען מיינע קינדער תורה (ילקוט שמעוני ת״ח). דער הויפט ציל פון דעם משכן און זיין עבודה איז צו פארבינדען די אידען נעענטער מיט דער גאטהייט און זיי מאכען באוואוסטזיניג אויף זייער תורה און אמונה. דאס איז נאר מעגליך אין די שבתים און ימים־טובים, ווייל דורך די וואכעדיגע טעג זיינען זיי פארטאן אין זייערע פריוואטע ענינים און קאנען זיך וויניג אפגעבען מיט הימלישע זאכען.

„הוצרכה פרשה זו להיות בקהל, להזהירם על השבת, כי יותר מן השבת אין חומרא, לא מועדים ולא דבר אחר״ — אט־די פרשה האט געמוזט געזאגט ווערען ביי א פארזאמלונג פון אלע אידען, כדי זיי אויפמערקזאם צו מאכען איבער שבת, ווייל עס איז ניטא קיין הארבערע זאך ווי שבת, ניט די ימים־טובים און ניט קיין אנדער זאך (מדרש אגדה). איידער משה הויבט אן צו רעדען מיט די אידען וועגען א משכן, ווייל ער זיי פריער דערקלערען די הייליג־קייט און וויכטיגקייט פון דעם שבת, ווייל אהן שבת האט דער משכן מיט אלע זיינע כלים און איינריכטונגען א קנאפען ווערט.

וועגען שבת ווערט געזאגט אין דער תורה: „אות היא ביני וביניכם לדורותיהם ל ד ע ת כי אני ה׳ מקדישכם״ — דאס איז א צייכען צווישען מיר מיט אייך פאר אלע אייערע דורות, כדי צו ו ו י ס ע ן, אז איך גאט האלט אייך פאר הייליג. באמערקען אויף דעם די חז״ל: „לא אמרתי אלא במי שיש בו דעת״ — דאס איז געזאגט נאר אויף דעם, וואס האט שכל צו וויסען און פארשטיין ווי אפצושאצען די גרויסקייט פון דעם טאג און וואס ער מיינט פאר דער עקזיסטענץ פון פאלק (מכילתא). שבת איז ניט סתם א רו־טאג, ער איז פיל מער ווי דאס. שבת מיינט אן איבערברוך פון דער באנאלער וואכעדיג־קייט; א טאג, וואס איז ריין פון קליינליכע באגריפען און פערזענליכע האוועני־שען. שבת באהעפט דעם מענשען מיט די העכערע וועלטען און גיט אים

אַ שענערען תכלית אין לעבען. די געטליכע משכנות און שיינע טעמפּלען, וואָס ווערען געבויט פון אידען, ביי וועלכע שבת איז ניט הייליג, וועלען קיין תקומה ניט האָבען. זיי וועלען בלייבען פוסטע חורבות, אין וועלכע די אידישע נשמה שטאַרבט פון אויסצערונג.

מאַנכע פון די חז״ל ווילען האָבען, אַז נאָך פיל יאָרען פאַר דער גאולה אין מצרים האָט משה איינגעפירט דעם שבת. ווען ער האָט געזעהן, אַז די אידען הערען זיך ניט איין צו זיינע רייד צוליב „קוצר רוח ועבודה קשה״, צוליב קורצען געמיט און שווערער אַרבייט, „הלך ותקן להם יום השבת״, איז ער אַוועק און האָט פאַר זיי מתקן געווען דעם טאָג שבת (שמו״ר פ״א). ער האָט אויס־געווירקט ביי פּרעה׳ן, אַז ער זאָל געבען די אידען איין טאָג אַ וואָך, כדי זיי זאָלען זיך קאָנען אויסרוען און זאַמלען כוחות צו שאַפען מער אַרבייט אין די איבעריגע זעקס טעג פון דער וואָך. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז זיין הויפּט כוונה איז געווען צו געבען די אידען אַ פרייען טאָג, אין וועלכען ער זאָל זיך קאָנען מיט זיי צוזאַמענרעדען און ווירקען אויף זיי אים צו העלפען אין דער באַפרייאונגס־באַ־וועגונג. אַזוי זעהען מיר, אַז דער שבת איז געווען איינער פון די הויפּט גורמים אין דער ערשטער אידישער גאולה.

אָבער מיט אַלע זיינע מעלות איז אַ פשוט׳ער רו־טאָג ניט גרויס גענוג צו קאָנען טראָגען אַ נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. צו רוען כדי צו קאָנען, ווייטער אַרבייטען, איז צו־חומר׳דיג, צו־מאַטעריאַליסטיש. אַזאַ שבת איז בלויז אַ טפל צו די קומענדיגע אַרבייטס־טעג. דער שבת, כדי צו זיין גרויס און וויכטיג פאַר דעם פאָלק, מוז האָבען אַ „נשמה יתירה״, אַ ברייטערען גייסט, וואָס זאָל דעם מענשען אַרויסהויבען פון זיין טאָג־טעגליכען לעבען און אים ברענגען צו אַ העכערער שטופע. משה רופט־אָן דעם טאָג „שבת־שבתון״, אַ דאָפּעלטע רו, ווייל „בשם שבת יש שתי הוראות, שביתת הגוף ושביתת הנפש״, אין דעם וואָרט שבת ליגען צוויי באַדייטונגען — אַ רו פאַר דעם גוף און אַ רו פאַר דער נשמה. „ובאמת אחת הנה, השביתה הראשונה היא הכנה לבא אל תכלית השביתה השניה״ — און באמת זיינען ביידע באַדייטונגען בלויז איינס, ווייל די רו פאַר דעם גוף איז אַ צוגרייטונג צו קומען צום תכלית פון דער רו פאַר דער נשמה (הכתב והקבלה). ניט אומזיסט ווערט דער ערשטער שבת, וואָס די אידען האָבען געהאַלטען גלייך נאָך זייער באַפרייאונג, אָנגע־רופען „שבת הגדול״, דער גרויסער שבת, ווייל אַ נאַציאָנאַלער שבת פאַר דער

נשמה אַזוי גוט ווי פאַר דעם גוף, מאַכט דאָס פאָלק גרויס און פאַרזיכערט זיין אייביג לעבען.

אין די ערשטע לוחות ווערט געזאָגט: „זכור את יום השבת לקדשו" — געדענק דעם טאָג שבת, כדי אים צו האַלטען הייליג, און אין די צווייטע לוחות ווערט געזאָגט: „שמור את יום השבת לקדשו" — היט דעם טאָג שבת, כדי אים צו האַלטען הייליג. זאָגען אויף דעם אונזערע חכמים, אַז „שמור וזכור בדבור אחד נאמרו" —ביידע באַגריפען זיינען אַרויסגערעדט געוואָרען פאַר איינמאָל, און דער געדאַנק דערפון איז, אַז מיט „זכור", געדענקען שבת, פאַר־זיכערען מיר אויך דעם „שמור", די אָפּהיטונג פון אונזער עקזיסטענץ. עס איז גאָר קיין צווייפעל ניטאָ אין דעם, אַז דער שבת האָט די אידען פאַרהיט פון אונטערגאַנג. דער משורר יעקב פיכמאַן זאָגט: „דאָס פאָלק האָט אימער און אייביג געזעהן אין דעם טאָג שבת אַ צייכען פון באַפרייאונג, פון אַראָפּ־וואַרפען פון זיך דעם שווערען יאָך פון דער טרויעריגער געגענוואַרט. שבת איז פאַר אים געווען אַ „נצחון", אַ זיג פון הייליגקייט איבער וואָכעדיגקייט; אַ טאָג, וואָס נעמט אים אַרויס פון דער קערפּערליכער טומאה און ברענגט אים אריין אין אַ וועלט פון גייסטיגער קדושה" (ספר השנה ליהודי אמריקה).

זעהר אַ שיינע באַמערקונג איז דאָ אין מדרש, וואָרום ביי אַלע טעג פון דער וואָך אין די „ששת ימי בראשית" ווערט געזאָגט „ויהי ערב ויהי בוקר", און עס איז געווען אָווענט און עס איז געווען מאָרגען, אָבער ביי דעם טאָג שבת ווערט ניט געזאָגט „ויהי ערב ויהי בוקר". דאָס איז, זאָגען אונזערע חכמים, ווייל „ביום השבת לא שמשה בו אפלה" — אין דעם טאָג שבת געפינט זיך ניט קיין פינצטעריש (מדרש תהלים צ"ז). אַלע זעקס טעג פון דער בריאה קאָנען גערעכענט ווערען אַלס דער ערב שבת, וועלכער איז דער תכלית פון אַלע וואָכענטעג. ניט אומזיסט האָבען אַלע צוררי ישראל געזוכט צו אונטערדריקען דעם שבת. זיי האָבען אינסטינקטיוו געפילט, אַז כל זמן דער איד וועט זיך האַלטען ביי זיין שבת, וועט אים קיין אומה ולשון ניט קאָנען אונטערברענגען.

מער ווי די אידען האָבען געהיט שבת, האָט דער שבת זיי געהיט. שבת האָט געהאַלטען די אידען פאַראייניגט אין אַלע לענדער פון זייער לאַנגען און שווערען גלות. ווען ניט דער שבת, וואָלטען אידען זיך לאַנג אויסגעמישט צווישען זייערע שכנים און פאַרלאָרען געגאַנגען אַלס פאָלק. שבת האָט זיי

געבראַכט די ערשטע גאולה. און אויב זיי זאָלען אָפּהיטען „שתי שבתות כהלכתן", צוויי שבתים, ווי דער דין פאָדערט, „מיד נגאלין", וואָלטען זיי באַלד אויסגע־לייזט געוואָרען. מיט פאַראייניגטע כוחות, וועלכע שטרעבען צו איין און דעם זעלבען ציל, וואָלטען זיי זיכער מקרב געווען די גאולה.

הפטרה פרשת החודש

די אידישע גאולה מוז זיין מיט נסים

החודש הזה לכם.

„אמר להם הקב"ה: חדוש דברים אני עושה לכם. לשעבר לא גאלתי אומה מתוך אומה, אלא לכם אני מחדש דבר זה" — גאָט זאָגט צו די אידען: איך וועל פאַר אייך אויפטאָן אַ נייע זאַך. ביז אַהער האָב איך קיינמאָל ניט אויסגעלייזט איין נאַציע אויסערהאַלב אַן אַנדערער, אָבער פאַר אייך וועל איך אָט־די נייע זאַך באַווייזען (ילקוט שמעוני קצ"א).

אין זיין נבואה וועגען דער ענדליכער גאולה פון דעם אידישען פאָלק פאַרשפּרעכט אונז דער נביא, אין נאָמען פון גאָט, אַז מיט אונז וועלען פאָרקומען וואונדערבאַרע נסים: „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" — ווי אין די טעג, וואָס דו ביסט אַרויס פון מצרים, וועל איך אים ווייזען וואונדער. קענ־טיג, אַז אָהן וואונדער, אָהן נסים קאָן די אידישע גאולה ניט קומען. אויף אַ נאַרמאַלען אופן, ווי ביי אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבען פאַר אַ געוויסער צייט פאַרלאָרען זייער זעלבסטשטענדיגקייט, קאָן דער איד זיין לאַנד ניט צוריקקריגען. ביי אים מוז אַלץ געשעהן מיט נסים, ווייל זיין גלות און זיין לעבען אין פרעמדע לענדער האָט זיך תמיד געהאַלטען אויף נסים.

פיל אַנדערע פעלקער האָבען ניט איינמאָל פאַרלאָרען זייערע מלוכות און זייער לאַנד איז פאַרנומען געוואָרען פון פרעמדע הערשער. זיי זיינען אָבער געבליבען אויף זייער באָדען. און אַז די צייט פאַר זייער באַפרייאונג איז געקומען, איז זייער גאולה געווען נאָרמאַל. זיי האָבען צוריק אַריינגעקראָגען די ממשלה איבער זייער לאַנד און דאָרטען עטאַבלירט זייער אייגענע מלוכה. דער איד איז אָבער פאַרטריבען געוואָרען פון זיין לאַנד, אויסגעריסען געוואָרען פון אים מיט אַלע זיינע וואָרצלען און אויף זיין באָדען האָבען זיך באַזעצט אַנדערע

און ער אַליין איז געבליבן אַ „פורח באויר", אַ פאָלק, וואָס האַלט זיך אין דער לופטען און האָט ניט וואוהין זיך אַהינצוטאָן. איבעראַל איז ער אַן אומגעווינשטער גאַסט, וואָס ווערט געדריקט און געפּלאָגט, אָבער צו דער זעלבער צייט ווערט ער פאַררעכענט אַלס אַ טייל פון דעם גלות־לאַנד, אין וועלכען ער געפינט זיך. אויב אים איז געלונגען אָנצוהאַלטען זיין נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, איז עס תמיד געווען על פי נס, וואָס ווערט באַוואונדערט פון יעדען היסטאָרישען באַאָבאַכטער.

אַז אונזער פאָטער יעקב פאַרלאָזט זיין לאַנד כנען צוליב דעם הונגער, וואָס האָט דאָרטען דאַן געהערשט, נעמט ער מיט זיך מיט קיין מצרים „בניו ובני בניו, בנותיו ובנות בניו וכל זרעו" — זיינע זין און זיינע זיב'ס זין, זיינע טעכטער און די טעכטער פון זיינע זין און אַלע זיינע קינדער. ער לאָזט דאָרטען קיינעם ניט איבער, כדי צו קאָנען אָנהאַלטען זיין חזקה אויפן לאַנד. ווי אַנדערש וואָלט אונזער געשיכטע אויסגעקוקט, אויב אַ טייל פון זיינע קינדער וואָלטען דאָרטען פאַרבליבען און ניט אויפגעגעבען זייער פאַרבינדונג מיט דעם לאַנד פון זייערע אָבות?...

אַז אַ פאָלק פאַרלאָזט אינגאַנצען זיין היימלאַנד און זוכט צו ווערען אַ תושב אין פרעמדע לענדער, איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס זיינע קינדער ווערען דאָרטען ביסלאַכווייז דערטרונקען אין „מ"ט שערי טומאה" און אידענטיפיצירען זיך מער מיטן גלות־לאַנד ווי מיט זייער פאָטערלאַנד. זיי זוכען ניט באַפרייט צו ווערען און לאָזען דורך אַלע געלעגענהייטען צוריקצוקריגען זייער לאַנד, פון וועלכען זיי זיינען אָפּגעפרעמדט. סיידען ווען עס קומט אָן אַן אויסערגעוויינליכע איבערקערעניש, וואָס טרייסעלט אויף זייער עקאָנאָמישען און פּאָליטישען מצב און שטעלט אין סכנה זייער גאַנצע עקזיסטענץ, ערשט דאַן ווערען זיי באַוואוסטזיניג אויף זייער אומגליקליכער גלות־לאַגע און הויבען־אָן צו שמועסען וועגען אַן אייגענער היים.

און אַז די געלעגנהייט פון גאולה קומט שוין אָן, געפינען זיך נאָך אַלץ פּאַרטייען, וועלכע זוכען צו שטערען אין דער אַרבייט, ווי דער מדרש גיט איבער: „בשעה שבא משה ואמר לישראל בחודש הזה אתם נגאלים" — ווען משה איז געקומען און האָט געזאָגט צו די אידען, אַז אין דעם חודש וועט איר אויסגעלייזט ווערען, „אָמרו לו האיך אָנו נגאלים והלא אמר הקב"ה לאברם ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה ועדיין אין בידינו אלא רד"ו שנה?"

— האבען מאנכע פון זיי געזאגט צו משה'ן: ווי קאנען מיר אויסגעלייזט ווערען, גאט האט דאך געזאגט צו אברהמ'ען, אז מיר וועלען זיין אין גלות פיר הונדערט יאר, און ביז איצט האבען מיר מער ניט געדינט ווי צוויי הונדערט מיט צען יאר? אויך דעמאלט האבען זיך געפונען פיל אידען, וועלכע האבען געצווייפעלט, צי די צייט פאר דער אידישער באפרייאונג איז שוין געקומען. צו קעמפען און זוכען צו דערנענטערען די גאולה — דאס איז גאר זיי אויפ'ן זינען ניט געקומען.

אן אנדער טייל אידען, פיליכט די גאר פרומע, האבען געפרעגט: „האיך אנו נגאלים והלא אין בידינו מעשים טובים?" — ווי קאנען מיר אויסגעלייזט ווערען אז מיר זיינען דאס גארנישט ווערט צוליב אונזערע שלעכטע מעשים? משה ענטפערט זיי אבער: „הואיל והוא חפץ בגאולתכם אינו מביט בחשבונותיכם ובמעשיכם הרעים" — וויבאלד גאט וויל אייך באפרייען, קוקט ער ניט אויף אייערע חשבונות און אייערע שלעכטע מעשים (מדרש חזית). א פאלק, וואס וויל באפרייט ווערען, מוז זיין גרייט פאר זיין גאולה צו יעדער צייט, און אויב אין גלות זיינען זיינע אויפטואונגען ניט אזוי גוט, וועלען זיי זיך פיל פארבעסער־אין זיין אייגען לאנד.

„החודש הזה לכם" — אט אין דעם באשטייט מיין נייער אויפטו פאר אייך. קיינמאל האב איך ניט ארויסגענומען א פאלק, א נאציע, וואס האט זיך געזוכט איינצואווארצלען אין א פרעמדער נאציע, און אים פירען אין זיין אייגע־נער היים. פאר אייך אבער וועל איך דאס טאן. אייער לעבען אין גלות איז געווען פול מיט נסים און אויך אייער באפרייאונג וועט קומען דורך נסים.

ב.

אידישע עולם הבא

לא תבערו אש ביום השבת.

„שלשה מנוחלי העולם הבא ואלו הן: הדר בארץ ישראל, והמגדל בניו לתלמוד תורה, והמבדיל על היין במוצאי שבת" — אט די דריי וועלען באזיצען די קומענדע וועלט: דער וואס וואוינט אין ארץ־ישראל, דער וואס דערציט

זיינע קינדער צו לערנען תורה, און דער וואָס מאַכט הבדלה אויף וויין שבת צו נאַכטס (פסחים קי"ג).

משה ראַמט אויס פון דעם אידישען פאָלק אַלע די, וועלכע האָבען געמאַכט דעם עגל, און אַליין גייט ער צוריק אַרויף אין הימעל און זאַמט זיך דאָרט פערציג טעג און פערציג נעכט. קיין זאַך איז משה'ן ניט אָנגעקומען גרינג. פון דעם ערשטען טאָג, וואָס ער האָט איבערגענומען די מיסיע פון גאָט צו באַ־פרייען זיין פאָלק ישראל, ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין טויט האָט ער געהאַט אָנ־צופירען אַ שטענדיגען קאַמף און ניט געהאַט קיין רוהיגע מינוט. ער האָט זיך פשוט מוסר־נפש געווען פאַר די אידען: געקעמפט פאַר זיי מיט פרעה אין מצרים; מיט די אידען אַליין, וועלכע האָבען זיך ניט געלאָזט באַפרייען; מיט די פאַרניכטענדע עלעמענטען אין דער מדבר; מיט די מלאכים אין הימעל, וואָס האָבען ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז די תורה זאָל געגעבען ווערען צו די מענ־שען אויף דער ערד, און זאָגאַר מיט גב"ה אַליין, ווען ער האָט זיי געוואָלט שלעכטס טאָן.

ווי מיר האָבען שוין באַמערקט אין דער פריערדיגער סדרה, האָט משה אין די פערציג טעג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין הימעל, ביי די ערשטע לוחות, געהאַט אָנצופירען אַ שווערען קאַמף מיט די מלאכים, וועלכע האָבען געמאַכט אַ גרויסען טומעל פאַר גאָט, וואָרום ער גייט איבערגעבען זיין „חמדה גנוזה", זיין אומשעצבאַרען אוצר, די תורה, צו משה'ן, וועלכער איז מער ניט ווי אַ „בשר ודם", אַ מענש פון פלייש און בלוט, און וועט געוויס ניט פאַרשטיין אָפּצושאַצען איר גרויסען ווערט. אָבער אין דעמדאָזיגען קאַמף האָט אים דער אויבערשטער אַרויסגעהאָלפען. ער הייסט משה'ן: „אחוז בכסא הכבוד שלי ותן להם תשובה" — האַלט זיך אָן מיין געטליכען שטול און גיב זיי אַן ענטפער, שרעק זיך ניט פאַר זיי, ווייל איך וועל דיך באַשיצען. און מיט גרויס מי איז משה'ן געלונגען זיי צו באַזיגען (מדרש רבה).

אָבער איצט, נאָך דער מעשה מיטן עגל, איז גב"ה אַליין אין גרויס צאָרן אויף זיין פאָלק און וויל אים אונטערברענגען. משה הערט ווי גאָט רעדט צו אים מיט כעס: „שחת עמך אשר העלית מארץ מצרים" — פאַרדאָרבען האָט דיין פאָלק, וואָס דו האָסט אַרויסגעבראַכט פון מצרים. „סרו מהר מן הדרך אשר צויתים, עשו להם עגל־מסכה, וישתחוו לו" — זיי האָבען זיך גיך אָפּגעקערט פון דעם וועג, וואָס איך האָב זיי געלערענט. זיי האָבען פאַר זיך

געמאַכט אַ גאָלדענעם קאַלב און בוקען זיך צו אים. משה גיט זיך אָבער ניט אונטער. ער פרעגט ביי גאָט: „במה אתה מקנא, בשור אוכל עשב, עומד לישחט, למה יחרה אפך בעמך?" — וועמען ביסטו מקנא — אַן אָקס, וואָס עסט גראָז, שטייט געקוילעט צו ווערען. וואָס ברענט אַזוי דיין צאָרן אויף דיין פאָלק? (מדרש תנחומא).

דו ביסט אויף זיי שטאַרק אויפגערעגט, וואָרום זיי האָבען פאַר זיך געמאַכט אַ מאַטעריעלען גאָט און בוקען זיך פאַר אים. „הוצאתם ממקום עבודה זרה" — דו האָסט זיי דאָך ערשט אַרויסגענומען פון אַ פלאַץ, וואו אַזוינע אָפּגעטער זיינען די הערשענדע מאַכט! הונדערטער יאָרען האָבען זיי זיך אָפּגעוואָלגערט אין אַ לאַנד, וואו גאָלד און זילבער, עקאָנאָמישע דערגרייכונגען האָבען פאַרנומען דעם ערשטען פלאַץ, אין דער מענשליכער געזעלשאַפט. האָסטו דערוואַרט, אַז מענשען, וועלכע האָבען אַזוי לאַנג געשקלאַפט אונטער אַזאַ מאַטע־ריאַליסטישער אָרדנונג, זאָלען גלייך ווערען הימעל־מענשען און זיך אָפּגעבען מיט גייסטיגע אינטערעסען בלויז (שמו"ר מ"ג).

מיט אַלע זייערע פעלערען זיינען די אידען דאָך די בעסטע, וואָס דו האָסט געקענט אויסקלייבען פאַר דיין פאָלק. עס איז אמת, אַז זיי לאָזן זיך אַמאָל פאַרפירען פון דעם „ערב־רב", פון פרעמדע עלעמענטען אין זייער מיט, אָבער אין האַרצען בלייבען זיי אַלץ געטריי צו דיר. „המתן מעט להם, לך עמהם, ועושים לפניך מעשים טובים" וואַרט־צו אַביסעל, גיי מיט זיי און זיי וועלען נאָך פאַר דיר טאָן גוטע מעשים (שמו"ר מ"ג). האָב געדולד און גיב זיי אַ געלעגנהייט און זיי וועלען זיך אויסאיידלען און מיט דער צייט ווערען דאָס „עם סגולה" — דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, וואָס דו ווילסט.

משה באַמערקט, אַז גב"ה ווערט אַביסעל ווייכער, און גאָט זאָגט צו אים: „הניחה לי ואכלם כרגע" — לאָז מיך אָפּ און איך וועל זיי באַלד פאַר־ניכטען. ער איז שוין ניט אַזוי איינגעשפאַרט ווי פריער. ער בעט זיך שוין ביי אים: „הניחה לי" — לאָז מיך אָפּ, הייסט עס, אַז „הדבר תלוי בי" — די זאַך ווענדט זיך אין מיר, אויב איך וועל ניט דערלאָזען, וועט ער די גזירה צוריק־רופען. נעמט זיך משה אָן מיט מער מוט און זאָגט צו אים ווייטער: „זכור לאברהם, יצחק ויעקב" — געדענק זיי דעם זכות פון זייערע גרויסע עלטערען. דערמאָן זיך מיט וואָס פאַר אַ ליבע און געטריישאַפט זיי האָבען געפירט זייערע קינדער, כאָטש די קינדער האָבען פיל געזינדיגט קעגען זיי און פאַר־

שאַפט זיי פיל עגמת־נפש. מיט גרויס געדולד און אמת'ער פאָטער־ליבע האָבען זיי איינגעפלאַנצט אין זייערע קינדער דעם גלויבען אין דיר, וואָס וועט מיט זיי אייביג פאַרבלייבען. דער דאָזיגער אַפּיל העלפט און גב"ה לאָזט זיך איבערבעטען. „וינחם על הרעה אשר דבר לעשות לעמו" — און ער ציט צוריק דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט געדענקט צו טאָן צו זיין פאָלק.

די צווייטע פערציג טעג און פערציג נעכט, וואָס משה האָט פאַרבראַכט אין הימעל, איז ער געווען שטאַרק פאַרנומען מיט צוגרייטען די לוחות, אויף וועלכע גאָט זאָל צום צווייטען מאָל אָנשרייבען זיינע צען געבאָט. די ערשטע לוחות, וואָס משה האָט באַקומען, זיינען געווען געמאַכט פון גאָט אַליין און געשריבען געוואָרען „באצבע אלקים" — מיט גאָט'ס פינגער. זיי זיינען געווען אויסגעהאַקט פון דימענטען־שטיינער און זיינען געווען זעהר שווער. אָבער „האותיות היו סובלים את עצמן" — די בוכשטאַבען, וואָס גאָט האָט אויף זיי אויסגעקריצט, האָבען זיך אַליין געטראָגען. „כיון שחטאו בעגל פרח הכתב מעליהם ונמצאו כבדים" — אָבער אַזוי גיך ווי די אידען האָבען געזינדיגט מיטן עגל, איז גאָט'ס שריפט פאַרשוואונדען פון די אותיות און די לוחות זיינען געוואָרען צו־שווער פאַר משה'ן צו טראָגען זיי, און זיי זיינען פון זיינע הענט אַרויסגעפאַלען און צעבראָכען געוואָרען (תנחומא כי תשא).

כל־זמן אידען פאָלגען אויס די פאַרשריפטען פון דער תורה, זיינען אירע דינים און משפטים לעבעדיגע און טראָגען זיך אַליין צוזאַמען מיט דעם פאָלק. ווערען זיי אָבער פאַרלאָזען און אויסגעביטען אויף אַנדערע, אויף פרעמדע אידייען, דאַן פאַלען זיי שווער אויף דעם פאָלק און די אידען ליידען צוליב זיי פון די פרעמדע, וועמען זיי זוכען נאָכצוטאָן. די צווייטע לוחות האָט שוין משה אַליין געמוזט צושטעלען. גאָט זאָגט צו אים: „פסל לך שני לוחות אבנים כראשונים, וכתבתי על הלוחות את הדברים אשר היו על הלוחות הראשונים אשר שברת" — האק דיר אויס צוויי שטיינערנע לוחות, ווי די ערשטע, און איך וועל אָנשרייבען אויף די לוחות דיזעלבע ווערטער, וואָס זיינען געווען אויף די ערשטע לוחות, וואָס דו האָסט צעבראָכען. די אידען זיינען מער ניט ווערט, אַז אויך די לוחות זאָלען פון מיר געמאַכט ווערען. דו מוזסט זיי אַליין אויסהאַקען און איך וועל דאַן אויף זיי אָנשרייבען די הייליגע ווערטער.

אידער משה גייט אַרונטער פון הימעל מיט די נייע לוחות, גיט ער זיך אַ קער צו גאָט און בעט פון אים: „ונפלינו אני ועמך מכל העם אשר על

פני האדמה" — איך וואלט זעהר וועלען, אז איך און מיין פאלק זאלען זיין אויסגעצייכענט מער פאר אלע פעלקער אויף דער ערד, „במה תרום קרן ישראל?" — מיט וואס קען דערהויבען ווערען דער אידישער שטאלץ? און גב"ה ענט־פערט אים: „בכי תשא את ראש בני ישראל" — מיט דעם, וואס דו זאלסט הויך האלטען דעם קאפ פון די אידען. איבעראל וואו זיי געפינען זיך, אפגע־זעהן פון די שווערע אומשטענדען, זאלען זיי האלטען זייערע קעפ שטאלץ אויפ־געהויבען און ניט אראפפאלען פאר קיינעם. א שטאלץ פאלק מיט א שטאלצער תורה וועט קיינמאל ניט אונטערגיין. און משה פארענדיגט מיט דער תפילה: „יהי רצון שתשרה שכינה על ישראל" — זאל זיין דיין ווילען, אז דיין געטליכע שכינה זאל אימער רוען אויף דיין פאלק ישראל (ברכות ז').

ארונטערקומענדיג פון הימעל מיט דער תורה, רופט משה אלע אידען צו־זאמען, כדי זיי איבערצוגעבען די פלענער וואס ער האט געהערט אין הימעל, ווי אזוי די געביידע און די כלים זאלען געבויט ווערען. ער וויל זיי אויך אויפ־פאדערען אלעמען בייצושטייערען מיט דער פולער האנט פאר אט־דעם גייסטיגען צענטער. אבער אנשטאט גלייך צוצוטרעטען צו דעם הויפט צוועק פון דער פאר־זאמלונג, פאנגט ער גאר אן זיין רעדע מיט דעם באפעל: „ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהיה לכם קודש, שבת שבתון לד'" — בלויז דורך די זעקס וואכענטעג קען די ארבייט פון דעם משכן געטאן ווערען, אבער דער זיבעטער טאג זאל ביי אייך זיין א הייליגקייט, א שבת פון רו צו גאט.

ווארום האט משה געפונען פאר נויטיג אנצופאנגען זיין רעדע איבער דער וויכטיגקייט פון שבת? זאגט אויף דעם רש"י ז"ל: „הקדים להם הזהרת שבת לציווי מלאכת המשכן לומר, שאינו דוחה את השבת" — ער האט גע־פעדערט דעם פארבאט פון היטען שבת פאר דער מצוה פון בויען דעם משכן, כדי זיי צו דערקלערען, אז די ארבייט ארום דעם הייליגען צענטער טאר ניט פארשטויסען דעם שבת. אזוי ווי דער משכן האט געדארפט דינען פאר א צייכען, אז גאט האט זיי פארגעבען דעם חטא פון עגל, קענען זיי דאך מיינען, אז ער שטייט העכער פאר אלץ, דערקלערט ער זיי, אז שבת איז א העכערער באגריף פון דער גאטהייט און מען טאר אים ניט מחלל זיין אפילו צוליב דעם משכן. ניט ווי ביי אונזערע רעפארמירטע אדער קאנסערוואטיווע אידען אין אמעריקע, וואס באליידיגען דעם אידישען גייסט מיט דעם, וואס זיי קומען אין זייערע אויטאמאבילען צו די „סירוויסעס" פרייטאג־צו־נאכטס, אדער, ווי מיר האבען

אַליין געזעהן, ווי דער פאָטער פון אַ בר־מצוה האָט זיך לייענען־צייט אַרויסגע־כאַפּט אויפן גאַניק פון שוהל צו פאַררויכערען אַ סיגאַרעטל.

נאָך אַ טיפערען געדאַנק איבער דער דאָזיגער אַנגעלעגענהייט ווערט אויס־געדריקט אין דעם אויבען־ציטירטען מאמר פון דער גמרא: מיט בויען אַ משכן פאַר דעם אידישען גייסט ווערט דאָך געמיינט צו קענען פאַראייביגען דאָס פאָלק דורך זיין תורה, און פאַר דעם זיינען דאָ דריי וועגען: א) „הדר בארץ ישראל״ — צו וואוינען אין ארץ ישראל. די עולם הבא פון אונזער פאָלק, זיין נאַציאָנאַלער קיום קען נאָר דערגרייכט ווערען אין זיין אייגען לאַנד. אין גלות האָט דער איד, אין בעסטען פאַל, בלויז „עולם הזה״ — ער לעבט בלויז מיט דעם היינט, ווייל ער איז קיינמאָל ניט זיכער מיט זיין מאָרגען, מיט זיין צוקונפט. אין זיין אייגענער היים אָבער וועלען אַלע זיינע דערגריי־כונגען בלייבען דאָס אייגענטום פון זיין פאָלק. וואָס זיי וועלען דאָרט אויפטאָן, וועט פאַרשריבען ווערען אויף דער קאָנטאָ פון זייער אייגענער נאַציאָנאַלער צוקונפט.

ב) „המגדל בניו לתלמוד תורה״ — צו פאַרזיכערען די גייסטיגע צו־קונפט פון די אידישע דורות איז ניט גענוג, אַז די עלטערע אידען זאָלען פון צייט צו צייט באַזוכען דעם משכן, די שוהלען און די טעמפּלען. די עולם הבא פון פאָלק, זיין אייביגע עקזיסטענץ, איז געווענדט אין זיינע קינדער. אויב זיי ווערען דערצויגען „לתלמוד תורה״, אויף דעם גייסט פון דער הייליגער תורה, וועלען זיי פאַרבלייבען געטרייע אידען און וועלען תמיד זיין גרייט זאָגאַר זיך מוסר־נפש זיין פאַר זייער פאָלק. ווערען זיי אָבער דערצויגען אין דעם גייסט פון די קולטורען, וואָס הערשען אין די גלות־לענדער, בלייבען זיי פרעמד צו די אַספּיראַציעס און האָפענונגען פון זייער פאָלק, וואָס ליידט פון אויסצע־רונג און בלייבט אַן אָפּגעשוואַכטע קערפּערשאַפט.

ג) המבדיל על היין במוצאי שבת״ — די גרעסטע היסטאָריקער גיבען־צו, אַז ווען ניט דער שבת, וואָלט דאָס אידישע פאָלק ניט געקענט אַזוי לאַנג עק־זיסטירען אין די שווערע גלות־יאָרען. אַדאַנק דעם שבת איז אין אַ געוויסער מאָס אויפגעהאַלטען געוואָרען די אידישע אייגענאַרטיגקייט און האָט זיי געמאַכט פאַר אַן „עם לבדד ישכון״ — פאַר אַן אָפּגעזונדערט פאָלק, פאַר אַ באַזונדער אומה צווישען די פאַרשיידענע פעלקער פון דער וועלט. שבת האָט באַהעפט דעם אידען מיט שענערע וועלטען און אים געגעבען אַ וויכטיגערען תכלית אין

לעבען ווי די שטענדיגע האָוועגישען פאַר פּרנסה און טעגליכע הצטרכות. די שוהלען און טעמפּלען, וועלכע ווערען געבויט פון אידען, ביי וועלכע שבת איז ניט הייליג, וועלען קיינמאָל קיין תקומה ניט האָבען. זייער תוכן, זייער אינהאַלט איז אויסגעליידיגט און זיי שטייען ווי פּוסטע חורבות, וואו די אידישע נשמה שטאַרבט פון קאָנסאָמפּשאָן.

די אַלטע, פרומע אידען אָמאָל פלעגען צו הבדלה, שבת צו נאַכטס, אויסגיסען אַביסעל וויין פון כוס אויפ׳ן טיש און אין דעם אויסלעשען די הבדלה־ליכט. נאָכדעם פלעגען זיי איינטונקען זייערע שפּיץ פינגער אין דעמזעלבען וויין און מיט דעם באַנעצען זייערע אויגען און אויך זייערע טאַשען. אַז איך האָב קליי־נערהייט געפרעגט מיין פאָטער, ז״ל, דעם טעם דערפון, האָט ער מיר געזאָגט: שבת איז אַ איד מער באַוואוסטזיניג וועגען זיין גאָט און זיין פאָלק; אין מיטען דער וואָך איז ער צופיל פאַרהאָוועט זיך צו פאַרטראַכטען איבער העכערע ענינים. דעריבער נעמען מיר דאָס ביסעל וויין, אין וועלכען די ליכט פון דער הבדלה איז אויסגעלאָשען געוואָרען און באַנעצען אונזערע אויגען און אויך אונזערע קעשענעס, כדי אָנצודייטען דאָס אונזער בקשה איז, אַז אויך אין די וואָכענטעג זאָלען אונזערע אויגען זוכען די קדושה פון גאָט און אונזערע קעשענעס זאָלען אָנגעפילט ווערען מיט ערליכע פאַרדינסטען.

„לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת״ — צינדט ניט אָן דעם וואָכעדיגען פייער אין אייערע וואוינונגען שבת. זעהט בעסער, אַז די הבדלה ליכט זאָל אייך פירען אויפ׳ן גייסטיגען וועג דורך די טעג פון וואָך.

הפטרה פרשה פרה

ארץ ישראל האָט געוואַרט אויף אירע קינדער

תחת אשר היתה שממה לעיני כל עובר.

„והשימותי אני את הארץ, ושממו עליה אויביכם, הארץ לא תתן כחה לזרים״ — כאָטש איך וועל פאַרוויסטען דאָס לאַנד, וועלען אָבער אויך דעם פּוסטעוועו אויך אייערע פיינט. די ערד וועט ניט געבען איר קראַפט צו פרעמדע (תו״כ).

„ארץ ישראל״, פלעגט זאָגען ר׳ מרדכי עליאַשבערג, ע״ה, „האָט אַרויסגע־וויזען דיזעלבע עקשנות ווי דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט זיך ניט אונטערגע־

געבען צו די פרעמדע אין גלות, און מיט אַן עקשנות, וואָס ווערט באַוואונדערט פון אַלע היסטאָריקער, איז ער ווידערגעשטאַנען אַלע אַנגריפען פון זיינע שונאים און האָט זיי איבערגעלעבט. אַזוי האָט אויך געטאָן זיין לאַנד. עס האָט זיך אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אונטערגעבען צו די פרעמדע, וועלכע האָבען זיך אויף איר פון צייט צו צייט באַזעצט. בלויז אונטער אידישע הענט לאָזט זיך די ערד פון ארץ־ישראל צוריק אויפלעבען און ווערט די אַלטע „ארץ זבת חלב ודבש" — אַ לאַנד, וואו עס רינט מילך און האָניג".

די אַלטע פילגרימער, וועלכע פלעגען באַזוכען די הייליגע פלעצער אין ארץ־ישראל, ווי אויך סתם וויזיטאָרס, קענען זיך ניט אַפּוואונדערען אויף דער גרויסער ענדערונג, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען זינט די אידען האָבען זיך גע־נומען אויפצולעבען דאָס לאַנד. מדבריות זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין פרוכטבאָרע לענדערייען. די כראָנישע קראַנקהייטען, וואָס האָבען דאָרט עפּידע־מיש געהערשט פאַר טויזענטער יאָרען, זיינען אויסגעראָטט געוואָרען. זומפען זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען און גרויסע פּראַכטפולע קאָלאָניעס אָדער שטעט זיינען אויף זיי אויפגעבויט געוואָרען. ארץ־ישראל איז היינט דאָס געזינטסטע לאַנד אין גאַנצען מזרח.

דער פאַרשפּרעך פון נביא אין היינטיגער הפטרה ווערט פולשטענדיג מקוים: „כה אמר ה': ביום טהרי אתכם מכל עונותיכם, והושבתי את הערים ונבנו החרבות" — אַזוי זאָגט גאָט: אין דעם טאָג, וואָס איך וועל אייך רייניגען פון אייערע זינד, וועל איך די שטעט באַזעצען און די חורבות וועלען צוריקגעבויט ווערען. „והארץ הנשמה תעבד, תחת אשר היתה שממה לעיני כל עובר" — און דאָס פוסטע לאַנד וועט באַאַרבעט ווערען, אַנשטאָט וואָס עס איז געשטאַנען וויסט פאַר די אויגען פון יעדען פאַרבייפאָרער. „ואמרו: הארץ הלזו הנשמה היתה כגן עדן, והערים החרבות והנשמות והנהרסות בצורות ישבו" — און אַלע וועלען זאָגען: אָט־דאָס לאַנד, דאָס פאַרוויסטע, איז געוואָרען אַ גן עדן, און די חרוב'ע, פוסטע און צעשטערטע שטעט זיינען איצט פעסט באַזעצט.

ג.

יעדער מענש האָט דריי נעמען

ראו קרא ה׳ בשם בצלאל.

„בצלאל על שם חכמתו נקרא. שלשה שמות יש לו לאדם: אחד מה שקוראים לו אביו ואמו; אחד מה שקוראים לו בני אדם, ואחד מה שקונה הוא לעצמו" — בצלאל ווערט ער גערופען צוליב זיין חכמה. דריי נעמען האָט יעדער מענש: איינעם, וואָס זיין טאַטע און מאַמע האָבען אים געגעבען; איינעם, וואָס די מענ־שען רופען אים, און איינעם, וואָס ער דערווערבט פאַר זיך אַליין (ברכות נ"ה, מדרש קהלת).

נאָכדעם ווי דער אויבערשטער האָט זיך געלאָזט איבעררעדען פון משה'ן, אַז ער זאָל די אידען מוחל זיין פאַר'ן חטא מיטן עגל, האָט ער אים געזאָגט: „ועתה לך נחה את העם — הנה מלאכי ילך לפניך" — און איצט גיי פיר דאָס פאָלק און איך וועל שיקען מיין מלאך צו גיין פאַר דיר. כאָטש ער האָט די אידען מוחל געווען זייער חטא, אָנטזאָגט ער זיך אָבער צו גיין מיט זיי. אויף דעם הייסען מאָמענט האָט משה פאַרשוויגען די דאָזיגע טרויעריגע באַמערקונג, אָבער שפּעטער, ווען ער האָט שוין באַקומען די צווייטע לוחות און דער אויבער־שטער אָנטזאָגט זיך ווידער צו גיין מיט די אידען, ענטפערט אים משה: „אם אין פניך הולכים אל תעלנו מזה", אויב דיין אָנוועזענהייט וועט ניט גיין מיט אונז, נעם אונז ניט אַרויס פון דאַנען. וואָס טויגען אונז אַלע גליקען, אויב מיר האָבען דיך ניט מיט אונז? „הלא בלכתך עמנו ונפלינו אני ועמך מכל העם אשר על פני האדמה" — בלויז מיט דעם, וואָס דו וועסט גיין מיט אונז, קאָן איך און מיין פאָלק זיך אויסצייכענען מער פון אַלע פעלקער אויף דער ערד.

און דער אויבערשטער לאָזט זיך ווייטער איבעררעדען און פאַרשפּרעכט משה'ן, אַז ער וועט גיין מיט זיי. ער הייסט אים אָבער, אַז די אידען זאָלען פאַר אים בויען אַ „משכן", אַ גייסטיגען צענטער, וואו זיין שכינה זאָל זיך קאָנען מיט זיי טרעפען. ער זאָגט אים: „קחו מאתכם תרומה לה'" — זהב וכסף ונחושת" — נעמט פון אייך אַ תרומה פאַר גאָט — גאָלד, זילבער און קופּער, צושטייער פאַר דער געביידע פון דעם משכן און זיינע כלים. זעהר אַ שיינע באַמערקונג איבער דעם פּסוק געפינט זיך אין איינעם פון די אַלטע דרוש ספרים. עס ווערט

געזאָגט: „עס זיינען דאָ דריי מדרגות אין געבען צדקה: דאָס וואָס אַ מענש גיט בשעת ער איז פריש און געזונט, פיזיש און גייסטיג, איז גאָלד, די העכסטע מדרגה; ווען איינער וואַרט ביז ער ווערט קראַנק און ציטערט פאַר זיין לעבען דאַן ערשט ווערט ער אַ בעל־צדקה — אַזאַ צדקה איז שוין זילבער, אַ קלענערע מדרגה; גיט אָבער איינער גאָרנישט פאַר'ן לעבען און ווערט אַ בעל־צדקה בלויז נאָכ'ן טויט, מיט געבען ירושה פאַר געוויסע צדקה־אַנשטאַלטען — אַט דיזע צדקה איז שוין מער ניט ווי קופּער, די נידעריגסטע מדרגה" (מקור ברוך).

„ויקהל משה את כל עדת בני ישראל" — און משה פאַרזאַמעלט די גאַנצע אידישע געמיינדע און פאָדערט פון זיי, אַז זיי זאָלען אַלעביישטייערן פאַר דעם בנין פון דעם משכן און אַלע זיינע כלים. די אידען, וועלכע האָבען זיך געפילט שולדיג צוליב דעם עגל, האָבען גלייך אויסגעפאָלגט משה'ס פאַרלאַנג, און אַלע מענער און פרויען האָבען אָנגעהויבען ברענגען גאָלד, זילבער און אַלע אַנדערע מאַטעריאַלען, וואָס זיינען נויטיג געווען פאַר די געביידעס און די כלים. אין אַ גאַנץ קורצער צייט האָט מען אָנגעזאָגט משה'ן די פרייליכע בשורה: „מרבים העם להביא מדי העבודה" — דאָס פאָלק ברענגט מער וויפיל עס איז נויטיג פאַר דער אַרבעט. און ער האָט געלאָזט אויסרופען: „איש ואשה אל יעשו עוד מלאכה לתרומת הקודש" — מענער און פרויען זאָלען שוין מער ניט טאָן קיין אַרבייט פאַר דער הייליגער אונטערנעמונג.

משה איז געווען זעהר שטאָלץ אויף די נדבות פונ'ם פאָלק. איבערהויפּט האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס מען איז אויסגעקומען אָהן די נדבות פון די שטאָלצע נשיאים, וועלכע האָבען זיך צוריקגעהאַלטען פון געבען זייערע ביישטייערונגען, ווייל מען האָט זיי ניט געגעבען גענוג כבוד. ווי דער מדרש ברענגט: „בשעה שאמר משה כל נדיב לב יביאו תרומת ה' למלאכת המשכן ולא אמר לנשיאים תחילה, היה רע בעיניהם" — ווען משה האָט געלאָזט אויסרופען, אַז יעדער מיט אַ פרייגעביג האַרץ זאָל ברענגען אַ נדבה צו גאָט, פאַר דער אַרבייט פון משכן, און ער האָט זיך ניט געווענדט צוערשט צו די נשיאים, האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסען. „אמרו, יביאו העם מה שיביאו" — זיי האָבען געזאָגט: זאָל דאָס פאָלק ברענגען וואָס זיי ווילען, מיר וועלען זעהן אויף וויפיל זייערע נדבות וועלען קלעקען (במד"ר י"ב). ערשט ווען דער משכן איז שוין פאַרענדיגט געוואָרען, זיינען זיי געקומען מיט זייערע נדבות, וועלכע משה האָט לכתחילה ניט געוואָלט אָננעמען, און בלויז אויף דעם

באפעהל פון גאט: „קח מאתם", נעם פון זיי, האט ער זייערע נדבות אקצעפּ־טירט.

די חז"ל לערנען ארויס פון די פסוקים, אז גאט אליין האט געוויזען משה'ן ווי אזוי דער משכן און די כלים זאלען געמאכט ווערען. ער האט אים זאגאר געוויזען בילדער ווי יעדע פון זיי זאל אויסקוקען. משה האט אבער ווייניג גע־וואוסט פון בוי־ארבייט און געפרעגט: „רבונו של עולם מי יעשה כל זאת?" — האר פון דער וועלט, ווער קאן עס מאכען אט־די אלע זאכען? און דער אויבערשטער ענטפערט אים, אז ער זאל זיך ווענדען צו בצלאל פון שבט יהודה און זיין געהילף אהליאב פון שבט דן, וועלכע זיינען גרויסע קינסטלער אין דעם פאך, און זיי וועלען די ארבייט דורכפירען. זעהר א שיינע באמער־קונג ווערט אין מדרש געמאכט איבער דעם, וואס ער דערמאנט דא די נעמען פון זייערע שבטים: „אין לך גדול משבט יהודה ואין לך ירוד משבט דן, והוא מזווגם, לפי שהגדול והקטן שוים לפני הקב"ה" — עס איז ניטא קיין גרעסע־רער שבט פון יהודה, און עס איז ניטא קיין קלענערער שבט ווי „דן", דאך באהעפט ער זיי צוזאמען, ווייל גרויס און קליין זיינען גלייך פאר גאט (שמות רבה פ"א).

בצלאל איז נאך געווען גאר א יונגערמאן, בלויז 30 יאר אלט, ווען משה האט אים איבערגעגעבן די ארבייט פון משכן (סנהדרין ס"ט ע"ב). ער איז אבער געווען אנגעפילט מיט דעם גייסט פון גאט אין חכמה, אין פארשטאנד און אין קענטשאפט פון יעטוועדער מלאכה. „ולחשב מחשבות לעשות בזהב ובכסף ובנחשת" — און אויסצוטראכטען קונציגע זאכען צו ארבייטען אין גאלד, אין זילבער און אין קופער. „אפילו דברים שלא שמע מפי רבו, הסכימה דעתו למה שנאמר למשה מסיני" — אפילו אזעלכע זאכען, וואס ער האט ניט גע־הערט פון זיין רבי'ן, האט ער מיט זיין שכל צוגעטראפען וואס גאט האט אנגע־זאגט משה'ן ביים בארג סיני (ב"ר א').

אונזערע חכמים זאגען, אז דער נאמען בצלאל, וואס מיינט, אין דעם שאטען פון גאט, האט ער געקראגען „על שם חכמתו", צוליב זיין גרויסער חכמה. און זיי גיבען אונז איבער א מערקווירדיגען פאקט, אז ווען גאט האט געזאגט צו משה'ן: גיי און מאך פאר מיר א משכן, אן ארון און כלים, „הלך משה והפך ואמר לו: עשה ארון, כלים ומשכן" — איז משה אוועק און האט איבערגע־דרייט די ווערטער און געזאגט צו בצלאל'ן: מאך אן ארון, כלים און א משכן.

רופט זיך אָפּ בצלאל צו אים: „כלים שאני עושה להיכן אכניסם?" — אַט־די כלים, וואָס איך וועל מאַכען, וואו זאָל איך זיי אַריינברענגען? „שמא כך אמר לך הקב"ה: עשה משכן, ארון וכלים?" — פיליַיכט האָט דיר גאָט אַזוי געהייסען: מאַך אַ משכן, אַן ארון און כלים? האָט אים משה געענטפערט: „בצל אל היית" — דו ביסט געשטאַנען אין דעם שאָטען פון דער גאָטהייט און האָסט געהערט וואָס ער האָט גערעדט צו מיר (ברכות נ"ה ע"א).

מיט יאָרען צוריק, ווען איך האָב אָנגעפירט דעם קאַמפּיין פאַר די מיליאָן־דאָלאַרדיגע געביידעס פון דער ישיבת רבנו יצחק אלחנן אין ניו־יאָרק, האָט מיר רבי משה מרדכי עפשטיין, ז"ל, דער ראש הישיבה פון סלאָבאָדקע, געפרעגט: וואָרום בויען אַזעלכע פּאַלאַצען פאַר אַ ישיבה? האָבען מיר דאָס געטאָן אין דער אַלטער היים? און איך האָב אים געענטפערט, אַז מיר קאָנען עס אַרויס־דרינגען פון דעם אויבען־ציטירטען מאמר אין דער גמרא: עס איז דאָך אייגענט־ליך אַ וואונדער: וואָרום האָט משה איבערגעדרייט די ווערטער פון גאָט און האָט געזאָגט צו בצלאלן, אַז ער זאָל מאַכען „ארון, כלים ומשכן", אָנשטאָט „משכן, ארון וכלים", ווי גאָט האָט אים געהייסען? אָבער דער ענטפער צו דער דאָזיגער פראַגע געפינען מיר אין דער תשובה, וואָס משה האָט געגעבען צו בצלאל'ן, ווען ער האָט אים קאָרעגירט. ער זאָגט אים: איך, וואָס האָב גע־רעדט צו גאָט פנים אל פנים, האָב געזעהן צוערשט דעם ארון, וואָס איז דאָס וויכטיגסטע פון אַלץ; דו אָבער ביסט געשטאַנען „בצל אל", אין דעם שאָטען פון דער גאָטהייט, האָסטו געזעהן „כמנהגו של עולם", ווי פשוט'ע מענשען פירען זיך, צו בויען אַ משכן צוערשט און נאָכדעם דעם ארון און די כלים. אין די אַלטע היימען זיינען מיר אידען געשטאַנען פיל נעענטער צו גאָט, איז פאַר אונז גוט געווען אַלטע בתי־מדרשים און קאַלטע שוהלען, אַבי לערנען תורה. אָבער דאָ אין אַמעריקע, וואו מיר שטייען „בצל אל", אין דעם שאָטען פון גאָט, מוזען מיר בויען שיינע משכנות, כדי צוצוציהען אונזער יוגענט צום ארון, צו דער תורה.

משה זאָגט צו די אידען: „ראו קרא ה' בשם בצלאל" — זעהט, גאָט האָט גערופען אין דעם נאָמען פון בצלאל. באַמערקען אויף דעם אונזערע חז"ל, אַז יעדער מענש האָט דריי נעמען: איינער איז, וואָס טאַטע און מאַמע רופען אים; אַ צווייטער איז, וואָס זיינע מיטמענשען רופען אים, און אַ דריטער איז דער נאָמען, וואָס ער אַליין דערווערבט זיך. די ליבע, וואָס טאַטע און מאַמע פילען

צו זייער קינד, מאַכט זיי בלינד צו זעהן זיינע חסרונות און זיי רופען אים שטענ־דיג מיט אַ שיינעם נאָמען. אויך דער נאָמען, וואָס זיינע מיטמענשען רופען אים, גיט אונז ניט איבער זיין ריכטיגען כאַראַקטער, ווייל זיינע פריינט ליבען אים און זיינע שונאים באַריידען אים. בלויז דער דריטער נאָמען, דער נאָמען וואָס איינער דערווערבט פאַר זיך דורך זיינע מעשים, בלייבט מיט אים פאַר אייביג.

אין איינקלאַנג מיט דעם געדאַנק וויל איך דאָ ברענגען אַ וויציגע באַמערקונג איבער דער הייטיגער סדרה פון רבי שלמה ראַדאָמסקער ע״ה. ער זאָגט: „כמה וכמה מאָל ווערט אין דער פרשה דערמאָנט און געריהמט די מידה פון חכמה, ווייל ערגער פון אַלץ איז אַ פרומער נאַר. צווישען די זאַכען, וואָס ווערען אויסגע־רופען אין הימעל איבער יעדען קינד, איידער עס ווערט געבוירען, איז — צי עס וועט זיין אַ חכם אָדער אַ טפש (נדה ט״ז ע״א). דערפאַר זעהען מיר, אַז יעדער פרומער נאַר זוכט צו זיין וואָס מער טפש, כדי יוצא צו זיין קעגען דעם גזר, וואָס מען האָט אויף אים אויסגערופען אין הימעל״.

הפטרה

פאַרוואָס האָט שלמה געמאַכט צען מנורות?

ואת המנורות, חמש מימין וחמש משמאל.

„עשר מנורות — כנגד עשרת הדברות, וכל מנורה היו בה שבעה נרות כנגד שבעים אומות, שכל זמן שהנרות דולקות הם מתכבשים ומשכבו הנרות הם מתגברים״ — צען מנורות — קעגען די צען געבאָט, און יעדע מנורה האָט געהאַט זיבען ליכט — קעגען די זיבעציג אומות פון דער וועלט. ווייל כל זמן די ליכט ברענען, ווערען זיי באַהערשט, און ווען די ליכט ווערען פאַרלאָשען, שטאַרקען זיי זיך (ילקוט שמעוני).

דער בית המקדש, וואָס שלמה המלך האָט געבויט, ווערט פון אונזערע חז״ל באַטראַכט פאַר דעם הערליכסטען און הייליגסטען. אין אויסערליכער שיינקייט ווערט פון זיי שטאַרק געלויבט דער צווייטער בית המקדש, וואָס הורדוס האָט איבערגעבויט. זיי פלעגען זאָגען, אַז ווער ס׳האָט ניט געזעהן דעם בנין־הורדוס, האָט קיין שענערען בנין ניט געזעהן אין זיין לעבען. ער איז געווען געבויט פון טונקעלע און ווייסע מאַרמאָר־שטיינער, „דמיחזי כאדותא

דימא" — וואָס האָט אויסגעזעהן ווי דער שוים פון ים (סוכה נ"א ע"ב). אָבער אינערליך האָבען אין אים געפעהלט פיל פון די הייליגע כלים און די אַנדערע הייליגטימער, וואָס האָבען זיך געפונען אין דעם בית ראשון, אין דעם ערשטען בית המקדש, וואָס שלמה האָט געבויט (יומא כ"א ע"ב).

דער פּלאַן פון דעם בית־המקדש איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער ווי דער פון משכן. דער „אוהל מועד", דער פאַרזאַמלונגס־געצעלט, האָט דאָרט איינגאַנ־צען געפעהלט. „קרשיו, קרסיו, בריחיו, עמודיו ואדניו נגנזו תחת מחילות של ההיכל" — זיינע ברעטער, האָקען, ריגלען, זיילען און שוועלען זיינען באַהאַלטען געוואָרען אין קעלער פון דעם בית המקדש (סוטה ט' ע"א). אַנ־שטאָט דעם האָט שלמה אויסגעבויט פיל גרויסע „עזרות", פאַרזאַמלונגס־הויפען, וואָס האָבען אַריינגענומען טויזענדער מענשען. ער האָט אויך צוגעגעבען פיל אַנדערע אָפּטיילונגען, וואָס האָבען זיך אין משכן ניט געפונען. דער גאַנצער בנין איז געבויט געוואָרען פון מאַסיווע שטיינער, וואָס זיינען פון אינעווייניג גע־ווען באַדעקט מיט טענענהאָלץ און באַצירט מיט בלומען און פייגלען אויסגע־קלאַפּט פון ריינעם גאָלד. אַלע הייליגע כלים, וועלכע בצלאל האָט געמאַכט, האָבען פאַרנומען זייער געהעריגען פּלאַץ אין בית המקדש. שלמה האָט אָבער צוגעגעבען פיל נייע כלים און מעבל, וועלכע האָבען אין משכן ניט געקאָנט אַריין צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ און אויך צוליב דעם, וואָס דער משכן איז בלויז געווען אַ צייטווייליגע געביידע, וואָס פלעגט פאַנאַנדערגענומען ווערען יעדען מאָל, וואָס די אידען האָבען געדאַרפט זיך גרייטען פאַר נייע נסיעות.

די אַלע ענדערונגען אָדער צוגאָבען צו דעם בית המקדש, וואָס שלמה האָט געמאַכט, האָט ער ניט געטאָן מדעתו, מיט זיין אייגענער דעה. פונקט ווי דעם משכן האָט בצלאל געבויט „כאשר צוה ה' את משה", ווי גאָט האָט אָנגעזאָגט משה'ן, אַזוי האָט אויך שלמה געבויט דעם בית־המקדש, לויט דעם פּלאַן וואָס גאָט האָט איבערגעגעבען צו זיין פאָטער דוד דורך שמואל הנביא. ווי עס ווערט אונז דער־ציילט אין מדרש: דרייצען יאָר איז דוד המלך געלעגען קראַנק צו־בעט, ביז ער האָט זיך גענומען בעטען ביי גאָט: „העמידני על רגלי בשביל בית־המקדש" — שטעל מיך צוריק אויף מיינע פיס צוליב דעם בית־המקדש, ווייל איך וויל מיין זוהן איבערגעבען אַלע פּלענער, ווי אים צו בויען לויט דיין באַפעל צו שמואל הנביא. „מיד שמע את תפלתו ונעשה בריא ומסר להם מגילת הבית הכל בכתב מיד ה'" — באַלד האָט דער אויבערשטער דערהערט זיין תפלה

און ער איז געזונט געוואָרען און האָט זיי איבערגעגעבען דעם גאַנצען פּלאַן פון דאָס היילינ הויז, אַלעס געשריבען פון גאָט'ס אייגענער האַנט (אגדת בראשית פל"ח).

אויך אין זיין סימבאָלישען כאַראַקטער האָט זיך דער בית המקדש שטאַרק אונטערשיידט פון דעם משכן. דער ציל פון בויען אַ משכן אין דער מדבר איז הויפּטזעכליך געווען „כלפּי פנים", פאַר די אידען זעלבסט. זיי זיינען דאָך נאָר וואָס אַרויס פון שקלאַפעריי און זייערע נאַציאָנאַלע באַגריפען זיינען געווען שוואַכע, אַז מען זאָל פון זיי קאָנען אויפשטעלען אַן איינהייטליך באַוואוסטזיניג פאָלק. דער משכן האָט זיי געדאַרפט דינען אַלס אַ גייסטיגער צענטער, אַרום וועלכען זיי זאָלען זיך קאָנצענטרירען און לערנען ווי געמיינשאַפטליך צו פאַר־האַנדלען זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסען. זיין געביידע, אַזוי גוט ווי זיינע כלים האָבען געדאַרפט סימבאָלירען אַ פאַראייניגטען פאָלקס־לעבען, וואָס זאָל זיי צוזאַמענבינדען פיזיש און גייסטיג. דער בית המקדש אָבער איז געבויט גע־וואָרען נאָכדעם, אַז די אידישע נאַציע איז שוין געשאַפען געוואָרען אויף איר אייגען באָדען און אונטער אַן אייגענער מלוכה. זיין סימבאָלישער באַדייט, האָט זיך פיל אויסגעברייטערט. ער איז שוין אויך געווען געריכטעט „כלפּי חוץ", פאַר דער אויסערליכער וועלט, אַ „בית תפלה לכל העמים" — אַ געבעט־הויז פאַר אַלע פעלקער. פילע פון די הייליגע כלים, וואָס שלמה האָט דאָרט אַריינ־געשטעלט, האָבען שוין געטראָגען אַן אוניווערסאַלען כאַראַקטער, און זיינען געמיינט געווען אַלס גייסטיגע סימבאָלען פאַר אַלע גלויבענס פון דער וועלט.

אין משכן האָט מען געהאַט איין מנורה, וואָס האָט באַלויכטען דעם וועג צו דעם ארון, וואו די לוחות זיינען געווען איינגעשלאָסען. אין בית המקדש האָט שוין שלמה געבויט צען מנורות קעגען די צען געבאָט, און יעדע מנורה האָט געהאַט זיבען ליכט, קעגען די זיבעציג אומות פון דער וועלט, כדי צו באַ־לייכטען אויך זייער וועג, אַז זיי זאָלען קאָנען צוקומען צום ארון. און דער מדרש פירט אויס: „כל זמן שהנרות דולקות", זאָלאַנג דאָס ליכט פון אידישער גלוי־בען ברענט ביי די אידען, „הם מתכבשים", ווערען די פעלקער באַהערשט פון זיין גייסט און האָבען גרויס דרך ארץ פאַר זיי. „ומשכבו הנרות", אַזוי גיך אָבער ווי עס לעשען זיך אויס די ליכט פון דעם אידישען גלויבען ביי די אידען אַליין, „הם מתגברים", שטאַרקען זיך די שונאים איבער אונז, און מיר ליידען אַלערליי נגישות.

ד.

די קרוין פון תורה איז פריי פאַר יעדען

ויעש לו זר זהב.

„שלשה זרים הן של מזבח ושל ארון ושל שולחן. של מזבח זכה אהרן ונטלו, של שולחן זכה דוד ונטלו, של ארון עדיין מונח הוא, כל הרוצה ליקח יבא ויקח" — דריי קרוינען זיינען דאָ, פון מזבח, פון אָרון און פון שולחן. די קרוין פון מזבח האָט אהרן זוכה געווען און עס באַקומען, פון שולחן האָט דוד זוכה געווען און עס געקראָגן, די פון אָרון, אָבער, ליגט נאָך פריי, ווער עס וויל איר נעמען, קאָן קומען און נעמען (יומא ע"ב, ב').

אַלע היסטאָריקער, וועלכע גיבען זיך אָפּ מיט שטודירען דעם אורשפּרונג און אנטשטייאונג פון די פאַרשיידענע פעלקער פון דער וועלט שטימען איין, אַז רעליגיע, קולטור און מלוכה זיינען די דריי הויפּט־זיילען, אויף וועלכע די עקזיסטענץ פון אַ פאָלק האַלט זיך. „דער מענש", זאָגט דער גרויסער היס־טאָריקער י. ג. פאָגט, „שטייט העכער פון אַלע אַנדערע באַשעפענישען מיט דעם, וואָס ער האָט מורא פאַר דער צוקונפט; דאָס איז געווען און איז נאָך היינט די גרויסע טרייב־קראַפט פון אַלע זיינע גייסטיגע און עקאָנאָמישע אַנט־וויקלונגען". אָט די מורא פאַר דער צוקונפט האָט געפירט דעם מענשען צו אמונה, צו גלויבען אין אַן איבערנאַטירליכען כח, וואָס איז אַלמעכטיג און וואָס וועט אים העלפען און באַשיצען. מענשען פון אַ געוויסער געגענט, וועלכע האָבען זיך געפונען אין די זעלבע אומשטענדען און זיינען געווען אויסגעזעצט צו די זעלבע סכנות און שוועריגקייטען, האָבען געהאַט דעם אייגענעם גלויבען און געדינט און תפילה געטאָן צו איין און דעם זעלבען גאָט.

דידאָזיגע רעליגיעזע געפילען האָבען זיך גראַדענווייז אַנטוויקעלט אין פעסטע איבערצייגונגען, אַז זייער גאָטהייט שענקט זיי באַזונדערע אויפמערק־זאַמקייט און וואַכט איבער זיי מער ווי איבער אַנדערע. דיזער גלויבען, אַז דער באַשעפער פון דער וועלט האָט זיי אויסגעקליבען פון אַלע אנדערע מענשען און זיי געשטעלט אונטער זיין ספּעציעלער השגחה, האָט זיי געשאַפען די גייסטיגע פאַרוואַנדשאַפט, וואָס האָט זיי דערנענטערט איינע צו די אַנדערע און געגעבען דעם ערשטען שטויס צו באַטראַכטען זיך פאַר אַ „חטיבה אחת בעולם", אַ באַ־

זונדער טייל פון דער מענשהייט, און צו גרינדען א פאלק פאר זיך. פראפעסאר פוט מור זאגט: „רעליגיע האט געשאפען דאס פאלק און האלט אים אויף. זי גיט אים מוט, האפענונג און אויסדויער צו קאנעןביישטיין אלע אנגריפען און העלפט אים דורכצוטראגען די פארשיידענע קריזיסען, וואס באפאלען אים פון צייט צו צייט."

א צווייטער זייל, וואס האלט אונטער די עקזיסטענץ פון א פאלק און לאזט אים ניט פאלען, איז זיין תורה, זיין קולטור. א פאלק, וואס באזיצט גרויסע קולטורעלע דערגרייכונגען, איז זיכער מיט זיין לעבען. קינדער פון אזא פאלק בלייבען תמיד געטריי און זיינען שטאלץ אויף זייער אפשטאם. „די תורה פון א פאלק, זאגט ווייטער פראפעסאר מור, אויב זי איז נאר א „תורת חיים", א לעבעדיגע תורה, וואס זוכט צו אנטוויקלען די גייסטיגע כוחות פון אירע אנ־הענגער און צו פארלייכטערען זייער לעבען, ווער דאס פאלק ניט לאזען שטאר־בען. איר השפעה אויף די קומענדיגע דורות איז א דויערהאפטע און זיי וועלען שוין זיכערען זיין עקזיסטענץ."

א דריטער כוח, וואס העלפט אויפצוהאלטען א פאלק ביי זיין לעבען, איז זיין מלוכה, וועלכע האלט אים פאראייניגט און ארגאניזירט אום צו קאנען קעמפען פאר זיין פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט. די שוואכסטע פון די דריי איז „מלוכה", ווייל זי איז אפהענגיג אן געוויסע אומשטענדען און איר מאכט איז באגרעניצט און באשרענקט. צום אלעם ערשטען מוז א מלוכה האבען א לאנד. אהן אן אייגענעם באדען אונטער אירע פיס קאן זי זיך ניט האלטען. האט א פאלק זיין לאנד פארלארען, איז אויך זיין מלוכה אונטערגעגאנגען, ווי מיר זעהען אין דער איצטיגער וועלט־מלחמה. די גלות־רעגירונגען פון די פאר־כאפטע לענדער זיינען מאכטלאז און זיי האלטען זיך בלויז א דאנק די גרויסע און מעכטיגע מלוכות, וועלכע דארפען זיי האבען פאר זייערע אייגענע אימ־פעריאליסטישע נוצען. זייער איינפלוס אויף זייערע אונטערטאנען איז שוואכער און זייער צוקונפט איז א צווייפעלהאפטע.

רעליגיע, כאטש אירע כוחות זיינען אומבאגרעניצט און זי איז ניט אנ־געוויזען אויף דעם אדער יענעם לאנד, קאן אויך ניט אלעמאל פארזיכערען די עקזיסטענץ פון א פאלק. אמונה וויל ניט וויסען פון קיין פעלקער און נאציא־נאליטעטען, פון מדינות און קעניגרייכען. פאר איר זיינען אלע גלייך, און דער־פאר זעהען מיר טאקע ווי פעלקער פון דעמזעלבען גלויבען פירען אן מלחמות

איינע קעגען די אנדערע און די שטארקערע זוכען אונטערצוברעגגען די שוואַ־
כערע, אָדער זיי צו באַהערשען און פאַרשקלאַפען.

דער זיכערסטער יסוד פון אַ פאָלק, וואָס האַלט אים אויף און לאָזט אים
ניט אונטערגיין, איז זיין תורה, זיין קולטור. אויב אירע שאַפונגען זיינען אַזעלכע,
וואָס האָבען פאַראייגענאַרטיגט זיין לעבען און אים געמאַכט פאַרשיידען פון
אַלע אַנדערע פעלקער, וועט ער לעבען בלייבען אונטער אַלע אומשטענדען און
באַדינגונגען. זיין אָפּגעזונדערטקייט וועט אים באַשיצען. וואו זיינע קינדער
וועלען זיך געפינען, וועלען זיי אַנערקענט ווערען אַלס אַ באַזונדער פאָלק, זייער
תורה־לעבען וועט אויף זיך טראָגען דעם חותם פון זייער נאַציאָנאַליטעט.

די אידישע תורה, וועלכע איז אַ סינטעז פון אַלע דריי עמודים (פון אמונה,
פאָלק און מלוכה), האָט דאָס אידיש פאָלק באַשאַנקען מיט אומשטערבליכקייט.
אירע הויכע אידעאַלען און פּרינציפּען האָבען אים געגעבען אַן אייגענאַרטיג
לעבען, וואָס קאָן קיינמאָל ניט אונטערגיין. עס איז ביי אונז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי
גלויבען אין דעם גאָט פון ישראל און לייקענען אין דעם פאָלק ישראל. אַ איד,
וואָס האָט אָנגענומען אַן אַנדער גלויבען, איז אַ משומד, וואָס האָט זיך אַרויס־
געריסען פון זיין פאָלק. און איינער, וואָס האָט אויפגעגעבען זיין פאָלק און
דערקלערט זיך אַלס אַ מיטגליד פון אַן אַנדער פאָלק, אָבער פון משה׳ס גלויבען,
איז אויך קיין איד ניט. די צוויי זיינען ענג פאַרבונדען איינער מיט דעם אַנ־
דערען און ווערען ניט פאַנאַנדערגעטיילט.

אונזערע חז״ל, וועלכע האָבען גרינטליך אָפּגעשאַצט דעם כוח פון דער
אידישער תורה, זאָגען דעריבער: די קרוין פון „מזבח", פון רעליגיע, האָט אהרן
זוכה געווען און עס באַקומען. זיך איינגאַנצען אָפּגעבען מיט דינען גאָט קאָן
נאָר אַ טייל פון פאָלק. די עבודה אין בית המקדש מוז זיין די אויפגאַבע פון
יחידי סגולה, פון געציילטע מענשען, וועלכע ווערען דערצויגען פאַר אַזאַ היי־
ליגער פונקציע. דאָס גאַנצע פאָלק קאָן עס ניט באַווייזען. „הרבה עשו כר׳
שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם", פילע האָבען געטאָן ווי ר׳ שמעון בן יוחאי
און זיך איינגאַנצען אָפּגעגעבען מיט רעליגיע. זיי איז עס אָבער ניט געלונגען.
דאָס לעבען פאָדערט זעהר פיל און ניט אַלעמאָל קאָן מען האָבען דעם הימעל
אין זינען.

די קרוין פון מלוכה האָט דוד זוכה געווען און האָט עס געקראָגען. ניט
אַלע קאָנען זיין פירער אָדער הערשער; די קרוין פון תורה אָבער ליגט פריי

פאר אַלעמען. ווער עס וויל איר נעמען, קאָן קומען און נעמען. גייסטיגע דער־גרייכונגען זיינען ניט די ירושה פון דעם אָדער יענעם. קיינער קאָן ניט האָבען קיין מאָנאָפּאָל אויף קולטורעלער גרויסקייט. דער אוצר פון תורה ליגט ניט אונטער פאַרשלאָסענע טירען. דער אָרימסטער פון די אָרימע קאָן קומען און שעפּען פון איהם מיט ביידע הויפענס. אויב אַלע אַנדערע קרוינען זיינען פון אונז אָוועקגערויבט געוואָרען, איז אָבער די קרוין פון תורה פאַרבליבען, און זי האַלט אונזער פאָלק אויף ביים לעבען איבעראַל און אין אַלע צייטען.

הפטרה פרשת פרה

אידען מוזען גערייניגט ווערען פון צופיל גלויבענס

מכל טומאותיכם ומכל גלוליכם אטהר אתכם.

„בשעה שעלה משה למרום מצא להקב"ה קורא בפרשת פרה אדומה: זאת חוקת התורה — אמר הקב"ה איני עוסק אלא בטהרתו של ישראל" — ווען משה איז אַרויף אויפן הימעל, האָט ער געפונען גאָט לייענענדיג אין דער פּרשה פון „פּרה אדומה": דאָס איז דער געזעץ פון דער תורה — און גאָט האָט געזאָגט: איך באַשעפטיג זיך נאָר מיט רייניגען די אידען (פסיקתא רבתי).

„נאָך „פרשה זכור" — זאָגט הרב עמיאל אין זיין דרשות אל עמי — קומט „פרשה פרה". די ערשטע דערמאָנט אונז די טרויעריגע רעזולטאַטען פון וויניג גלויבען און די צווייטע ווייזט אונז אָן די שלעכטע פאָלגען פון צופיל גלויבענס".

די ערשטע יאָרען אין דער מדבר זיינען די אידען געווען „חסרי אמונה", זיי האָבען געהאַט וויניג גלויבען אין גאָט און וויניג צוטרוי אין משה'ן. ביי יעדער שוועריגקייט, וואָס זיי האָבען געהאַט דורכצומאַכען אויף זייער וועג, איז געווען „ויצעק העם אל משה — וילונו העם על משה", שרייט מען אויף משה'ן, אָדער מען קריגט זיך מיט משה'ן. און זייער טענה איז תמיד געווען: „מה זאת עשית לנו להוציאנו ממצרים?" — וואָס האָסטו אַזוינס געטאָן צו אונז, אַרויסצופירען אונז פון מצרים? זיי האָבען געהאַלטען אין איין באַקלאָגען די גוטע צייטען, וואָס זיי האָבען געהאַט אין מצרים: „בשבתנו על סיר הבשר, באכלנו לחם לשובע", אַז מיר זיינען געזעסען ביים טאָפּ פלייש און געגעסען

ברויט צו זאט. ליידען פאר פריהייט האבען זיי ניט געוואלט. זיי האבען געהאלטען אין איין פאדערען נסים, איבערנאטירליכעס, און אויך דאס איז ניט געווען אנגעלייגט. פאר הונדערטער יארען זיינען זיי געווען פארשקלאפט און אונטער־ווארפען דעם דרוק פון „נוגשים", שטרענגע באאמטע, וועלכע האבען מיט זיי געטאן וואס זיי האבען געוואלט. האט זיך זיי ניט געגלויבט, אז מען קאן זיין פריי און באשיצט ווערען פון א גאט, וועלכען זיי זעהען ניט און פארשטעהען ניט.

משה רופט אן די אידישע שכונה מיט דעם נאמען „מסה ומריבה", פרוף און קריג, „על ריב בני ישראל ועל נסותם את ה'" — צוליב די שטענדיגע קריגערייען פון די אידען און פאר זייער זוכען צו פרובירען גאט און אויסגע־פינען: „היש ה' בקרבנו אם אין?" — איז טאקע גאט דא צווישען אונז אדער ניט?" און אז א פאלק פארלירט דעם גלויבען און פארשטייט אויך ניט ווי אפצושאצען זיינע אייגענע נאציאנאלע סכנות, וועלכע קאנען קומען פון זיינע ארומיגע שכנים, וועלכע הויבען אן אים פיינט צו האבען און אים צו פאראכטען. „ויבא עמלק וילחם עם ישראל" — גלייך קומט עמלק און קעמפט מיט די אידען. ווי רש"י באמערקט: „אתם אומרים, היש ה' בקרבנו אם אין, חייכם, שהכלב בא ונושך אתכם, ואתם צועקים אלי ותדעו היכן אני" — איר האלט אין איין צווייפלען, אויב גאט איז דא צווישען אייך אדער ניט, איך שווער ביי אייער לעבען, אז דער הונט וועט קומען און אייך בייסען, און איר וועט שרייען צו מיר, און דאן וועט איר וויסען וואו איך בין".

מענשען וועלכע לעבען אין א „מדבר", אין א פרעמדען גלות, און זיינען „תלויים בדעת אחרים", אנגעהאנגען אן די אידייען און מיינונגען פון אנדערע, ווערט ביי זיי אנטוויקעלט א גלויבען אין א סך געטער. אין דעם פראצעס פון צופאסונג צו דער סביבה, אין וועלכער זיי געפינען זיך, ווערען זיי אנגעשטעקט מיט די גלויבענס און מנהגים פון זייערע ארומיגע שכנים. זעהענדיג, אז דער „עגל הזהב", די גאלדענע קאלב, דער מעכטיגער „מאטעריאליזם", באַ־הערשט די וועלט, אין וועלכער זיי געפינען זיך, גלוסט זיך זיי צו האבען דאס־זעלבע. זיי קומען צו זייערע פירער, די אהרנ'ס, און פאדערען פון זיי: „עשה לנו אלקים", מאך פאר אונז געטער. „אוי לאלקות הרבה", זיי האט זיך אויך געגלוסט צו האבען פיל געטער, ווי ביי די אנדערע פעלקער (שמו"ר כי תשא).

מכפר זיין אויף דער זינד פון צופיל געטעריי, קומט די „פרה אדומה", „אשר לא עלה עליה עול", וואס האט אויף זיך קיינמאל קיין יאך ניט גע־

האָט, אַ סימבאָל פון אמת׳ער פרייהייט. בלויז ווען אַ פאָלק ווערט איבערציינט, אַז מיט זיין דינען פרעמדע געטער און זוכען נאָכצומאַכען די מנהגים פון זיינע שכנים פאַראומרייניגט ער זיין אייגענע אמונה; ער פאַרלירט זיין אָרי־גינאַליטעט, טאַנצט אויף אַלע חתונות, קעמפט אויף אַלע שלאַכט־פעלדער און אַליין האָט ער דעם קאָפּ ניט וואו אָנצושפאַרען. ערשט דאַן, ווען ער קומט צו אַזאַ איבערציינונג, וועט ער אָנהויבען פאַרשטיין און ריכטיג אָפּשאַצען זיין אייגענע פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט.

„בשעה שעלה משה למרום“, אַז משה דערהויבט זיך צו דער העכסטער שטופע פון דעם געטליכען געדאַנק, געפינט ער ווי גאָט לערענט אין אין דער „פרשה פרה“ די ווערטער: „זאת חוקת התורה“, די גרונט־אידייע פון דער תורה, וועלכע באַשטייט פון „לא עלה עליה עול“, אידען זאָלען זיך ניט אונטערוואַרפען דעם יאָך פון פילגעטעריי פון די פרעמדע פעלקער. „איני עוסק אלא בטהרתו של ישראל“ — דער הויפּט ציל פון אונזער אמונה איז, אַז די אידען זאָלען זיך האַלטען ריין פון די השפעות און איינפלוסען פון פרעמדע. אין זיין אָריגינאַליטעט, אין זיין אייגענאַרטיגקייט ליגט ישראל׳ס כוח. ווי דער נביא אין דער היינטיגער הפטרה פאַרזיכערט אונז: „ולקחתי אתכם מן הגוים“ — אַז די צייט וועט קומען איך אַרויסצונעמען פון צווי־שען די פעלקער, „והבאתי אתכם אל אדמתכם“ — און איך וועל אייך ברענגען אין אייער אייגען לאַנד, וועט מיין ערשטע אויפגאַבע זיין „וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם“, צו שפּריצען אויף אייך ריינעם וואַסער, אַז איר זאָלט זיין ריין. „מכל טומאותיכם ומכל גלוליכם אטהר אתכם“, פון אַלע אייערע אומריינ־קייטען, וואָס דער גלות האָט פאַראורזאַכט, וועל איך אייך רייניגען.

ה.

דער משכן קאָן זיך האַלטען נאָר אויף תורת משה

ויקם משה את המשכן.

„נצטערו בצלאל ואהליאב וכל חכמי לב להעמידו ולא היו יכולים, והיה משה מיצר עד שאמר לו הקב"ה, לפיכך לא יכלו אותן חכמים להעמידו, כדי שידעו כל ישראל שאם אינו עומד על ידך שוב אינו עומד לעולם" — בצלאל, אהליאב און אַלע קינסטלער האָבען זיך געמוטשעט אויפצושטעלען דעם משכן און האָבען ניט געקאָנט. משה האָט געהאַט גרויס צער דערפון, ביז גב"ה האָט צו אים געזאָגט: די אורזאַך וואָרום די אַלע קינסטלער האָבען אים ניט געקאָנט אויפשטעלען איז, ווייל איך וויל, אַז אַלע אידען זאָלען וויסען, אַז אויב ער וועט ניט אויפגעשטעלט ווערען פון דיין האַנט, וועט ער מער קיינמאָל ניט קאָנען שטיין (מדרש תנחומא).

לויט דער ערקלערונג פון אונזערע חז"ל, איז דער גאַנצער פּלאַן פון דעם משכן, זיין אויסזעהן, זיינע פאַרשיידענע אָפּטיילונגען און אויך די הויפּט־כלים, וואָס האָבען אין אים געדאַרפט זיין, אויסגעאַרבייט געוואָרען פון גאָט אַליין. זיי שטיצען זיך אויף די ווערטער פון פסוק, וואו עס ווערט דערציילט, אַז גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן „זה תבנית המשכן" — דאָס איז דער פּלאַן און די ספּעציפיקאַציעס פון דעם משכן און זיינע כלים. משה האָט אָבער ניט פאַר־שטאַנען ווי אָנצוגיין מיט דער אַרבייט, און דער אויבערשטער האָט אים געראָטען, ער זאָל עס איבערגעבען צו בצלאל'ן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער אין בוי־אַרבייט. בצלאל האָט אויסגעקליבען אַלס זיין געהילף אהליאב'ן, אַ מייסטער־וועבער פון זיידענס און וואָל, און אויך אַ צאָל אַנדערע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבען גוט פאַרשטאַנען זייער פאַך.

דער מדרש תנחומא דערציילט, אַז די גאַנצע צייט וואָס דער משכן און זיינע כלים זיינען געמאַכט געוואָרען, האָבען זיך די אידען אַלץ געשראָקען טאָמער וועט די שכינה ניט וועלען רוען צווישען זיי. זיי זיינען געווען באַזאָרגט וועגען זייער חטא מיטן עגל, וואָס האָט גורם געווען, אַז די שכינה זאָל אַוועק פון זיי, און האָבען אַלץ מורא געהאַט, אַז דער אויבערשטער האָט זיי דעם גרויסען חטא נאָך ניט פאַרגעבען. אַזוי גיך ווי אַלע טיילען פון דעם משכן

זיינען פאַרטיג געוואָרען, האָבען זיי זיך געאיילט אים אויפצושטעלען, כדי וואָס גיכער אָראָפּצוברענגען די שכינה צווישען די אידען.

זיי האָבען אויסגעקליבען אַ גרויסע צאָל „חכמי לב", קלוגע און פאַרנעמע בעלי־בתים און האָבען זיי באַאויפטראָגט דעם משכן צוזאַמענצושטעלען. אַזוי גיך אָבער ווי זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט דער אַרבייט, זיינען די געביידען איינגעפאַלען. זיינען זיי אַוועק צו בצלאל'ן און אהליאב'ן און האָבען צו זיי געזאָגט: איר האָט די פאַרשיידענע טיילען פון דעם משכן געבויט, גייט און שטעלט אים צוזאַמען. מיר האָבען פּרובירט עס צו טאָן, אָבער ער איז איינ־געפאַלען.

בצלאל און אהליאב האָבען צוזאַמענגערופען אַלע זייערע מיטאַרבייטער און זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט צוזאַמענצושטעלען די פאַרשיידענע טיילען פון דעם משכן. אָבער אַזוי שנעל ווי זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען זיינען די גע־ביידען ווידער איינגעפאַלען. דאָס האָט אַרויסגערופען גרויס פאַרצווייפלונג צווי־שען די אידען. מאַנכע האָבען אין דעם געזעהן אַ צייכען, אַז גאָט האָט זיי נאָך ניט מוחל געווען דעם שרעקליכען חטא פון דעם עגל, און אַנדערע האָבען גענומען חושד זיין, אַז דאָס געלט און מאַטעריאַל, וואָס זיי האָבען צוגעשטעלט, זיינען ניט ריכטיג פאַרברויכט געוואָרען, און האָבען באַשולדיגט בצלאל'ן מיט זיינע אַרויסהעלפער.

„ויביאו את המשכן אל משה" — האָבען די אידען געבראַכט דעם משכן צו משה'ן. „אמרו לו, כל מה שאמרת לנו עשינו, וכל מה שצויתנו ליתן נתנגו, למה אינו עומד?" — זיי האָבען צו איהם געזאָגט: אַלץ וואָס דו האָסט אונז געהייסען האָבען מיר געטאָן, און וואָס דו האָסט אונז אָנגעזאָגט צוגעבען, האָבען מיר געגעבען, וואָרום שטעהט ער ניט? משה איז געוואָרען שטאַרק איבערראַשט און האָט געהאַט גרויס צער דערפון, ביז גאָט האָט צו אים געזאָגט: געה דו אַליין און שטעל אויף דעם משכן. בצלאל, אהליאב און אַלע חכמי־לב וועלען ניט העלפען; דער משכן וועט נאָר דאַן קאָנען שטעהן, אויב דו אַליין וועסט איהם אויפשטעלען. „כדי שידעו כל ישראל, שאם על ידך אינו עומד, שוב אינו עומד לעולם" — איך וויל אַז אַלע אידען זאָלען וויסען, אַז אויב ער וועט ניט אויפגעשטעלט ווערען פון דיין האַנט, וועט ער קיינמאָל ניט קאָנען זיך אויפהאַלטען.

אונזער לאַנגע היסטאָריע האָט שוין אונז אומצייליגע מאָל באַוויזען, אַז די

משכנות פאַר זייער אמונה, וואָס אידען בויען אין אַלע לענדער וואו זיי געפינען זיך, קאָנען ערשט דאַן האָבען אַ קיום, אויב זיי זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען אויף די יסודות פון תורת משה. די טעמפּלען און משכנות, וואָס אידען האָבען געבויט נאָך דעם מוסטער פון אַנדערע תורות, האָבען זיך לאַנג ניט געהאַלטען און זיינען גיך צוזאַמענגעבראָכען. אַזוי גיך ווי אידען האָבען פאַרזוכט אַריינ־צוברענגען נייעסען אין דער עבודה אפילו פון די אמת׳ע בתי מקדש וואָס זיי האָבען געהאַט, אַזעלכע נייעסען, וואָס זיי האָבען געליהען ביי זייערע אַרו־מיגע שכנים, און זיינען געווען געגען דעם גייסט פון תורת משה, זיינען זיי חרוב געוואָרען.

„שלשה דברים נתן משה נפשו עליהם ונקראו על שמו: ישראל, תורה והדינים" — פאַר דריי זאַכען האָט משה אַוועקגעגעבען זיין לעבען, און זיי אַלע וועלען זיך רופען אויף זיין נאָמען: די אידען, די תורה און די געזעצען (שמו"ר ל׳). זיין פאָלק ישראל, פאַר וועמען ער האָט זיך פיל מאָל מוסר נפש געווען אין מצרים און אין דער מדבר, ביז ער האָט פון איהם געמאַכט אַן „עם סגולה", אַן אויסדערוויילט פאָלק, וועט זיין באַקאַנט אין דער וועלט אַלס „עם משה", משה׳ס פאָלק. די תורה, פאר וועלכער ער האָט געשפּאַלטען די הימלען און געקעמפט מיט די מלאָכים, זי אַראָפּצוברענגען אויף דער ערד און איהר איבערגעבען צו זיין פאָלק, וועט זיך רופען „תורת משה", משה׳ס תורה. די דערהויבענע הומאַנישע דינים, וועלכע ער האָט געלערענט זיין פאָלק, ווערען אויך פאַר־רעכענט אויף זיין קרעדיט, „דת משה", משה׳ס געזעצען. אַזוי ווי דער משכן טראָגט דעם נאָמען „משכן העדות", דער וואוין־אָרט פאַר דער תורה, מוז איהם משה אַליין אויפשטעלען. גאָט זאָגט: „איני כותב לו הקמה אלא על ידך" — איך וועל ניט איינשרייבען, אַז ער איז שוין אויפגעשטעלט געוואָ־רען, סיידען אַז דו אַליין וועסט עס טאָן (מדרש תנחומא שם). אויך דער משכן איז באַקאַנט אין דער טראַדיציע אַלס „משכן משה", דעם משכן וואָס משה האָט געבויט.

הפטרה

דער בית המקדש איז דער תכלית פון דער גאַנצער בריאה

ותשלם כל המלאכה.

„ותשלם המלאכה אין כתיב כאן אלא כל המלאכה, כיון שבא שלמה ובנה את בית המקדש אמר הקב"ה עכשיו שלמה מלאכת שמים וארץ" — און די אַרבייט האָט זיך פאַרענדיגט, ווערט דאָ ניט געשריבען, נאָר די גאַנצע אַרבייט, ווייל ווען שלמה איז געקומען און האָט אויפגעבויט דעם בית המקדש האָט גאָט געזאָגט: איצט האָט זיך פאַרענדיגט די אַרבייט פון הימעל און ערד (ילקוט שמעוני רמז קפ"ו).

דער בית המקדש, אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען די „לוחות" און די תורה איז דער צענטער פון דער ריינער אמונה און איז דער תכלית פון דעם גאַנצען לעבען אויף דער וועלט. ביי אידען איז דאָ אַ ווערטעל: „דער וואָס לעבט אָהן תכלית, שטאַרבט אָהן ודוי". לעבען אָהן אַ ציל מיינט שטאַרבען אָהן דערגרייכונגען. אַזאַ לעבען איז פוסט און מיינט גאַרנישט פאַר די קומענדע דורות. אויב מען וויל עפּעס דערגרייכען אין דער וועלט מוז מען האָבען אַ פאַראויס־באַשטימטען תכלית, וועלכער זאָל געבען דעם לעבען אַן אינהאַלט, פון וואַנען מען קאָן שעפּען די נויטיגע אינערציע און אויך מוט און אויסדויער פאַר די אויפטואונגען, וואָס מען וויל דערגרייכען.

די גאַנצע בריאה, די שאַפונג פון הימעל און ערד האָט אויך געמוזט האָבען אַ תכלית, אַ פאַראויס־באַשטימטען צוועק, וואָס זאָל באַרעכטיגען די באַמיאונגען פון דעם באַשאַפער, און דאָס איז, לויט אונזער גלויבען, געווען די „תורת משה". די הויכע אידעאַלע פּרינציפּען, ווי אַזוי דער מענש זאָל זיך אויפפירען אויף דער וועלט, וואָס זי לערנט אונז, גיט דעם לעבען זיין אינהאַלט, זיין תכלית.

עס איז קעגען דעם גאַנצען אידישען געדאַנקענגאַנג צו דענקען, אַז אמונה איז אַ מענשליכע שאַפונג, און יעדער דור קלייבט זיך אויס זיין גלויבען, זיין תורה, וועלכע זאָל האַרמאָנירען מיט זיין לעבענס־גאַנג. אַ תכלית, אַ ציל, מוז זיין פאַראויס באַשטימט און צו וועלכען אַלע וועגען פון דעם מענשען'ס טעטיג־קייטען זאָלען פירען. דערפאַר לערנט אונז די אידישע טראַדיציע, אַז די תורה

איז באַשאַפֿען געוואָרען פֿיל פֿריער פֿאַר דער וועלט און די אויפגאַבע פון יעדען אידען איז, איר צו פֿאַרווירקליכען אין לעבען.

די גאַנצע וועלט מיט איר הימעל און ערד איז באַשאַפֿען געוואָרען נאָך דעם מוסטער, וואָס ווערט אָנגעגעבען אין דער תורה: „הקב"ה היה מביט בתורה ובורא את העולם" — גאָט האָט אַריינגעקוקט אין דער תורה און האָט באַשאַפֿען די וועלט, לויט אירע פֿאַרשריפטען. אין דעם, אייגענטליך, באַשטייט דער אונטערשייד פון דעם אָרטאָדאָקסישען אידען צו דעם רעפֿאָרמער. דער אָרטאָ־דאָקס גלויבט, אַז די תורה האָט עקזיסטירט פֿיל פֿריער פֿאַר דער וועלט, און אַז די מענשען, וואָס זיינען נאָכדעם געקומען, האָבען געמוזט איינאָרדענען זייער לעבען נאָך אירע פֿאַרשריפטען. תורה און אמונה זיינען ניט די שאַפֿונג פון אַ בשר ודם, און דער מענש קאָן זיי ניט איבערמאַכען לויט זיינע אומשטענדען, אין וועלכע ער געפֿינט זיך, אָדער די אָנשויאונגען וואָס ער אַליין באַזיצט. דער רעפֿאָרמער אָבער האַלט, אַז צוערשט איז געקומען דער מענש אויף דער וועלט, און אַז די תורה איז מערסטענס אַ פּראָדוקט פון דעם מענשען. דאַרום מעג ער איר צופּאַסען צו זיין לעבען און איר ענדערען, לויט די באַדינגונגען פון דער סביבה, אָדער די אַנזיכטען פון דער צייט.

און די געשיכטע האָט געוויזען, אַז די תורה און די אידישע אמונה זיינען תמיד פֿאַרבליבען מיט דעם אָרטאָדאָקסישען אידען און ניט מיט דעם רעפֿאָר־מירטען. יעדע רעפֿאָרם־באַוועגונג אין דעם אידישען פֿאָלק האָט ניט אויס־געהאַלטען. פֿאַר אַ געוויסער צייט האָט זי צו זיך טאַקע צוגעצויגען די רייכערע קלאַסען, די וואָס ווילען זיין פֿריי און ניט אונטערוואָרפֿען געוויסע געזעצען, וואָס מאַכען זיי פֿאַרשיידען פון די פֿעלקער אַרום זיי און אַנדערש פון די שכנים צווישען וועלכע זיי געפֿינען זיך. אָבער מיט דער צייט האָט זיי דער שטראָם פון זייער אייגענער געמאַכטער רעפֿאָרם אַוועקגעריסען פון דעם אידישען פֿאָלק, און זייערע קינדער האָבען זיך אַריבערגעכאַפּט אויף דער צווייטער זייט, צו פֿרעמדע גלויבענס.

ווען משה האָט די אידען די תורה געגעבען, האָט ער זיי אָנגעזאָגט: „ראה נתתי לפניכם את החיים ואת הטוב" — זעהט, איך לייג פֿאַר אייך פֿאַר דעם וועג פון לעבען און גוטס. די תורה וועט אייער לעבען פֿאַראייביגען, ווייל זי גיט אים דעם ריכטיגען תכלית צו וועלען פֿאַרזעצען צו לעבען. זי וועט פֿאַר אייך זיין דער בעסטער מיטעל זיך צו קאָנען האַלטען אויף דער וועלט אונטער אַלע צייטען און אומשטענדען. „אַז איינער ליידט — זאָגט הרב

שמואל מאָהליוּוער ז״ל — צוליב אַן אידעאַלען צוועק, זיינען די ליידען ניט אַזוי שמערצפול. דער תכלית פון זיין לעבען גיט אים מוט צו קאָנען ווידער־שטיין אַלע אַנגריפען פון דער צייט און דער סביבה. האָבענדיג אַזאַ הויכען ציל צו דערגרייכען, רעכענט ער זיך גאַנץ ווייניג מיט די אַנפאַלען פון זיינע פיינטליכע שכנים, וועלכע שטייען פיל נידעריגער פאַר אים אין גייסט, און האָבען אויף אים אַ קנאַפּע השפעה״.

די תורה איז דער תכלית פון דער גאַנצער בריאה און דער בית המקדש איז איר מיטעלפונקט אויף דער וועלט. דערפאַר זאָגען אונז די חז״ל אויף היינטיגער הפטרה, אַז ווען שלמה האָט פאַרענדיגט בויען דעם בית המקדש, האָט ער דערמיט פאַרענדיגט גאָט׳ס שאַפונג פון הימעל און ערד. דער בית־המקדש וואָס איז באַשטימט צו זיין אַ „בית תפלה לכל העמים״, אַ געבעט־הויז פאַר אַלע פעלקער, איז דער אָרט וואו „שמיא וארעא נשקי אהדדי״, וואו הימעל און ערד קושען זיך צוזאַמען און בילדען אַ גייסטיגע האַרמאָנישע שאַפונג פון געטליכקייט און מענשליכקייט.

ז.

דער וואָלקען וואָס האָט געשטערט משה׳ן אַריינצוקומען אין משכן

ולא יכל משה לבא אל אוהל מועד כי שכן עליו הענן.

„מלמד שנתנה רשות למחבלים לחבל. כל זמן שהיה הענן שם לא היה משה נכנס, נסתלק הענן נכנס לשם ומדבר עמו״ — פון דעם איז געדרונגען, אַז די מחבלים האָבען זיך גענומען דאָס רעכט שאַדען צו טאָן. כל זמן דער וואָלקען איז דאָרטען געווען, איז משה ניט אַריין; אַז דער וואָלקען איז אַוועק־גענומען געוואָרען, איז משה אַהין אַריין און גערעדט מיט גאָט (תורת כהנים).

נאָכדעם, אַז דער אויבערשטער האָט זיך געלאָזט איבערבעטען פון משה׳ן מוחל צו זיין די אידען פאַר דעם חטא מיטן עגל, האָט ער אים געהייסען בויען אַ משכן, וואו ער זאָל קאָנען לאָזען רוהען זיין שכינה צווישען זיי. ער האָט איינגעזעהן, אַז די אידען, וועלכע האָבען הונדערטער יאָרען פאַרבראַכט אין

א לאנד פון געצענדינערייי, זיינען ניט אימשטאנד צו פארשטעהן א גאטהייט, וואס מען קאן ניט זעהן אדער הערען. אויב ניט א „דמות", א געשטאלט, וואס איז קעגען די פרינציפען פון דער תורה, מוזען זיי כאטש האבען א באַשטימטען ארט פאר א גייסטיגען צענטער, וואס זאל זיי מאכען צו פיהלען, אז זיין שטעהען נאהענט צו זייער גאט.

דער משכן ווערט דערפאר אויך אנגערופען מיטן נאמען „משכן העדות", דער משכן פון איבערצייגונג, ווייל „עדות הוא לכל באי עולם שנמחל להם על מעשי העגל" — דאס איז א צייגניש פאר דער גאנצער וועלט, אז זיי איז פארגעבען געווארען די זינד פון דעם עגל (שמו"ר נ"א). עס איז דארום קיין וואונדער ניט, וואס אלע אידען, פרויען אזוי גוט ווי מענער, האבען זיך אזוי פרייגעביג אפגערופען אויף דעם פארלאנג פון משה'ן, אז זיי זאלען אלע ביישטייערען פאר דעם בנין פון גאט'ס הויז. אין מדרש תנחומא ווערט אונז איבערגעגעבען, אז די אידען האבען מיט אומגעדולד געווארט, אז די ארבייט פון משכן זאל זיך ענדיגען, ווייל זיי האבען זיך נאך אלץ געשראקען, טאמער האט זיי גאט ניט מוחל געווען אויף זייער זינד. אזוי גיך ווי אלע טיילען פון דעם משכן זיינען פארטיג געווארען, האבען זיי זיך געאיילט אים אויפצושטעלען, כדי וואס גיכער אראפצוברענגען די שכינה צווישען די אידען.

ווי דער שטייגער איז שוין ביי אידען, אז א גרויסע נאציאנאלע געביידע ווערט פארטיג, פארגעסט מען אן די אמת'ע בויער, וואס האבען אוועקגעגעבען זייערע כוחות פאר דער אונטערנעמונג. דאן יאווען זיך נייע באלעבאטים, וועלכע ווילען פארכאפען דעם גאנצען כבוד פאר זיך. אזוי גיך ווי בצלאל האט באקאנט געמאכט, אז די ארבייט איז פארענדיגט, האבען א צאל „חכמי לב", קלוגע און פארנעמע בעלי־בתים, זיך גלייך געכאפט אים צוזאמענצושטעלען. זייער איילעניש האט זיי אבער קיין גוטס ניט געבראכט. נאכדעם, אז זיי האבען אים צוזאמענגעשטעלט, זיינען אלע געביידעס איינגעפאלען. זיינען זיי געלאפען צו בצלאל און אהליאב, אבער אויך זיי האבען זיי ניט געקאנט העלפען — ווי זיי האבען דעם משכן אויפגעשטעלט, איז ער ווידער איינגעפאלען. אין א צייט פון דורכפאל דערמאנט מען זיך אן דעם גרינדער און מען לויפט צו אים מיט קריטיק.

„ויביאו את המשכן אל משה" — ברענגט מען דעם משכן צו משה'ן און מען האט צו אים טענות: „כל מה שאמרת לנו עשינו, למה אינו עומד?"

— אַלץ וואָס דו האָסט אונז געהייסען האָבען מיר געטאָן, וואָרום שטעהט ער ניט? די שולד איז אין גאַנצען דיינע, דו האָסט מסתמא דיין אַרבייט ניט געטאָן ווי עס דאַרף צו זיין. משה האָט געהאַט גרויס צער פון זייער האַלטונג, ביז גאָט האָט צו אים געזאָגט: גיי דו אַליין און שטעל אויף דעם משכן, „כדי שידעו כל ישראל, שאם על ידך אינו עומד, שוב אינו עומד לעולם" — איך וויל, אַז אַלע אידען זאָלען וויסען, אַז אויב ער וועט ניט אויפגעשטעלט ווערען פון דיין האַנט, וועט ער קיינמאָל ניט קאָנען זיך אויפהאַלטען (מדרש תנחומא). אויך דער זוהר הקדוש באַמערקט אויף דעם: „כל אינון אומנין אתו לאקמא משכנא, ולא יכל למיקום על ידייהו, עד דאתא משה ואוקים לי׳, בגין דאיהו מארי׳ דביתא" — אַלע קינסטלער, וואָס האָבען אים געבויט, זיינען געקומען אויפצושטעלען דעם משכן, ער האָט אָבער ניט געקאָנט שטעהן אונטער זייערע הענט, ביז עס איז געקומען משה אַליין און האָט אים אויפגעשטעלט, ווייל ער איז דער בעל־הבית פון הויז.

ווען ער האָט זיין אַרבייט פאַרענדיגט און די אידען האָבען באַמערקט, אַז דער משכן האַלט זיך, זיינען זיי געוואָרען מלא שמחה. זיי האָבען אין דעם געזעהן אַ צייכען, אַז גאָט האָט זיי מוחל געווען דעם חטא פון עגל און ער איז גרייט צו וואוינען צווישען זיי. און דער גאַנצער קהל האָט זיך פאַרזאַמעלט אַרום דעם אוהל מועד און זיך גענומען שפּאַרען אַריינצוגעהן אין דעם הייליגען בנין. זיי האָבען אָבער ניט געקאָנט אַריין, ווייל „ויכס הענן את אוהל מועד, אַ שווערער וואָלקען האָט אַרומגעדעקט דאָס פאַרזאַמלונגס־געצעלט. און משה זאָגט צו די אידען: „אלה פקודי המשכן" — דאָס איז דער אינווענטאַר פון אַלע הוצאות פאַר דעם משכן. כאָטש קיינער פון די אידען האָט ניט געוואַגט עפענטליך צו פאָדערען פון משה׳ן, ער זאָל אָפּגעבען אַ רעכענונג פון די געלד־טער, וואָס זיינען געזאַמעלט געוואָרען פאַר׳ן משכן, האָט אָבער משה אַליין דאָס געוואָלט. „אָמר משה, יודע אני שכמה מישראל רוננים הם" — משה האָט געזאָגט: איך ווייס, אַז פיל פון די אידען באַרעדען מיך און זיינען מיך חושד, אַז איך האָב פאַרנומען אַ טייל פון די געלטער. „הריני עושה להם חשבון מכל מלאכת המשכן" — וויל איך זיי געבען אַ קלאָרען חשבון פון דער גאַנ־צער אַרבייט פון משכן (תנחומא).

רבי אהר׳עלע קאַרלינער ע"ה פלעגט זאָגען: „וואָס פאַר אַ פינסטערע גבורה די טומאה האָט! אַז די אידען האָבען געמאַכט דעם עגל, שטעהט גע־

שריבען: „ויתפרקו כל העם את נזמי הזהב" — דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויס־געטאָן די גאָלדענע רינגען, און פון דעם גרויסען מטמון גאָלד איז אַרויסגע־קומען בלויז אַ קליין קעלבעל, אָבער קיינער האָט קיין רעכענונג ניט געפאָ־דערט. זעהט איר, ביים בויען דעם משכן פאַר גאָט, „היו כמה מישראל רוגנים" — האָבען פיל פון די אידען חושד געווען משה׳ן מיט זיינע אַרויסהעלפער, אַז זיי פאַרשווענדען קהל׳שע געלטער און זיינען ניט ערלעך געגוג. און ווייסט איר, ווער עס זיינען געווען די „כמה מישראל", וואָס האָבען געוואָגט חושד צו זיין משה׳ן? דוקא די, וואָס האָבען בייגעשטייערט די קליינע נדבות."

און די לשון־הרע, וואָס מען האָט גערעדט אויף משה׳ן, איז פון דעמזעלבען נוסח, וואָס מען באַרעדט נאָך היינט יעדען, וואָס גיט זיך אָפּ מיט כלל־אַרבייט: „ראה צוארו, ראה שוקיו, אוכל משל יהודים, שותה משל יהודים וכל מה שיש לו משל יהודים" — זעה זיין דיקען האַלז, זעה זיינע ברייטע לענדען, עסט פון אידען, טרינקט פון אידען און אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, איז וואָס ער האָט צוגענומען פון אידען. אַזוי רעדט אין דער שטיל איין איד צום צווייטען, און זיין חבר ענטפערט אים: „ריקא, אדם ששלט על מלאכת המשכן אין אתה מבקש שיהא עשיר?" — דו נאַר, אַ מענש, וואָס האָט פאַרוואַלטעט די אַרבייט פון משכן, ווילסטו ניט, אַז ער זאָל זיין רייך? (ילקוט שמעוני). אַז מען רייבט זיך אַרום אַ פעטען טאָפּ ווערט מען אַליין פעט. און ווער מיינט איר זיינען עס געווען אָט־די באַרעדער? ניט חו"ש מענשען בעלי־אחריות, פאַראַנטוואָרטליכע און פאַרנעמע פערזאָנען, נאָר „מחבלים", העצע־מאַכער, וואָס האָבען זיך גענומען דעם רשות, דאָס רעכט „לחבל", צו שטערען און צו צעברעכען יעדע וויכטיגע אונטערנעמונג פאַר דעם אידישען כלל.

„ולא יכל משה לבא אל אהל מועד כי שכן עליו הענן" — אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט משה ניט געקאָנט אַריינקומען אין „אהל מועד", וויל איבער אים איז געהאַנגען אָט־דער וואָלקען פון לשון הרע און מיסטרויאונג. ערשט נאָכדעם, אַז ער האָט זיי איבערגעגעבען אַ פולשטענדיגען חשבון פון דעם גאַנצען קאַפּיטאַל, וואָס איז פאַרברויכט געוואָרען פאַר דעם בנין פון דעם משכן און „נסתלק הענן", דער וואָלקען פון חשד איז פאַרשוואונדען. „נכנס לשם ומדבר עמו" — איז משה אַריין אין משכן און האָט גערעדט מיט גאָט. „ובהעלות הענן מעל המשכן יסעו בני ישראל" — און ווען דער וואָל־קען ווערט אויפגעהויבען פון משכן, קאָנען די אידען פאָרזעצען זייער רייזע.

לשון הרע און רכילות קעגען די אידישען פירער שטערען דעם גאַנג פון דער אידישער באַפרייאונג און דערלאָזען ניט די אידען צו קומען „אל המנוחה ואל הנחלה״ — צו רו און באַלעבאַטישקייט אין זייער אייגען לאַנד.

הפטרה

אידען מוזען זיך שטענדיג עוסק'ן אין בנין הארץ

בנה בניתי בית זבול לך.

„אלולי שגזר הקב״ה, לא שלמה ולא ישראל היו בונין אותו, שכך אָמר דוד: אם ה׳ לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו, אם ה׳ לא ישמר עיר שוא שקד שומר״ — ווען דער אויבערשטער וואָלט אַזוי ניט באַשטימט, וואָלטען ניט שלמה און ניט די אידען געקאָנט בויען דעם בית המקדש, ווייל אַזוי האָט דוד געזאָגט: אויב גאָט וועט ניט בויען דאָס הויז, איז אומזיסט געווען די מי פון זיינע בויער; אויב גאָט וועט ניט פאַרהיטען די שטאָט, איז אומזיסט געווען די וואַכזאַמקייט פונ'ם היטער (תנחומא).

פון דעם פסוק אין האזינו „כי שם ה׳ אקרא — הבו גודל לאלקינו״ — אַז איך רוף אויס דעם נאָמען פון גאָט, גיט גרויסקייט צו אונזער גאָט, דרינגען אונזערע חז״ל אַרויס דעם דין פון ברכות התורה לאחריה״, אַז מען רופט איינעם אויף צו דער תורה, זאָל ער מאַכען אַ ברכה נאָכ'ן לייענען, אַזוי גוט ווי פאַר'ן לייענען (ירושלמי ברכות פ״ז). אַזוי האָט געטאָן שלמה המלך. אַזוי גיך ווי ער האָט פאַרענדיגט בויען דעם בית המקדש און האָט אַריינגעבראַכט דעם אָרון מיט די לוחות אין קודש־הקדשים, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און געמאַכט פאָלגענדע ברכה: „ברוך ה׳ אלקי ישראל, אשר דבר בפיו את דוד אבי ובידו מלא״ — געבענטשט זאָל זיין גאָט, דער גאָט פון די אידען, וואָס האָט מיט זיין מויל פאַרשפּראָכען מיין פאָטער דוד און מיט זיין האַנט דער־פילט זיין צוזאָג, אַז איך וועל בויען גאָט'ס הויז. נאָך זיין גרויסער רעדע צום פאָלק און זיין דערהאָבענע תפלה צו גאָט, מאַכט ער אַ צווייטע ברכה: „ברוך ה׳ אשר נתן מנוחה לעמו ישראל ככל אשר דבר״ — געבענטשט

זאָל זיין גאָט, וואָס האָט געגעבען רו צו זיין פאָלק ישראל, ווי ער האָט פאַרשפּראָכען.

דער ענין פון מאַכען אַ ברכה פאַרן לייענען די תורה און נאָכן לייענען איז, כדי צו ווייזען די צוגעבונדענקייט פון די אידען צו גאָט און זיין תורה. נעמען די אידען די תורה אַלס זייער וועגווייזערין אין לעבען און דאַנקען גאָט פאַר געבען איר צו אונז, און אויך נאָכדעם, אַז זיי פירען איר דורך אין לעבען, ווייזען זיי ווייטער אַרויס זייער גרויס דאַנקבאַרקייט צו גאָט, איז אַ סימן, אַז זיי האַלטען זיך באַהעגט צו זייער אמונה, וואָס שטרעבט זיי צו מאַכען פאַר אַ סינטעז פון הימעל און ערד, פון געטליכקייט און מענשליכקייט. דער קאָמעניצער מגיד, אַדרעסירענ־דיג אַ בר־מצוה אין ווייטשעפעל, ענגלאַנד, האָט אַמאָל געזאָגט: „פיל פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס שטעלען זיך צופרידען מיט דער „ברכה לפניה", מיט דעם, וואָס זיי לערנען אויס זייערע קינדער דעם מפטיר צו זייער בר־מצוה. נאָך דער בר־מצוה קימערען זיי זיך שוין ניט מעהר וועגען זייער קינד'ס אידישער דערציאונג און דערלויבען אים אויסצוואַקסען אַן עם־הארץ אין אידישע ענינים".

דאָס איז די הויפּט־אורזאַך וואָרום אין אַזעלכע לענדער ווי ענגלאַנד, פראַנק־רייך און אַמעריקע האָט דער אידישער גייסט וויניג־וואָס געשאַפען אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט. אויב מען וויל, אַז אונזערע יונגע דורות זאָלען זיך האַלטען אַן אידישקייט, מוזען מיר זעהען, אַז אונזערע קינדער זאָלען אויך מאַכען די „ברכה לאחריה" און פאָרזעצען זייערע אידישע לימודים ווייטער, ביז זיי וועלען פאַרשטעהן אָפּצושאַצען די גרויסקייט פון אונזער תורה. צוליב זייער אומוויסנקייט אין ענייני אמונה ודת, ווערט ביי אונזערע דורות אָפּגעשוואַכט דער אידישער נאַציאָנאַלער געפיל און זיי פאַלען אַריין אין גרויס יאוש אין צייטען פון אידישער נויט. גיט אונזערע קינדער אַ גרינטליכע אידישע דערציאונג, מאַכט זיי באַקאַנט מיט די גרויסע אידישע אוצרות פון אונזער פאָלק, וועט עס שטאַרקען זייער בטחון אין גאָט און זיי געבען האָפענונג און מוט צו לעבען און קעמפען פאַר אונזער ענדליכער גאולה".

די היינטיגע הפטרה פאַנגט זיך אַן מיט די ווערטער: „ותשלם כל המלאכה אשר עשה המלך שלמה בית ה'" — און עס האָט זיך פאַרענדיגט די גאַנצע ארבייט, וואָס דער קעניג שלמה האָט געטאָן פאַר דעם הויז פון גאָט. באַמערקען אויף דעם די חז"ל: „ותשלם המלאכה אין כתיב אלא כל המלאכה, מלאכת ששת ימי

בראשית״ — און עס האָט זיך פאַרענדיגט די אַרבייט ווערט דאָ ניט געזאָגט, נאָר די „גאַנצע אַרבייט״, מיט דעם ווערט געמיינט די אַרבייט פון די זעקס טעג, וואָס האָט גענומען צו באַשאַפן די וועלט (פסיקתא רבתי). מיט דעם בנין בית המקדש איז דערגרייכט געוואָרן דער תכלית, דער הויפּט־ציל פון דער גאַנצער בריאה. אָהן תורה און אָהן אמונה ווערט די וועלט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסען ים און די מענשען — אין פאַרצוקענדע פיש, וואָס זוכען זיך איינצושלינגען איינע די אַנדערע. דער בית המקדש און די לוחות, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, צוימען די תאוה פון דעם מענשען און לערנען אים צו זיין געזעלשאַפטליך און העלפען זיין חבר אָדער שכן צו מאַכען פון דער וועלט אַ היים פאַר אַלע מענשען צוגלייך.

שלמה המלך הויבט אָן זיין רעדע מיט די ווערטער: „בנה בניתי בית זבול לך״ — איך האָב זיך באַמיט צו בויען אַ הויז פאַר דיין וואוינונג. מיט די ווער־טער, זאָגען אונז די חז״ל, האָט שלמה זיך ניט געזוכט צו באַרימען, אַז ער האָט מיט זיינע אייגענע כוחות געשאַפען דעם גרויסען אויפטו פון בויען דעם בית־המקדש. דער אמת איז, אַז אַלע מאַטעריאַלען, וואָס ער האָט געברויכט פאַר דעם בנין, ווי אויך די פיל גאָלד און זילבער, זיינען געזאַמעלט געוואָרען פון זיין פאָטער דוד. צוליב דעם אָבער, וואָס זיין פאָטער האָט אָנגעפירט פיל מלחמות און האָט פאַרגאָסען אַ סך בלוט, האָט ער ניט געקאָנט אויספירען זיינע הייליגע פלענער פון בויען אַ הויז פאַר גאָט. אין דעם, וואָס אים איז יאָ געלונגען די אַרבייט, זעהט ער, אַז גאָט האָט אַזוי געוואָלט, ווייל אויב ניט, וואָלט ער, און מיט אים אַלע אידען צוזאַמען, ניט געקאָנט עס דערוווייזען, ווי זיין פאָטער האָט אים געלערענט: „אם ה׳ לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו״ — אויב גאָט דערלאָזט ניט צו בויען דאָס הויז, איז אומזיסט די מי פון זיינע בויער.

מיין פאָטער ע״ה האָט מיר דערציילט, אַז צו דעם נצי״ב, רבי הירש ליב וואָלאָזשינער ע״ה, וועלכער איז, ווי באַקאַנט, געווען אַן אָנהענגער פון די „חובבי ציון״, איז אַמאָל געקומען אַ דעלעגאַציע פון גרויסע רבנים, קעגנער פון דער ציון באַוועגונג און אים געפרעגט: ווי קאָנט איר העלפען די ציוניסטען, שטעהט דען ניט אין פסוק „אם ה׳ לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו, אם ה׳ לא ישמר עיר שוא שקד שומר״ — מען מוז וואַרטען ביז גב״ה וועט הייסען, אַז ניט איז מען דוחק את הקץ. האָט ער זיי געענטפערט: עס איז צייט, אַז אונזערע אויערען זאָלען הערען וואָס דאָס מויל רעדט. באַמערקט ווי דער פסוק זאָגט: „אם ה׳

לא יבנה בית" — אויב גאָט וועט ניט בויען דאָס הויז, „אם ה' לא ישמר עיר" — אויב גאָט וועט ניט פאַרהיטען די שטאָט, אַלץ בלשון עתיד. נאָכדעם זאָגט ער שוא עמלו בוניו בו", שוא שקד שומר" — האָבען זיך אומזיסט געמיהט זיינע בויער און אומזיסט האָבען זיך געוואַכט די היטער, אַלץ בלשון עבר. פון דעם איז געדרונגען פונקט פאַרקערט, ווי איר זאָגט. מען מוז זיך פריהער באַמיען און פעדערען צו אַרבייטען פאַר דער גאולה און בעטען גאָט, אַז די אַרבייט זאָל זיין אָנגעלייגט. פון וואַנען זייט איר זיכער, אַז דער אויבערשטער וועט זייער בנין ניט באַשטעטיגען? דער פאַקט, אַז ער האָט זיי געגעבען דעם רצון עס צו טאָן, איז אַ גוטער סימן, אַז ער אָנערקענט זייער מי.

פורים

און דער טרויעריגער פורים־שפיל האַלט נאָך אָן...

להשמיד, להרג ולאבד את כל היהודים.

„בשעה שכתב המן להשמיד, להרג ולאבד את כל היהודים, אמר הקב״ה: שוטה שבעולם, אני אמרתי להשמידם ולא יכלתי, ראשך יורם חלף ראשיהם״ — בשעת המן האָט געשריבען אין זיין באַפעל צו פאַרטיליגען, אויס׳הרג׳ענען און פאַרניכטען אַלע אידען, האָט גאָט געזאָגט: נאַר פון דער וועלט! איך אַליין האָב שוין זיי אַמאָל געוואָלט אומברענגען און האָב ניט געקאָנט — דיין קאָפּ וועט פריער פאַלען פאַר זייערען (אסתר רבה פ׳ ז׳).

אויסער די ימים טובים, וואָס ווערען אויסגערעכענט אין דער תורה, וועלכע ווערען אָפּגעהיט פון אידען זינט זיי האָבען איר מקבל געווען ביים באַרג סיני, און וועלען ניט בטל ווערען, האָבען אידען אין פאַרשיידענע לענדער געהאַט צו־געגעבענע ימים טובים, וואָס זיי האָבען פּראָקלאַמירט צוליב גרויסע היסטאָרישע ישועות, וואָס גאָט האָט זיי צוגעשיקט אין געוויסע צייטען און ערטער. אין מגילת תענית אַליין ווערען אויסגערעכענט פינף און דרייסיג אַזעלכע ימים טובים, וועגען וועלכע עס ווערט געזאָגט: „די לא להתענות בהון ודי לא למספד בהון״ — אַז מען טאָר אין זיי ניט פאַסטען און ניט קלאָגען. די חז״ל אָבער האָבען זיי שפּעטער מבטל געמאַכט, אויסער „חנוכה״ און „פורים״, וועלכע זיינען פאַרבליבען. „אם כל המועדים יהיו בטלים, חנוכה ופורים לא נבטלים״ — אויב אַלע נייע ימים טובים וועלען אונטערגיין, חנוכה און פורים וועלען ניט בטל ווערען (ירושלמי תענית פ״ב). און די הויפּט אורזאַך וואָרום זיי וועלען קיינמאָל ניט פאַרגעסען ווערען איז, ווייל ביידע פון זיי זיינען געקומען נאָך אַזעלכע קריזיסען אין דעם לעבען פון אונזער פאָלק, וועלכע האָלטען זיך אין איין ווידערהאָלען.

די געשיכטע פון חנוכה האָט זיך אָפּגעשפּילט אין ארץ ישראל און גיט אונז

איבער אַ גרויסען גייסטיגען קריזיס, וואָס די אידען אין יענער צייט האָבען דורכ־געמאַכט און וועלכער האָט געדראָט צו פאַרניכטען די אידישע אמונה. ווען די גריכען אונטער דער הערשאַפט פון אַנטיוכוס האָבען פאַרכאַפּט ארץ ישראל, האָבען זיי זיך געשטעלט פאַר זייער הויפּט אויפגאַבע „להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך" — זיי צו מאַכען פאַרגעסען די תורה און זיי צו דערפירען, אַז זיי זאָלען פאַרברעכען קעגען אַלע געזעצען פון גאָט'ס ווילען. פון אָנפאַנג האָט עס אויסגעוויזען, אַז זייער טייפעלשע אונטערנעמונג וועט זיי געלינגען, ווייל פיל פון די רייכע פירער, צווישען זיי אויך אַ היפשע צאָל כהנים, זיינען צוגע־שטאַנען צו דעם העלעניסטישען געדאַנק און האָבען אָנגעפאַנגען מטמא צו זיין און פאַראומרייניגען אַלע גייסטיגע בוימלען, וואָס באַלייכטען די אידישע אמונה, און האָבען אויך איינגעפירט גריכישע געצענדינעריי אין בית המקדש און איבערן גאַנצען לאַנד.

וואָס עס וואָלט געוואָרען פון אונזער פאָלק, אויב חו"ש די „מרשיעי ברית", די אַסימילאַטאָרישע געזינדעל וואָלטען אַרויס די זיגער, קאָנען מיר זיך לייכט פאָרשטעלען. אָהן דער אידישער אמונה איז ניטאָ קיין אידיש פאָלק. אויב מיר האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין די טויזענטער דורות פון אונזער עקזיסטענץ, איז עס נאָר צו פאַרדאַנקען דעם גרויסען מיסטעריעזען כח פון אונזער גלויבען, וועל־כער האָט אונז איבעראַל געמאַכט פאַר אַן אייגענאַרטיגער אומה. די גריכען צוזאַ־מען מיט די אידישע העלעניסטען האָבען דאַן געכאַפּט אַ גרויסע מפלה. אַ הייפעלע חסידים, איבערגעגעבענע אידישע קעמפער, אונטער דער פירערשאַפט פון די חשמונאים, האָבען דעם קאַמף פאַר דער רעטונג פון דעם אידישען גייסט אויפגע־נומען, און די גרויסע מאַסען פון פאָלק זיינען צוגעשטאַנען צו זיי. מיט דער הילף פון גאָט האָבען זיי דעם שונא פאַריאָגט פון לאַנד, פאַרטריבען די „מרשיעי ברית" פון זייערע פירענדע פּאָזיציעס, און האָבען באַנייט דעם אמת'ן גאָטעס־דינסט אין בית המקדש.

דעם יום־טוב חנוכה האָבען אונזערע חכמים ניט מבטל געווען, ווייל אויב ער געהערט ניט צו די רעליגיעזע ימים טובים פון דער תורה, האָט ער אָבער אַ גרויסע נאַציאָנאַלע באַדייטונג, ווייל די רעזולטאַטען פון דעם גרויסען זיג, וואָס די חשמונאים האָבען אויסגעקעמפט, האָבען געהאַט אַ גאָר גרויסע ווירקונג אויף די שפּעטערדיגע אַנטוויקלונגען פון דער אידישער געשיכטע. אויסער דעם האָלט ער זיך אין איין ווידערהאָלען אין דעם לעבען פון אונזער פאָלק אין אַלע דורות

און אין אַלע מקומות. תמיד געפינען זיך ביי אונז אַזעלכע אידען, איבערהויפּט צווישען די רייכערע קלאַסען, וואָס ווערען פאַרכאַפּט פון פרעמדע גייסטער, פון פרעמדע קולטורען און זוכען אַוועקצורייסען אונזער יוגענט פון זיין תורה און זיין אמונה. דער נס פון חנוכה אָבער האַלט נאָך אָן. די גרויסע אידישע מאַסען הערען זיך וויינ׳יג צו צו זיי און האַלטען זיך טריי צו די טראַדיציעס פון זייער פאָלק, און זייער גלויבען.

פורים איז שוין אינגאַנצען אַ גלות פּראָדוקט. אַזאַ שרעקליכען קריזיס, וואָס די אידען האָבען דאַן דורכגעלעבט, האָט ניט געקאָנט באַפאַלען אַ פאָלק, וואָס לעבט אויף זיין אייגענעם באָדען. בלויז אַן „עם מפוזר ומפורד בין העמים", אַ פאָלק וואָס איז צעשפּרייט און צעוואָרפען צווישען פרעמדע פעלקער, קאָן געשטעלט ווערען אין אַזאַ מורא׳דיגער סכנה ווי די אידען וואָס האָבען געלעבט אין די פערסישע לענדער האָבען דאַן דורכגעמאַכט. „פורים לא בטל" — אויך דער יום־טוב פורים איז ניט בטל געוואָרען, ווייל זיין טרויע־ריגע געשיכטע האָט זיך נאָך ניט געענדיגט. זי האַלט זיך אין איין ווידערהאָלען. אירע רעזולטאַטען זיינען נאָך היינט אַזוי גרויזאַם און מערדערליך ווי אַמאָל. ווען מיר שטודירען די געשעעניששען פון יענער פינסטערער עפּאָכע אין ליכט פון דער היינטיגער צייט, געפינען מיר אין זיי גאָר אַ גרויסע ענליכקייט צו די פּאַסי־רונגען, וואָס האָבען געטראָפען מיט אונזער פאָלק אין די לעצטע עטליכע יאָר.

די געשיכטע פון פורים איז פאָרגעקומען מיט אייניגע יאָר שפּעטער נאָכדעם ווי כורש, דער קעניג פון פרס, האָט באַזיגט דעם מעכטיגען בלשצר און האָט איינגענומען די גאַנצע אימפּעריע פון בבל. גלייך ביי זיין איבערנעמען די מלוכה האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ דעקלאַראַציע צו די אידען, וועלכע האָט פּראָקלאַמירט, אַז ווער פון זיי, וואָס וויל זיך צוריקקערען קיין ארץ ישראל און דאָרט בויען די אידישע נאַציאָנאַלע היים און דעם בית המקדש, קאָן עס טאָן אומגעשטערט און די פערסישע רעגירונג וועט אים העלפען. צוויי און פערציג טויזענט און דריי הונדערט און זעכציג חלוצים, אונטער דער פירערשאַפט פון זרובבל, האָבען זיך געלאָזט גיין נאָך ארץ ישראל און דאָרט אָנגעהויבען אָפּצוראַמען די חורבות און בויען דאָס לאַנד און דעם בית המקדש. דער גרעסטער טייל פון די אידען, און איבערהויפּט די רייכערע פון זיי, זיינען פאַרבליבען אין בבל און האָבען זיך באַצויגען גאַנץ גלייכגילטיג צו דעם גאַנצען ענין.

ווען די „צרי יהודה", די אידישע שונאים פון די אַרומיגע פעלקער, האָבען

געזעהן, אַז די „בני הגולה", די גלות־אידען, די חלוצים, וואָס האָבען זיך אומ־געקערט צום לאַנד, אַרבייטען מיט מסירת נפש און מאַכען גרויס פאַרשריט אין בויען זייער היימלאַנד, האָבען זיי זיך פאַראייניגט צו שטערען זיי אין דער אַרבייט. „ויהי עם הארץ מרפים ידי עם יהודה ומבהלים אותם לבנות" — און די באַפעל־קערונג פון לאַנד האָט געזוכט אָפּצושוואַכען די הענט פון אידען און זיי געדראָט ניט צו בויען. „וסוכרים עליהם יועצים להפר עצתם" — זיי האָבען אויך אונטער־געקויפט די ראַטגעבער פון דער מלוכה צו שטערען זייערע פּלענער. אָבער די חלוצים האָבען ווייניג אויפמערקזאַמקייט געשענקט צו די שטערער און האָבען פאַרגעזעצט די בוי־אַרבייט. אין איין האַנט האָבען זיי געהאַלטען אַ שווערד צו פאַרטיידיגען זיך און מיט דער צווייטער האַנט האָבען זיי געלייגט אַ ציגעל אויף אַ ציגעל און געבויט די נאַציאָנאַלע געביידעס.

„ובמלכות אחשורוש, בתחלת מלכותו כתבו שטנה על יושבי יהודה וירושלים" — און ווען אחשורש האָט באַשטיגען דעם טראָן, גלייך אין אָנפאַנג פון זיין מלוכה, האָבען זיי אים צוגעשיקט אַ פּאַסקוויל, אין וועלכען זיי באַשולדיגען די אידישע איינוואוינער פון יהודה און ירושלים אין אומטרייהייט צו דער מלוכה און אין זוכען צו פאַרכאַפּען די הערשאַפט איבער אַלע אַרומיגע לענדער (עזרא ד'). פאַר די, וואָס געדענקען נאָך דעם טרויעריג־באַרימטען שמוץ־בריוו, וואָס קעניג איבן סאַאוד האָט געשיקט צום פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט פרענקלין רוזוועלט, וועט זיין העכסט־אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט דעם אָריגינאַל, פון וועלכען בלויז מיט עטליכע קליינע אויסנאַמען, דער ווילדער קעניג האָט קאָפּירט זיין שמוּ־ציגען פּאַסקוויל. דנה פרשגן אגרתא די שלחן עלוהי" — דאָס איז דער נוסח פון דעם בריוו, וואָס זיי האָבען דאַן צוגעשיקט צום קעניג אחשורוש:

„זאָל דעם מלך באַוואוסט זיין, אַז די אידען, וואָס האָבען איינגעוואַנדערט פון דיינע לענדער, זיינען געקומען צו אונז קיין ירושלים; זיי בויען די ווידערשפּעניגע און בייזע שטאָט, און זיי פאַרענדיגען מויערען און גראָבען גרונטפעסטונגען. אַצינד זאָל דעם מלך באַוואוסט זיין, אַז אויב די דאָזיגע שטאָט וועט אויפגעבויט ווערען און די מויערען וועלען פאַרענדיגט ווערען, וועלען זיי אויפהערען צו צאָלען די מלוכה־שטייערען און דאָס וועט ברענגען אַ גרויס היזק צו דער קעניגליכער הכנסה.

„מיר זיינען אויך מודיע דעם מלך און מיר בעטען, אַז מען זאָל נאָכזוכען אין דעם ספר הזכרונות פון דיינע עלטערען, און מען וועט אויסגעפינען, אַז די דאָזיגע שטאָט איז תמיד געווען אַ ווידערשפּעניגע און געבראַכט היזקות צו די מלכים

און די מדינות. זיי האָבען שטענדיג אָנגעפירט גרויסע רעוואָלוציעס און צוליב דעם איז די שטאָט חרוב געוואָרען. מיר וואָרענען דעם מלך, אַז אויב די דאָזיגע שטאָט וועט אויפגעבויט ווערען און די מויערען וועלען פאַרענדיגט ווערען, וועסטו דורך דעם מער ניט האָבען קיין חלק אויף יענער זייט טייך" (עזרא ד').

אַט דער פאַסקוויל האָט אָנגעשראָקען דעם נאַרישען קעניג אַחשורוש, און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ „ווייסען פאַפּיר", אין וועלכען ער שטעלט־אָפּ די ווייטער־דיגע אידישע אימיגראַציע אין לאַנד און פאַרווערט אָנצוגיין מיט דער בוי־אַרבייט. די איבערוועגענדע מאַסען פון אידען, וועלכע זיינען פאַרבליבען אין די פערסישע לענדער, האָבען זיך ווייניג געקימערט איבער דער גאַנצער אָנגעלעגענהייט, אָבי זיי האָט גאָרנישט געפעלט. און זיי פלעגען נאָך איינגעלאַדען ווערען צו די פריי־ליכע הוילאַנקעס, וואָס אַחשורוש פלעגט פון צייט צו צייט פאַראַנשטאַלטען. זיי זיינען געווען שטאָלץ, וואָס זייערער אַ „איש יהודי" זיצט „בשער המלך", אין קע־ניגליכען הויף, און פאַרקערט מיט די העכערע באַאַמטע פון לאַנד. זיין פלי־מעניצע הדסה ווערט גענומען צום קעניג פאַר אַ פרוי און בייט איר נאָמען אויף אסתר, דעם נאָמען פון אַ פערסישער געטין. „לא הגידה את עמה ואת מולדתה" — זי זאָגט ניט אויס איר פאָלק און איר שטאָם, „כי כן צוה עליה מרדכי" — ווייל אַזוי האָט איר געראָטען איר אָנקעל מרדכי.

ווי פאַרטרעפליך איז די באַמערקונג, וואָס ר' יהונתן אייבשיץ מאַכט אויף דעם אין זיין „יערת הדבש". ער זאָגט: די גמרא אין חולין פרעגט: „אסתר מן התורה מנין?" — וואו געפינען מיר אסתר'ן אין דער תורה? און ער ענטפערט, אַז זי ווערט אָנגעדייטעט אין דעם פסוק: „הסתיר אסתיר את פני" — איך וועל זוכען צו באַהאַלטען מיין פנים. איר אמת'ער נאָמען איז דאָך געווען הדסה, אָבער זי האָט עס פאַרביטען אויף אסתר, וואָס איז דער נאָמען פון אַ פערסישער געטין, ווייל, אַז מען ווערט פאַרכאַפּט פון דער אַסימילאַציע, קומט מען צו „הסתרת פנים" און מען זוכט שוין צו באַהאַלטען דאָס אידישע געשטאַלט און פאַרלייקענען דעם אידישען אָפּשטאַם.

די גאָלדענע עפּאָכע פאַר די אידען אין שושן און איבער דער גאַנצער אימ־פעריע פון אַחשורוש, האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. אַ נייער פריים־מיניס־טער, המן, אַן אָפּשטאַם פון עמלק, קומט צו דער הערשאַפט און ער פאַרנעמט זיך צו מאַכען די אימפעריע „יודענריין". ער קומט צום נאַרישען אַחשורוש און רעדט אים איין: „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים בכל מדינות מלכותך" —

עס איז דאָ אַ פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט און צעוואָרפן צווישן די פעלקער אין אַלע מדינות פון דיין קעניגרייך. דוכט זיך אַ מינאָריטעט איבעראַל, אָבער זיי פאַרכאַפּן די בעסטע פּאָזיציעס אין לאַנד, באַשווינדלען און באַרייסן די אָרעמע מאַסן. „דתיהם שונות מכל עם ואת דתי המלך אינם עושים" — זייערע רעליגיעזע אויפפירונגען זיינען אַנדערש ווי די פון אַלע פעלקער, און די הייליגע טראַדיציעס אין וועלכע דער קעניג גלויבט, ווערן פון זיי ניט געהאַלטן. „אין משמרין לא קלנדס ולא סטרלינא ומבזים מועדיך" — זיי היטן ניט דיינע נאַציאָנאַלע ימים־טובים און זיינען זיי מבזה, ווייל זיי זיינען ניט געטריי דאָס לאַנד און דיין מלוכה (מדרש רבה). אויב דער מלך וויל פאַרהיטן זיין קעניגרייך, זאָל ער אַרויסגעבן אַ גזירה זיי צו פאַרניכטן.

און דער נאַרישער אחשורוש לאָזט זיך איבעררעדן. „ויסר המלך את טבעתו מעל ידו" — דער קעניג נעמט אַרונטער זיין רינג פון זיין האַנט, אין וועלכן עס געפינט זיך זיין חתימה, און ער גיט עס איבער צום „צורר היהודים" המן, ער זאָל טאָן מיט די אידן ווי אים געפעלט. און גלייך שיקט מען אַרויס בריוו צו די „אחשדרפני המלך", צו די פאַרשיידענע געסטאַפּאָס אין יעדער מדינה, מיט דעם באַפעל: „להשמיד, להרג ולאבד את כל היהודים, מנער ועד זקן, טף ונשים ביום אחד" — צו פאַרטיליגן, אויס־הרג'ענען און צו פאַרניכטן אַלע אידן, פון יונג ביז אַלט, קליינע קינדער און פרויען אין איין טאָג. די פינסטערע גזירה האָט ניט אויסגעלאָזט קיינעם פון די אידן — אפילו ניט די, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג דערווייטערט פון זייער פאָלק און זיך אַסימילירט צווישן זייערע שכנים. און אין אַלע מדינות, וואו דער באַפעל פון דעם קעניג האָט דערגרייכט, „אבל גדול ליהודים", איז געוואָרן אַ גרויסער יאָמער צווישן די אידן.

און די גמרא באַמערקט אויף דעם: „גדולה הסרת טבעת יותר מארבעים ושמונה נביאים" — דאָס, וואָס אחשורוש האָט אַרונטערגענומען זיין רינג און אים איבערגעגעבן צו המנ'ען, האָט געהאַט אַ פיל גרעסערע ווירקונג אויף די אידן, ווי די אַכט הונדערט און פערציג נביאים, וואָס האָבן זיי גע'מוסר'ט און אויפגעפאָדערט צו זיין געטריי זייער פאָלק און זייער גאָט (מגילה י"ד, ע"א). מרדכי און אסתר, וועמענ'ס לעבן איז אויך געשטאַנען אין סכנה, הויבן זיך אָן משתדל צו זיין פאַר זייער פאָלק, און אַז ער הערט זייער געבעט און ווערט פריינטליך געשטימט, בעטן זיי אים ניט, אַז ער זאָל צוריק לאָזן בויען די אידישע היימלאַנד אין ארץ ישראל און איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרענטפערן די

אידישע פראַגע. אסתר המלכה רעדט ווי אַן אמת׳ער מיטגליד פון דעם „קאָונסיל אָוו דזשודאַאיזם”. זי זאָגט צו אחשורוש׳ן: „אלו לעבדים ולשפחות נמכרנו החרשתי — ווען מיר וואָלטען פאַרקויפט ווערען פאַר קנעכט און דינסטען, וואָלט איך געשוויגען, אָבער מיר זיינען פאַרקויפט געוואָרען אויסגעקוילעט צו ווערען. מרדכי און אסתר שלאָגען־פאָר אַ מין „ביל אָוו ראַיטס”, וואָס זאָל כלומר׳שט גאַראַנטירען די גלייכבאַרעכטיגונג פון די אידען אין אַלע גלות־לענדער פון אחשורוש׳עס אימפעריע.

די אידען, זאָגט דער מדרש, זיינען ניט געראַטעוועט געוואָרען צוליב דעם זכות פון זייערע אַסימילירטע פירער, נאָר צוליב דער שבועה פון גאָט, וואָס ער האָט איינמאָל געשוואָרען, אַז זיי וועלען קיינמאָל ניט אונטערגיין. בשעת המן האָט אונטערגעשריבען דעם מערדערליכען באַפעל, האָט ער געזאָגט: „דער גרויסער וועלט־נאַר, ער מיינט, אַז ער וועט קענען פאַרניכטען דאָס גאַנצע פאָלק. ער ווייס ניט, אַז איך אַליין האָב שוין דאָס איינמאָל געוואָלט טאָן, ביי דער מעשה פון עגל, און האָב מיין רצון ניט געקאָנט דורכפירען. המנ׳ס קאָפּ וועט פריער פאַלען פאַר זייערען”.

די פורים׳דיגע מגילה איז אַ בילד פון דעם אידיש־אַסימילאַטאָרישען לעבען אין גלות. דער יום־טוב איז ניט בטל געוואָרען, ווייל ער ווידערהאַלט זיך גאַנץ אָפט: אָבער ער ווערט ניט באַטראַכט פאַר אַ גרויסען יום־טוב. מען זאָגט אין אים ניט קיין הלל און מען צינדט ניט אָן קיין ליכט. די, וואָס לויפען צוריק צו זייער פאָלק צוליב אויסערליכען דרוק, צוליב פאַרפאָלגונגען פון שונאים, ווען זיי האָבען לכתחילה געזוכט צו שמייכלען און נאָכצומאַכען, האָבען ניט געשאַפען אידישע געשיכטע. דערפאַר איז טאַקע פורים בלויז אַ טאָג פון „משתה ושמחה”, טרינקען און זיין פריילין, אָבער ער איז אַ קנאַפּער יום־טוב. „אָסור בתענית ובהספד, אבל במלאכה מותר — יום־טוב לא קבלו עליהו” — מען טאָר ניט פאַסטען פורים אָדער טרויעריג זיין, אָבער אַרבייטען מעג מען, ווייל אַלס יום־טוב איז ער ניט אָנגענומען געוואָרען ביים פאָלק (מגילה ה׳, ע”ב).